This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

доб 17.-19
Крейтер

סאָוועטיש היימלאַנד

10
1968

אינהאַלט

זײַט

50 יאָר לעניניסשער קאָמיוג. עסטאַפעטע פון קאָמיוגישע דוירעס (ארויסטרעטונגען אף א צוזאמענטרעף אין דער רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאַנד") 2

אווראָם גאָנטאר. פונעם בוך „טויבן אפן דאך" (לידער) 20

יעכיעל פאַליקמאַן. דער שווארצער ווינט (ראָמאַן. סאָף). צייכענונגען פון ג. פאַנדאפולאָ 24

דאָרע כײַקינע. מײַן צירונג (לידער) 54

לײזער פאָדריאטשיק. וועגן מײער ווינערס ליטע־ראַרישער ירושע (צו זײַן 70־טן געבורטסטאָג) . . . 58

מײער ווינער. לאָס כודיאָס (דערציילונג) 65

עפראַים רויטמאַן. נײַער סטיל. — טאטע־מאמע און אנד. לידער 78

מישע לעוו. ווען ניט די פרײַנט מײַנע... (דערציילונג. סאָף). צייכענונגען פון יע. קאפוסטין 79

בינימין גוטיאנסקי. כ'גיי איר נאָך. — בא מײַן באָבע פײגל־העניע און אנד. לידער 111

פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד.

שלוימע וואסערמאַן (פשא). צוליב א „שײַפ"... (דערציילונג) 114

הירש בלאָשטײן. פארליבטע ערד (לידער) . . . 118

אף די שפורן פון געשעענעם. א. פעטשערסקי. נאָך איינער פון די לעבן־געבליבענע. מ. קאהאן. מײער דער קלעזמער, זײַנע אייגענע און נאָענטע . . . 120

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

שלוימע רויטמאַן. א געזאנג אין געראנגל מיט סטיכײען 124

אָפּקלאנגען. רעפּליקעס. מיינונגען. כ. לויצקער. מיטן פּאָנעם צו דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור. מ. נאָטאָוויטש. פראַגן פון דער קריטיק. מ. געד־זינסקי. געדאנקען פון א לײענער. יא. פליך. ווער איז גערעכט? אי. שטולמאַן. שפראַך, סטיל, אסאָ־ציאַציעס 134

הערש רעמעניק. שעפערישע פּראָבלעמען פון דער פּראָזע (סאָף) 141

י. רודניצקאיא. די פּאָעזיע פון ליניע און פארב . 148

די ייִדישע פרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן . . . 151

אונדזערע איבערזיכטן. י. ווײַנבערג. דאָס גאָרקי־יאָר. — קריטישער רעאַליזם און סאָציאַליסטישער רעאַליזם 152

פארשיידנס 154

קאָמענטארן פון רעדאקציע. א פּאָר ווערטער צו דער פארשפרייטונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין אויסלאַנד 156

פרײַנטלעכע שארזשן 157

כראָניק 117, 147, 160

נאָטיצן אפן קאלענדאר 158

הויפּט־רעדאקטאָר
א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע:
ה. אָשעראָוויטש,
אי. באָרוכאָוויטש,
א. גאָנטאר, נאָטע לוריע,
מ. לעוו (פאראנטוו. סעקרעטאר),
ב. מילער, י. פאליקמאַן,
ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון ססר

אַכטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע

אָקטיאַבער

10

1968

50 יאָר
לענינישער קאָמיוג

עסטאַפּעטע פון קאָמיוגישע

...מיט הייסן בלוט אין הייסן לײַב צעבליט,
כ׳בין אומעטום א הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע זינגענדיקע טריט.

(איציק פעפער)

אָט אזעלכע, אָן אונטערשייד פון עלטער, זײַנען מיר געקומען אף דעם צוזאמענטרעף פון קאָמיוגישע דוירעס אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד“. פופציק יאָר קאָמיוג. שמועסנדיק וועגן אָט דער רומפולער דאטע, האָבן מיר זיך פונדאסנײַ באגעגנט מיט אײַך, פײַערדיקע, פארהאָרעוועטע, פריידיקע קאָמיוגישע יאָרן; מיר האָבן ווידעראמאָל איבערגעלייענט א זײַטל נאָך א זײַטל דײַן רומפולע געשיכטע, לײַבלעכע קאָמסאָמאָליע, דערזען דיך אין אָנהייב וועג אף די בלוטיקע שלאכטפעלדער פון בירגער־קריג; דערנאָך — אפן דניעפּערבוי און מאגניטבוי; און ווידעראמאָל אין פײַער — הינטער מאָסקווע, אין די וועלדער פון סמאָלענשטשינע. ס׳האָבן זיך אוועקגעשטעלט פאר אונדזערע אויגן די אומגעקומענע, די אומשטערבלעכע, די אכצניאָריקע — די העלדן פון טריפּאָליע און קראסנאָדאָן. מיר האָבן ווידער דיך דערזען, קאָמיוג, „מיט יונגע זינגענדיקע טריט“ אף די נאָכמילכאָמעדיקע וועגן און שטעגן, אף די קאָלווירטישע ראכוועסן, אין גיגאנטישע זאוואָדן און אין פלוג צו די שטערן...

דעם קאָמיוגישן סימפּאָזיום האָט געעפנט דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד“ ארן ווערגעליס.

— ווען עס איז פארטראכט געוואָרן די דאָזיקע באגעגעניש, האָבן מיר נאָך פינקטלעך ניט געוווּסט, לויט וואָס פאר א פּרינציפּ פירן דעם „קײַלעכדיקן טיש“, ווער וועט זיך פארזאמלען ארום אים. ס׳איז דאָך באוווּסט, אז די גרעסטע מערהײַט פון אונדזער באפעלקערונג, נײַנציק, צי פינף און נײַנציק, צי מער פּראָצענט זײַנען קאָמיוגיסטן, „געוועזענע“ און איצטיקע. אלע שטאמען מיר פונעם קאָמיוג! מע וואָלט, הייסט עס, געקאָנט צונויפרופן אהער הונדערט, טויזנט, צען טויזנט מענטשן. דעריבער וויל איך קודעמקאָל זאָגן: אונדזער אאודיטאָריע האָט ניט קיין גרענעץ, אלע געפינען מיר זיך דאָ מיטן פולן רעכט, אלע זײַנען

דער רעפּאָרטאַזש וועגן דער באגעגעניש אין רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד“, געווידמעט דעם 50־יאָריקן יובילײ פונעם לענינישן קאָמיוג, איז אָנגעשריבן אפן סמאַך פון דער סטענאָגראמע, וואָס איז געפירט געוואָרן אף דער באגעגעניש. דער טעקסט פון די ארויסטרעטונגען איז געקירצט (רעד.)

לענין אפן דריטן צוזאמענפאר פון קאָמיוג

וירעס

מיר קאָמסאָמאָלצעס, מיר שטעלן פאָר, קאָן מען זאָגן, אין מיניאטור דאָס פילמיליאָניקע קאָמיוגישע פאָלק, און אונדז איז היינט אויסגעפאלן דער דאָזיקער קאָוועד.

באזונדערס איז מיט אָט דער באגעגעניש גליקלעך אונדזער רעדאקציע, און איך גלייב, אז די פילצאָליקע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" וועלן אויך זיין צופרידן פון דער היינטיקער באגעגעניש.

אונדזער זשורנאל איז א יונגער, דערפאר האלטן מיר זיך פאר א קאָמיוגישן קאָלעקטיוו. אין אונדזער רעדאקציע, אין אונדזער רעדקאָלעגיע זיינען אלע קאָמיוגיסטן. אלע אונדזערע אוטאָרן זיינען קאָמיוגיסטן, און דעם פופציקיאָריקן יובילֵיי פונעם לענינישן קאָמיוג וועלן מיר, פארשטייט זיך, פייערן ווי אונדזערן א יאָמטעוו.

דער קאָמיוג איז אן אָרגאניזאציע, וואָס האָט ניט קיין פעסט־באשטימטן עלטער, דער קאָמיוג איז אָנגעמאָסטן פאר יעדן עלטער. דערפאר האָבן מיר זיך געסטארעט, אז היינט זאָלן דאָ ביי־זיין אלע דוירעס קאָמיוגיסטן. און אונדז האָט אָפּגעגליקט: ארום „קיילעכדיקן טיש" האָבן זיך דאָ פארזאמלט אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנטע און איינצייטיק זייער פּאָשעטע מענטשן. איך וויל טאקע גלייך געבן דאָס וואָרט עמעצן פון אייך און בעטן אייך אלעמען: דערציילט וועגן די קאָמיוגישע אופטועך, וועגן דעם, וויאזוי ס'האָט געלעבט דער קאָמיוג אין מעשעך פון אָט די פופציק יאָר. אויב איר דערווידערט ניט, וועל איך געבן דאָס ערשטע וואָרט אונדזער כאַוועך מילטשאקאָוון. נאָר איידער אלעקסאנדער איוואנאָוויטש הייבט אָן ריידן, וויל איך זאָגן, אז אין די צוואנציקער יאָרן איז ער א צייט געוועזן דער ערשטער סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון אלפארבאנדישן לענינישן קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד. ס'איז קלאָר, אז איצט, אין די טעג, ווען דאָס גאנצע לאנד גרייט זיך צום קאָמסאָמאָלישן יובילֵיי, איז אלעקסאנדער איוואנאָוויטש פארוואָרפן מיט ארבעט. צו אונדז אָבער איז ער, ווי איר זעט, גערן געקומען...

א. מילטשאַקאָוו דערציילט

Так совершай свой путь,
о, солнце,
Плывите через нас, года!
Я буду сед, но комсомольцем
Останусь юный
Навсегда!

А. Безыменский[1]

— אונדזער הײַנטיקע באגעגעניש פון פאָרשטייער פון פארשיידענע דורעס קאָמיוגיסטן טראָגט מיט זיך די סימבאָליק פון א צײַט־עסטאפעטע. צווישן אונדז זײַנען דאָ ניט ווייניק באיאָרטע מענטשן, אָבער אלע טראכטן מיר וועגן דער יוגנט, וועלכע האלט שוין אין אירע שטארקע הענט די צוקונפט.

יאָ, א פרעכטיקע יוגנט וואקסט בא אונדז — א געבילדעטע, א קולטורעלע, אן ארבעטזאמע. זי האָט ליב איר סאָציאַליסטיש היימלאנד, ווערט דערצויגן אין אינטערנאַציאָנאַליסטישן גײַסט. זי הערט דאָרשטיק דאָס וואָרט פון די וועטעראנען, אויב, נאטירלעך, זיי טרעטן ניט ארויס ווי אלטע וואָרטשערס...

מיר קאָנען הײַנט ניט אויסמײַדן דערמאָנונגען וועגן היסטאָרישע פאקטן פון דער פארגאנגענהײַט. אָט פארוואָס אין מײַן זיקאָרן האָט איצט אופגעלעבט די צײַט פונעם ערשטן אלרוסלענדישן צוזאמענפאָר פון די פארבאנדן פון דער ארבעטער און פויערישער יוגנט. אין אָרגביוראָ אף צונויפרופן דעם צוזאמענפאָר האָט זיך באטייליקט נאַדעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא קרופסקאיא. אלס ערן־פאָרזיצער פון צוזאמענפאָר איז אויסגעוויילט געוואָרן לענין, וועלכער וועט אין א יאָר ארום זאָגן: „מיר ווייסן, אז עס זײַנען פאראן צענדליקער, הונדערטער טויזנטער רעזערוון פון דער ארבעטער־פויערישער יוגנט, וועלכע האָבן געזען און ווייסן דעם גאנצן אלטן יאָך פון דער פריצישער און בורזשואזער געזעלשאפט, וועלכע האָבן געזען די אומגעהערטע שוועריקײַטן פון בויונג..., וועלכע גייען צו אונדז אלץ ברייטער און מיט אלץ גרעסערער מעסירעסנעפעש, וואָס שווערער עס איז אונדז"...

דער צווייטער ערן־פאָרזיצער פונעם צוזאמענפאָר איז געווען קארל ליבקנעכט. אין אן ארטיקל אין זשורנאל „מאָלאָדאיא גוואַרדיאַ" האָט ער אָנגערופן די רעוואָלוציאָנערע פראָלעטארישע יוגנט „דער סאמע ריינער, סאמע הייסער און סאמע העלער פלאם פון אונדזער רעוואָלוציע". אף אָט דעם צוזאמענפאָר, ווי באוווסט, איז באשלאָסן געוואָרן א נאָמען געבן דעם יוגנט־פארבאנד קאָמוניסטישער.

לענין האָט אופגענומען א דעלעגאציע פונעם צוזאמענפאָר, אין וועלכער ס'זײַנען ארײַן פאָרשטייער פון דער מאָסקווער אָרגאניזאציע פונעם פארבאנד מיכאיל דוגאטשאָוו, לאזאר שאצקין און יעפים צייטלין, די יונגע פעטערבורגער באָלשעוויקעס אָסקאר ריווקין און יעווגעניע גער, דער אוראלעץ פיאָטער סאָרווין און דער יונגער דיכטער פון דער שטאָט וולאדימיר אלעקסאנדער בעזימענסקי. אין א געמיטלעכן שמועס האָט לענין געגעבן א ריי אייצעס דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאניזאציע.

דער ערשטער אָנפירער פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון קאָמיוג איז געווען אָסקאר ריווקין — איינער פון די אָרגאניזאטאָרן פונעם סאָציאליסטישן יוגנט־פארבאנד אין פעטראָגראד, א פארטיי־מיטגליד פון מארט 1917.

די רעוואָליוציאָנערע עפּאָכע האָט פאָרמירט אונדזערע כאראקטערס. איך דערמאָן זיך די פראָד־אָטריאדן, דעם „טשאָן" (טיילן פון ספעציעלן אופטראָג), אונדזערע שאבעסניקעס, די ערשטע געדרוקטע „בלעטלעך פון יונגן קאָמונאר", די יוגנטלעכע צײַטונגען, די ערשטע קאָמיוגישע דיכטער און אקטיאָרן... דאָס אלץ איז אן אוצער פון דערפארונג, אן ארסענאל פון רעוואָליוציאָנערע טראדיציעס, וועלכע דארפן איבערגעגעבן ווערן דער הײַנטיקער יוגנט.

---

1 גיי דיר דײַן וועג, אָ, זון, מיט קאָוועד,
יאָרן און צײַטן — ווי טײַכן, פליסט!
גרוי וועל איך זײַן שוין, נאָר אף טאָמיד
וועל איך פארבלײַבן
א קאָמיוגיסט!

(א. בעזימענסקי)

דער פרעזידיום פון I צוזאמענפאָר פון קאָמיוג. פון לינקס אף רעכטס: מיכאיל דוגאטשאָוו, מיכאיל אכמאנאָוו, פיאָטער סאָרווין, לאזאר שאצקין, אלעקסאנדער בעזימענסקי, וולאדימיר פאָפאָוו, יעפים צייטלין, אָסקאר ריווקין, יעווגעניע גער.

איך וויל אויך דערמאָנען אזא היסטאָרישע געשעעניש, ווי דער דריטער קאָמיוג־צוזאַמענפאָר. די אָרגאניזאציע פון דער שטאָט פּערם אפן אוראל האָט געשיקט דרײַ דעלעגאטן — זאָיע גילדינע, וויקטאָר וולאסאָוון און מיך. אלע זיבעצניאָריקע. אף דער פראגע אין דער אנקעטע וועגן דעם, וואָס פאר א בילדונג מע פארמאָגט, האָט די מערהײַט דעלעגאטן געענטפערט: „די בילדונג, וועלכע מע באקומט אין דער היים". דאָס איז געווען די פינצטערע ירושה פונעם אלטן לעבן. אונדזער ליבלינג פּיאָטער סמאָראָדין, וועלכער איז נאָכן דריטן צוזאמענפאָר געוואָרן ערשטער סעקרעטאר פון צק פונעם קאָמיוג, האָט אף די פראגן פון דער אנקעטע געענטפערט: „בילדונג? פארענדיקט דעם דאָרפישן קלויסטער־אוניווערסיטעט. זיך געלערנט באם לעבן". אף דער פראגע וועגן דעם, צי האָט מען געדינט אין דער ארמיי, ענטפערט ער מיט שטאָלץ: „צוויי מיט א האלבן יאָר אפן פראָנט, פון זיי צוויי יאָר קאָמיסאר פון א פּאָלק". פּיאָטער סמאָראָדין איז איינער פון די ערשטע אין לאנד באלוינט געוואָרן מיטן שלאכט־אָרדען — רויטע פאָן.

מיר האָבן שטאָלצירט מיט פּיאָטערן, אים ליב געהאט, אָט דעם יונגן פּראָלעטאריער, וועלכער איז געוואָרן א העלד פון בירגער־קריג. ער איז געווען א שארפזיניקער ווערטל־זאָגער, ליב געהאט פארציִען א ליד, זיך אוועקלאָזן אין א פריילעך טענצל. ער איז שטענדיק געווען מיט דער יוגנט און שטענדיק זי געפירט נאָך זיך.

איך האָב זיך דערמאָנט אין פּיאָטערס ענטפער וועגן דעם, וואָס פאר א בילדונג ער האָט, ווען כ'האָב דאָ ניט לאנג געהערט אף דער קאָמיוגישער קאָנפערענץ פון דער שטאָט פּערם דעם באריכט פון דער מאנדאט־קאָמיסיע. ווען דער פאָרטרעגער האָט געזאָגט, אז דרײַ דעלעגאטן האָבן ניט קיין פארענדיקטע מיטלבילדונג, האָב איך גאנץ הויך א זאָג געטאָן: „איַי, איַי, ווי שעמען זיי זיך ניט..." האָט דער פאָרזיצער פון דער מאנדאט־קאָמיסיע מיר געענטפערט מיט א שמייכל: „דאָס זײַנען דעלעגאטן פון די שי־לערישע אָרגאניזאציעס, זיי לערנען זיך נאָך..." אָט וואָס פאר א יוגנט מיר פארמאָגן היַינט!

טײַערע פרײַנט מײַנע! עפשער וועט מײַן וואָרט מאכן אן אײַנדרוק, אז א מענטש פון עלטערן דאָר קומט ארויסשטעלן די ראָמאנ־טיק פון דער פארגאנגענער צײַט. נאָר איך, פונקט ווי אלע ערשטע קאָמסאָמאָלצעס, בין נאָך ניט ארויס פון קאָמיוגישן עלטער, און איך האָף, אז די לייענער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" וועלן מיט אינטערעס אופנעמען דעם שמועס, וועלכן מיר וועלן דאָ פירן ארום „קײַלעכדיקן טיש".

אף דער באגעגעניש אין „סאָוועטיש היימלאנד".
אפן פאָדערפלאן — ארטיסטן פון מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל (פון לינקס אף רעכטס): מאניע קאָטליאראָווע, נאטאשע פראָלאָווע, שײַע גרינשטיין, וולאדימיר קארק.

זיי האָבן ניט געזוכט קיין שטילן האַפן...

צווישן די קאָמסאָמאָלקעס, וואָס זײַנען אוועק אַפן פראָנט פאַרטיידיקן דאָס יונגע סאָוועטנלאַנד, איז אויך געווען דאָס פּופּצניאַריקע ייִדיש מיידעלע סאָניע פרײַ. ווי אַלעקסאַנדער מילטשאַקאָוו, האָט זי הײַנט וואָס צו דערציילן און וואָס צו דערמאָנען זיך...

איבער שטעט און דערפער גייען
שוואַרצע וואָלקנס.
פאָרן אַף די פראָנטן בלאָנדע
קאָמסאָמאָלקעס.
(איציק פעפער)

— סאַשע מילטשאַקאָוו האָט זייער וואַרעם און מיט דאַנקבאַרקײַט דערמאָנט דאָ דעם העלד פון קאָמיוג פּיאָטער סמאָראָדין. דאָס זעלבע געפיל פון דאַנקבאַרקײַט וויל איך אויסדריקן טאַקע מילטשאַקאָוון אַליין — מײַן צײַט־כאַווער, ווען מיר האָבן אויסגעקליבן אַלס ערשטן סעקרעטאַר פון צק, און קיין טאָעס ניט געהאַט.

מיר זײַנען געוואָרן קאָמיוגיסטן אין פײַער פון בירגערקריג. אין די שלאַכטן קעגן די ווײַסגוואַרדייִשע באַנדעס אַף דער אוקראַיִנע האָבן זיך באַטייליקט האַנט־בא־האַנט רוסישע, ייִדישע, אוקראַיִנישע כעווריע. די אינטערנאַציאָנאַלע פרײַנטשאַפט איז געווען צעמענטירט דורך געמיינזאַם פאַרגאָסן בלוט פאַר דער סאָוועטנמאַכט.

אין די יאָרן 1922—1925 האָב איך אָנגעפירט מיטן פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל פון צק פון ווײַסרוסישן קאָמיוג. צוזאַמען מיט מיר האָט געאַרבעט ווערא כאָרוזשאַ. זי איז געווען רעדאַקטאָר פון דער יוגנטלעכער צײַטונג „מאָלאָדי אָראַטי“ אַף דער ווײַסרוסישער שפּראַך. ווערע האָט אויך געקענט אויסגעצייכנט פּויליש און ייִדיש, זי האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דעם ייִדישן „יונגן אַרבעטער“, פונקט ווי יאַנקל רובענטשיק, דער רעדאַקטאָר פונעם „יונגן אַרבעטער“, האָט מיטגעאַרבעט אין דער ווײַסרוסישער צײַטונג.

אין 1924 איז ווערא כאָרוזשאַ פרײַוויליק אַוועקגעפאָרן אַף קאָמיוגישער אַרבעט אין מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד. זי האָט דערנאָך דערציילט וועגן דער האַרציקער באַציִונג צו איר מיצאַד פיל ייִדישע מישפּאָכעס, ווען ס׳האָבן געדראָעט פאַרפאָלגונגען פון דער פּוילישער דעפענזיווע.

נאָך ווערען — אָט דער ווײַסרוסישער העלדן — איז קיין מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד געקומען איר כאַווערטע מאַניע דאַווידאָוויטש, וועלכע האָט אין די שווערע באַדינגונגען פון אונטערערד זיך אויפגעפירט ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגער רעוואָליוציאָנערקע.

מיט יאָרן שפּעטער האָט ווערא כאָרוזשאַ מעסירעסנעפעשדיק געקעמפט קעגן דײַטשישן פאַשיזם און איז העלדיש אומגעקומען. נאָכן טויט איז זי באַערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. איר ליכטיק געשטאַלט איז פאַרקערפּערט אין בראָנזע, איר נאָמען לעבט אין לידער.

אין זײַן ערשטן יאָרצענדליק איז דעם קאָמיוג אויסגעקומען ניט נאָר מיט געווער אין האַנט באַשיצן די סאָוועטנמאַכט, נאָר פירן אויך פאַרביטערטע אידייִשע שלאַכטן. אַף דער אוקראַיִנע האָבן דעם קאָמיוג זיך געפּרוּווט אַנטקעגנשטעלן קאָלערליי מענשעוויסטישע, בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, און אונדז איז אויסגעקומען צו גיין מיט זיי אין אַן אָפענעם קאַמף.

אין 1921 האָט אין כאַרקאָוו זיך פאַרזאַמלט אַ קאָנפערענץ פונעם „יעווקאָמאָל“ (ייִדישער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד בא פּויאַלע־ציִען). דער ערשטער סעקרעטאַר פון צק פון קאָמיוג פון אוקראַיִנע איגנאַט האָט מיך און אַנדערע קאָמיוג־טוער פאַרבעטן צו זיך און געזאָגט: „כאַווירים, לאָמיר אַרויסטרעטן אַף דער יעווקאָמאָל־קאָנפערענץ. די פּאָשעטע כעווריע האָט מען פאַרבלענדט די אויגן, און מיר דאַרפן זיי צוציִען צו זיך“.

...מיר דערלאַנגען אַ צעטעלע אין פּרעזידיום: „פון קאָמיוג בעט אַ וואָרט דער רעדאַקטאָר פונעם ייִדישן זשורנאַל „אַרבעטער־יוגנט“ סאָניע פרײַ“. אין זאַל הייבן אויף אַ טומל די, וואָס האַלטן, אַז ייִדן דאַרפן זײַן בלויז אין יעווקאָמאָל!

א גרופּע מיטאַרבעטער פון זשורנאַל „יונגוואַלד“ אין 1926. פון רעכטס אַף לינקס:
ש. גאָדינער, נ. נוסינאָוו, ד. מאָנין, מ. נאַטאַנאָוו, י. ראַבין, ז. שוסטערמאַן, מ. קאַץ

— וואָס טוט מען, איגנאַט?

— נישקאָשע, איך וועל באַלד בעטן א וואָרט, און דו וועסט זײַן לעבן מיר.

— וויִאַזוי לעבן דיר?

— מירן אַרויסגיין אַף דער טריבונע צוזאַמען.

מיר גייען אינצווייען אַרוף אַף דער טריבונע. איגנאַט רעדט הייס און לײַדנשאַפטלעך וועגן קאָמיוג און טוט דערנאָך א זאָג: „און איצט וועט מײַן וואָרט פאָרזעצן סאָניע פרײַ. זי וועט זאָגן עטלעכע ווערטער אַף יִדיש“... איגנאַט בלײַבט שטיין לעבן מיר, און איך האַלט מײַן קאָמיוגישע רעדע. נאָך דער זיצונג האָבן צוויי דעלעגאַציעס דערקלערט, אַז זיי פאַרלאָזן דעם „יעווקאָמאָל“, ווײַל זיי האַלטן, אַז מ׳דאַרף קעמפן אין די רייען פון אַן איינהײַטלעכן אינטערנאַציִאָנאַלן יוגנטפאַרבאַנד.

אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט איז געשאַפן געוואָרן א פאַרצווײַגטע קאָמיוגישע פרעסע. אַנומלטן האָט וויקטאָר דאַלין, דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „יונגער קאָמונאַר“, געבעטן מיך אָנשרײַבן אַן אַרטיקל. ס׳האָט אָבער קיין צײַט ניט געקלעקט אַף צו שרײַבן, אָפט איז קיין שײַן ניט געווען, ניט שטענדיק איז געווען מיט וואָס די הרובע אויסהייצן.

אַרויסגעראַטעוועט האָט אַן אַנעקדאָטישער צופאַל. כ׳האָב זיך איינמאָל פאַרהאַלטן אין קלוב ביז שפּעט אינדערנאַכט. אין כאַרקאָוו איז דאַן געווען אײַנגעפירט א קאָמענדאַנטשאָ, האָבן מיליציִאָנערן מיך פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט אין מיליציע. כ׳האָב זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, נאָר אין מיליציע־באַצירק האָט פריילעך געזשומעט די „בורזשויקע“, ס׳איז געווען וואַרעם און ליכטיק. האָב איך זיך פאַרקליבן אין א ווינקל און פאַרענדיקט דאָס אַרטיקל. ס׳איז געווען מײַן ערשט אַרטיקל.

איך וויל שליסן מײַן וואָרט מיט שורעס פון אַרן קושניראָווס א ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 1921, זײַענדיק אַף א קאָמיוג־קאָנפערענץ אין כאַרקאָוו:

פאַראַן זײַנען ברייטן און לענגן, און
ווײַטן —
אַף וועלטן צו שאַפן...
פאַר שיפן פון אומרו פון יוגנט
פאַרשײַטער —
א האַפן!

פאַר מיר איז א גרויסע פרייד צו זײַן הײַנט דאָ צווישן די, וואָס זוכן ניט קיין רו אין א שטילן האַפן, צווישן די, וואָס זײַנען שטענדיק אין וועג.

דאָס האָט אופגעטאָן דער קאָמיוג

א וואָרט נעמט דער רוסישער דיכטער מאטוויי קריוטשקין.

— איך וועל ריידן ווי ווײַט מעגלעך קורץ, ווײַל געסט זײַנען הײַנט אין „סאָוועטיש היימלאנד" א סאך, און צײַט איז ווייניק.

1918. די שטאָט וויאטקע, איצט — קי־ראָוו. בירגערקריג. אין יעקאטערינבורג האָבן די קאָלטשאקאָווצעס דערמאָרדעט מײַן טאטן. וויאזוי דינען דעם היימלאנד? אנטלויפן אפן פראָנט, זײַנען מיר נאָך צו קליין — דרײַצנ־יאָריקע. איינס א פעטערל האָט אונדז געזאָגט: איר קאָנט אונדז זײַן נוצלעך. טוט א קוק, וויפל כעוורע עס דרייען זיך ארום און טוען גאָרניט. טוט עפעס. האָבן מיר געשאפן א קינדער־צירק, דער־נאָך א טעאטער. דעם ציין־דאָקטערס זון — אראָנסאָן — איז געווען דער קינסטלער, די מיידלעך האָבן געטאנצט און געזונ־גען, איך האָב געוואָרפן שווערע געוויכטן. דערנאָך האָבן מיר אופגעפירט ספעקטאקלען. פיעסעס האָבן מיר געשריבן אליין. איין מאָל האָבן מיר „אָפגעברענט": די אפישעס האָבן אונדז געקאָסט מער, וויפל מיר האָבן אָפגעלייזט פאר בילעטן, ווײַל יעדערער פון אונדז האָט געשריבן זײַנע קאָנטראמארקעס. דער זאל איז געווען פול, און די קאסע — פוסט.

ס'איז געשאפן געוואָרן א שול פאר דער־וואקסענע. באטאָג האָב איך געארבעט, אפ־דערנאכט — זיך געלערנט. כ'האָב שוין דערפילט אין זיך דאָס ווינטעלע פון קונסט — געשפאנט מיט צוויי עמער פארב און געמאָלט: מיט רויטער פארב — אונ־דזערע, מיט שווארצער פארב — די סאָנים. אונטערגעשריבן האָב איך די געמעלן מיט מאיאקאָווסקיס פערזן.

דאָס האָט געטאָן דער קאָמיוג!

1921—1923. מ'האָט מיך אָפגעשיקט קיין ביקאָווא, הינטער מאָסקווע, אין א קאָלאָניע פאר קינדער פון רויטארמייער (מײַנע דרײַ ברידער זײַנען געווען אפן פראָנט). פון דער קאָלאָניע האָט זיך אויסגעטיילט א קאָמונע פאר פארוואָרלאָזטע. פולע זעלבסטפארוואל־טונג. אליין האָבן מיר אָנגענומען קינדער אין קאָמונע, אליין אויסגעשלאָסן, אליין באַ־שטראָפט — דערצויגן זיך אליין און די כאַוויי־רים. די דיסציפלין — אן אײַזערנע. עס זײַנען ארײַן אין שטייגער ספעקטאקלען, ספאָרט, פראָדוציר־קרײַזן. פון אונדזערע כעוורע זײַ־נען אויסגעוואקסן ארטיסטן, אינזשעניערן, שרײַבער, שלאכטלײַט.

דאָס האָט אופגעטאָן דער קאָמיוג!

ווען דער קאָמיוג האָט אין 1924 דער־קלערט א מאָביליזאציע אף פאָרן אין דאָרף ארײַן, בין איך אוועק אלס פארוואלטער פון א לייענשטיבל. פאר מײַן קומען האָבן די באלעגופים דערהארגעט דעם פריערדיקן פארוואלטער פון לייענשטיבל. ער איז גע־זעסן אין שטוב באם פענצטער, האָבן זיי אים פון אן אָבערעז דערשאָסן... באָריס יוכא — דער סעקרעטאר פון אוקאָם פון קאָמיוג — זאָגט צו מיר: „דו פאָרסט אהין, ווו מ'האָט שוין איינעם דערהארגעט. שטעל אוועק דײַן בעטל אזוי, אז ס'זאָל זיך ניט ווארפן אין די אויגן".

פון דער פריצישער שטאל האָבן מיר גע־מאכט א טעאטער, אופגעפירט אנטירעלי־גיעזע פיעסעס, אײַנגעאָרדנט לעקציעס.

ס'האָט זיך שטארק געוואָלט לערנען. דער קאָמיוג האָט געמאָלדן א מאָביליזאציע אין מיליטער־שולן. מ'דארף גרייטן רויטע קאָ־מאנדירן. און אָט בין איך שוין א קורסאנט. די שול איז אין קרעמל, און גערופן האָט מען אונדז „די קרעמל־קורסאנטן".

אין א צײַט ארום בין איך שוין א קאָמאנ־דיר פון אן ארטילעריע־ווזוואָד פון דער 6־טער קאזאקישער רײַטער־דיוויזיע אף בו־דיאָניס נאָמען.

דאָס האָט אויך אופגעטאָן דער קאָמיוג!

איך בין ערשט ניט לאנג געקומען צו פאָרן פון סעוואסטאָפאָל. איך האָב דאָרט געזען א סאך יוגנט. ס'איז זייער א גוטע יוגנט. זי איז פול מיט צארטער און לײַדנ־שאפטלעכער ליבע צום היימלאנד. מיר איז פארדריסלעך צו הערן, ווי אייניקע טײַנען: „הײַנט איז די יוגנט ניט אזא, וואָס אמאָל". פונקט אזוי טײַנען זיי, אז אמאָל האָט מען דאָס ברויט בעסער געבאקן, און אז די שטערן

אין הימל זײַנען איצט אויך ניט די, וואָס אַמאָל...

זיצנדיק דאָ באַם טיש און הערנדיק מײַנע כאַווירים, האָב איך אָנגעשריבן עטלעכע שורעס, וועלכע איך ווידמע די קאָמיוגיסטן פון אַלע דורעס:

טײַערע מיידלעך און יאַטן,
זאָל אײַך ניט שרעקן די צײַט.
קאָמיוגיסטן מיר זײַנען, סאָלדאַטן
ביזן טויט אינעם קאַמף און אין שטרײַט.

דאָס זילבער פון האָר איז אַן איידעס
פון זיגן און רומפולע טעג.
מיר גלייבן אײַך, טאַטעס און זיידעס, —
ס'איז העלדיש געווען אײַער וועג.

די הערצער פון יונגע און גרײַזע —
זיי ווערן אין לעבן ניט מיד.
דער קאָמיוג וועט נאָך וואונדער באַווײַזן,
און ס'וועט שטאַרקער נאָך קלינגען זײַן
ליד[1].

טרײַ דעם גרויסן אידעאַל

קאַזימיר קאָבעליאַנסקי איז איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם איטאַליענישן קאָמיוג. ער האָט דורכגעמאַכט א גרויס און אינטערעסאַנט לעבן.

— מײַנע יוגנט־יאָרן זײַנען דורכגעגאַנגען אין איטאַליע. מײַן פאָטער, אַן אַלטער פּוילישער רעוואָלוציאָנער, איז געלאָפן אַהער פון פאַרשיקונג. מיר האָבן געלעבט אין א סוויווע פון פּאָליטישע עמיגראַנטן.

מײַנע ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט די קויכעס פונעם נעכטן זײַנען פאָרגעקומען אין גימנאַזיע, ווו ס'האָבן מערסטנטייל געלערנט בורזשואַזע זינדלעך און ווו די אַטמאָספער איז געווען א רעאַקציאָנער־פאַשיסטישע. ניט זעלטן פלעג איך קומען אַהיים א צעמאַזיקטער. איינמאָל האָב איך געוואַגט ווידערשפּעניקן דעם פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע, וועלכער האָט געפּריידיקט אויסגעשפּראָכענעם אידעאַליזם. דאָס האָט אַרויסגערופן בא די פאַשיסטישע יונגעמאַנטשיקעס סינע צו מיר. איך פלעג גיין אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון רוים, און אַף וויפל מײַנע באַשיידענע קענטעניש האָבן עס דערלויבט, האָב איך געהאָלפן די אַרבעטער צו באַגרײַפן דעם מאַרקסיזם.

...צו דער מאַכט איז געקומען דער פאַשיזם. אין איינעם א טאָג האָט מען מיך און א סאַך אַנדערע קאָמיוגיסטן פון רוים אַרעסטירט. איך דערצייל וועגן דאָזיקן אַרעסט ניט צוליב אַרויסשטעלן מײַנעם א רעוואָליוציאָנערן פאַרדינסט. פאַרקערט, מע דאַרף אַזוי קעמפן אין די באַדינגונגען פון רעאַקציע, אַז מ'זאָל דיך ניט אַרעסטירן. אין טפיסע האָט מען מיך אָפּגעהאַלטן סאַכאַקל צען טעג; לויט דער הישטאַדלעס פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט האָט מען מיך אַרויסגעשיקט קיין סאָוועטן־רוסלאַנד.

א נײַ, ביז גאָר אינטערעסאַנט קאַפּיטל האָט זיך אָנגעהויבן אין מײַן לעבן. כ'האָב זיך געלערנט אין מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. און ווען מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז איך קען פראַנצויזיש, איטאַליעניש און שפּאַניש, האָט מען מיך צוגעצויגן צו דער אַרבעט אין קאָמינטערן און אין קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל. איך בין בײַגעווען אַף פיל קאָנגרעסן און פּלענומס. אָפט איז אויסגעקומען צו אַרבעטן באַטאָג און באַנאַכט. איך געדענק די אַרויסטרעטונגען פון אַלעקסאַנדער מילטשאַקאָוו און לאַזאַר שאַצקין, פונעם פאָרשטייער פון איטאַליענישן קאָמיוג לווידזשי לאָנגאָ, דעם איצטיקן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער איטאַליענישער קאָמפּאַרטיי. אָפּן זעקסטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָט מען צום ערשטן מאָל אין פססר אָנגעהויבן איבערזעצן סינכראָניש. דאָס איז געווען ניט קיין לײַכטע זאַך, ס'האָט געפאָדערט פון די איבערזעצער א גרויסע גײַסטיקע און פיזישע אָנשטרענגונג.

מיט צוויי יאָר צוריק בין איך לויט אַן אײַנלאַדונג פון די איטאַליענישע קאָמוניסטן געווען אין איטאַליע און זיך באַגעגנט מיט מײַנע כאַווירים פונעם קאָמיוג, וועלכע זײַנען איצט געוואָרן אָנפירער פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פאַר מײַנע אויגן קומט פאַר דער אומבײַט פון דורעס, וואָס זײַנען געווען און פאַרבלײַבן טרײַ דעם גרויסן אידעאַל.

[1] די ליד איז געגעבן אין דער איבערזעצונג פון כ. מאַלטינסקי.

לעני̆נס ענטפער אף א פראגע

דער באַוווּסטער סאָוועטישער דיכטער אַלעק־סאַנדער זשאַראָוו האָט א סאך צו דערציילן וועגן די ערשטע טריט פונעם קאָמיוג. אָט איז זײַנע א קורצע דערמאָנונג.

— איך וויל דאָ דערציילן א קליינינקן עפּיזאָד, וואָס איז פאָרגעקומען אין ערשטן טאָג פונעם בארימטן קאָמיוג־צוזאַמענפאָר, אַף וועלכן עס איז ארויסגעטראָטן לענין.

אין א צעטעלע, וואָס דער טשערניגאָווער דעלעגאַט האָט דערלאַנגט, איז געווען אזא פראַגע: „וולאַדימיר איליטש! זאָגט: פאַרוואָס איז בא אונדז אין דאָרף ניטאָ קיין דזעגעכץ אף שמירן די רעדער?"

לענין האָט פארן גאנצן זאַל פאָרגעלייענט דאָס צעטעלע. דער אוילעם האָט געשמאַק געלאַכט. איינצײַטיק האָבן מיר זיך געשעמט, וואָס אונדזערער א כאַווער האָט באַאומרויִקט לענינען מיט אזא פראגע.

וולאַדימיר איליטש האָט אָבער ניט גע־לאַכט. ער האָט געזאָגט:

— די פראגע, וועלכע דער טשערניגאָ־ווער כאַווער האָט געשטעלט, איז זייער א וויכטיקע. זי האָט א דירעקטע שײַכעס צו דעם שמועס, וויאַזוי עס דאַרף זיך פירן א קאָמוניסט...

מיר האָבן טייקעף אופגעהערט צו לאַכן. אין זאַל איז געוואָרן שטיל. לענין האָט פאָר־געזעצט:

— א קאָמוניסט — דאָס איז דער, וואָס עס איז מעכוייעוו צו ענטפערן די פּוירים, פאַרוואָס עס זײַנען ניטאָ קיין טשוועקעס, שוועבעלעך, קעראָסין און פיל אנדערע זאַכן, אָן וועלכע עס איז שווער צו לעבן... אָבער בלויז אופקלערן די סיבעס פון אונדזערע כעסרוינעס איז נאָך ווייניק. אַן עמעסער קאָ־מוניסט איז דער, וואָס העלפט פּראַקטיש צו באַזײַטיקן די דאָזיקע סיבעס. א קאָמוניסט איז מעכוייעוו זיך דערשלאָגן, אז עס זאָלן פּראָדוצירט ווערן גענוג סכוירעס, אין וועלכע די ארבעטנדיקע נייטיקן זיך, דערונ־טער אויך דזעגעכץ אף שמירן די פּויערשע וועגענער. אָט ווער עס איז אַן עמעסער קאָ־מוניסט!

מיר האָבן דעמלט גוט פאַרשטאַנען אי־ליטשס רוף, אז עס איז נייטיק, מיר זאָלן יעדן טראָט פון אונדזער לעבן, פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער ארבעט צונויפּפאָרן מיטן אַנטייל אינעם טאָגטעגלעכן קאַמף פונעם פאָלק פאַר א בעסער לעבן.

מיר, וועטעראַנען פונעם קאָמיוג, זײַנען גליקלעך, וואָס אינעם גרויזאַמען צוואַנציקסטן יאָר האָבן מיר געהערט די ווערטער פונעם טײַערן איליטש:

— מיר ווילן דאָס אָרעמע און קאַפּצאָנישע רוסלאַנד פאַרוואַנדלען אין א רײַך לאַנד...

א לאַנד, וואָס איז רײַך מאַטעריעל און גײַסטיק, א לאַנד, וואָס איז רײַך מיט מוט און מיט גוווּרע, — אָט אזא לאַנד איז גע־וואָרן דער סאָוועטנפאַרבאַנד, דאָס פּאַטער־לאַנד פון די ארבעטנדיקע פון אַלע פעלקער, וועלכע בילדן איין איינהײַטלעכע מישפּאָכע.

איגנאַט

וועגן דעם, וויאַזוי קאָמיוגיסטן האָבן אין די יאָרן פון בירגערקריג געקעמפט אין די באַדינ־גונגען פון אונטערערד, האָט דערציילט דער פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן וויקטאָר מאַיסייעוויטש דאַלין, געוועזענער מיט־גליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמיוג.

— אָדעס, 31 יולי 1919. אַלע קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן זײַנען מאָביליזירט. אין דער דײַטשישער קאָלאָניע אַקערזשע איז אויס־

געבראָכן אַן אופשטאַנד, מיט וועלכן ס'האָבן אָנגעפירט ווײַסגווארדייִשע אָפיצערן. גרופּעסווײַז קלײַבן מיר זיך צונויף, קעדיי צו דער צײַט אָנקומען אין די קאַזאַרמעס אַף דער נאָוואָסעלסקער גאַס. דאָרט שלאָפט קימאַט קײנער ניט ביז אינדערפרי. מיר זינגען אונדזערע באַליבטע לידער. אַלע זײַנען שטאַרק אופגערודערט. צווישן אונדז געפינט זיך איגנאַט (סאַמויל אײנהאָרן).

גאַנצפרי שטעלט מען אונדז אויס אין רייען אַף אוועקצושיקן אַפן פראָנט. עס קומט צו לויפן אין די קאַזאַרמעס אָסקאַר טאַרכאַנאָוו, אײנער פון די אָנפירער פונעם קאָמיוג-קאָמיטעט. ער טיילט מיט, אַז דער גובקאָם פון פאַרטיי האָט באַשטימט א דרײַלינג אַף צוגרייטן די קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע צו אומלעגאַלער אַרבעט. אין דרײַלינג גייט אַרײַן אויך איגנאַט.

דעם אופשטאַנד אין אַקערזשע האָט זיך אײַנגעגעבן צו ליקווידירן, אָבער דער דעניקינישער קאָנטער-אַנגריף אַף אוקראַינע האָט געדויערט. אין אונדזער קאָמיוגישן מויער אַף דער פּראָאָבראַזשענסקע-גאַס, נומ. 2, וואָס איז אָפּגענומען געוואָרן באַם אָדעסער פאַבריקאַנט שפּאָליאַנסקי, האָבן זיך באַזעצט די „בעזשענצעס" — קאָמיוגישע אַקטיוויסטן פון די שטעט כערסאָן און ניקאָלײַעוו, וועלכע זײַנען שוין פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די ווײַסגווארדייער.

דעם 23 אווגוסט 1919 האָט זיך אין אָדעס אַרויסגעזעצט דעם סוינעס א דעסאַנט. מ'רופט אונדז אַרויס אין גובקאָם פון פאַרטיי, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אינעם געוועזענעם ענגלישן קלוב. מע טיילט מיט דעם באַשלוס וועגן עוואַקויִרן די שטאָט, ווײַל אַנדערש קאָנען די טיילן פון דער רויטער אַרמיי אַרײַנפאַלן אין א פּאַסטקע. אונדז — די, וואָס פאַרבלײַבן אין שטאָט, ווערט באַפוילן טייקעף צו פאַרברענען אַלע פּאַפּירן און אַריבערגיין אין אונטערערד. פאַר די דרײַ וואָכן נאָך אַקערזשע זײַנען אונטער דער אָנפירונג פון איגנאַטן, אָ. טאַרכאַנאָוו, ג. לאַרסקין, א. מאַקסימאָוו, וו. וואַסיוטינען, פּ. פּאָליאַקאָוו און א. קיראָוו צוגעגרייט געוואָרן יאַוקעס, פאַלשע דאָקומענטן, א ביסל געלט. פון די „יוקן" (יונגע קאָמוניסטן-סקאַוטן) איז געשאַפן געוואָרן א פאַרבינדונגס-דרוזשינע בעראָש מיטן וווּנדערלעכן כעוורעמאַן מאַרק וואָלאָסאָוו (אין דער דרוזשינע איז אויך אַרײַנגעגאַנגען אונדזער דעמאָלטיקער ליבלינג יאָסיע קאַליוזשני, וואָס לעבט איצט אין אָדעס).

אַפן צווייטן טאָג איז אָדעס שוין געווען אין די הענט פון די ווײַסגווארדייער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן, פײַניקונגען, צעשיסונגען.

אין א וואָכן דרײַ אַרום ברענגט מיך אַלעקסיי מאַקסימאָוו צו פירן אַף דער מאָלדאַוואַנקע, אַף דער ערשטער אומלעגאַלער קאָמיוג-קאָנפערענץ.

אין א גרויס צימער איז דאָס פענצטער גוט פאַרהאַנגען. אַף די בענקלעך, אַף די בעטן האָבן זיך אײַנגעאָרדנט די דעלעגאַטן, א מענטשן צוואַנציק. פּאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ איז איגנאַט. רויִק און זיכער פירט ער די פאַרזאַמלונג, כאָטש יעדע מינוט קאָנען זיך אַרײַנרײַסן די ווײַסגווארדייער.

די קאָמיוגישע אונטערערד איז געווען גלענצנדיק צוגעגרייט. אין שטאָט זײַנען געווען טעטיק באַ פופצן גרופּעס, וואָס פלעגן רעגולער, קימאַט יעדע וואָך, זיך צונויפנעמען און אויספילן אַלע שלאַכט-פאַרגעבונגען פון דער פּאַרטיי.

ס'איז שוין צײַט געווען געבן די ווײַסגווארדייער צו הערן וועגן זיך, באַווײַזן זיי, אַז טראָץ אַלע ווילדע פאַרפאָלגונגען לעבט און איז טעטיק אין שטאָט א קעמפערישע קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע. א סיבע דערצו האָט זיך גיך געפונען. אַפן 29 אָקטיאַבער איז באַשטימט געוואָרן צונויפרופן אין מאָסקווע דעם II אַלרוסלענדישן קאָמיוג-צוזאַמענפאָר. איגנאַט באַשטימט אַרויסלאָזן א פלוגבלעטל מיט א באַגריסונג דעם צוזאַמענפאָר.

דאָס איז געווען א געפערלעכע צײַט פאַר דער סאָוועטן-רעפובליק. די דעניקינצעס האָבן זיך געריסן צו מאָסקווע, יודעניטש האָט אָנגעגרײַפט אַף פּעטראָגראַד. אַף דער גרויסער מאַפּע, וואָס איז געהאַנגען אין פענצטער פון סוואָרינס ביכער-קראָם אַפן ראָג פון דעריבאַסאָווסקע און פּראָאָבראַזשענסקע, האָבן די ווײַסגווארדייער יעדן טאָג איבערגערוקט די פענדלעך. אַלץ ענגער איז געוואָרן דער רונג אַרום דער רויטער מאָסקווע, וואָס איז געווען אונדז אַזוי ליב און טײַער.

נאָר דאָ אין צימערל, ווו מיר האָבן געשריבן דאָס פלוגבלעטל, האָט פון איגנאַטן זיך איבערגעגעבן צו אונדז אַלעמען די פולשטענדיקע איבערצײַגטקײַט אין אונדזער זיג. מיר האָבן פאַרענדיקט דאָס פלוגבלעטל מיט די ווערטער: „מיר גלייבן, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט אָנקומען דער געגאַרטער טאָג פון פאַרייניקונג מיט אונדזערע ברידער פון דעם אַרבעטער-פּויערישן רוסלאַנד און אַז אַפן III צוזאַמענפאָר פונעם

קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד וועלן בײַזײַן אויך אונדזערע פאָרשטייער״.

די מענשעוויסטישע צײַטונג „יוזשני ראַבאָטשי״ האָט די מיטיילונג וועגן אונדזער פלוגבלעטל געגעבן אונטער אזא קעפּל: „יונגע טרייסטן זיך מיט האָפענונג״. די יונגע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, זײַנען געווען געגנוג ווײַטזיכטיקע. אָט ליגט פאַר מײַנע אויגן א פאַרגעלט בלעטל פונעם זשורנאַל „יונגער קאָמוניסט״ פאַרן 1920 יאָר. אָט איז א פאָטאָגראַפיע פונעם פּרעזידיום פון III צוזאמענפאָר. אַף דער פאָטאָגראַפיע זע איך עלף מענטשן. אין דער ערשטער ריי זיצט דער פּרעזידיום־מיטגליד פונעם צוזאמענפאָר איגנאַט. ס׳זײַנען פּינקטלעך מקוים געוואָרן די ווערטער פון אונדזער פלוגבלעטל, און ניט מער ווי אין א יאָר אַרום.

ווּ ביסטו, פּרײַנט אָסמאַלאָווסקי?

וועגן דעם אָנטייל פון דער ייִדישער יוגנט אַף די נײַ־בויונגען פונעם לאַנד אין די דרײַסיקער יאָרן האָט גערעדט דער געוועזענער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער ייִדישער קאָמיוגישער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע״ יעכיִעל טשיטשעלניצקי.

— וועגן דעם ערשטן יאָרצענדליק אין דער געשיכטע פון קאָמיוג האָט מען דאָ דערציילט אויסערסט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן. ס׳איז נאָך דערווײַל ניט געזאָגט געוואָרן וועגן דער צײַט פון די ערשטע פינפיאָרן — א פּעריִאָד, וואָס האָט פאַרמאָגט זײַנע וועזנטלעכע באַזונדערקייטן.

דאָס לאַנד איז צוגעטראָטן צו רעקאָנסטרויִרן די אינדוסטריע. מ׳האָט באַדאַרפט לייזן די גרונט־אויפגאַבע: אַרויסרײַסן דאָס ערשטע, דאָס איינציקע סאָציִאַליסטישע לאַנד פון דער דוירעסדיקער עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט. און צײַט דערויף האָט די געשיכטע אָפּגעלאָזט ניט קיין סאַך.

אַף די ראַכוועסן פון לאַנד האָבן זיך אָנגעצונדן די פײַערן פון נײַ־בויונגען: דניעפּערבוי, קוזבאַס, מאַגניטבוי, כאַרקאָווער טראַקטאָרבוי און נאָך און נאָך.

„יוגנט — אַף די בויונגען!״ — איז געווען דער שלאַכט־רוף פונעם לעניִנישן קאָמיוג. פון שטעט, שטעטלעך און דערפער האָבן מענגעס ייִנגלעך און מיידלעך, מיט קליינע קלומעקלעך אַף די פּלייצעס, זיך א לאָז געטאָן אַהין, ווּ ס׳האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט א הייסע שלאַכט פאַר עלעקטרע־ענערגיע, פאַר מעטאַל, פאַר טראַקטאָרס, פאַר קוילן און נאַפט.

און ווי אַף די שלאַכטפעלדער פון בירגערקריג, זײַנען אַף די פרידלעכע נײַ־בויונגען, צוזאמען מיט זייערע רוסישע, אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע פרײַנט, אויך געקומען צענדליקער טויזנטער ייִדישע יאַטן פון די שטעטלעך פונעם געוועזענעם טכום.

די קאָמיוגישע פּרעסע, ווי מיר שײַנט, האָט דאַן ניט שלעכט אויסגעפילט איר כיוון און באַרוף. אָט דערמאָן איך זיך, ווי די ייִדישע קאָמסאָמאָלישע צײַטונג „יונגע גוואַרדיע״ האָט אין מעשך פון א לאַנגער צײַט דערציילט דעם לייענער וועגן איינעם פון די טויזנטער קאָמיוגיסטן אַף די נײַ־בויונגען, — וועגן לייבל אָסמאַלאָווסקי, וואָס איז פון נאָווגאָראָד־סעווערסק אָנגעקומען אַף דער בויונג פונעם כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד. מיר האָבן דערציילט וועגן אָסמאַלאָווסקיס ערשטן טאָג אַף דער בויונג, ווי עטוואָס פאַרלוירן ער האָט זיך דערפילט אין דעם אומגעוויינלעכן ראַש אַף די בוי־באַצירקן; וועגן זײַן באַשיידענער וווינונג אין די צײַטווײַליקע באַראַקן; וועגן דער מענטשלעכער וואַרעמקייט, מיט וועלכער מ׳האָט אים באַגעגנט...

דערנאָך — און וועגן דעם האָט די „יונגע גוואַרדיע״ ווײַטער דערציילט — איז לייבל אָסמאַלאָווסקי געוואָרן א מוליער, ער האָט געלייגט די ציגל פונעם הויפּט־קאָרפּוס. אין היץ און אין קעלט, אין רעגן און אין שניי האָט מען די אַרבעט אַף קיין רגע ניט אָפּגעשטעלט. באַנאַנד מיט לייבלען לייגט ציגל זײַן בעסטער פרײַנט פעדיע קיריקעשאַ. גאָר אינגיכן האָט מען וועגן אָט די צוויי כוורע קאָמיוגיסטן גענומען ריידן אַף דער גאַנצער בויונג. אַזויפיל ציגל פאַר א וואַכטע האָט נאָך קיינער קיינמאָל ניט געלייגט.

וויאַזוי טוען זיי דאָס? קומט מען פון אַנדערע באַצירקן אַ קוק טאָן, וואָס פאַרא הענט פאַרמאָגן זיי — פעדיע און לייבל. געוויינלעכע הענט, נאָר הערצער — אומרויִקע, קאָמיוגישע, געטרײַע.

לייבלען איז ניט געפעלן געווען דער טומל אַרום אים — פאָטאָגראַפיעס אין די צײַטונגען, אינטערוויוען פון זשורנאַליסטן, לויבווערטער אַף פאַרזאַמלונגען. נאָר מיר אין דער „יונגער גוואַרדיע" האָבן געטראַכט, אַז דאָס אַלץ איז איצט זייער וויכטיק און נייטיק, ווײַל לייבל איז געווען ניט קיין אויסנאַם, ער איז, פאַרקערט, געווען די פאַרקערפּערונג פונעם קלאַל, פונעם טיפּישן אינעם נײַעם לעבן פון דער ייִדישער אַרבעטער-יוגנט.

דערנאָך איז געקומען אַ טאָג, ווען מיר, אַ גרופּע זשורנאַליסטן, זײַנען געווען אײדעס פון אַ געשעעניש, וואָס האָט זיך אָפּ שטענדיק פאַרקריצט אין זיקאָרן.

אַן אַרבעטער-פאַרזאַמלונג אויפן כאַרקאָווער טראַקטאָרנעם. פאַרגאַפּטע קוקן מיר, ווי לייבל אָסמאָלאָווסקי דערנעענטערט זיך מיט זיכערע טריט צום פּרעזידיום-טיש, שטעלט זיך אָפּ אַנטקעגן דעם פּאָלקס-קאָמיסאַר סערגאָ אָרדזשאָניקידזע. סערגאָ שמייכלט צו לייבלען, טראָגט אים אונטער דעם לענין-אָרדן, דריקט אים די האַנט, זאָגט אים עפּעס. נאָך אָסמאָלאָווסקין באַקומט דעם לענין-אָרדן פעדיע קירײַקעשאַ.

אויפן צווייטן טאָג האָט לייבל אָסמאָלאָווסקי אײַנגעלאַדן אונדז צו זיך צוגאַסט. דאָס קלייניקע צימערל איז געווען איבערפולט מיט יוגנטלעכער פרייד. ווען מיר האָבן באַגריסט לייבלען מיט דער באַלוינונג, האָט ער געענטפערט:

— די „יונגע גוואַרדיע" האָט אַ שטיקל כיילעק אין דעם. ווען איך זאָל ניט געווען איבערלייענען אין דער צײַטונג דעם רוף צו דער יוגנט, זי זאָל אָנקומען אַף דער בויונג פונעם כאַרקאָווער טראַקטאָר-זאַוואָד, וואָלטן מיר דאָך הײַנט ניט געזעסן בײַ אָט דעם טיש...

אויב זאָגן דעם ריינעם עמעס, האָבן מיר אין אָט דעם אָפּדערנאַכט זיך טאַקע געפילט ווי אַף אַ סימכע פון דער קאָמיוגישער פּרעסע.

...וווּ ביסטו איצט, פרײַנט אָסמאָלאָווסקי? ס'זײַנען דאָך דערנאָך געקומען גרויסע ניסיוינעס פאַר אונדזער היימלאַנד, די גרויזאַמע מילכאָמע קעגן פאַשיזם. איך בין אָבער זיכער, אַז וואָס ס'זאָל מיט דיר ניט געווען געשען, ביסטו פאַרבליבן פּונקט אַזעלכער, ווי דאַן, אַף דער בויונג פונעם כאַרקאָווער טראַקטאָרנעם.

הייליקע נעקאָמע

ביז גאָר רירנדיק איז געווען די דערציילונג פון קלאַווע מילאָראַדאָווא. אַ העלדנמוטיקע פּאַרטיזאַנערן און אויסשפּירערן, אַ שלאַכט-כאַווערטע פון דער אומשטערבלעכער זאָיע קאָסמאָדעמיאַנסקאַיאַ, האָט קלאַווע פאַרהיט אין זיקאָרן פיל פּראָטים וועגן די לעגענדאַרע העלדנטאַטן פון די יונגע נעקאָמענעמער.

Не счесть наших долгих лишений.
Бессонные ночи не счесть.
Но нет ничего драгоценней,
Чем наша священная месть!

М. Светлов [1]

— מיר, די קאָמסאָמאָליע, וואָס איז געבוירן געוואָרן בײַ דער סאָוועטנמאַכט, האָבן ניט געוווּסט, וואָס אַזוינס איז רײַכע און אָרעמע. מיר האָבן זיך געלערנט אין שול. אַלע גלײַך. מיר האָבן געטרוימט צו זײַן אַלץ, וואָס מעגלעך איז, אַכוץ סאָלדאַטן. „מיר" — מיין איך די מיידלעך, מײַנע כאַווערטעס.

ס'איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. אינעם ערשטן טאָג פון קריג זײַנען די מיידלעך אַוועק אין וואָיענקאָמאַט און געפאָדערט, מ'זאָל זיי שיקן אויפן פראָנט. אַלע האָבן מיר געהאַט קאָמיוגישע בילעטן, אַלע האָבן מיר געהאַט קאָמיוגישע הערצער. דאָס, האָבן מיר געהאַלטן, איז גאַנץ גענוג, מיר זאָלן אויספילן אונדזער כויוו פאַרן היימלאַנד. ס'האָט אונדז אָבער דער פּאַספּאָרט „פאַראַטן" — די מערהײַט פון אונדז איז אַלט געווען 16 יאָר.

---

1 מיט ליידן איז פול די נעשאָמע,
אָן שלאָף — די באַנאַכטיקע שאָ,
נאָר הייליקער פון דער נעקאָמע
קיין אַנדער געפיל איז ניטאָ.
(מ. סוועטלאָוו)

אין אָקטיאבער 1941, ווען די פאשיסטן האָבן זיך דערנעענטערט צו מאָסקווע, האָבן מיר דאָך ארויסגעקראָגן אין ראיקאָם פון קאָמיוג פּוטיאָווקעס אפן פראָנט. און ניט סטאם פּוטיאָווקעס, נאָר ספּעציִעלע, אין א טייל, וואָס אָפּערירט אין הינטערלאנד פונעם סוינע.

מ׳האָט דאָ געזאָגט, אז כ׳בין געווען א דעסאנטלערן. ס׳איז אָבער אויסגעקומען ניט בלויז שפּרינגען מיט א פּאראשוט, נאָר אויך אריבערגיין די פראָנט־ליניע צופוס, אין מאסקיר־כאלאטן, צו 8—10 מענטשן אין א גרופּע און אָפט איינע אליין.

הינטער מאָסקווע האָב איך אויסגעפילט א פארגעבונג צוזאמען מיט זאָיע קאָסמאָדעמיאנסקאיא. דאָס איז געווען א געוויינלעך מיידל, ווי אלע אונדזערע מיידלעך. פון דער ערשטער שלאכט־אָפּעראציע האָט אונדזער גרופּע זיך אומגעקערט בעשאָלעם, אין פולן באשטאנד. מיר האָבן פארמינירט די שאָסייוועגן. עס געדענקט זיך, אז טאקע דאָ, אין סוינעס הינטערלאנד, האָבן כאווירים אָפּגעמערקט מײַן געבורטסטאָג. קיין דעליקאטעסן, ווי איר פארשטייט, זײַנען בא אונדז ניט געווען, אפילע קיין צוקערקע ניט. ס׳זײַנען געווען שווארצע סוכארעס. האָט מען יעדן איינעם ארויסגעגעבן א שטיקל סוכאר. מיר האָבן זיי אופגעהויבן, ווי מ׳הייבט אוף באָקאלן: פאר קלאוועס געבורטסטאָג. זאָל זי לעבן נאָכאמאָל אזויפיל און נאָך א האלב פון אזויפיל און נאָך א פערטל פון אזויפיל...

אין עטלעכע טעג ארום האָבן מיר זיך געלאָזט צו נאראָפאָמינסק און ווערייא. מיר האָבן באדארפט אָפּזוכן און אונטערצינדן דײַטשישע שטאבן און שפּײַכלערס. אין קאָנטאקט מיט אונדז, לויט אונדזערע אָריִענטירן, האָט באדארפט אָנהייבן אָפּערירן אונדזער אוויִאציע. מיר האָבן אָנגעהויבן אונטערצינדן דעם סוינעס אָביעקטן, נאָר די אוויִאציע איז ניט געקומען, ווײַל א גאנצע נאכט האָט געשאָטן א געדיכטער שניי. א קילאָמעטער צען פונעם דערפל פּעטרישטשעוואָ איז זאָיע קאָסמאָדעמיאנסקאיא ארײַנגעפאלן אין די הענט פון די פאשיסטן, צווישן די דערפער גאָלאָווקאָוואָ און יאשינאָ האָט דער זעלבער גורל געטראָפן א צווייט מיידל אונדזערס — ווערע באָלאָטינא. ביידע כאווערטעס זײַנען אויסגעשטאנען שרעקלעכע פּײַניקונגען. מע האָט זיי אופגעהאנגען דעם 25 נאָיאבער 1941. דאָס איז געווען ניט דער ערשטער פארלוסט אונדזערער. אונטער וואָלאָקאָלאמסק האָבן די דײַטשן אופגעהאנגען אכט אונדזערע כאווירים — טײַערע, פריילעכע, לײַבלעך נאָענטע ייִנגלעך און מיידלעך. צוויי פון זיי — די אכצניאָריקע זשעניע און שורע — זײַנען געווען שילערנס פון דער קונסט־שול אף קאלינינס נאָמען...

איך דערמאָן זיך איצט א מארש אף ליזשעס אין א ראיאָן פון סמאָלענשטשינע. מיר האָבן באדארפט פארגיין די דײַטשן אין טיל, זיך דורכטראָגן איבער דער פאָדערשטער פּאָזיציע און ארויסרופן דעם אײַנדרוק, אז אונדזערע טיילן האָבן זיך דורכגעריסן. מיר זײַנען געווען באוואָפנט מיט קאלטן געווער, מיט אווטאָמאטן, האנט־קוילנווארפערס און טערמיט־קײַלעכלעך. די דאָזיקע קײַלעכלעך זײַנען ניט אזוי געפערלעך, ווי זיי ווארפן אָן א שרעק מיט זייער פײַער און רופן ארויס א פּאניק. פאנאנדערווארפנדיק אָט די טערמיט־קײַלעכלעך און שיסנדיק, האָבן מיר גאנצע צוועלף מעסלעס זיך געטראָגן איבער דער פאָדערשטער ליניע פונעם סוינע. דאָס איז געווען זייער געפערלעך, און מעגלעך, אז קיינער וואָלט ניט געבליבן לעבן, ווען ניט דער אכצניאָריקער פּאוולושא פּראָווראָוו. אין א קריטישן מאָמענט האָט ער אף זיך ארויסגערופן דעם סוינעס פײַער, און דערמיט געגעבן אונדז די מעגלעכקײַט פאָרזעצן דעם מארש. מיט דער פּרײַז פון זײַן אייגן לעבן האָט פּאוולושא גאראנטעוועט דאָס לעבן פון זײַנע כאווירים. פּאוולושא פּראָווראָוו איז געווען א קאָמיוגיסט פון יאראָסלאוול.

...בא אונדז זײַנען געווען דרײַ פארשײַטע כעווראלײַט — ליאָשקע קוכארענקאָ — אכצן יאָר אלט, מוישקע דאניקמאן — א זעכצניאָריקער, און קאָסטקע פּיאָדאָראָוו — ער איז אלט געווען פופצן יאָר. אָט דער דרײַלינג האָט באקומען אן אופגאבע ברענגען א צונג פון יענער זײַט פראָנט־ליניע. „מירן ברענגען נאָר א גענעראל”, — האָבן זיי צוגעזאָגט. ס׳איז אוועק א מעסלעס, א צווייטער און א דריטער, מ׳זעט זיי ניט און מ׳הערט זיי ניט. ערשט אפן פערטן מעסלעס האָבן אונדזערע יאטן זיך אומגעקערט.

— מיר האָבן געבראכט א גענעראל אָדער, ווייניקסטנס, א פּאָלקאָווניק...

ווי גרויס איז אָבער געווען זייער אנטוישונג, ווען מ׳האָט אין א פּאָר שאָ ארום זיי געזאָגט, אז געבראכט האָבן זיי א יעפרייטאָר. די כעוורע האָבן ניט באוויזן צו דערלערנען, וואָס פארא צייכנס עס טראָגן די דײַטשישע מיליטערלײַט... זיי האָבן אראָפּגעלאָזט די נעזער, נאָר מ׳האָט זיי בארויִקט: דאָס איז א שטאב־שרײַבערל, און די יעדיִעס, וואָס ער האָט געגעבן, זײַנען זייער וויכטיקע.

דער שילער פון אכטן קלאס פון דער מאָסקווער 627־טער שול, דער זעכצניאָריקער קאָליע פירסאָוו, האָט אויסגעפילט א שלאכט־אופגאבע באם סוינע אונטער דער נאָז. מ'האָט אים אראָפּגעלאָזט מיט א פּאראשוט לעבן באָריסאָוו. קאָליע האָט זיך לעגאליזירט, געארבעט אף דער אָרטיקער ראדיאָסטאנציע, דערנאָך אלס אָפיציאנט אין אָפיצערישן רעסטאָראן. טאקע פון דאָרטן זייַנען איבערגעגעבן געוואָרן אף דער גרויסער ערד די נייטיקע יעדיעס. פּלוצעם זייַנען די ראדיאָ־טראנסלירונגען איבערגעריסן געוואָרן. שיקט מען מיך קיין באָריסאָוו. כ'האָב באדארפט קומען מיט א פּאראָל צו פיאָדאָר טערעשטשענקאָ, דעם „דייַטשישן קווארטאל־באפולמעכטיקטן", און בא אים זיך דערוויסן, וואָס עס איז געשען. איך זאָג צו אים: „צי קענט איר ניט אָנשרייַבן א צייַגעניש פאר מייַן זון פּעטיע". פיאָדאָר שווייַגט. איך כאזער איבער דעם פּאראָל. „פּארוואָס ניט...", — האָט ער ארויסגעזאָגט די דאָזיקע צוויי אומבאדינגטע ווערטער און, איראָניש באטראכטנדיק מיך פון קאָפּ ביז פיס, ארויסגעבראכט דעם קאַלאמבור: „...מ'קאָן פאר קאָליען און פאר פּעטיען". דערנאָך מיט געמאכטער בייזקייַט: „שוין זשע איז אף דער גרויסער ערד קיין גרעסערער מענטש ניט פארבליבן, וואָס מ'האָט צוגעשיקט אזא ברעקל?"...

מיט מייַנע צוויי קלייניקע צעפּעלעך, אינעם פּויערישן בורנעסל, מיט דער פּאטשיילע, אין די פּאָסטעלעס, האָב איך טאקע אויסגעזען זייער קינדעריש.

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז קאָליע איז געווען ארעסטירט. אין געסטאפּאָ האָט ער אויסגעהאלטן אלע ביטערע פּייַנען, און מ'האָט אים ארויסגעלאָזט. איך זאָג צו קאָליען: „עפּשער וועסטו זיך אומקערן אף דער גרויסער ערד, מע וועט אף דייַן אָרט שיקן א צווייטן"...

— איך בין שוין דורכגעגאנגען די געסטאפּאָ, אף מיר פאלט איצט ניט קיין כשאד. א צווייטן וועט זייַן שווער. איך וועל ארבעטן ווייַטער...

אין דעקאבער 1943 האָט א פארעטער איבערגעגעבן קאָליע פירסאָוון און פיאָדאָר טערעשטשענקאָ אין די הענט פון די פּאשיסטישע הענקער. זיי זייַנען מערדעריש פארפּייַניקט געוואָרן.

יאָ, א שווערן און זייער געפערלעכן וועג זייַנען מיר דורכגעגאנגען. מיר זייַנען שטענדיק געווען אף הונדערטער קילאָמעטער פאָרויס פאר דער סאמע פאָדערשטער פּאָזיציע, וויַיניק ווער ס'האָט זיך אומגעקערט צוריק.

און דאָך, ווען עס זאָל אויסקומען נאָכאמאָל דורכצולעבן דאָס לעבן, ווען עס זאָל אויסקומען אלץ אָנהייבן פון אָנהייב, וואָלטן מיר, קאָמיוגיסטן פון די פערציקער יאָרן, ווידער געגאנגען מיט דעם דאָזיקן וועג.

ס'האָט אופגעלעבט דאָס „טויטע געסל"

רייַך און פארשיידנארטיק איז דער דערציִונגס־ארסענאל פונעם לענינישן קאָמיוג. מ'האָט נאָך ניט באוויזן זיך צעשיידן מיט דער ביקס, ווי מע האָט שוין גענומען שאפן אָוונט־שולן, ארבפאקן, קאָמיוגישע קלובן, טעאטערס פון יונגן צושויער, קרייַזן פאר שטודירן פּאָליטגראמאָטע. וועגן די פאָרמען און מיטלען פון באהעפטן די יוגנט צו דער נייַער סאָציאַליסטישער קולטור דערציילן גנעסיע ווייַנשטיין, געוועזענער (אין די צוואנציקער יאָרן) סעקרעטאר פון כאמאָווניקער ראיקאָם פון קאָמיוג, דער וועטעראן פון דער יִדישער בינע, פארדינסטפולער ארטיסט פון דער רוסלענדישער רעפּובליק בינימין שווארצער און דער באוווּסטער קאָמיוגישער דיכטער אלעקסאנדער בעזימענסקי.

— מייַן קאָמיוגיש לעבן איז אין גרונט דורכגעגאן אין כאמאָווניקער ראיאָן פון מאָסקווע, אין די יאָרן 1920 — 1924, — דערמאָנט זיך גנעסיע ווייַנשטיין.

דער נעפּ, ווי באוווּסט, האָט אף א געוויסער צייַט אופגעלעבט אין לאנד דעם פּריוואטניק, דעם הענדלער, און צוזאמען מיט זיי האָבן אויך אופגעלעבט די קליינבירגערלעכע זיטן — שיקרעס, כוליגאנערייַ. דאָס לעבן האָט געשטעלט אפן טאָג־סיידער פון קאָמיוג דעם לאָזונג: „נידער מיט דער אויסגעלאַסנקייַט פון די בולווארן און גאסן. זאָל

לעבן די שול, דער קלוב פון ארבעטער־יוגנט!"

אינעם אמאָליקן כאמאָווניק זײַנען געווען א סאך פראכטפולע פריצישע מויערן. דארף מען, הייסט עס, זיך דערשלאָגן, אז איינער פון אָט די פּאלאצן זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם קאָמיוג פאר א קלוב. פאָרלויפיק באטראכטן מיר אלע פּאסיקע געבײַדעס און ווארפן אן אויג אפן מויער פון דער פּריצטע יאקונטשיקאָווא אין „טויטן געסל" (איצט געסל אף אָסטראָווסקיס נאָמען). וויִאזוי נעמט מען אָבער דעם מויער, אז די פּריצטע אליין לעבט נאָך דאָרטן? עס ווײַזט זיך ארויס, אז דאָס לעצטע וואָרט אין אָט דעם איניען געהערט דעם ראטפּאָלקאָם.

שרײַבן מיר אָן א בריוו אין ראטפּאָלקאָם.

עס גייט דורך א שטיקל צײַט. מיטאמאָל — מע קלינגט פון קרעמל. מע לאדט אונדז אײַן אף א זיצונג פונעם ראט פון די פאָלקס־קאָמיסארן. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, מיט וויפל אומרו מיר האָבן געווארט אף אָט דער זיצונג: ווער ווייסט, עפשער וועט אליין לענין דאָרטן זײַן...

אין קרעמל גייט מיט מיר די פארוואלטערן פונעם פרויען־אָפּטייל מאריִא פּיאָדאָראָווּנא איקראניסטאָווא־טרובא, און איוואנאָווער וועבערן, דעפּוטאט פונעם ערשטן איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסקער סאָוועט פון ארבעטער־דעפּוטאטן. אין דרויסן איז א פראָסט. ניט מיר גייען, נאָר מיר לויפן. און אָט איז דער קרעמל. מיר דערוויסן זיך: ס'גייט א זיצונג פונעם קליינעם סאָווּנארקאָם (אין יענער צײַט איז אזא געווען). אונדזער פראגע איז די אכציקסטע. ווארטן מיר. ענדלעך לאדט מען אונדז אײַן. איך גיי אף דער זיצונג איינע אליין. א גרויסער טיש, די פאָרם פון אן עליפּס, ארום אים זיצן זייער א סאך מענטשן. איך דערהער די שטים פונעם פאָרזיצער: „אף די זיצונגען פון סאָווּנארקאָם ווערט דערלויבט צו ריידן בלויז דרײַ מינוט". וואָס קאָן מען זאָגן פאר דרײַ מינוט, וויִאזוי דערווײַזן, אז ס'איז זייער נייטיק א קלוב? און מיטאמאָל: „א וואָרט — דער יוגנט". כ'האָב פארגעסן אין אלע אייצעס און אינסטרוקציעס און אויסגעשאָסן: „טײַערע כאווירים! איר האָט געזען אונדזער לאָזונג — „נידער מיט דער אויסגעלאסנקײַט פון די בולוואַרן און גאסן! זאָל לעבן די שול, דער קלוב פון ארבעטער־יוגנט!". גיט אונדז דעם פּריצישן „אָסאָבניאק", און מיר ווען דעם דאָזיקן לאָזונג פארווירקלעכן אין לעבן"...

דער פאָרזיצער שטעלט צום אָפּשטימען: „ווער איז פאר דער יוגנט?" אלע...

ס'וועט זײַן א קלוב! מיט א פארכאפּטן אָטעם לויפן מיר צוריק.

און ס'האָט אופגעלעבט דאָס „טויטע געסל". זעלבסטעטיקע קרײַזן, א שול, א סעמינאר, א צוזאמענווינונג פאר די יוגנט־טוער. ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די רעוואָליוציאָנערע שלאכטן אין דײַטשלאנד, איז אין אונדזער קלוב געעפנט געוואָרן אן „אינטערנאציאָנאלער צימער". אין קרײַזלעך האָט די יוגנט דערלערנט די דײַטשישע שפראך.

א סאך פּרעכטיקע קלובן און וווּנדערלעכע פּאלאצן פארמאָגט הײַנט אונדזער סאָוועטישע יוגנט. אָבער אין יענעם, אין דעם ערשטן יוגנט־קלוב, וואָס האָט פארנומען דעם פּריצישן „אָסאָבניאק", — אין אים וועל איך קיינמאָל ניט פארגעסן.

א קוואָל פון טאלאנטן

בינימין שווארצער הייבט אָן זײַן ארויסטרעטונג מיט א פראגע:

— ווער האָט נאָך אזוי גוט פארשטאנען און געשעצט טעאטער, ווי די יוגנט? ווער האָט נאָך אזוי געשמאק און מיט פארשטאנד אופגענומען אונדזערע ערשטע פאָרשטעלונגען וועגן דער רעוואָליוציע, ווי אונדזער ברויזיקע יוגנט? מיט עמעסער באגײַסטערונג האָט די ייִדישע יוגנט אין די צוואנציקער יאָרן געקוקט די נײַע ספּעקטאקלען, וועלכע האָבן געטראָגן אידייען פון זיטלעכקײַט, הומאניזם, רעוואָליוציאָנערן פּאטאָס און טרײַשאפט דער רעוואָליוציע.

אין 1920 האָבן מיר אופגעפירט סעמיאָן יושקעוויטשעס פּיעסע „דער קיניג" אין דער איבערזעצונג פונעם אָדעסער קאָמיוגיסט, דאן אן אָנפאנגער־שרײַבער עפראיִם קאגאנאָווסקי. דער ספּעקטאקל, וואָס האָט באוויזן די ביטערע האָרעוואניע, די עקספּלואטאציע פון

דער ארבעטער־יוגנט, איר אקטיוון פּראָטעסט קעגן ווילקיר און אומרעכט מיצאד אזעלכע, ווי דער מיל־אייגנטימער דאָוויד גראָסמאַן, האָט געהאט גרויס דערפאָלג באם יונגן צושויער. אף איינעם א ספּעקטאקל איז צו אונדז געקומען לונאטשארסקי. ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך פארענדיקט, האָט אנאטאָלי וואסיליעוויטש זיך אופגעהויבן אף דער בינע און אויסגעדריקט זײַן אנציקונג מיטן ספּעקטאקל.

אין יענע יאָרן איז אין די שטעט און שטעטלעך פון לאנד אופגעקומען א ברייטע קינסטלערישע זעלבסטעטיקײַט. מיר, די עלטערע אקטיאָרן, האָבן געהאלטן פאר אונדזער כויוו צו שטיצן און מיטהעלפן דעם קאָמיוג אין דער קינסטלערישער דערציִונג פונעם יונגן דאָר. מיר זײַנען גערן ארויסגעטראָטן אין די קאָמיוגישע קלובן אף יוגנט־יאָמטויוים, געהאלטן שעפטום איבער די זעלבסטעטיקע דראמאטישע קאָלעקטיוון און כאָרן.

אָט די ווונדערלעכע טראדיציע פון פרײַנטשאפט צווישן דער יוגנט און טעאטער לעבט אויך איצט. מיר זעען, מיט וואָס פאר א פארגעניגן די יוגנט באזוכט די פאָרשטעלונגען פונעם מאָסקווער יִדישן דראמאטישן אנסאמבל, ווי ווארעם עס באגעגענען אונדז אויך די רוסישע, אוקראִינישע, ווײַסרוסישע, ליטווישע יוגנטלעכע.

און איצט וויל איך זייער בעטן די יונגע אקטיאָרן, וואָס זײַנען אָקאָרשט אָנגעקומען אין אונדזער אנסאמבל, — נאטאשע פּראָלאָווע און שײַע גרינשטיין, — זיי זאָלן דאָ ארויסטרעטן אין „סאָוועטיש היימלאנד" פאר אזא ווונדערלעכער און כאָשעווער אאודיטאָריע — פאר די פאָרשטייער פון קאָמיוגישע דוירעס.

א דאנק אײַך, טאטעס און זיידעס...

נאטאשע פּראָלאָווע איז אלט 19 יאָר. זי איז א קאָמיוגיסטקע. נאטאשע לייענט מיט גרויס געפיל פּושקינס ליד „דער פּאזש" און די ליד פונעם שפּאנישן דיכטער מאטעאָ „די פארקויפערן פון קווייטן".

דערנאָך ווענדט זי זיך צו די פארזאמלטע:

— מיר זײַנען גליקלעך אָנטיילצונעמען אין דער הײַנטיקער באגעגעניש, און אין נאָמען פון אלע יונגע אקטיאָרן זאָג איך: א גרויסן דאנק אײַך, טאטעס און זיידעס אונדזערע, וואָס איר זײַט אזעלכע אומדערמידלעכע, אזעלכע פלאמיקע קאָמיוגיסטן. מיר זאָגן אײַך צו — ניט שוינען די קויכעס, קעדיי זײַן אזעלכע, ווי איר, דערציִען אין זיך אײַער ווונדערלעכן גײַסט און ווערט זײַן אײַער מי.

שײַע גרינשטיין לייענט איבער יאראָסלאוו סמעליאקאָווס ליד „ווען מע איז אלט זיבעצן יאָר" און זאָגט געציילטע, אָבער וואָגיקע ווערטער:

— ס'וועט קומען א צײַט, און אויך מיר, די הײַנטיקע יונגע קאָמיוגיסטן, וועלן דערציילן די ווײַטערדיקע קאָמיוגישע דוירעס וועגן דורכגעגאנגענעם וועג, און דעמלט וועט פאר די אויגן שטיין די באגעגעניש דאָ מיט אײַך...

די ערשטע ליד

איינער פון די סאמע באליבטע סאָוועטישע דיכטער אלעקסאנדער בעזימענסקי איז געווען צווישן די גרינדער פונעם קאָמיוג. ער איז דער אווטאָר פון דער ליד „יונגע גווארדיע", וועלכע איז מיט רעכט געוואָרן דער הימן פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד.

אָט וואָס דער דיכטער האָט דערציילט וועגן דעם, וויִאזוי די „יונגע גווארדיע" איז געבוירן געוואָרן:

— אין מעשעך פון די ערשטע פינף יאָר האָט אונדזער יוגנט־פארבאנד ניט געהאט קיין אייגענע ליד.

אף די פארזאמלונגען, אף די פײַערלעכע אָוונטן, אף די דעמאָנסטראציעס פלעגן מיר זינגען אלטע רעוואָלוציִאָנערע לידער פון דער באָלשעוויסטישער אונטערערד און פאָלקסלידער. אָפט פלעגן מיר אליין שרײַבן אף די אלטע מעלאָדיעס ווערטער וועגן אונדזער אייגן לעבן, וועגן דער יוגנט. גע־

ווײַנלעך פלעגן מיר זיך ניט שטאַרק אַרײַנטראַכטן, צי עס פּאַסן אונדזערע ווערטער צום אינהאַלט פון דער אָדער יענער ליד.

מיר איז באַשערט געווען צו שאַפן די ערשטע קאָמיוגישע ליד, די „יונגע גוואַרדיע". אַף ייִדיש האָט די „יונגע גוואַרדיע" גלענצנדיק איבערגעזעצט מײַן פרײַנט מוני זאָרקי, דער באַגאַבטער קאָמיוגישער טוער, וואָס האָט צוזאַמען מיט כאַיִם דאַבינען רעדאַגירט דעם ייִדישן יוגנט־זשורנאַל „יונג־וואַלד" (אין 1941 איז מוני העלדיש אומגעקומען אַפן פראָנט).

דעם 20 אַפּרעל 1922 האָט מען מיך אַרויסגערופן אַף א זיצונג פון ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמיוג. אַפן טאָג־סיידער איז געווען איין פראַגע: וועגן אָנשרײַבן א קאָמיוגישע ליד, א קאָמיוגישן הימן. די ביוראָ פון צק האָט מיך באַופטראַגט אַזא ליד צו שאַפן. מע האָט מיר געגעבן דרײַ וואָכן צײַט. בייס איך האָב געאַרבעט אַף דער ליד, האָב איך פאַר מײַנע אויגן געזען די יונגע באָכערים און מיידלעך, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געלעבט און געקעמפט.

פאַרשטייט זיך, דאָס האָט באַדאַרפט זײַן א רוף־ליד. טאַקע אין אָט דעם גײַסט איז געבוירן געוואָרן די ערשטע סטראָפע:

דעם העלן טאָג אַנטקעגן,
כאַוויירים, קומט אין שטרײַט.
מיט מוט אַף נײַע וועגן,
ניצאָכן איז ניט ווײַט.

...ווען די ליד איז שוין געווען פאַרטיק, האָב איך א קוק געטאָן אַף מײַן האַנטזייגערל, עס איז געווען פונקט דרײַ אַזייגער באַנאַכט. מיט פאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך אַרויסגערופן דורכן טעלעפאָן דעם האָטעל „ליוקס" (דאָרט האָבן געוווינט די מיטגלידער פון צעקאַמאָל). אין א האַלבער שאָ אַרום האָט די ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט, צוזאַמען מיט אַלע אָפּטיילונג־פאַרוואַלטערס זיך צונויפגעקליבן אַף וואָזדוויזשענקע, 10 (איצט קאַלינין־פּראָספּעקט), אַפן דריטן שטאָק. די דאָזיקע באַנאַכטיקע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען אַן אויסטערלישע. מע איז געזעסן אַף די טישן, אַף די פענצטער. קאָן זײַן, אַז דאָס האָט זיך דערקלערט מיט דעם, וואָס דער פאָרטרעגער האָט באַדאַרפט ניט ריידן, נאָר זינגען.

און איך האָב גענומען זינגען, איך האָב זיך געסטאַרעט זינגען לאַנגזאַם און ניט זייער הויך. געזונגען האָב איך אַפן מאָטיוו פון דער באַקאַנטער טיראָלער ליד...

נאָך צוויי מאָל איבערכאַזערן די ווערטער האָבן שוין אַלע כאַוויירים געוווסט די ליד אַף אויסווייניק. מע האָט געזונגען אַלץ העכער, אַלץ דרייסטער. מיר האָבן אַפילע פאַרגעסן, ווו מיר געפינען זיך און אַז עס איז ערשט האַלב פינף באַגינען. מיר האָבן געזונגען. איך האָב פּלוצעם באַמערקט, אַז די צאָל מענטשן אין צימער וואַקסט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אײַנוווינער פון א העכערן שטאָק האָבן זיך אופגעכאַפּט, דערהערנדיק, ווי עס זינגט אונדזער כאָר, און מע איז געקומען זיך דערוויסן, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. דערנאָך האָבן שוין אויך די אַרײַנגעקומענע זיך פאַרייניקט צו אונדז און מיטגעזונגען. אַפילע אַלטע לײַט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין כאָר. פאַר זיי איז געווען באַזונדערס פאַרשטענדלעך די צווייטע סטראָפע:

— מיר היטן אין זיקאָרן
דעם טאַם פון אַלטער וועלט,
דעם פּײַן פון קינדער־יאָרן,
פון הונגער און פון קעלט...

פון דער געבײַדע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמיוג האָבן זיך געטראָגן די קלאַנגען פון דער ליד:

מיר זײַנען די יונגע גוואַרדיע
פון פּראָלעטאַריאַט...

עס איז דורך ניט מער ווי א כוידעש צײַט, און די „יונגע גוואַרדיע" האָט מען שוין געזונגען אין גאַנצן לאַנד, אַף אַלע קאָמיוגישע פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס, מיטינגען און אין דער היים. די ליד איז אַרײַן אין לעבן!

פון יענער צײַט זײַנען שוין דורך 46 יאָר. א סאַך זייער גוטע קאָמיוגישע לידער זײַנען געשאַפן געוואָרן, נאָר די „יונגע גוואַרדיע" איז געווען די ערשטע.

מיר גרויסן זיך מיט די קאָמיוגישע שרײַבער

אַרן ווערגעליס שליסט די באַגעגעניש:

— מיר זײַנען, אַלזאָ, געקומען צו א ברעג. אונדזער באַגעגעניש פאַרענדיקט זיך. דער געשפּרעך איז געווען אַן ערנסטער, אַן אײַנהאַלטסרײַכער, ער פאַרדינט די אופמערקזאַמקײַט פון די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

איך וואָלט וועלן צום שלוס זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די קאָמיוגישע טראַדיציעס אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

איר ווייסט, אַז די ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן. און ווען ס'זײַנען אין דער ייִדישער ליטעראַטור געקומען צום וואָרט די ערשטע קאָמיוגישע דיכטער, איז עס געווען דערפאַר, ווײַל אין דער ייִדישער סוויווע זײַנען געווען טויזנטער ערשטע קאָמיוגיסטן. די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָבן זייער שאַפונג אָנגעהויבן מיט א וואָרט, געווענדט צו דער יוגנט און אין נאָמען פון דער יוגנט. אָשער שוואַרצמאַן, לייב קוויטקאָ און אַנדערע האָבן אָנגעשריבן לידער, וואָס האָבן געקלונגען ווי אַן אויסדרוק פון די באַגערן און טרוימען פון דער יוגנט.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט געגעבן אַזעלכע גרויסע קאָמיוגישע פּאָעטן, ווי איציק פעפער און איזי כאַריק, און נאָך זיי — א גאַנצע פּלעיאַדע דיכטער און פּראָזאַיקער — קאָמיוגיסטן פון די 20־ער און 30־ער יאָרן: יויסעף ראַבין, בוזי אָליעווסקי, יויסעף קאָטליאַר, נאָטע לוריע, אוורהאָם גאָנטאַר, כאַיִם מעלאַמוד, עלי שעכטמאַן, מאָטל האַרצמאַן, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, יעכיעל פאַליקמאַן, כאַיִם מאַלטינסקי, מאָטל גרוביאַן, שמועל העלמאָנד, כאָנע ווײַנערמאַן, איציק קאָוונער, נאָטע ווײַנהויז און א סאַך אַנדערע.

יאָ, מיר גרויסן זיך דערמיט, וואָס צווישן די בעסטע סאָוועטישע שרײַבער, וועלכע האָבן געשאַפן א גאָר נײַע לויטן אינהאַלט און לויטן גײַסט-צושטאַנד קאָמיוגישע ליטעראַטור, זײַנען געווען און פאַרבלײַבן אויך איצט די ייִדישע שרײַבער־קאָמיוגיסטן.

איך וויל אויך נאָכאַמאָל באַטאָנען, אַז אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" שטרעבט דערצו, מע זאָל אים שטענדיק רעכענען פאַר א יונגן זשורנאַל. און צום שלוס — א האַרציקן דאַנק אײַך פאַרן הײַנטיקן געשפּרעך. איך בעט אײַך אָפטער קומען צו אונדז אין רעדאַקציע. זײַט אַלע געזונט, יונג און גליקלעך.

הונדערט מיליאָן

דאָס וואָרט פון אַלעקסאַנדער טשעסנאָוויטשוס — סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פונעם אַלפאַרבאַנדישן לענינישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד, מיט וועלכן ער האָט זיך שריפטלעך געווענדט צו אונדזערע לייענער.

פאַר די פאַרגאַנגענע 50 יאָר האָבן די שול פון קאָמיוג דורכגעמאַכט קימאַט הונדערט מיליאָן מענטשן.

דאָס זײַנען יענע, וואָס האָבן אין די יאָרן פון בירגערקריג, האַנט־בײַ־האַנט מיטן עלטערן דור, געגעבן טויט־קלעפּ דער קאָנטררעוואָליוציע און די אינטערווענטן;

דאָס זײַנען יענע, וואָס האָבן געבויט דעם ערשטן טראַקטאָר־זאַוואָד, דעם דניעפּראָהעס, דעם טורקסיב, די שטאָט קאָמסאָמאָלסק־אויפן־אַמור; וואָס האָבן געשאַפן די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונעס און קאָלווירטן;

דאָס זײַנען יענע, וואָס האָבן אויף די פראָנטן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע פאַרטיידיקט די פרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט פון אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד;

דאָס זײַנען יענע, וואָס פליִען איצט אין קאָסמאָס, וואָס זײַנען הייסע פּאַטריאָטן פון אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד און, דערצויגענע אין גײַסט פון טיפער פעלקער־פרײַנטשאַפט, טראָגן זיי הויך די פאָן פון פראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם.

דער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד, וואָס האָט אָנגעהויבן זײַן וועג פון די ערשטע קאָמיוגישע קעמערלעך, האָט איצט 23 מיליאָן מיטגלידער און זאָרגט וועגן דעם, אַז יעדער יונגער סאָוועטישער מענטש זאָל אײַנזאַפּן אין זיך די רעוואָליוציאָנערע שלאַכט־טראַדיציעס. אין דעם פּראַט העלפן אונדז שטענדיק די וועטעראַנען פון קאָמיוג, וועלכע מיר שעצן זייער הויך.

דערבײַ האַלטן מיר, אַז אַלע די, וואָס זײַנען דערצויגן געוואָרן אין קאָמיוג, אָנגעהויבן פון אָקטיאַבער 1918, זײַנען ביז הײַנט פאַרבליבן יונג, ניט מער, א טייל פון זיי איז פּאָשעט פריִער געבוירן געוואָרן.

באַגריסנדיק זיך מיט דער געלעגנהײַט, וויל איך אײַך הייס באַגריסן און ווינטשן אײַך א סאַך גליק, נאַכעס און דערפאָלג אין אײַער לעבן און אַרבעט.



פונעם בוך „טויבן אפֿן דאַך"

דער בודיאָנאָוועץ

אַז שלימקע שוואַרץ האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל
אין אַ בודיאָנאָווקע, אין אַ געלאַטעטן שינעל,
האָבן טאַטע־מאַמע און די גוטע שכנים
גענומען יאָמערן און וויינען.

— שלימקעלע, אַ בראָך אין דײַנע נירן!
דו הער אוף שפּילן זיך מיט פֿײַער... —
האָט שלימקעלע אַרויסגעכאַפּט דעם שפּײַער:
— היט זיך, קאָנטרע, אויב אײַך איז נאָך דאָס לעבן טײַער!

און ס'האָט די מאַמע זיך צעפּאַכעט מיט די הענט,
ווי די ניטגוטע, אַרויסגעיאָגט די שכנים.
און בא דעם זון געבעטן זיך:
— נעם, טו כאָטש אָן אַ וואַרעם העמד,
און טו, ווי דו פֿאַרשטייסט, און פֿרעג ניט קיינעם...

אַז שלימקע שוואַרץ אַרײַנגעריטן איז אין ליק
אַף אַ געפּלעקטן אָגער, ווי מאָשיעכס אייניק,
האָט די געלע כאַנקע פֿון שויב ניט אָפּגעריסן
שוין איר בליק,
אוןביידע גרויסע אויגן זײַנען געוועזן איר וויניק.

און אַז שלימקע שוואַרץ
איז אַרויסגעריטן אַפֿן גאַלעכס פּלאַץ,
געשטעלט זיך אין דער ריי פֿון רויטאַרמייער,
האָט דאָס האַרץ פֿון טוווע־הענדלער מייער
שיר־שיר פֿון ווייטעק ניט געפּלאַצט.

אַז שלימקע שוואַרץ אַוועק איז אַפֿן פֿראָנט,
באַגלייט עס האָבן אים די פּיסקע־געסלעך.
און יוינע באָנדער האָט זיך גראָד דערמאָנט,
אַז ניט אײן רייף
האָט דער יונגאַטש אַראָפּגעכאַפּט פֿון זײַנע פּעסלעך.

אַז שלימקע שוואַרץ איז שוין געוועזן באַם גרינעם באַרג,
געפּאַכעט מיט דער האַנט, געזעגנט זיך מיט שכיינים,
האָט קינד־און־קייט געשריגן: „בלײַב געזונט און שטאַרק!.."
מעקוייעם ווערט דער ווונטש, וואָס קומט פֿון הערצער ריינע...

פענצטער

פענצטער, פענצטער קוקן אין מײַן פענצטער,
קוק איך, ווי זיי לעשן זיך געהיים,
אין פינצטערניש פארשווינדן די געשפענסטער,
אנשלאָפן ווערט א היים, און נאָך א היים.

עס טרעפט אמאָל באנאכט, ווען אלע שלאָפן,
איך נעם אראָפּ א פרעמדן דאך פון הויז.
כ'צעשפאר די ווענט —
אָט שטייען פאר מיר אָפן
פיל קליינע וועלטעלעך,
וואס זײַנען שרעקלעך גרויס.

עס שלאָפט א פרוי. זי האָט די הענט צעוואָרפן,
נאָר אף די באקן פינקלט נאָך א טרער.
וואָס איז געשען? וואָס האָט מיט איר געטראָפן?
ווער האָט באליידיקט זי?
דו ווייסט ניט ווער?

און דאָרט?..
(איך ווענדע אָפּ דעם בליק באשיידן.)
דאָרט פליִען צוויי פארליבטע פון דער ערד אוועק.
פאר זיי איז אָפן איצט דער טויער פון גאניידן.
איז וואָס באטײַט פאר זיי די נישטיקײַט פון שרעק?

אָן איינזאם צימערל, א גרײַזער אלטער
שטרעקט אויס די האנט צום שטומען טעלעפאָן.
ער מאכט א שפאן. נאָר אָט־אָ פאלט ער —
דעם לעצטן שפאַן האָט ער אצינד געטאָן.

און דאָ, הינטער דער וואנט,
איך הער א פידל שפילן.
א ייִנגל שפילט —
ער טראכט, אז די לעוואָנע הערט אים אויס.
איך שפאן ארום אין שווארצן טהאָם אין שטילן,
אין קליינע וועלטעלעך, וואס זײַנען שרעקלעך גרויס.

• • •

זאָל דער שניי ניט שיטן,
זאָל דער ווינט ניט בלאָזן.
וועט מײַן גרינגער שליטן
אינעם וועג זיך לאָזן.

אינעם טאָל דעם ברייטן,
אין דעם שטילן יישעוו,
אינעם הויף פארשנייטן
ווינט מײַן טויב, מײַן קישעף.

אין צוויי גרויסע פוישטן
לויפט זי צו דעם פארקן,
קוקט ארויס אין דרויסן —
קאָן זיך ניט דערווארטן.

ס'קאָן דער פראָסט אָן פינגער
קנײַפּן אירע באקן.
ס'קאָן דער ווינט דער שפרינגער
זי באם אויער פאקן.

זאָלן שנייען שיטן,
זאָלן ווינטן ברומען,
כ'וועל אָן פערד, אָן שליטן
קומען, קומען, קומען!

פון די אויגן טריבע
אויסקושן דעם טרויער,
איר דעם פלאַם פון ליבע
אײַנרוימען אין אויער.

ניט אומיסטן

ווידער שוין באַרויגעז?
ווידער קידער־ווידער?
זאָג מיר, וועמען טויג עס,
סײַדן מײַנע לידער?

מײַנע אויגן, זאָגסטו,
גיבן אויס מיך שטענדיק...
אַט דערפאַר־אַ קלאָגסטו?
נו, גענוג שוין, ענדיק!

ס'איז דאָך אַלץ אַ שפּיל נאַר,
ס'איז דאָך אַלץ אומגערן.

ווער אַ רעגע שטילער,
ווילסט, וועל איך דיר שווערן...
נאָר צו וואָס די שוועס?
מעגסט אַליין שוין וויסן —
נאַרעלע, איך טו עס
קיינמאָל ניט אומיסטן.

אויב מײַן בליק נעמט ברענען,
איז אַ גוטער סימען...
הייסט עס, כ'וועל נאָך קענען
אין מײַן ליד דיך רימען.

• • •

כ'וועל אוועק אין די בערג,
איך באַדאַרף קיין באַגלייטער.
כ'וועל אוועקגיין,
דו הערסט?
אין אַ וועלט אין אַ צווייטער.

די הילכיקע שטילקײַט
מיט ציטער כ'וועל הערן.
דער באַרגיקער ווילדקײַט
מײַן ליד וועט ניט שטערן.

כ'וועל דאָרט טרעפן אין וועג
אַן אַקשן אַן אַלטן,
וואָס פון בעט איז אוועק
פונעם טויט זיך באַהאַלטן.

פון מײַן טראָט וועט אַ שטיין
צו דעם אָפּגרונט זיך וואַרפן,
ס'וועט אַן עכאָ דערגיין
צו דײַן אויער דײַן שאַרפן.

כ'וועל דײַן גרויליק געשריי
אין די הייכן דערהערן,
ס'וועט מײַן בענקשאַפט, דײַן ווײ
פון די בערג מיך אומקערן.

העפקער־שפּיל

דער שוואַרצער יאַם איז
שיקער —
פאַרשײַט צום פעלדז ער אײַלט.
ער רײַסט פון לײַב זיך שטיקער,
דעם קאָפּ אין שטיין צעבײַלט.

איך קוק און בין מעקאַנע
זײַן בייזער העפקער־שפּיל.

דאָס איז דערפאַר מיסטאַמע,
ווײַל איך בין שטענדיק שטיל.

אפילע ווען דער ווייטעק
דערגייט שוין ביזן האַלדז,
אפילע ווען ס'איז בייטיק
אין פײַער וואַרפן אַלץ.

מע שערט די ליפּעס

באַם פענצטער בייגט די ליפּע זיך
און קוקט צו דר'ערד אַראָפּ.
אַט־אַט וועט זי צעכליפּען זיך —
דעם קאָפּ מע זעגט איר אָפּ...

מע דאַרף ניט, ליבע, טרויערן,
דײַן ווונד וועט גיך פאַרגיין.
אַנשטאָט די לאַנגע אויערן
וועסט וואַקסן שטאַרק און שיין.

נאָך לאַנגע יאָר צעשיידונג

דיך האָבן אויסגעגעבן דײַנע אויגן —
דו האָסט מיך ניט דערקענט.
די הענט דו האָסט מיר אויסגעצויגן —
נאָר פרעמדע הענט.
אומזיסט האָסטו דעם זיפץ פאַרהאַלטן,
מײַן אַלטער פרײַנט.
אין אויסגעוועפּטן בליק אין קאַלטן
אמאָל א בליץ נאָך שײַנט.

א בליץ?
עס טרעפט שוין אָבער זעלטן,
און ווילסטו וויסן, —
שוין גענוג געבליצט!
כ'בין דורכגעגאַנגען טויזנט וועלטן —
האָט יעדער טראָט אין מיר זיך אײַנגעקריצט.

און איצט?
איך וואָלט זיך איצט צוריק ניט קערן,
כאָטש דעמלט האָט געבליט, געגרינט.
מיך קלעמען ניט די קנייטשן אפן שטערן —
כ'האָב ערלעך זיי פאַרדינט.

ס'האָט יעדער קנייטשעלע געקאָסט מיך טײַער,
דער זילבער פון די האָר —
נאָך טײַערער פון גאָלד.
פון סינע האָט מיך אָפּגעבריט דאָס פײַער,
און ליבע וועט אף אלע יאָרן סטײַען,
וואָס נאָך וואָלסטו געוואָלט?

איז רויִק קוק אף מײַן צעקנייטשטן פּאָנעם
און זײַ אף מיר ניט בייז,
און ווילסטו גאָר,
וועל איך דיר אַלץ דערמאָנען —
און זאָל דאָס זײַן פאַר אונדז א טרייסט.

• • •

די פיס אף דער קאנאפע אונטער זיך.
דאָס קלייד אונטער די קני פאַרצויגן.
אין ביידע דלאָניעס דאָס געזיכט,
פאַרשטאַרטע קוקן אין דער ווײַט די אויגן.

די שאַפע אופגעפּראַלט — א פּוסטער פּיסק,
אף גרינעם טעפּיך — בלאַנקענדיקע שליסל.
עס זומזעט דורך א פליג,
פונקט ווי א שאָס פון ביקס

די שטילקײַט אינעם צימער
וואַלט צעריסן.

א קליינינק צעטעלע אף שפּיגל־גלאָז.
די פליג הייבט ווידער אָן צו זשומען.
צו וואָס דאָס לייענען,
זי ווייסט שוין, וואָס
אין צעטל שטייט:
„כ'וועל מער ניט קומען".

• • •

פאַרשוווּנדן איז די זון,
און מידע שניטער
דורך פרישער סטערניע שפּאַנען
לאַנגזאַם, שווער.
קאַיאָר האָט אָנגעזאָגט דער הימל א געוויטער,
האָט איצט די ערד געטאָן א שטילן ציטער
פון ערשטער פאַלנדיקער טרער.

און ס'האָט א שמײַס געטאָן אַן אוזעסדיקער רעגן,
איז יעדער שטרויעלע איצט פולער פון אַן אויג.
ווי סנאָפּעס זײַנען סנאָפּעס שוין געלעגן,

דער רעגן האָט דורך טויזנט וועגן
דערקליבן זיך צו יעדער סטויג.

דער הימל האָט געלאַכט מיט בייזע בליצן,
געדונערט האָבן דונערן מיט כּאַס.
די שניטער מעגן מיט די ציינער קריצן,
ס'וועט קיינער זייער מי פון שלאַקסרעגן באַשיצן —
פון העפקערדיקן זומערדיקן שפּאַס.

פאַרנאַכט זײַנען די וואָלקנס זיך צעפלויגן,
דער הימל האָט צעשיידט זיך מיט דער ערד.
געקוקט מיט טפילע אין פאַרליבטע אויגן
די שניטער האָבן אפן רעגנבויגן
און אפן הימל, וואָס מיט שעפע זיי דערנערט.

יעכיעל פאַליקמאַן

דער שוואַרצער ווינט

(ראָמאַן)

XXI. אומגעקערטע ערד. די האָפענונג

1 נאָך די פאַרביטערטע שלאַכטן צו צאָפן פון ראָסטאָוו, ווו די דײַטשן האָבן קיין דערפאָלג ניט דערגרייכט, איז אויף דעם דאָזיקן פראָנט געוואָרן פאַרהעלט־ניסמעסיק שטיל.

געקאָנט האָט זיך דוכטן: דער סוינע האָט בעדייע איבערצוואַרטן די האַרבסטיקע רעגנס, ער קוקט אַרויס אויף די ערשטע פרעסט, ווען זײַן טעכניק וועט קאָנען אומעטום דורכגיין. ס׳איז אָבער גענוג געווען וואַרפן אַ בליק פון דער טראַנשיי אויפן פעלד, אויף די פאַרברענטע ייִשוּווים, ווו ס׳האָבן זיך געשוואַרצט צעקלאַפּטע פאַשיסטישע טאַנקען, צעקאַליעטשעטע האַרמאַטן, איבערגעקערטע אויטאָמאַשינעס, ס׳איז גענוג געווען זיך דערמאָנען און אַ טראַכט געבן, וויאַזוי די שלאַכטן זײַנען דאָ געגאַנגען, אַז עס זאָל ווערן קלאָר: ניין, דאָס איז ניט בלויז אַ קורצע אָטעם־פּויזע, — דער סוינע האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס. ווער עס האָט געדענקט ניט נאָר אין די ראַמען פון זײַן שמאָלן פראָנט־באַצירק, האָט באַנומען מער: דער דאָזיקער שטיל־שטאַנד, וואָס הערשט דאָ, ווען הינטער מאָסקווע גייט אַזאַ ריזיקער געראַנגל, איז פאַרן סוינע ביז גאָר ניט געוווּנטשן. די זאַך באַשטייט דערין, וואָס ניט די דײַטשן דיקטירן דאָ איצט זייער ווילן אויפן שלאַכטפעלד, נאָר די קרעפטן, וואָס שטייען קעגן זיי. דאָס, וואָס ס׳איז דאָ געשען, איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אַן אָנזאָג פון דעם, וואָס עס האָט געמוזט אומפאַרמײַדלעך געשען אויך הינטער מאָסקווע.

די געפּאַנצערטע צוואַנג, וואָס קלייסט האָט אויסגעשטרעקט אויף אַרומצוכאַפּן ראָסטאָוו פון צאָפן־זײַט, איז אײַנגעבראָכן געוואָרן. אָבער אַוואַנטיוריסטן בלײַבן אַוואַנטיוריסטן: דאָס, וואָס די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט האָט ניט געוואַגט צו טאָן אין אָקטיאַבער, ווען אירע אָפּ־

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נום. 9.

געשוואכטע קאָלאָנעס פּעכאָטע און טאַנקען זײַנען דורך מאַריופּאָל ארויס גלײַך אנטקעגן ראָסטאָוו, — א וואָרף טאָן זיך אַף דער שטאָט, — דאָס האָט זי אין פאַרצווייפלונג באַשטימט צו טאָן איצט, אין דער צווייטער העלפט פון נאָיאבער. נאָך אַן אײַליקער און ווײַט ניט קיין גלענצנדיקער קויכעס־איבערגרופּירונג האָט דער סוינע פאַרנומען ראָסטאָוו, קעדיי כאַטשבי מיט דעם עפּשער ווירקן אַף די וואָגשאָלן, וואָס האָבן הינטער מאָסקווע זיך שוין אָנגעהויבן נייגן ניט צו גונסטן פאַר היטלערן.

אונדזערע טײלן, וועלכע האָבן אינמיטן נאָיאבער פאַרגענומען אַקטיווע אָפּעראַציעס צאָפנדיקער פון ראָסטאָוו, האָט דער דײַטשישער אוואַנטיוריסטישער שפּרונג צו דער שטאָט ניט צעטומלט. זיי האָבן פאָרגעזעצט דעם אָנגריף אין דער ריכטונג פונעם טאַגאַנראָגער אײַנגוס, מײַרעוודיקער פון ראָסטאָוו, קעדיי צונישט מאַכן דעם סוינעס דערפאָלג.

אַקוראַט פאַרן אָנהייב פון די אַקטיווע קריגס־אָפּעראַציעס קעגן די דײַטשן צו צאָפן פון ראָסטאָוו איז יאַסענעווס דיוויזיע אָפּגעפירט געוואָרן פונעם פראָנט אַף א קילאָמעטער צוואַנציק אין הינטערלאַנד, צו דרײַ סטעפּישע ישוּווים, ארום וועלכע עס האָט זיך געשלענגלט א טײַכל, פאַרוואַקסן מיט טשערעט. עס האָבן זיך געשטעלט די ערשטע, גלײַך פון אָנהייב שטאַרקע פרעסטלעך. באַטאָג האָבן די סאָלדאַטן אינעם בלאָטיקן געפריר צווישן דעם טשערעט געגראָבן אָקאָפּעס, געפּעסטיקט זיי מיט לאָזע און באַנאַכט פאַרלאָזט די ניט פאַרענדיקטע טראַנשייען, איבערן גאַנץ דינעם אײַז, וואָס ברעכט זיך אונטער די פיס, אַריבערגעגאַנגען אַפן צווייטן, העכערן ברעג פונעם טײַכל און אָנגעגריפן אַף די שכײנישע כוטאָרלעך. אַזוי האָט זיך עס איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל. דער גענעראַל און די פּאָלק־קאָמאַנדירן האָבן צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן געשפּאַנט איבערן אײַז, מיט זיי באַנאַנד געפויזעט אינעם טשערעט, געגאַנגען אין אַטאַקע. יעדערער האָט געפילט: די דיוויזיע גרייט זיך צו עפּעס גאָר וויכטיקס.

דערנאָך איז מען געווען אין מאַרש. צוויי נעכט האָט מען געשפּאַנט דורך ווינט און שניי, באַטאָג אָפּגערוט אין די קאָזאַקישע סטאַניצעס, וווהין ס׳האָט זיך דערטראָגן די פראָנט־קאַנאָנאַדע; זי האָט געהילכט ערגעץ ווײַט, נאָר מע האָט גוט געהערט, ווי זי קלינגט אָפּ אַף דער פראָסטיק־פאַרקאָווועטער ערד.

געגאַנגען איז מען אַף דאָרעם־מײַרעוו, אַלץ דערנעענטערט זיך צו דער קאַנאָנאַדע, און ענדלעך שטיין געבליבן שוין אַפן פראָנט, קימאַט באַ פּונקט אַזאַ ברייט־צעגאָסן טײַכל, באַוואַקסן מיט טשערעט, ווי יענץ, באַ וועלכן מע האָט די עטלעכע טעג זיך געלערנט. און אַנטקעגניבער, אַפן העכערן ברעג, זײַנען געווען צעוואָרפן דערפער, אויך פּונקט אַזעלכע, ווי דאָרט, אין סטעפּ, וועלכן מע האָט פאַרלאָזט. איצט אָבער זײַנען אין די דערפער, וואָס מע האָט געזען פאַר זיך, ניט געווען קיין אײַנוווינער — דאָרט זײַנען געווען די דײַטשן. מע האָט געשמועסט, אַז פון די בערגלעך, וואָס געפינען זיך באַ די דײַטשן אין די הענט, קאָן מען זען ראָסטאָוו, אַז דער בלאַסער רויך, וואָס ציט זיך באַטאָג באַם האָריזאָנט, הענגט איבער די ברענענדיקע ראָסטאָווער פאָרשטעט. אַזוי צי אַזוי, נאָר ראָסטאָוו איז געווען ניט ווײַט.

דאַניעלס פּאָלק האָט פאַרנומען פּאָזיציעס אינעם טשערעט, א דרײַ הונדערט מעטער פונעם סוינע. ארום־און־ארום האָט זיך געשפּרייט דינער, שוואַרצלעכער אײַז — דאָס פעלד ווערט דאָ, זעט אויס, פאַרגאָסן אין האַרבסט ביז סאַמע פרילינג. די סאָלדאַטן האָבן געדלובעט זייערע ניט טיפע אָקאָפּעס אינעם אײַז, געוואַרט, ביז דאָס וואַסער איז דאָרט אויסגעפרוירן, און געדלובעט ווײַטער. דער טשערעט האָט א ביסל געשיצט פונעם ווינט, באַשיצט פונעם סוינעס שפּירנדיקן אויג, נאָר ניט געקאָנט באַשיצן פון די סנאַריאַדן און מינעס, וואָס האָבן געבראָכן דאָס אײַז און צעשאָטן הייסע שפּליטערס.

די אויסשפּירער האָבן ניט גערוט. מע האָט זיך פאַרטײַעט באַם סאַמע טײַכל, אין די נעכט אַריבערגעפויזעט אַפן אַנדערן ברעג און מיט פאַרשיידענע מיטלען אַרויסגערופן דעם סוינעס פײַער, שטריך נאָך שטריך אויפגעדעקט זײַן שויץ־סיסטעם. צי די גאַנץ קנאַפּע ידיעס וועגן די דײַטשן, וואָס ס׳האָט איבערגעלאָזט דער באַטאַליאָן, וועלכן דער פּאָלק האָט דאָ פאַרביטן, האָט ראַזוטשעפּקין צוגעגעבן זייער פיל וועזנטלעכס. אין גרונט האָט זיך אויסגעקלאָרט אַזאַ בילד: דער סוינע ריכט זיך אַף א קלאַפּ אינעם צענטער פונעם גרויסן דאָרף סאַטו, וואָס ליגט אַפן הויכלאַנד באַם סאַמע טײַכל. אינעם דאָרף זײַנען קאָנצענטרירט די גרונט־קויכעס פון די דײַטשן. קימאַט יעדער שטוב איז פאַרוואַנדלט אין א דזאָט[1], אַפילע אין די הײַזער שטייען האַרמאַטן. אַנדערהאַלבן קילאָמעטער נידעריקער, ווידער טאַקע באַם טײַכל, דאָס צווייטע דאָרף,

[1] רוסישע אַבריוויאַטור. באַטײַט — א פײַער־נעסט, געמאַכט פון ערד און האָלץ, אין אונטערשייד פון דאָטן — בעטאָנירטע פײַער־נעסטן.

ביסטריאַנקע, — אויך פאַרפעסטיקט, כאָטש ניט אַזוי גרינטלעך, ווי דאָס ערשטע. צווישן ביידע דערפער גייט דורך אַ ברייטער און טיפער יאַר, וועלכער ווערט קריייצאַרטיק באַשאָסן פון די פײַער־נעסטן, וואָס געפינען זיך אויף די ראַנדן פון ביידע דערפער. אייגנטלעך גערעדט, באַטראַכטן די דײַטשן דעם יאַר, ווי אַ מין פּאַסטקע פאַר די אָנגרײַפנדיקע. דאַניעל האָט באַוויזן די דאָזיקע סכעמע דעם גענעראַל־מאַיאָר יאַסענעוו און אַרויסגעזאָגט אַ גאַנץ דרייסטן געדאַנק: אָנגרײַפן גראָד דאָרטן, ווו דער סוינע האָט פאַרגרייט די פּאַסטקע. די דײַטשן רעכענען אויס, אַז צום יאַר וועלן די אָנגרײַפנדיקע שיקן בלויז אַ קליינעם טייל פון זייערע קויכעס; איז קעדײַ גראָד דאָרט דערלאַנגען דעם גרונט־קלאַפּ.

דעם 25 און 26 נאָיאַבער — די טעג, ווען מע האָט זיך העפטיק געגרייט צו אַ קאָנטראַטאַקע אויפן גאַנצן ראָסטאָווער פראָנט, — האָט דאַניעלס פּאָלק־אַרטילעריע, שטשוסיעוס אַרטילערישער פּאָלק, ווי אויך די צוויי צוגעגעבענע דיוויזיאָנען שווערע האַרמאַטן לויט גאָר אַ פּינקטלעכער סכעמע באַשאָסן די פײַער־נעסטן, וואָס האָבן בלאָקירט דעם יאַר. איינצײַטיק אָבער זײַנען נאָך מער אינטענסיוו באַשאָסן געוואָרן די צוויי פאַרפעסטיקטע דערפער, באַזונדערס סאַטו, און דער סוינע האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז דער גרונט־קלאַפּ וועט געריכטעט ווערן דירעקט קעגן די דערפער.

אין דער נאַכט אויפן 27 נאָיאַבער האָט דאַניעל געהיים קאָנצענטרירט דעם פּאָלק אַנטקעגן דעם יאַר און איבערגעלאָזט אין די שוצגריבער בלויז אַ שלאַכט־וואַך. ראַטע נאָך ראַטע האָט זיך געלאָזט איבערן אײַז, און אינגיכן איז דער גאַנצער פּאָלק אַרײַן צווישן די הויכע, טונקעלע ברעגן פונעם יאַר, וווהין עס האָבן זיך נאָך ביז דעם דורכגעשמוגלט אויסשפּירער און מיניאָרן. דאָ האָט דאַניעל צעטיילט דעם פּאָלק אויף צוויי שלאָג־גרופּעס — איינע האָט גענומען אַרומרינגלען סאַטו, און די צווייטע — ביסטריאַנקע. עס איז אונטערגעקומען סאַווטשענקאָס פּאָלק, און די אַרומרינגלונג איז שטײַפער געוואָרן. די דײַטשן האָבן אַ שטיק צײַט געשאָסן פון די פאַרפעסטיקטע דערפער, פילנדיק זיך דאָרט גאַנץ זיכער. אָבער ווי נאָר ס׳האָט זיך געשטעלט דער נעפלדיקער קאַיאָר, געכאַפּט זיך, אַז מע איז זיי פאַרגאַנגען פונעם רוקן, האָבן די דײַטשן, וואַרפנדיק די טעכניק, אַ שאָט געטאָן פון די דערפער און גענומען אָפּטרעטן אויף אויטאָמאַשינעס און צופוס לענגאויס דער אײַזנבאַן אויף מײַרעוו. דאַניעלס סאָלדאַטן האָבן דורך די געדעטענער אַרײַנגעריסן זיך אין די דערפער, פאַרניכטעט די פײַער־נעסטן, וואָס זײַנען נאָך דאָרט פאַרבליבן.

אויף די אײַנגעפאָרענע וועגן האָבן זיך געוואַלגערט איבערגעקערטע דײַטשישע אויטאָמאַשינעס, אין ראַכוועסדיקן פאַרשנייטן פעלד זײַנען, ווי שוואַרצע פלעקן, געבליבן ליגן דעם סוינעס טויטע סאָלדאַטן. סאָקאָליעצס באַטאַליאָן האָט שוין געפירט אַ שלאַכט בײַ אַ דאָרף, פינף קילאָמעטער ווײַטער פונעם טײַכל, אין הוילן סטעפּ. אינעם געשאַפענעם דורכרײַס האָבן זיך אַרײַנגעצויגן נײַע קרעפטן. דער אָנגריף איז אָנגעוואַקסן.

2

אַט אַזוי איז געקומען די צײַט פון אָנגריף, אויף וועלכער מע האָט אַזויפיל געוואַרט, געקומען ניט מיט יאָמטעוו, ווי עמעצער האָט זיך דאָס געקאָנט פאָרשטעלן, נאָר וואָכעדיק און אפילו מיט ביטערקײַט, מיט רויך און בלוט, מיט גרויסער אָנשטרענגונג. בלויז איין געפיל, עפּשער אַ ניט באַזיניקטס, האָט באַהערשט סײַ דעם סאָלדאַט, סײַ דעם העכסטן קאָמאַנדיר פון דעם דאָזיקן אָנגרײַפנדיקן פראָנט, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם טאַגאַנראָגער אײַנגוס ביזן טײַך דאָניעץ, — דאָס זײַנען עפּעס ווי פענטעס אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון די הענט, פון די פיס, פונעם האַרצן. אינעם גליוועדיקן פראָסט קאָכט דאָס בלוט פון אַזאַ ברויזנדיקער פרייד — אָנגריף! און די ווײַטן זײַנען מער קיין ווײַטן ניט, און דאָס שווערע איז שוין ניט צו שווער. דער טויט דערמאָנט אָן זיך. נאָר איצט האָט ער מער צו טאָן מיטן סוינע. סימאָנים דערפון זעט מען אויף יעדן טראָט: צעקלאַפּטע דײַטשישע אויטאָמאַשינעס מיט צעשאָטענע פּאַפּירן און שמאַטעס, צעלאָמעטע האַרמאַטן און טאַנקען, מיט זאַוואָד־מאַרקעס פון ווײַטע רורער שטעט, דערהאַרגעטע פײַנטלעכע סאָלדאַטן, האַלב־פאַרווייעטע מיט שניי אין די אָפּגיך געגראָבענע טראַנשייען בײַ די שליאַכן...

דאַניעל האָט קיין צײַט ניט געהאַט זיך אָפּגעבן אַ כעזשבן אין אַלץ, וואָס ער פילט, — דער אָנגריף האָט אים אינגאַנצן מיטגעריסן, און געוווּסט האָט ער נאָר — דאָס איז שווערע אַרבעט, שווערע סאָלדאַטישע מי. דײַגעס האָט ער געהאַט אפילו מער, ווי בײַס די פאַרטיידיקונגשלאַכטן: ס׳זײַנען אָפּגעשטאַנען צי פאַרפאָרן ניט אַהין ווו מע דאַרף די מאַשינעס, וואָס האָבן געפירט סנאַריאַדן, די קיכן יאָגן קוים אָן די ראָטעס, אויפן מעדיצינישן פּונקט זאַמלען זיך צונויף אַ סאַך פאַרוווּנדעטע. דאָס אַלץ זײַנען געווען איניאָנים, וואָס ניט ער איינער האָט גע־

טראָגן די אבריייַעס פאר זיי, און געטאָן האָבן זיי זיך ווי הינטער זייַנע פלייצעס, נאָר מע טאָר אָן זיי ניט פארגעסן בא קיינע אומשטענדן. טוט ער א שיק דעם פּאָמפּאָכאָז פּאטיוטשענקאָן — דעם געהילף, וואָס פארנעמט זיך מיט דער ווירטשאפט, — אהער, דעם אדיוטאנט — דעם ספּריטנע זאזימקאָ — אהין, נאָך עמעצן — אין א דריט אָרט. אָבער דאָס וויכטיקסטע שטייט נאָך פאָר — דאָס וויכטיקסטע איז דאָס דערפֿל, וואָס די באטאליאָנען אטאקירן, דאָס נאָמענלאָזע באלקעלע, בא וועלכן די שלאכטלייַט זייַנען געבליבן ליגן אין שניי און קאָנען זיך ווייַטער ניט קיין ריר טאָן. דאָס אלץ מוז מען באצייַטנס באמערקן, די שטערונג מוז מען דרינגענדיק באזייַטיקן, עס זאָל ניט אָפּגעשוואכט ווערן דער טעמפּ פונעם אָנגריף, דער סוינע זאָל ניט קאָנען קומען צו־זיך. ווייַל סאָפּקאָלסאָף איז מען ערשט דורכגעגאנגען סאכאקל די ערשטע צוואנציק קילאָמעטער, און וויפל אזעלכע צוואנציקער קילאָמעטער דארף מען נאָך דורכגיין אף מייַרעוו, ווו די שנייִקע ווייַט ליגט א פארגליווערטע, א שווייַגנדיקע, אָבער זי הערט ניט אוף צו רופן מיט לעבעדיקע שטימען.

דאניִעל איז עטוואָס הייזעריק געוואָרן — צי דערפאר, וואָס ער כאפּט אזוי אָפּט ארויס דאָס טרייַבל באם טעלעפאָניסט פון די הענט, צי גאָר דערפאר, וואָס ער האָט דאָ ניט לאנג, שטילנדיק דעם דאָרשט, זיך אָנגעשלונגען מיט אייַז. דאניִעל איז מיד, נאָר ער פילט דאָס ניט, באנעמט דאָס ניט. הייַנט באנאכט איז ער איבערגעשלאָפן א פּאָר שאָ אף שטרוי אין א פּוסט הויז מיט אויסגעזעצטע פענצטער — איינס פון די געציילטע הייַזער, וואָס זייַנען פארבליבן גאנץ אין א פארברענט דאָרף. פארוויקלט זיך אין דער בורקע, וועלכע קאראטייַ פירט אים נאָך אומעטום, איז ער אייַנגעשלאָפן אינעם פּעלצל און אין די וואַליקעס, דאָס פוטערנע היטל צו־קאָפּנס, און אין אָט דעם קורצן שלאָף האָט אים אויך ניט פארלאָזט די פרייד: מיר גייען אף מייַרעוו! אָלגע האָט אים גערופן מיט די הענט פון ערגעץ גאָר ווייַט; נאטאשע האָט זיך געצויגן צו אים, ווי זי פלעגט, א דינינקע, זיך ציִען אמאָל אף א קוש טאָן אים. „אויסגעוואקסן, — האָט ער א גליקלעכער געטראכט אין כאָלעם, — און דאָך איז זי נאָך זייער קליין און מוז זיך הייבן אף די שפּיץ פינגער“. ליאָניע איז געשטאנען בא דער זייַט אין א שינעל און געווארט, נאטאשע זאָל אים צולאָזן צום טאטן.

פון דעם דאָזיקן כאָלעם איז דערנאָך דאניִעלן געווען ווארעם אפן הארצן דעם גאנצן טאָג — דעם דריטן טאָג פונעם אָנגריף, ווען אפן פראָנט האָט מען שוין געוווּסט, אז ראָסטאָוו איז פרייַ, אז די דייַטשן טרעטן אָפּ צו מאריִופּאָל לענגויס א שמאָל פּאסיקל ערד באם טאגאנראָגער אייַנגוס.

אין אָט דעם טאָג האָט דאניִעל געהאט אויך ניט ווייניק שווערע איבערלעבונגען. מ׳האָט דערהארגעט קוויטנין — געווען א גוטער קאָמבאט, ס׳איז פארוווּנדעט געוואָרן — טאקע בא אים, בא דאניִעלן אפן קאָמאנדע־פּונקט — דער נאטששטאדיוו ווישעסלאווסקי, אינעם סוינעס א פאסטקע האָבן זיך ארייַנגעפּאקט אכט אווטאָמאטלער פון סאָקאָליעצס באטאליאָן, זיי זייַנען אלע אומגעקומען. דער שלאכט־טאָג האָט אומפארמייַדלעך געבראכט מיט זיך פיל טרויעריקע געשעענישן, אָבער דער אָנגריף איז אָנגעוואקסן, ווערנדיק אלץ האסטיקער און גרויזאמער. דאניִעל האָט אין דעם דאָזיקן טאָג געביטן צוויי קאָמאנדע־פּונקטן, דרייַ באאָבאכטונג־פּונקטן, ער האָט אָנגעפירט מיט דער שלאכט אי פון א קורגאן, ווו די ערד, אף וועלכער ס׳איז ניט געבליבן קיין סימען פון שניי, האָט זיך נאָך גערייכערט פון א „קאטיושע“־זאלפּ און דעם סוינעס הארמאטן זייַנען געלעגן צעשמאָלצענע; אי פון אן איבערגעקערטן קאָמבייַן אינעם פאר־שנייטן פעלד, אי פון א כאטע, ווו צוויי עלטערע פויערטעס — ניט געקוקט דערוף, וואָס די שלאכט ווערט געפירט מאמעש לעבן זיי און קוילן טרעפן נאָך אין די פענצטער, — האָבן געטונקען שמאטעס אין א שיסל הייסע וואסער און אָפּגעוואשן פון די הילצערנע ווענט אלערליי אויסשניטן פון בערלינער זשורנאלן — נאקעטע טענצערנס און אָנגעבלאָזענע גענעראלן, — דאָס אלץ, אין וואָס די דייַטשן, וועלכע זייַנען דאָ געשטאנען אף קווארטיר א גאנצן כוידעש, האָבן זיך געשפּיגלט.

אף דער איינציקער גאס פונעם קליינעם סטעפּישן דערפל אלעקסאנדראָווקע (עס האָט זיך געלאָזט זען אי די קוזניע מיטן אָפּגעברענטן דאך אין איין עק, אי דער פארשנייטער צווינטער — אין צווייטן) האָט געטאראכקעט און געזעצט מיט רויך א טראקטאָר, וואָס האָט אף א טראָס געשלעפּט אן אראָפּגעקלאפּטן דייַטשישן „יונקערס“. דער עראָפּלאן האָט דער־מאָנט א ריזיקן, מעשונעדיקן פויגל, וואָס באמיט זיך פאָרזיכטיק טרעטן איבער דעם פּראָסטיק־אייַנגעפּאָרענעם שניי אפן וועג; ער האָט אופגעציטערט אף די קליינע שניי־הרודעס, אלץ פארפּאָרן אין א זייַט. נאָר דער רויטארמייער אינעם לעדערנעם פּילאָטן־העלם, באשלאָגן מיט פוטער, וועלכער איז געזעסן אין דער צעלולאָידענער קאבינע, האָט אים אלעמאָל אויסגע־

גלײַכט און געפירט נאָכן טראַקטאָר. צװײ דאָרפישע ייִנגעלעך און א מײדעלע האָבן זיך ארופגעדראַפּעט אפן פוזעליאַזש, װאָס איז געװען באַמאָלט פון בײדע זײַטן מיט האַקנקרײצן. די קינדער האָבן זיך געסטאַרעט איבערשרײַען דעם רױש פונעם טראַקטאָר:

— טיאָטיא! מע האָט אים אראָפּגעקלאַפּט אָט דאָרטן, אין פעלד, אינדערפרי!

דאָס האָבן זײ געשריגן צו ליובע דובאָק, װעלכע איז ביז איבער די קני ארײַן מיט די װאַליקעס אין א הורבע שנײ, קעדײ דורכלאָזן דעם „יונקערס". דער רױטאַרמײער האָט זי פון דער קאַבינע באַגריסט מיט א פאָך פון דער האַנט.

ליובע איז ערשט געקומען אהער אף א טאַנקיסטישן רעמאָנט־אױטאָבוס, װאָס האָט זיך איר צופעליק געמאַכט אין װעג. זי איז געװען א ביסעלע פאַרטשאַדעט פונעם בענזין, מיט װעלכן זי האָט זיך אָנגעאָטעמט אין אױטאָבוס; דאָס דערפל — עפּשער דאָס ערשטע אף די פופציק קילאָמעטער באַפרײַטע ערד, — װאָס איז קימאַט ניט אָנגערירט געװאָרן פונעם פײַער, האָט זי איבעראַשט און דערפרײט דערמיט, װאָס דאָס לעבן קאָכט שױן דאָ. דערפאַר איז זי אױך שפעטער, װען דער טראַקטאָר מיטן אעראָפּלאַן זײַנען שױן פאַרבײַגעפאָרן, געשטאַנען נאָך א פאָר מינוט אין שנײ, ביז זי האָט זיך אַלײן געכאַפּט: „װאָס שטײ איך?!"

מע האָט זי געשיקט אהער פונעם מעדיצינישן פונקט, זי זאָל זײַן א מין „מאַיאַק"[1] אינעם ניט לאַנג פאַרנומענעם דערפל (ניט לאַנג פאַרנומען, און דער פראָנט איז שױן אף א קילאָ־מעטער דרײַ אװעק פאָרױס!), אָפּזוכן א װאַרעמע שטוב און פאַרקערעװען אהין די פאַרװוּנ־דעטע, װעלכע גײען צופוס פון דער פאָדערשטער ליניע, געבן זײ די ערשטע הילף, ביזװאַנען ס'װעט קומען אהער דער גאַנצער מעדיצינישער פּערסאָנאַל. ליובע האָט נאָך באַ א מינוט געטראַכט, װאָס פאַר א שטוב זאָל זי פאַרנעמען — לעבן אײניקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט פורלעך, אױטאָמאַשינעס, צו אַנדערע האָבן זיך געצױגן טעלעפאָן־דראָטן, — און גלײַך טאַקע, װי ס'איז באַ איר אין קאָפּ רײַף געװאָרן דער באַשלוס צו פאַרנעמען די פאָרלעצטע שטוב אינעם דאָרף לינקס פון װעג (אַזאַ נידעריק לאַנג הױז, עס מוז דאָרט זײַן געראַם, א רױכל ציט זיך פון קוימען — דאָס איז גאָר גוט), האָט זי דערזען די, װעמען זי האָט געדאַרפט פאַרקערעװען אהין: צװײ רױטאַרמײער זײַנען אָנגעקומען פונעם סטעפּ, אײנער איז געװען לײַכט פאַרװוּנדעט אין האַנט, דער צװײטער איז געװען מיסטאַמע שטאַרקער פאַרװוּנדעט, נאָר װוּהין — האָט מען ניט געזען, דער כאַװער האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט דער גע־זונטער האַנט.

האָבנדיק שױן פאַר װעמען צו זאָרגן, האָט ליובע זיך געלאָזט גלײַך צו דער שטוב, װעלכע זי האָט זיך אָנגעמערקט, און אַפילע קײן אַכט ניט געלײגט, װאָס עמעצנס אָנגעזאָטלטע פערד זײַנען דאָ געשטאַנען צוגעבונדן אין א שאָפּע מיט שטאַרק צעלעכערטע װענט. װער עס זאָל דאָרט ניט האָבן אײַנגעאָרדנט זיך אין שטוב, װעט מען זי איר אָפּטרעטן.

זי האָט דורכגעלאָזט פאַר זיך די צװײ פאַרװוּנדעטע און איז אריבערגעטראָטן די הױכע שװעל אינעם נידעריקן, נאָר שטאַרק ברײטן צימער מיטן לײמענעם דיל, װוּ עס זײַנען אפּן דאָרפישן שטײגער געשטאַנען לענגױס די װענט לאַנגע אָפּגעריבענע בענק. דער ניט גע־פאַרבטער טיש איז געװען אָפּגערוקט װאָס װײַטער פונעם אױװן און געשטאַנען קימאַט באַ די פענצטער, פאַרשטעלטע מיט װאַזאָנעס. א הילצערן בעט, פון װעלכן ס'האָט געסטאַרטשעט שטרױ, האָט פאַרנומען אַװאַדע א פערטל פונעם צימער. דאָס אַלץ האָט ליובע אױפגעכאַפּט אין אײן אױגנבליק. ס'איז געװען ביז גאָר א געװײנלעך בילד. איבעראַשט איז זי געװאָרן פון עפּעס אַנדערש: באַ דער פּליטע, װאָס האָט זיך געטוליעט צום ברײטן רוסישן אױװן, איז געשטאַנען אף די קני און זי געהײצט מיט שטרױ א רױטאַרמײער, װאָס ליובע האָט אים גלײַך דערקענט, — ראַזשעפקינס אַן אױסשפּירער, דעמיאַן פּאַטיוטשענקאָ. דאָ טאַקע באַ דער פּליטע, אף א פאַנאַנדערגעבונדענעם סנאָפּ, איז געזעסן אין א צעשפּיליעט פעלצל אױך טימאָשאַ סירגולי, — ער האָט נאָרװאָס אױסגעטאָן די װאַליקעס, קעדײ דערװאַרעמען די פיס באַם פײַער. און לעבן אױװן האָט זיך געשפּילט מיט א קינד, װאָס איז געזעסן אף דער לעזשאַנקע, סערגײ איװאַלגין, דער ייִנגערער סערזשאַנט, װעלכער איז איר שױן, דעם עמעס געזאָגט, א ביסל דערעסן מיט זײַן פרײלעכקײַט און האָפערדיקײַט, כאָטש ביכלאַל, האָט זי געהאַלטן, איז ער א בראַװער און א װױלער יונג. די אױסשפּירער האָבן זיך אױך פאַרליבט, דערזעענדיק דאָס מײדל אף דער שװעל, און מער פאַר אַלעמען טאַקע סערגײ איװאַלגין (ער האָט זיך געהאַט צוגעבױגן צום קינד — א רוסיאַװע מײדעלע מיט פאַרװײנטע אײגעלעך, — באַװיזן דעם אַן אױסגענײט טאַבאַק־זעקעלע). אָבער ער דער ערשטער האָט זיך באַהערשט:

---

[1] בוכשטעבלעך — א לײַכטטורעם (רוס). אַזױ האָט מען אפּן פראָנט גערופן די רױטאַרמײער, װאָס פלעגן װײַזן דעם װעג די אונטערקומענדיקע מיליטער־טײלן.

געגעבן זיך א גלײַך אויס, א קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאַסן, מאַמזעריש א פינקל געטאָן מיט די בלויע אויגן, אנטבלויזט אין א ברייטן שמייכל די ציין:

— אָט דאָס פארשטיי איך: איצט האָבן מיר א ניאַנקע! אניט, וואָלטן מיר געווען אויסגעשטעלט בא אן אליארעם — כאָטש נעם דאָס קינד מיט זיך אין זאָטל!

ליובע האָט אים ניט געענטפערט. זי האָט געוויזן די פארווונדעטע, זיי זאָלן זיך צוזעצן אף דער באנק, אוועקגעשטעלט אפן טיש דעם ברעזענטענעם טאש מיטן אָנגענייטן רויטן קרייץ, און באלד איז שוין יענץ ווינקל פארוואנדלט געוואָרן אין א שטיקל אפטייק. צו טיי־מאָשען — יענער האָט שוין ווידער אָנגעטאָן די וואָליקעס — האָט זי געזאָגט:

— איר וואָלט ניט געקאָנט, כאָוער סערזשאנט, אוועקשטעלן עמעצן אין דרויסן, מע זאָל פארקערעווען אהער די פארווונדעטע? א שאָד, די מענטשן קאָנען דורכגיין ווײַטער.

סירגולי האָט א קוק געטאָן אף איוואָלגינען, דערנאָך — אף פאטיוטשענקאָן. אָנגערוקט אפן קאָפּ דאָס פוטערנע היטל, האָט ער געזאָגט:

— ווארעמט זיך, כעוורע, איך וועל אליין ארויסגיין א ביסל.

פון דער שוועל האָט סירגולי ווידער א קוק געטאָן אף איוואָלגינען, ליובע האָט פונקט זיך אומגעקוקט און איבערגעכאַפּט דעם סערזשאנטס בליק, א שטרענגן, א וואָרענענדיקן.

ס׳זײַנען געקומען נאָך צוויי פארווונדעטע, אָבער, ווי די ערשטע, זײַנען זיי שוין אויך געווען איבערגעבונדן. ווענדנדיק זיך צו ביידע אויסשפירער פאראמאָל, האָט ליובע זיי געבעטן ברענגען און צעשפרייטן שטרוי לעבן אויוון. די פארווונדעטע האָט מען דערלאנגט טיי, וואָס די אויסשפירער האָבן געהאט אופגעזאָדן פאר זיך, קארטאָפליעס, וואָס האָבן זיך געבאקן אונטערן גאָלדיק־שווארצן זשאר. ערשט דעמלט, ווען ליובע האָט אויך צוגעטראָגן א קארטאָפליע צום מויל, האָט איוואָלגין געזאָגט:

— די באַלעבאָסטע האָט אונדז נאָר דערזען אריבערטרעטן די שוועל, האָט זי ארופגעכאַפּט דאָס פעלצל אף די פלייצעס און אוועק. א יינגעלע איז בא איר אנטלאָפן צום פעטער, ווען מע האָט גענומען שיסן, איז זי אים געגאנגען אומקערן אהער. אונדז האָט זי איבערגעלאָזט אָט די „צויבערפולע בירגערן“!

די „צויבערפולע בירגערן“ — דאָס רוסיאווע מיידעלע — האָט שוין געהאָרעוועט איבער א האלבער קארטאָפליע און גוט אויסגעשמירט זיך די בעקלעך. מיטאמאָל האָט די קליינע א קאָסיע געטאָן די אייגלעך צו דער טיר און ארויסגעבראכט הויך און דײַטלעך: „מאמא!“ עס האָט זיך אָבער דערהערט א שווער טופען אין פירהויז, און ארײַנגעקומען איז — אין א ווײַס פעלצל, דאָס היטל אין האנט — ראזטשעפקין.

זעט אויס, סירגולי האָט אים שוין געזאָגט, ווער ס׳איז דאָ אין שטוב, ווײַל ער האָט זיך געפלײַסט אויסבאהאלטן זײַן איבעראשונג. די ווײַסע פלעקן אף זײַנע טונקעלע באקן האָט געקאָנט ארויסרופן אויך דער שטארקער פראָסט, די אויגן האָבן געפינקלט קאלטלעך און פארזאָרגט. ער האָט זיך באגריסט מיט ליובען, מיט די פארווונדעטע און אוועקגעזעצט זיך אף דער באנק אנטקעגן מיידל. גענומען א האלבע קארטאָפליע פון טיש — ניט געוווסט, אז דאָס האָט ער גענומען גראָד איר קארטאָפליע. דאָס עסן איז אים ניט געקראָכן אין האלדז, געגעבן א פּאָר שלונג, האָט ער געזאָגט:

— מע דארף פאָרן. אנו, דעמיאן, פיר ארויס די פערד!

צוזאמען מיט פאטיוטשענקאָן איז ארויס אויך איוואָלגין.

— איר זײַט שוין לאנג אין דאָרף, איגאָר? — האָט ליובע געפרעגט.

— א מינוט פערציק. דער מאַיאָר קרעמעז האָט ארויסגערופן.

ער האָט פארשטאנען, פארוואָס זי פרעגט עס, און צארט א קוק געטאָן אף איר.

— און איך בין דאָ ערשט א פערטל שאָ...

— אף לאנג וועסטו דאָ בלײַבן?

זי האָט אָנגענומען מיט די פינגער דאָס רימענדל פון זײַן פלאנשעט, עטוואָס אָפּגעצויגן עס צו זיך. אירע טונקל־קארע אויגן האָבן געקוקט אף אים מיט אנציקונג:

— דאָס איז שוין פון אײַך אָפּהענגיק! — דעם „אײַך“ האָט זי צוגעגעבן אזא אינטאָנאציע, ווי זי זאָל מיינען ניט נאָר אים, אָבער אים אין דער ערשטער ריי.

ער האָט א שמייכל געטאָן. פון הויף האָט זיך דערהערט, ווי איוואָלגין „נוקעט“ צו די פערד, א נאָענט טופען. די פערד זײַנען שוין געווען בא די פענצטער. ליובע האָט געזאָגט:

— איוואָלגין... א קאָמישער אזא! ער איז א דרייסטער?

— פײַער! — האָט געענטפערט ראזטשעפקין, און עפּעס האָט אים ניט פארדראָסן, וואָס זי פרעגט אף איוואָלגינען, פארקערט, ער האָט נאָך שטאָלצירט מיט אים.

ער האָט איר געדריקט די האנט. זי האָט זיך, ווי אַלעמאָל, בייס זיי פלעגן זיך געזעגענען, א ביסל פארלוירן. אויסגעקערעוועט האָט ער זיך צו איר שוין פון דער שוועל.

— ס'קאָן זיך טרעפן, איך זאָל הײַנט דאָ נאָך זײַן, אין אלעקסאנדראָווקע.

— אויב וועסט קענען — קום! — דאָס ערשטע מאָל האָט זי אים געזאָגט „דו".

3

ראזטשעפקין איזווירקלעך געקומען אין אָוונט צו ליובען, געקומען שוין ניט אין אלעקסאנדראָווקע, נאָר אין כוטאָר וויפאסנאָי, וועלכן מע האָט פארנומען אזייגער פינף פארנאכט און וווהין ס'איז אריבער דער שטאב פונעם פאָלק און דער פמפ — דער פונקט פאר מעדיצינישער הילף. א מאשין האָט ניט לאנג צוריק אוועקגעפירט די פארוווּנדעטע, וואָס מע האָט זיי דאָ געגעבן די ערשטע הילף. ליובע האָט נאָך ווי עס דארף צו זײַן זיך ניט אויסגעמאָסטעט כאפן א דרעמל אין א ווינקל אף דער שטרוי (מע האָט ווידער זיך אײַנגעאָרדנט אין א פויערשער כאטע), ווי רײַע און זינע, אירע כאווערטעס, סאניטארקעס, האָבן זיך א וואָרף געטאָן זי וועקן. אף דער שוועל איז געשטאנען איגאָר. ער האָט דאפקע געוויזן מיט דער האנט, אז מע זאָל זי ניט טשעפּען, נאָר ליובע איז שוין געזעסן אף דער שטרוי און א גליקלעך־צעטומלטע געקוקט אף אים מיט אויגן, וואָס האָבן נאָך ניט אופגעוואכט אינגאנצן פון שלאָף און נאָך פארהיט, מעגלעך, דעם כאָלעם, וואָס האָט ערשט פאר זיי געשוועבט. ענדלעך האָט זי א שמייכל געטאָן, א טרייסל געגעבן מיטן קאָפּ, און איבער דעם האָבן די צעפּלעך, וועלכע זי האָט פארן שלאָף צונויפגעדרייט אין א קובליקל, זיך צעלאָזט און זײַנען אראָפּגעפאלן אף די אקסל. איינס און צוויי איז זי ארײַן אין די וואָליקעס, אופגעשטאנען, פלינק ארופגעכאפּט אף זיך דעם שינעל, דאָס היטל, פארצויגן זיך מיטן פּאסיק.

— וווּהין? — האָבן מיט גוטער קינע א שמייכל געטאָן די כאווערטעס.

ליובע האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן צימער. זי האָט אליין ניט געוווּסט — וווּהין, בלויז א צוק געטאָן די מיידלש־שמאָלע אקסל און גענומען איגאָרן אונטערן אָרעם. ס'האָט זי געצויגן ערגעץ, ס'איז איר ענג געווען פון דער קוועלנדיקער פרייד. ווו נעמט מען איצט פרילינג, און א לעוואָנעדיקע נאכט, און א סאָלאָוויי אין סעדל! נו, און אויב ס'איז א שניי אין פעלד, און דאָס כוטאָרל, וואָס איז ווי א גענעץ די גרייס און איז נאָך דערצו אף האלב פארברענט, איז פארפולט מיט סאָלדאטן, און א שיסערײַ בושעוועט ניט ווײַט פונעם כוטאָרל, באם ראנד פון א שכיינעסדיקן דאָרף, — נו, איז וואָס, ווערט דען די פרייד קלענער דערפון, צי מע האָט דעריבער קיין רעכט ניט אף איר?

מע איז ארויס אין גאס און פּאָשעט געשטאנען א ביסל לעבן איגאָרס ווײַס־גרויען פערד, „וויונאָקן", וואָס איז געווען צוגעבונדן צום פּלויט און האָט אומגעדולדיק געציטערט פון קעלט. איגאָר האָט זיך אָנגעשפּארט מיט דער האנט אין זאָטל, ליובע האָט געגלעט דעם פערדס האלדז, דער לײַכטער פּראָסט־טוי איז צעגאנגען אונטער אירע פינגער. נאָר לאנג שטיין לעבן „וויונאָקן" האָט זיך איר ניט געגלוסט, — ס'האָט דערמאָנט, אז איגאָר דארף באלד אוועקפאָרן, — האָט זי אים געבעטן ארײַנפירן דאָס פערד אין שאָפּע, וואָס האָט זיך קרום געטוליעט צום שטיבל, און זיי זײַנען אוועק איבער דער גאס.

אין כוטאָר האָט געברענט א שטוב, און א גרויס פויעריש געזינד — פרויען און קינדער — האָבן זיך לעבן פּלויט געפּאָרעט בא א שוצגראָבן, אין וועלכן עס זײַנען געווען אָנגעוואָרפן פּעק און קישנס. א מינע האָט געטראָפן אין הויז. די סאָלדאטן האָבן געהאָלפן ראטעווען עפּעס פון פײַער. ראזטשעפקין האָט געלאָזט ליובען שטיין אף דער גאס און איז אויך ארײַן אין הויף. באלד איז ער מיט צוויי סאָלדאטן פארשוווּנדן אין שטוב. די פלאקערנדיקע קראָקעס און די דרענגלעך, אף וועלכע עס זײַנען געבליבן הענגען צעטריפּעטע סנאָפּיקלעך פונעם שטרויענעם דאך, האָבן געהאלטן אָט־אָט בא אײַנפאלן, ווען ראזטשעפקין און די צוויי רויט־ארמייער, וואָס זײַנען אוועק נאָך אים, האָבן זיך אומגעקערט, טראָגנדיק אינדרײַען א הילצערנעם שפינשטול. ווידער לאָזן זיך אין הויז האָט מען שוין ניט געטאָרט. נאָר איצט האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ליובע מוז גיין נאָך איר טאש — זי האָט געדארפט איבערבינדן א פארוווּנדעטע אלטיטשקע און צוויי סאָלדאטן, וועלכע האָבן אָפּגעבריט די הענט.

ליובע האָט גיך זיך אָפּגעפּארטיקט מיט דער דאָזיקער ארבעט, נאָר שוין מוירע געהאט אפילע צו פרעגן איגאָרן, וויפל ער האָט נאָך צײַט צו זײַן דאָ. זי האָט געוווּסט: איגאָר איז געקומען צום מאיאָר קרעמעז אפן קאָמאנדע־פּונקט, און יענער האָט אים געהייסן ווארטן, דערלויבט אָפּרוען צוויי שאָ. וויפל ס'איז פון יענע צוויי שאָ נאָך געבליבן, האָט זי קיין אנונג ניט געהאט. נאָר ווען איגאָר האָט גענומען איר טאש און אופגעהאנגען אים אפן אקסל, האָט ליובע פארשטאנען: ער האָט נאָך צײַט.

מע איז אוועק צום ראַנד פֿונעם כוטאָר. דאָרט האָבן גערוישט טאַנקען. זיי זײַנען געווען ווײַס געפֿאַרבט, און אײן באַנאַכטיק־ווײַסן פֿעלד האָט מען זיי קימאַט ניט געזען. בלויז קלײנינקע פֿונקען האָבן פֿון מאָל צו מאָל אויפֿגעלויכטן און טײקעף געצאַנקט דאָרט, ווו די טאַנקען האָבן זיך געפֿונען. און געדאַכט האָט זיך ליובען, אַז דאָס הייצן זיך אויוונס אין געוויינלעכע כאַטעס, אַז דאָס באַוועגן זיי זיך אַף מײַרעוו — עמעצנס געגאַרטע היימען... דײַטשישע מינעס זײַנען מיט אַ הוק און מיט אַ שעפּטשען געפֿלויגן איבערן קאָפּ און זיך אויפֿגעריסן באַם וועג, שוין פֿון יענער זײַט כוטאָר; פֿון אונדזער זײַט זײַנען מיט אַ דינעם פֿײַף געפֿלויגן אין שוואַך אויסגעשטערנטן הימל שווערע סנאַריאַדן; ווו זיי האָבן זיך אויפֿגעריסן, האָט מען ניט געהערט.

איגאָר האָט דערציילט:

— איך מאָל, פֿאַרשטייט זיך, ערגער, ווי מײַן שוועסטער, דו ווייסט דאָך. נאָר פֿאַר אַן אַרכיטעקטאָר וואָלט עס געווען גענוג. איך האָב געטרוימט צו ווערן אַן אַרכיטעקטאָר און בין פֿונדעסטוועגן אַוועק פֿונעם נײַנטן קלאַס אין אַ מיליטערישער שול. פֿאַרוואָס? דאָס איז געווען מײַן צווייטער יינגלשער טרוים. כוץ דעם, האָט מען שוין אין שפּאַניע געקעמפֿט. איצט פֿאַרשטײ איך: פֿאַרטיידיקן אַ שטאָט איז ניט ווייניקער וויכטיק, ווי אויסבויען אַ שטאָט. אין מײַן פּאַך וועט מען, צום באַדויערן, זיך נאָך לאַנג נייטיקן. — ער האָט שטיל אַ לאַך געטאָן — טרויעריק און דאָך בראַווירנדיק אַ ביסל, אָבער אַזוי, ווי מע טוט עס בלויז פֿאַר גאָר נאָענטע מענטשן. — מיר האָבן הײַנט געפּאַקט אַ דײַטש. אַן אונטערצינדער. מיט אַן עמערל סאָליאַרקע, מיט קלאָטשע, אָנגעוויקלט אַף אַ שטעקן. איך פֿרעג אים: ווער איז ער געווען? — אַן אַרכיטעקטאָר פֿון האַמבורג... כאַ!

ליובע האָט געטראַכט: „יענע סרייפֿע, וואָס מיר זײַנען ערשט געשטאַנען לעם איר און וואָס איר אָפּשײַן דערגרייכט אויך אַהער, איז בלויז אַ קלײנער טראָפּן אינעם יאַם פֿײַער, וואָס כוואַליעט זיך אַרום אונדז. און אַ סאַך אַ קלענער פֿײַער, ווי דאָס, וואָס האָט נאַרוואָס פֿאַרשלונגען עמעצנס היים, קאָן צונישט מאַכן מײַן און איגאָרס פֿרייד, מײַן און איגאָרס טרוים. ס׳איז שרעקלעך, נאָר, אייגנטלעך גערעדט, טראַכט איך דאָך שטענדיק וועגן דעם. און איצט עפּשער מער, ווי שטענדיק. פֿאַרוואָס — איצט מער? שטענדיק, ווען איך טראַכט, איז — איצט. וויאַזוי זשע דערשטיקט מען די שרעק, וויאַזוי?..“

זי האָט געפֿרעגט וועגן וואָוועקען — טאַיִסיאַ אַפֿאַנאַסיעווונעס עלטער יינגעלע, — צי אַנטלויפֿט ער שוין מער ניט פֿון דער היים, אַפֿן פֿראָנט. אָט אין וועמען ער איז מיסטאָם געראָטן — אינעם פֿעטער, אין איגאָרן!

איגאָר האָט געפֿרעגט אַף איר טאַטן — צי האָט זי ניט באַקומען קיין בריוו פֿון סווערדלאָווסק, וווּהין מע האָט אים, אַ פֿאַרוווּנדעטן, עוואַקויִרט פֿון הינטער טולע.

דערנאָך איז אַוועק אַ שמועס וועגן דעם, וועגן וואָס מע האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו ריידן: ווער וועמען ס׳האָט דער ערשטער באַמערקט, דער ערשטער ליב באַקומען. „אַהאַ, און דעמלט איז געווען אָט אַזוי, און דו האָסט אַפֿילע זיך ניט אָנגעשטויסן, און איך האָב געזאָגט אָט אַזוי, און דו האָסט ניט פֿאַרשטאַנען“.

„נײַן, קיינער איז ניט אימשטאַנד צו פֿאַרטויבן די אייגענע געדאַנקען, — האָט ליובע געטראַכט, — זיי וועלן דיך אַלצייַנס ניט לאָזן צורו. צו גליק דאַרף מען גיין, ווײַל רעטענישן טרעפֿן זיך אַף יעדן טראָט, און אויב מע זאָל אַפֿילע שטיין אַף איין אָרט, מײַדט מען אויך ניט אויס די רעטעניש. ווו־ווו, נאָר אַף דער מילכאָמע זעט מען עס גוט...“

זי האָט געקוקט אַף איגאָרן. ער איז עפּשער איצט געווען שענער, ווי שטענדיק. אַ שלאַנקער, אין אַ ווײַס פֿעלצל, וואָס האָט אים שטײַף אַרומגעצויגן. די שטריכן פֿונעם פּאָנעם — קלאָרע, הערלעכע. די שוואַרצע אויגן לויכטן זיך אין דער נאַכט — קיין שום פֿינצטערניש איז ניט בעקויעך זיי צו פֿאַרלעשן. זײַן וואַרעמער אָטעם האָט זיך געלייגט מיט אַ לײַכטן געפּריר אַף אירע האָר, וואָס האָבן פֿון אונטערן ווינטערדיקן היטל מיט די פֿאַנאַנדערגעשפּיליעטע אויערן קאָסע געצויגן זיך איבער די באַקן צו די צעפּלעך.

ער האָט זי אַרומגענומען מיט איין האַנט פֿאַר דער פּלייצע, און אָט אַזוי, געאַרעמט, איז מען אַוועק צוריק אין כוטאָר.

מע איז צוזאַמען אַרײַן אין שאָפּע — צו „וויונאָקן“. דאָס פֿערד האָט געכראָמטשעט שטרוי, קוים דערלאַנגענדיק צו איר. אַ שאָד, איגאָר האָט ניט באַמערקט די שטרוי אין דעם נידעריקן זאַסיק, בייס ער האָט דאָ צוגעבונדן „וויונאָקן“. ער וואָלט געוועהן אַרויסגענומען באַם פֿערד דאָס אײַזערנע צײַמל פֿונעם מויל. ער האָט איר געזאָגט וועגן דעם, נאָר זי האָט געשוויגן. מע האָט זיך געהאַלטן פֿאַר די הענט און געשוויגן.

ליובע האָט געזאָגט:

— פיר אים ארויס...

ער האָט ארויסגעפירט „וויונאָקן“, באַלד אומגעקערט זיך און דערזען זי שטיין נאָענט לעבן דער טיר. זי האָט מיסטאמע געוואָלט ארויסגיין און איז געבליבן. ער האָט א שפאן געטאָן צו איר, אופגעהויבן זי אף די הענט און, א שטילע, א פארצאפלטע, אוועקגעטראָגן טיפער אין שאָפע.

4

„צו גליק דארף מען גיין...“ — עפשער ניט פינקטלעך אזוי, ניט מיט די זעלבע ווערטער, נאָר דאָס איז געווען דער טאָך פון דעם, וואָס ס'האָט געטראַכט וואליע סאנזשארא, שפאנענדיק איַיליק, אין שיך אף נידעריקע אָפּצאסן, איבערן הוילן גליטשיקן אייַז, וואָס אן אָדליגע ברענגט מיט זיך געוויינלעך. אין קיַעוו איז איצט געווען אן אָדליגע, א פייַכטער שניי איז געפאלן דורכן נעפל, וואָס האָט זיך געלייגט אף די איימעדיק־פינצטערע, פוסטלעכע גאסן. דאָס מיידל האָט זיך פעסטער פארקוטעט אין דער מומעס, אנאסטאסיַא פעטראָוונעס, גרויסער וואָלענער שאל, וואָס ס'איז בעפיירעש א שאָד געווען אָנצוטאָן אין אזא וועטער, נאָר די שאל האָט געהאָלפן אויסזען עלטער, פארבאהאלטן די שלאנקייַט פונעם קערפער (ווער האָט עס געקאָנט טראכטן פאראיאָרן, ווען מע האָט גענייט דעם מאנטל, אז זי וועט ניט וועלן, מע זאל זען די דינע, בייגעוודיקע טאליע?). ארויס פון דער שמאָלער, אלטערטימלעכער סטרעלעצקע אף דער ברייטער רייטארסקע, האָט וואליע האסטיק זיך אויסגעקערעוועט און איז שטיין געבליבן אן אייַנגעהויקערטע עפשער א האלבע מינוט באם ראָג, קלוימערשט קעדיי איבערוואַרטן דעם ווינט, וואָס האָט א בלאָז געטאָן גלייַך אין פּאָנעם, פארקלעפנדיק די וויַעס מיט שניי, נאָר אינדערעמעסן — קעדיי א קוק טאָן, צי גייט מען איר ניט נאָך.

„יאָ, גליק זעט אויס פארשיידן“, — האָט וואליע געטראַכט, שפאנענדיק וויַיטער, צו דער פאראדנע פונעם הויז, ווו זי האָט געוווינט. זי האָט נאָך דאָס הויז ניט געזען, נאָר אין געדאנק זיך שוין פאָרגעשטעלט אי די סקריפענדיקע דרויסנדיקע טיר מיט דער אָפגעריסענער פרוזשינע; אי די לאנג ניט געקערטע טרעפ, איבער וועלכע זי דארף זיך אופהייבן אפן זעקסטן שטאָק, פארבייַ דירעס מיט אופגעבראָכענע טירן, אין וועלכע עס הוליעט דער ווינט און עס שמייַען אום הונגעריקע קעץ; אי די קאלטע, פוסטע קווארטיר, אין וועלכער זי וועט ארייַנגיין. „אָט איז עס, דאָס גליק — אויסציַען זיך איצט אין בעט, דערוואַרעמען זיך, אנשלאָפן ווערן, און אין אלץ פארגעסן“. וואליע האָט א שמייכל געטאָן, אפילע ניט פארביטערט, פּאָשעט א שמייכל געטאָן צו זיך אליין: „גליק? און דאָס, וואָס דו וועסט באַלד אָנצינדן דעם פרימוס, כאָטש ס'איז דאָרט געבליבן א לעק קעראָסין, און וועסט אָנוואַרעמען אף דער סקאָווערדע צוויי־דרייַ נעכטן געקאָכטע קארטאָפליעס פון יענעם קלומעק, וואָס געשלעפּט האָסטו אים אף די פלייצעס פון ליובאטש, איבערגעזעצט זיך מיט אים פון איין צופעליקער פור אף דער צווייטער, און געגאנגען מיט אים צופוס אויך געגנוג (שוין אוועק די צייַט, ווען פּאָן גלייעוויץ פלעגט דיך ארומפירן אף זייַן מאשין אָדער צושיקן א מאָטאָציקל — דער אָבערסט איז איצט מיט זייַן דיוויזיע ערגעץ הינטער מאָסקווע, אָדער טולע, אָדער ראָסטאָוו), — יאָ, אן אָנגעוואַרעמטע קארטאָפליע איז אויך א גליק. און דאָס, וואָס פּאָן גלייעוויץ איז שוין דאָ מער ניטאָ, — איז געוויס א גליק, דייַן פערזענלעכן גליק, כאָטש צוליב אייניקע ביז גאָר וויכטיקע זאכן וואָלט מען אים דאָ אפילע געדארפט האָבן. אָבער א גליק איז, וואָס מע האָט אים אזוי הענדעם־פענדעם צוגענומען פונדאנען און אוועקגעשיקט אפן פראָנט — הייסט עס, עפעס א לאָך האָט מען שוין געמוזט פארשטאָפן מיט זייַן דיוויזיע. אזוי קלערט דער פעטער אנדריי, און דמיטרי איוואנאָוויטש, און דו אליין פארשטייסט עס אויך. און דאָס, וואָס דו האָסט געקענט אזא מאקאר ליאליעטשקאָ, אים געליבט, — איז דען געווען בלויז דייַן אומגליק? און וואָס דו האָסט געקענט און פארשטאנען דעם אלטן גורארי? און וואָס אָלעקסע איז מער ניטאָ? בעסער אומקומען אזוי, ווי ער איז אומגעקומען, איידער זייַן אזא, ווי דער טאטע האָט אים געוואָלט זען. דער טאטע... ס'איז דייַן גרויס גליק, וואליע, וואָס דו ביסט ניט געוואָרן אזא, ווי ער. און וואָס דו ביסט ווידער אין קיַעוו — איז דייַן גליק, און דאָס, צוליב וואָס דו ביסט ערשט געווען אף דער סטרעלעצקע, און וואָס די מומע איז אוועק אין א דאָרף אף יענער זייַט דניעפּער קלוימערשט אויסבייַטן קליידער אף שפייַז (ס'הייסט, בייַטן וועט זי טאקע אויך, און וועט זיך פלייַסן אויסבייַטן אמבעסטן) — דאָס איז גליק ... איז, הייסט עס, אזוי: אן אומגליק האָט הונדערטער וועגן אף צו קומען, און גליק האָט ניט וויַיניקער וועגן. ווער האָט דאָס געזאָגט? עמעצער אין א פּיעסע? און עפשער — דו אליין?.. יאָ, דמיטרי איוואנאָוויטש זאל דאָ נאָך ווינען, וואָלט היימלעכער געווען זיך אומקערן. איז ער אָבער אוועק,

שוין, ווי זאָגט מען עס, לעגאַליזירט זיך... און דעם פעטער וועסטו איבערגעבן דאָס, וואָס מע דאַרף, ערשט אינדערפרי, ווײַל דו וועסט, מיסטאמע, אַנשלאָפן ווערן און ניט הערן, ווי ער וועט קומען. אָנגעגאַנגען זיך אַ ביסל פאַרן טאָג! אוי, עפשער גאָר אפילע ניט נעמען וואַרעמען די קאַרטאָפליעס. פאָשעט אַ פאַל טאָן אין בעט אַרײַן..."

— אוי! — דאָס האָט וואַליע אַ געשריי געטאָן שוין ניט אין געדאַנק, נאָר אַף אַ קאָל, און איז שטיין געבליבן אַ פאַרציטערטע בײַ דער טיר פונעם פעטערס דירע מיטן שליסל אין דער האַנט. אַף די טרעפלעך, וואָס האָבן געפירט צום בוידעם, אַף יענע טרעפלעך, ווו וואַליע האָט געהאַט געוואַרט אַף די גוראַריס, איז געשטאַנען זייער אַ הויכער מענטש און מיט גאָר אַ באַקאַנט, נאָר אַ מאָדנע צוגעשטיקט קאָל זי אַ רוף געטאָן:

— וואַליע!..

דער, וואָס האָט אַ רוף געטאָן וואַליען, — מאַקאַר ליאַליעטשקאָ — איז מיט צוויי שאָ צוריק, צווישן טאָג און נאַכט, אַנטלאָפן פון באַבי יאַר. פון באַבי יאַר, וואָס אַף זײַנע ליימיקע און זאַמדיקע אָפּהאַנגען פאַרהאַלט זיך קימאַט ניט דער שניי, נאָר ער שפרייט זיך אַ פוכיקער, ווי אַ זויבערע קאָלדרע, איבער די בערגלעך, וואָס האָרבען זיך אַפן דנאָ; פון באַבי יאַר, ווו ראָבן קראַקען איימעדיק און בייז — דער שניי פאַרביטערט זיי דאָס לעבן...

זינט סאָף סענטיאַבער, ווען די געסטאַפּאָווצעס האָבן געכאַפּט מאַקאַרן, האָט מען אים דרײַ מאָל געפירט צום באַבי יאַר, און מע וואָלט אים געפירט אויך דאָס פערטע מאָל — אַנדערש האָט ניט געקאָנט זײַן, — נאָר ער איז אַנטלאָפן.

געפאַקט האָט ער זיך אין סענטיאַבער איבער אַ פאַרזען. נאָר פונוואַנען האָט ער געקאָנט וויסן, אַז אין דער טשאַרטאָריער מיל, צוואַנציק קילאָמעטער פון ליובאַטש, וווהין ער איז מיט אַ קליינער גרופע פאַרטיזאַנער געקומען אַף צוויי פורלעך נאָך מעל, וועט זיך טרעפן דער מאַמעס אַ שאָכן, וואָס האָט אַ זון אַ פאָליצײַ, אַז יענער שאָכן וועט זיך פאַרשטעקן אין אַ לאָך, ביז מע וועט אָנלאָדן די מעל, און אַז שפעטער וועט ער אים אויסגעבן, מאַקאַרן, און דרײַ סטראָמפעוואַטע פאָליצײַען מיט אַ קאָסאָקע דײַטשל וועלן אים נעמען בײַ דער מאַמעס קאַליטקע?..

ווען מע האָט אים געבראַכט קיין קיִעוו, אין געסטאַפּאָ, און ער האָט אין דער קאַמערע, וווהין מע האָט אים אַרײַנגעשטופט, דערזען פאָלינען מיט די צוויי יִנגעלעך, האָט ער פאַרשטאַנען, אין וואָס די ווײַטערדיקע פײַניקונג וועט באַשטיין. אין ליובאַטש האָט מען פאַר אים אין די אויגן געשאָסן די מאַמע. זי האָט אים גאָרנישט ניט פאָרגעוואָרפן און קיין גוטס אויך ניט געזאָגט: דאָס איז געווען איר ער אַן אויסגערעכנטער גאַנג — זי ווייסט גאָרניט און דער זון ווייסט גאָרניט. ערשט, ווען זי איז שוין געלעגן אַפן דיל מיט אַ דורכגעשאָסענער ברוסט — די קויל האָט געטראָפן עטוואָס נידעריקער, ווי מײַזענהאַוז, דער קאָמענדאַנט, האָט געוואָלט, — אונטער דעם האַרץ, — האָט זי דאָס לעצטע מאָל זיך אונטערגעהויבן אַף אַן עלנבויגן און געזאָגט:

— האָסט געהאַט אַ גוטן טאַטן, מאַקאַר!

„ווער וועט עס זאָגן וועגן מיר? און וועמען?" — אַז ער האָט געטראָפן פאָלינען זיצן אַף דער נאַרע מיטביידע פיצלעך איןווינדעלעך אַף די קני, האָט ער וועגן דעם אויך געטראַכט צווישן פיל אַנדערן, וואָס עס איז אויסגעקומען איבערטראַכטן.

דאָס ערשטע מאָל, ווען מע האָט אים געפירט צום באַבי יאַר, דעם צווייטן אָקטיאַבער, איז דער אויספאָרשער מיטגעפאָרן. ער האָט געפרעגט, בײַס מע איז אַרויס פונעם אווטאָבוס:

— ווער פונעם צווילינג איז עלטער?..

אין אַ וואָך אַרום איז בײַם ראַנד פונעם אָפּהאַנג געשטעלט געוואָרן פאָלינע, און ער, מאַקאַר, איז געבליבן לעבן אווטאָבוס גראָד מיטן עלטערן, מיט גענקען, אַף די הענט. וואָס האָט זי אײַסגעשריגן, פאָלינע, אין דער לעצטער מינוט? דאַכט זיך: „מאַקאַר!"... יאָ, נאָר „מאַקאַר".

דערנאָך האָט מען אים געבראַכט אין קאַמערע פרישע אויסגעפרעסטע ווינדעלעך פאַר גענקען, אַ סאָסקע. צוויי מאָל אין טאָג פלעגט מען דערלאַנגען דורכן פענצטערל אין דער טיר אַ פלעשעלע וואַרעמע מילך.

— וואָס נאָך וואָלט איר געדאַרפט? — האָט געפרעגט דער אויספאָרשער.

— אַ וויגל, — האָט געענטפערט מאַקאַר, — אַ קישעלע, אַ שטיקל צעראַטע. ער איז דאָך נאָך ניט קיין פאַרטיזאַן, מײַן זון, פאַרוואָס קומט אים ליגן אַף אַ הוילער נאַרע?

הײַנט האָט מען מאַקאַרן אַוועקגעפירט צום דריטן מאָל אין יאַר אַרײַן. דערבײַ האָט דער אויספאָרשער געוואָרנט: „איך דאַרף נאָך אַ טראַכט טאָן, צי וועט איר זיך אומקערן". קלאָר

איז געווען, אַז זיי מוזן אים נאָך אומקערן, נאָר וואָס אַרט עס דעם געסטאַפּאָוועץ אַ זאָג טאָן אַזוי?

דער אווטאָבוס, אין וועלכן מע האָט אים געפֿירט אַהער צוזאַמען מיטן קינד, איז געווען אונדזערער אַן אַלטער אווטאָבוס — אין אַזעלכע מאַשינעס פֿלעגט מען אַרומפֿאָרן מיט קינאָ איבער די דערפֿער, קומען פֿון קאָלווירטן, פֿון מיליטער־טיילן נאָך טעאַטער־בריגאַדעס. איצט האָט אַ וועגטל מיט אַ שמאָל טירל אָפּגעגרענעצט דעם הינטערשטן טייל פֿונעם קוזאָוו. דאָרט, אין טאַמבור, איז געפֿאָרן דער קאָנוואָי — צוויי דײַטשן. דער דריטער איז געזעסן באַנאַנד מיטן שאָפֿער אין קאַבינע. פֿיר קעגן צווייען, פֿיר באַוואָפֿנטע קעגן צוויי אומבאַוואָפֿנטע, דערבײַ איז איינער פֿון די צוויי אַלט געווען קוים דרײַ כאָדאָשים... די קליינע פֿענצטערלעך פֿון ביידע זײַטן אווטאָבוס זײַנען פֿון דרויסן געווען פֿאַרגראַטעט און פֿון אינווייניק באַקלאַפּט מיט בלעך. איין טשוואָק האָט נאָכגעגעבן, און מאַקאַרן איז געלונגען עטוואָס אָפּבייגן דאָס בלעך באַם ווינקל. אין דער לאָך האָט ער אַרײַנגערוקט צוויי פֿינגער, און נאָך עטלעכע טשוועקעס האָבן נאָכגעגעבן. עס האָט אַלץ געשאָטן דער לאָפּאַטער שניי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, ווען מע האָט זיך געזעצט אין אווטאָבוס. דער אָפּשטאַנד פֿון דער זײַטיקער פֿענצטער־לײַסט ביזן ערשטן אײַזערנעם שטענגל פֿון דער גראַטע איז געווען גענוג גרויס, מע זאָל מיט מאַטערניש, נאָר דאָך קאָנען דורכשטופּן דאָס קינד. מע האָט בלויז געדאַרפֿט שטײַפֿער אײַנצײַען די ווינדעלעך. ער האָט דאָס ייִנגעלע אַרויסגעוואָרפֿן לעבן לוקיאַנאָווקער מאַרק. דאָס האָט ער פֿינקטלעך באַמערקט. דערנאָך האָט ער אויסגעגלײַכט דאָס בלעך, אַרײַנגעקוועטשט די טשוועקעס אין די פֿריִערדיקע לעכלעך און גענומען וואַרטן.

ווען ער איז אַרויס באַם יאַר אָנעם קינד אויף די הענט, האָבן די קאָנוואָירן באַשלאָסן, אַז ער האָט עס בעקיוון געלאָזט אינווייניק. איינער פֿון די דרײַ דײַטשן איז אַרײַנגעשפּרונגען אין אווטאָבוס, נאָר טייקעף, אַ רויטער, אַ פֿאַרלוירענער, אַרויסגעקוקט פֿון דער צעפּראַלטער טיר און, זידלענדיק זיך, אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן טאַש־לאַמטערנדל, וואָס איז געהאַנגען באַ אַ צווייטן אויף דער ברוסט. יענער האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס לאַמטערנדל פֿון אַ קנעפּל אויף דעם שינעל און זיך געלאָזט צום אווטאָבוס... אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט מאַקאַר דער־לאַנגט דעם דריטן דײַטש אַ שטאַרקן זעץ מיטן פֿוס און אַ שפּרונג געטאָן פֿונעם אָפּהאַנג. ס'האָט נאָך אַלץ געשאָטן דער שניי, כאָטש שוין ניט קיין לאָפּאַטער, נאָר אַ גאַנץ געדיכטער, און די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט. די דײַטשן, וואָס האָבן אויבן, באַם ראַנד פֿון יאַר, געהאַוועט און געשריגן, דאָס פֿײַער פֿון זייערע אווטאָמאַטן — אַלץ איז אים אויסגעקומען, ווי ער זאָל עס זען דורך אַ מאַרליע, און באַלד איז עס אינגאַנצן פֿאַרווישט געוואָרן. די שיסערײַ, די קוילעס האָט מען בלויז געהערט פֿונווײַטנס, קוילן האָבן מער ניט געפּײַפֿט אַרום אים. דערנאָך איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. פֿון דער טונקלקײַט, אַ פֿאַרפֿולטער מיט ווירבלענדיקן שניי, וואָס דער ווינט צעוויכערט אין אַלע זײַטן, זײַנען אַרויסגעשוווּמען ביימער, אַ פּלויט, אַ גאַס...

מע איז אַרײַן אין קיך — דאָרט איז געווען וואַרעמער. וואַליע האָט גענומען אָנצינדן דעם פּרימוס. דאָס פֿלעמל איבערן ביסעלע קעראָסין אינעם קײַלעכדיקן זשאָלעבל אַרום די ברען־רערן האָט ערשט אָנגעהויבן פֿלאַטערן, און מאַקאַר האָט שוין צוגעטראָגן די פֿאַרקאָ־טשעניִעטע פֿינגער צום פֿאַרייכערטן קעפּל פֿונעם פּרימוס.

— באַלד, — האָט וואַליע געזאָגט, — באַלד. — און אַליין ניט געוווּסט: „וואָס באַלד? פֿריִער אָנוואַרעמען וואַסער, ער זאָל זיך אַרומוואַשן, צי עפּשער פֿריִער די קאַרטאָפֿליעס?“ זי האָט באַשטימט: „וואַסער!“

ער איז געזעסן, איר העלד, איר גוואַר, אַן אײַנגעבויגענער, אויפֿן טאַבורעט באַם סאַמע טישל, אויף וועלכן ס'האָט געברענט דער פּרימוס, און די רויטלעך־בלויע שײַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון אונטערן דנאָ פֿון דעם היפּשן קאָכטעפּל, האָט באַלויכטן זײַן אויף האַלב גראָוו געוואָרענע פֿאַטלע האָר, וואָס איז איצט אויך זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן פֿון ביידע זײַטן שטערן, ווי צוויי שוואַך אָפּגעלאָזטע פֿליגל. די שײַן האָט זיך געוויגט אויף דער גרוי־שוואַרצער באָרד, וואָס האָט שטעכיק באַדעקט די אײַנגעפֿאַלענע באַקן, אויף די מאַט אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעפֿלעך, אויפֿן צעשפּליִעטן קאָלנער פֿון דעם שוואַרצן צעריסענעם העמדל — אין איין העמדל איז ער געקומען. ער האָט נאָך גאָרנישט ניט געזאָגט, קימאַט גאָרנישט, כּוץ עפּשער די צוויי ווערטער, וואָס זײַנען געזאָגט געוואָרן דאָרטן, אויף די טרעפּ: „זעסט, אַנטלאָפֿן...“ און זי האָט גאָרנישט ניט געפֿרעגט, געטאָן זיך אײַלס — געשיילט די געקאָכטע קאַרטאָפֿליעס, אָנגעבראָכט זיי אויף דער סקאָווערדע, אַרויסגעשטעלט אויפֿן טיש ברויט, זאַלץ, אַ ביסעלע צוקער, און געקוקט אויף אים — גליקלעך און פֿאַרומערט, וואַרטנדיק און מוירע האָבנדיק פֿאַר אָט דעם וואַרטן, — ווער ווייסט, וואָס ער האָט צו דערציילן?

ארומגעוואשן האָט ער זיך דאָ, אין קיך; אראָפּגעצויגן פון זיך דאָס העמדל — מער איז דאָס לײַב מיט גאָרנישט ניט געווען צוגעדעקט. וואַליע האָט זיך געקווענקלט בלויז עטלעכע רעגעס. צוגעגאנגען און גענומען אים וואשן די פּלייצע — א מין ברייטע, א מין דארע, מיט שראמען און מיט בלאָוו־פארזאָטענע פלעקן. זי האָט אים געוואשן דעם קאָפּ און אָנגעטאפּט בײַלן אונטער די האָר. ווען ער האָט זיך ארומגעווישט, אָנגעטאָן אנדריי סאנזשארעס א העמד און א פּידזשאק און שוין געהאט גענומען מיטן גאָפּל א צוגעברוינט ריפּטעלע פון דער סקאָווערדע, האָט ער געפרעגט — אָט דעמלט, בייס ער האָט געווארט, דאָס ריפּטעלע זאָל זיך אויסקילן:

— און וואָס הערט זיך דאָ, הא?.. פארוואָס עסטו ניט? עס...

זי האָט אויך גענומען א שטיקעלע קארטאָפליע. אייגנטלעך, האָט זי טאקע געכאָלעשט עסן. זײַן פראגע האָט זי צעטומלט — וואָס זאָל זי אים ענטפערן? וואָס ענטפערן, אז זי ווייסט נאָך גאָרנישט ניט וועגן אים? זי האָט צו לאנג געבלאָזן אַף דעם ריפּטעלע, וואָס איז אָנגעשטאָכן געווען אפן גאָפּל.

עפשער האָט ער פארשטאנען און עפשער ניט, נאָר ער האָט געזאָגט:

— מע האָט צו מיר געבראכט אלעמאָל אנדערע — קיִעווער און פון דער געגנט ארום קיִעוו, צו אייניקע — צעמיימעסטע, קראנקע — האָט מען מיך געפירט — צי דערקען איך זיי, צי דערקענען זיי מיך? עטלעכע געקויפטע האָבן מיך באלד דערקענט, אפילע ניט פארטראכט זיך. אזעלכע דערקענען אלעמען. איינעם האָב איך ווירקלעך געקענט: מײַן פראָפעסאָר פון כימיע, דער אלטיטשקער פון סאלאָמענקע, צו וועלכן איך האָב דיך געשיקט. דאָ איז מיר ביטער געוואָרן. עפשער האָט מען דיך אויך געפאקט, עפשער לעבסטו שוין ניט? קלאָר — איך קען אים ניט. און דער פראָפעסאָר זאָגט: „אָן מײַנע בלאָווע פענסנע דערקען איך אפילע אײַך ניט, הער אויספאָרשער. איר ווייסט דאָך. דער דאָזיקער איז, דאכט מיר, זייער א לאנגער. קיינמאָל ניט געזען אזא“. דערנאָך האָב איך גענומען ווארטן: אָט וועט מען דיך ארײַנפירן, אָט וועט מען פרעגן אַף דיר. נייך, גאָרניט. דערפאר בין איך אוועק אהער. וואָס זשע — צו פּאָלינעס שוועסטער? מע קער דאָרט שוין זײַן. זיי האָבן הײַנט א קלאָפּאָט איבער מיר!

אָפּגעגעסן א ביסל, האָט ער געפרעגט:

— וואָס שווײַגסטו, וואַליע? וואָס הערט זיך? ווו איז דער פראָנט?

— בא ראָסטאָוו, בא טולע, בא מאָסקווע. די דײַטשן טאָפּטשען זיך דאָרט אַף איין אָרט.

— עמעס? ס'איז ניט קיין דײַטשישע יעדיִעס?

— דעם זעקסטן האָט סטאלין אין מאָסקווע געזאָגט: די קויכעס, וואָס ברענגען א מאפּאָלע דעם פאשיזם, וואקסן פון טאָג צו טאָג. איך האָב די לעצטע סוואָדקע. דיר איבערלייענען, צי וועסט אליין?

איר נאסער מאנטל איז געהאנגען אַף א טשוועקל בא דער טיר פון דער קיך. זי האָט ארויסגענומען פון אונטער דעם אונטערשלאק אינעם ארבל א צונויפגעלייגט פאפירל.

ער האָט געלייענט בא דער שײַן פונעם קעראָסין־לעמפל, וואָס זי האָט א ביסעלע מער ארויסגעדרייט.

אז ער האָט איר אָפּגעגעבן די סוואָדקע, איז וואַליע, קעדיי אויסמײַדן נײַע פראגן, אוועק אויסבעטן. נאָר ווו לייגט מען אים? אַף דער מומעס געלעגער? די מומע קאָן אינדערפרי זיך אומקערן און ביכלאל — אָנעם פעטערס וויסן... די דאטשקע, אַף וועלכער דמיטרי איוואנאָוויטש פלעגט שלאָפן, טויג ניט — ער וועט אפילע ניט קאָנען אויסגלײַכן די פיס. בלײַבט איר בעטל. ס'איז אויך קליין, נאָר גרעסער פון דער דאטשקע.

ווען ער האָט זיך גענומען אויסטאָן, האָט זי זיך אָפּגעקערעוועט צום פארהאנגענעם פענצטער.

זיצנדיק שוין אפן ראנד פונעם בעטל — וואַליע האָט זיך אלץ ניט אומגעקוקט, — האָט ער געזאָגט:

— איין זון האָב איך נאָך עפשער.

„איין זון... עפשער...“ — וואַליע האָט דערפילט א קעלט אין דער פלייצע. — „ניטאָ פּאָלינע, ניטאָ איינס פון די צוויי פיצלעך... וועלכס? יענץ, וואָס פּאָלינע האָט דעמלט, ווען זיי האָבן זיך צעפילדערט, דעם א טיצע געטאָן די ברוסט, צי דאָס צווייטע, וואָס האָט זיך באנוגנט מיט זייגן א שטיקעלע ברויט, פארוויקלט אין א פײַכטער מארליע?“

מאקאר האָט זיך אנידערגעלייגט, די פרוזשינעס האָבן א קרעכץ געטאָן אונטער אים.

— דאָ שלאָפסטו געווײנלעך? — האָט ער געפרעגט.

— פונוואנען ווייסטו?

— די קעצלעך אפן טעפיכל האָבן מיר געזאָגט...

זי האָט זיך איבערגעזעצט אפן בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן סאַמע בעטל, און דער־הערט: דער פעטער איז מיט פאָרזיכטיקע טריט אומגעגאַנגען אין קאָרידאָר, אין קיך. „אַרײַנ־רופן אים? ניין, בעסער אַרויסגיין צו אים“.

— שלאָף, מאַקאַר, דער פעטער האָט זיך אומגעקערט פון דעפאָ.

זי האָט זיך געכאַפּט: „ער ווייסט דאָך ניט, אַז דער פעטער איז אין קיִעוו“. נאָר ער האָט גאָרנישט ניט איבערגעפרעגט. ער איז אַנשלאָפן געוואָרן, ווי נאָר ער האָט דעם קאָפּ צוגע־טוליעט צו דער קישן.

ער איז געלעגן אף דער זײַט, מיטן פּאָנעם צו וואַליען, די קני אונטערגעצויגן. זי איז אופגעשטאַנען, זאָרגזאַם אים אײַנגעדעקט די פּלייצע און אַוועק צום פעטער מיט די נײַס, וואָס זי האָט געהאַט פאַר אים.

5

די נײַס — ניט נאָר מאַקאַר ליאַלעטשקאָ, און ניט נאָר די פרישע סוואָדקע, — די נײַס איז געווען:

— באַגעגענען וועט מען זיך קאָנען סאָף קומענדיקע וואָך. פּינקטלעך ווען און ווו וועט נאָך אָנגעוויזן ווערן.

דער פעטער האָט געגעסן דאָס ביסל שוין ווידער קאַלט געוואָרענע קאַרטאָפליעס, וואָס זי האָט פאַר אים געלאָזט באַם ראַנד פון דער סקאָווערדע, און אַרײַנגעקוקט אין דער סוואָד־קע, — זי איז געווען געשריבן אַלץ מיט יענער קינדערשער, ניט פעסטער האַנט.

— פריִער מיט אַ פּאָר טעג זײַנען שוין די סוואָדקעס אַזוי ווי געווען בעסער, — האָט ער געזאָגט, — גאָר אַ צוריקגעהאַלטענע סוואָדקע.

וואַליע האָט זיך אָפּגערופן ניט באַלד:

— ווער ווייסט...

אָפּגערופן זיך, זײַענדיק פאַרטיפט אין אירע אייגענע געדאַנקען, וואָס האָבן בלויז ווי פון דער זײַט געהאַט צו טאָן מיט דעם, וועגן וואָס דער פעטער האָט גערעדט, גלײַך זי זאָל זאָגן: „דאָס, וואָס אונדז קלעקט ניט קיין געדולד, איז ווייניק וואָס ווערט“. געטראַכט האָט זי ווידער וועגן דעם זעלבן, וואָס אין גאַס, ווען זי איז געגאַנגען אַהיים, — וועגן גליק און אומגליק. מאַקאַר — אַ גרויסער אומגליק האָט אים געבראַכט אַהער צוליב גרויס גליק, אין וועלכן, ווי ביטער, ווי שרעקלעך עס זאָל ניט זײַן, עס זשעווערעט אויך אירס אַ פונקעלע האָפענונג.

זי איז געווען מיד. פּאַשעט אָנגעהאָרעוועט זיך. געגאַנגען הײַנט צו דמיטרי איוואַנאָוויטשן אף דער טעליטשקע פון יענער זײַט פּעטשערסק, באַ אים באַקומען אַ נײַע שליכעס, אין אַ צווייטן עק שטאָט — אף שוליאַווקע, פון דאָרט אַוועק אף דער סטרעלעצקע — דאָס איז שוין, עמעס, לעם דער שטוב. איצט האָט זי געדאַרפט זיך זעצן איבערשרײַבן מיט געדרוקטע אויִ־סיִעס כאָטשבי פינף עקזעמפּליאַרן פון דער סוואָדקע, קעדיי דער פעטער זאָל זיי אינדערפרי מיט־נעמען אין דעפאָ. און דעריך האָט זי געפונען איר גליק, ווידער טאַקע — אויך אַ שטיקעלע אייגן גליק: דאָס, וואָס זי האָט געטאָן, איז איר פיל ליבער געווען, איידער זײַן אין דער קאָנצערט־גרופּע, וועלכע איז דאָ שוין, קאָנטיק, געשאַפן געוואָרן אָן איר. „אינטערעסאַנט, אַז דער מענטש לייגט דעם קאָפּ אף דער פּלאַכע, פלײַסט ער זיך אויך אָוועקלייגן אים אַ ביסעלע באַקווע־מער?..“ ס׳איז געווען טיפע נאַכט, ווען אַלץ זעט אויס פינצטערער, ווי געוויינלעך. נאָר ניט פון ייִעש זײַנען געקומען די דאָזיקע געדאַנקען — פון העלדנמוט, פון גלויבן אין גליק, פון אַקשאָנעס...

און דאָס גוטע האָט זיך שוין געטראָגן אין עפּיר, און די זעלבע ייִנגלשע, ניט פעסטע האַנט, וואָס האָט פאַרשריבן די סוואָדקע, וועלכע איז געלעגן פאַר אַנדריי סאַנזשאַרען אפן טיש, האָט שוין פאַרשריבן די נײַס, וואָס דער מאָסקווער דיקטאָר האָט פײַערלעך איבערגע־געבן: „אין דער לעצטער שאָ... נאָך איין קלאַפּ איבערן סוינעס מיליטער... דורכגעריסן די פאַרפעסטיקונגען פונעם דײַטשישן מיליטער און, דראָענדיק אַרומרינגלען עס, אַרײַנגעריסן זיך פון צאָפן־מיזרעך קיין ראָסטאָוו און פאַרנומען די שטאָט... עס איז פולשטענדיק צעגראָ־מירט די גרופּע פונעם גענעראַל קלייסט אין באַשטאַנד פון...“

דאָס האָט איין אָן ענג, דושנע קעמערל אָן פענצטער פאַרשריבן מיט אַ בלײַער שוניע שאַוולער. זײַן בלאָנדער געקרײַזלטער קאָפּ איז געווען נאָענט אָנגעבויגן צום קליינינקן „פּי־ליפּס“, ווו עס זײַנען אפן רויטלעך־באַשײַנטן גלאָז אָנגעצייכנט געווען אַלע גרעסטע שטעט פון דער וועלט. דאָס ווײַסע פּאַסיקל אונטערן גלאָז האָט מיט אַ ליכטיקן שטראַל אָנגעוויזן אף מאָסקווע. אף שוניעס האַנט, אַ יוגנטלעך־דאַרער, זײַנען אַרויסגעטראָטן אָדערן — די ערשטע אָדערן, וואָס טרעטן אַרויס אף אַ מענעריש־אָנגעמידטער האַנט. ווען דער בלײַער האָט אופגע־

הערט שרײַבן, האָט א צווייטע האַנט, מיט א צאַרטער ברוינלעכער הויט, גאָר א דינע, א מיידלשע, קימאַט א קינדערשע, אים דערלאַנגט א קלענערן שאַרף־פּאַרשניצטן בלײַער. געווען איז עס נאַטאַשעס האַנט — נאַטאַשע קרעמעז...

גראָד הײַנט, ווען לידע טאַנאַגאַז האָט עס לאַכלוטן ניט געדאַרפט, איז נאַטאַשע, ווי זי האָט עס שוין א פּאָר מאָל געטאָן, געקומען צו איר, אָף דער סטרעלעצקע, מיט א מיין צו פאַרבלײַבן נעכטיקן. אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ, וואָס האָט געאַרבעט אַלס אָפּעראַטאָר אָף דער סטאַנציע קיִעוו־מאָסקאָווסקי, איז אַוועק אָף דער באַנאַכטיקער וואַכטע. סטעפּקע האָט זיך אומגעקערט פון איר אַרבעט באַם שעף פון דער דעפּאָ מיט קאָפּ־שמערצן און מיט א כאַנדראַ — א קליינער פאַרגעניגן צו זײַן מיט איר דעם אָפּדערנאַכט, כוץ דעם, איז מאַכמעס דעם שניי און דער אָדליגע פינצטער געוואָרן, נאָך איידער נאַטאַשע האָט זיך דערקליבן אַהער פון דער סאַפּיאָרנע סלאָבאָדקע אָף יענער זײַט אײַזנבאַן. איז ווען ווען זי אין אזא ביטערן וועטער קומען אַהיים? האַקלאַל, די קליינע איז געבליבן נעכטיקן, און דאַפּקע דעמלט, ווען לידע האָט זי אַפילע צו זיך אין צימער ניט געקאָנט אַרײַנלאָזן און זאָגן איר אויך גאָרנישט ניט געקאָנט.

שוניע האָט יאָ געוווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר דערקלערן עס אַפילע זיך אַליין איז ער ניט אימשטאַנד געווען. באַטאָג איז געקומען קאָנסטאַנטין שיבײַעוו, לידע איז אַרויס מיט אים אין הויף, און ווען זי האָט זיך אומגעקערט, זייער אַן אופגערודערטע, האָט זי געהייסן שוניען אַריבערטראָגן דעם „פיליפּס" און דעם אַקומוליאַטאָר צו די שכיינים, צו די סאָלאָמאַכעס, אין קעמערל. דערבײַ האָט זי געזאָגט:

— באַלד וועט קומען אַהער מײַן עלטערער ברודער, יורע. האָסט געהערט וועגן אים. מע דאַרף עפּשער דערווײַל ניט, ער זאָל דיך דאָ זען. וועסט זײַן בא די שכיינים. אָף נאַטאַשקען זאָלסטו צוזוואַרטן אין קאָרידאָר, ווייסט דאָך, ווען זי קומט, און זי אָפּשיקן אַהין, צו די שכיינים. דערנאָך וועסטו וואַרטן אָף וואַליען און מיר אָנקלאַפּן, אַז זי וועט קומען. איך וועל אַרויסגיין צו איר.

פאַרנאַכט, ניט לאַנג פאַר דעם, ווי נאַטאַשע האָט זיך אַרײַנגעשטעלט צו לידען, האָט שיבײַעוו געבראַכט צו פירן דעם גאַסט — אַן אָפּגעריסענעם, שרעקלעך אַן אויסגעדאַרטן, מיט א פאַרבונדענעם אויער. שיבײַעוו איז אַינגיכן אַוועק, און פאַר דעם גאַסט האָט לידע געמאַכט א באָד בא זיך אין צימער. דערנאָך אָפּגעקאָכט פאַר אים א זופּ פון די פלייש־קאָנסערוון, וואָס שיבײַעוו האָט געבראַכט. וואָס זשע זאָל דאָס באַטײַטן? אי זי האָט אים אופגענומען, ווי א ברודער, אי זי היט זיך פאַר אים!

שוניען האָט דאָס געשטעלט אין א פאַרלעגנהײַט, און לידען האָט דאָס געקאָסט א יאַם געזונט. זי האָט אָבער געוווּסט: אַנדערש קאָן מען ניט.

זי האָט באַצײַטנס באַקומען א וואָרענונג — א דעליקאַטע, נאָר א קאַטעגאָרישע.

— איר וועט הײַנט האָבן אַן אומגעריכטן גאַסט, טײַערע, — אַזוי האָט אָנגעהויבן שיבײַעוו, מיט א קלוימערשט לוסטיקן, סוידעספולן, נאָר אין טאָך אַן אָנגעצויגענעם, פאַרזאָרגטן שמייכל, — ווי פלעגט מען עס אַמאָל זאָגן בא אונדז, אין אַלטן רוסלאַנד: אַן אומגעריכטער גאַסט איז ערגער פון א טאָטער. באַמערקט, דאָס שפּריכוואָרט מאַכט ניט קיין אויסנאַם אַפילע פאַר א קאָרעוו. און דער גאַסט, וואָס וועט קומען, איז אײַערער אַן אייגענער. ער זיצט איצט בא מיר און וואַרעמט זיך. צום גליק, האָב איך אים דערזען אַריבערגיין די דאַרניצער בריק, און אין אזא צושטאַנד, אַז איך האָב געפונען פאַר נייטיק אים לאָזן דאָרט, בא מיר, א ביסל קומען צו־זיך... יאָ, צום גליק, ווײַזט אויס... קורץ, יורע אײַערער איז געווען בא די דײַטשן אין געפאַנגענשאַפט, ווײַל איך אײַך אייצען: באַגייט זיך מיט אים, ווי מיט א טאָפּ, וואָס מע ווייסט ניט, ווער און וואָס האָט דאָס לעצטע מאָל אין אים געקאָכט. אַנטשולדיקט, קיין אַנדער פאַרגלײַך איז מיר איצט אין קאָפּ ניט געקומען. קלאָר?

די ערשטע אומיטלבאַרע רעאַקציע אָף שיבײַעווס ווערטער איז געווען ניט קיין באַקלערטע און א היציקע:

— ווי וואַגט איר צו ריידן אַזוינס וועגן מײַן ברודער!

ס'איז אָבער נייטיק געווען בלויז נאָך איין מינוט, אַז דער קאַס זאָל איבערגיין און זי זאָל זיך באַקלערן: נו, און ווען שיבײַעוו זאָגט איר עס ניט, וואָלט זי דען אָט אַזוי־אַ גלײַך דערציילט דעם ברודער, ווער שוניע איז? און אויב אַפילע יאָ, איז צי וואָלט זי אַרײַנגעפירט נאַטאַשען און וואַליען אין צימער און אין זײַן אָנוועזנהײַט געזאָגט זיי און געפרעגט דאָס, וואָס זי דאַרף זיי זאָגן און פרעגן, און שוניע וואָלט אָט אַזוי־אָ אינמיטנדערינען זיך געזעצט צום אופעסן?..

— אַנטשולדיקט, קאָנסטאַנטין, פאַרשטייט מיך ריכטיק.

— פארשטייט מיך אויך ריכטיק, לידע, — האָט ער געענטפערט פּאָשעט, ערנסט, שוין אָן א שמייכל.

„פארשטייט מיך אויך ריכטיק“, — און זי האָט אים סײַווי ניט געקאָנט פארשטיין, און טאקע הײַנט מער ווי אלעמאָל, כאָטש אפן הארצן איז פון דעם הײַנטיקן, אין פלוג אומאָנגענעמען, שמועס ווארעמער געוואָרן, און קאָנסטאנטין האָט איר אזוי ווי אָנגעהויבן אויסזען נעענטער, זי האָט אים ווי אפסנײַ דערזען.

וואָס ווייסט זי וועגן אים? ער איז איר עלטערן ברודערס (ניט קיין אייגענער ברודער, נאָר עס איז דען בא איר אמאָל דורך א געדאנק וועגן דעם?) א כאַווער פונעם דאָרעם־פראָנט, געווען אָן איבערזעצער אין דער זעלבער דיוויזיע, ווו יורע. ס'האָט אים פארוואָרפן קיין קיִעוו, ווען די וווּנד, וואָס ער האָט באקומען, איז נאָך ניט געווען פארהיילט. דאָ איז ער ווידער פארווונדעט געוואָרן. לײַכט, אָבער אין פוס, און ער האָט געמוזט בלײַבן אין דער פארנומענער שטאָט. דערנאָך האָט ער ערגעץ שטארק צעשעדיקט דעם צווייטן פוס און שוין אוואדע ניט געקאָנט טראכטן פון לאָזן זיך אף מיזרעך, ווי אנדערע.

ער איז געווען זייער פילקאנטיק, שיבײַעוו, דאָס אלץ איז איין קאנט זײַנער, — א קלאָרער. נאָר עס זײַנען פאראן נאָך. אינעם פארנומענעם קיִעוו, אין אָט דעם שוידערלעכן ווירוואר, האָט ער גלײַך אָפגעזוכט אײַנפלוסרײַכע באקאנטע און מיט דער הילף פון איינעם אזא געקראָגן פאר שוניען א צײַגעניש, אדאנק וועלכער דאָס יינגל האָט געמעגט זיך ניט אויסבאהאלטן. שפּעטער, ווען קאָנסטאנטין האָט צעשעדיקט דעם פוס, איז ער געלעגן אין א שפּיטאָל, אין א שפּיטאָל — דאן, ווען מע האָט אומעטום געכאפּט סאָוועטישע קריגסלײַט, קיין פארווונדעטע אויך ניט געשוינט. לידעס א באקאנטער דאָקטער האָט אים געזען אין יענעם שפּיטאָל און אפילע באמערקט, אז די דײַטשישע דאָקטוירים האָבן אים געשענקט באשטימטע אופמערקזאמקײַט, וואָס געווען איז עס אָן סאָפעק א רעזולטאט פון עמעצנס זאָרג. אגעוו, קאָנסטאנטין אליין האָט עס אויך ניט אויסבאהאלטן, אז ער איז געלעגן בא די דײַטשן אין שפּיטאָל און אז פרײַנט האָבן עס גוט אײַנגעאָרדנט.

ווײַטער. צו איר האָט ער זיך דערקליבן אף די קוליעס, פארבליבן דאָ וווינען און באלד באמערקט, מיט וואָס שוניע פארנעמט זיך אין קעמערל בא די סאָלאָמאכעס. און ווי האָט מען עס טאקע געקאָנט אויסבאהאלטן פון אים, וואָס האָט געהאָלפן ראטעווען שוניען? דערווײַל האָט בא שוניען זיך גאָרנישט ניט באקומען מיטן מאָנטירן דעם ראַדיאָ־אפּאראט, עס האָבן געפעלט טיילן, לעמפּ. האָט שיבײַעוו, ווי נאָר דער פוס האָט זיך בא אים פארהיילט, געבראכט אָט דעם קליינינקן „פיליפּס“. עס רעדט זיך אזוי — געבראכט! ס'איז דאָך ניט פּאָשעט. און דאָס איז געווען נאָך איין קאנט, וואָס האָט זיך אנטפּלעקט פאר לידען, פון זײַן נאטור, וועלכע איז דערווײַל אינגאנצן גענומען געווען פון איר פארבאָרגן.

ארויס איז קאָנסטאנטין שיבײַעוו אין גאס מיט א שטעקל און גלײַך געקראָגן ארבעט: געוואָרן א שאָפער — ניט קיין איבערזעצער, נאָר א שאָפער, — בא אָן אינזשעניער, א טאָדטאָוועץ[1], וועלכער שטעלט אוף די היגע אײַזנבאן־בריק. טאקע יענעם דײַטשס „פיליפּס“ האָט ער געבראכט שוניען צו פאריכטן. און אויסגעלאָזט האָט זיך, אז מע האָט בלויז געדארפט צולייטן א דרעטעלע. ער אײַלט זיך ניט אָפּנעמען דעם „פיליפּס“ און דעם אקומוליאטאָר. איז דאָך אלץ קלאָר? און דאָך ניט אלץ. לידע האָט שוין וויפל מאָל געפּרווט ריידן מיט קאָנסטאנטינען אָפן, אז דאָס אָרט, ווו ער ארבעט, איז זייער א וויכטיקס, אז עפשער ניט זי אים, נאָר ער זי וואָלט איצט באדארפט לערנען, וואָס צו טאָן. זי האָט אים געזאָגט נאָך מער (און ער האָט דאָס, אייגנטלעך, אליין גוט פארשטאנען), אז ניט אויס נײַגער און ניט קעדיי ס'זאָלן זײַן אין קורס פון די געשעענישן אפן פראָנט דער טויבער קעסלער מארקיאָן סאָלאָמאכא און זײַן אלטיטשקע, הערט מען דאָ ראַדיאָ. אָבער גראָד וועגן דעם האָט ער גערעדט זייער ניט גערן און דערבײַ אזוי, אז אויב האלטן, ער זאָגט דאָס, וואָס ער טראכט, — האָט זי פּאָשעט געדארפט אופהערן אים צו אכטן. ער האָט געזאָגט:

— איך בין מיד פון אלץ און איך וויל זיך אין גאָרנישט ניט מישן, לידע. אין ארמיי איז מען ווי אין א צוג: זיצסט, ליגסט — עס טראָגט דיך. אָדער ריכטיקער — מע איז א שטיינדל אין א פליִענדיקער לאווינע. און אז מע וויל זײַן אויסער דער לאווינע, קוקן בלויז, ווי זי טראָגט זיך?.. איך בין ניט פון די, וואָס האָבן ליב צו לייענען וועגן גרויסע מענטשן, קעדיי זוכן אין דער אייגענער בײאָגראפיע עפּעס ענלעכס, — דאָס איז אָן ארבעט פאר פיגמייען, — נאָר אנומלטן איז מיר ארײַנגעפאלן אין די הענט אונדזערס א ביכל וועגן מיקעלאנדזשעלאָ, — און ווו מיינט איר? — בא א געוויינלעכן שנײַדער, צו וועלכן מײַן שעף איז געקומען מעסטן א

[1] „ט אָ ד ט“ — א מיליטאריזירטע בוי־אָרגאניזאציע אין פאשיסטישן דײַטשלאנד.

מונדיר, — האָב איך עס שטייענדיק א בלעטער געטאָן. אין א פינצטערער צײַט האָט אָט דער ריז, וועלכער האָט ניט בלויז ארײַנגעבלאָזן אייביק לעבן אין שטיין, נאָר געוואָלט אויך ענדערן דעם אָנבליק פון זײַן עפּאָכע, א מידער פון אלץ, פון קאמף, פארשריבן:

א פארגעניגן איז צו שלאָפן, בעסער נאָך צו זײַן א שטיין.
אָ, אין אָט דער צײַט פון שאנד און פון פארברעכן
ניט לעבן און ניט פילן — איז א גורל נאָר אף מעקאנע צו זײַן...

און נאָך האָט לידע געטראכט וועגן שיבײַעוון אנדערש: דאָס איז שטימונג. מיד ווערט יעדערער, און דער, וואָס האָט זיך ארופגעדראפּעט הויך אפן בארג, ווערט א סאך מידער, אייִדער דער, וואָס איז ערגעץ אונטן. קאָנסטאנטין פירט א גרויסע, א געפערלעכע שפּיל. מעגלעך, אז ער דארף עס אויסבאהאלטן פון איר א געוויסע צײַט. און מעגלעך, אז זי וועט אזוי טאקע זיך ניט דערוויסן גאָרניט. דאָס, וואָס זי טוט, איז פאר אים צו קליין, און דאָך העלפט ער איר. אָט האָט ער זי דאָך אפילע וועגן יורען געוואָרנט. מע דארף האָבן רעכט צו טאָן אזוינס. אוועקגייענדיק, האָט ער איר א שעפּטשע געטאָן:

— זאָל הײַנט שוניע אומבאדינגט הערן. די ענגלענדער גיבן איבער עפּעס גאָר וויכטיקס וועגן מיזרעך־פראָנט.

„מיזרעך־פראָנט“... זי, לעמאָשל, וואָלט קיינמאָל ניט אָנגערופן אזוי דעם סאָוועטישן פראָנט, און עס וואָלט איר אויך קיין קויעך ניט געקלעקט צו שווײַגן. מע גיט איבער גוטס אָדער שלעכטס? דאָך האָט זי ניט איבערגעפרעגט און בלויז געזאָגט:

— איר זײַט א מענטש מיט סוידעס און מיט רעטענישן, קאָנסטאנטין!

ער האָט געענטפערט מיט א שפּאס, נאָר ביטערע נאָטקעס האָבן גאנץ ערנסט אָפּגעקלונגען אינעם דאָזיקן שפּאס:

— רעטענישן — איז איינער פון די קאָמפּאָנענטן, פארוואָס פרויען באקומען ליב. פאר מיר גילט עס דערווײַל ניט.

ליב... עפּשער האָט זי אים שוין טאקע ליב? עפּשער איז זי גרייט פארגעסן צוליב אים יענעם, וואָס איר האָט זיך געהאט אויסגעוויזן, אז זי האָט אים ליב. נאָר אויב זאָגן דעם עמעס, און זיך זאָגט זי קעסיידער דעם גאנצן עמעס, האָט זי נאָך ניט געהאלטן, אז דאָס איז ער טאקע געווען יענער, וועלכן זי וועט ליב באקומען אפן גאנצן לעבן, — און ווו איז ער ביכלאָל, יענער?..

בארויגעז א ביסל אף זיך אליין, מיט צעמישטע געפילן, איז לידע געלעגן אין אָנטאָן אף איר בעטל הינטער דער גרינער שירמע און זיך צוגעהערט צום ברודערס שלאָף. ער האָט אונטערגעכראָפּעט מיט א שטילן פײַף, נאָר אלעמאָל אופגעכאפּט זיך, ווי ס'זאָל אים פעלן לופט אָדער ווי אין שרעק פאר עמעצן. א קלאָגעדיק־בעטנדיקער כליפּ, אן אײַליקער, אומקלאָרער געמורמל, און ווידער א כראָפּען — רעגלמעסיק, מיט א פײַף.

גערעדט האָט מען ווייניק יענעם אפּדערנאכט. דער ברודער איז טאקע אויסגעשעפּט געווען פונעם פלעקטיפוס, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן, פונעם וועג. נאָר כוץ דעם, האָט זיך איר אויסגעדאכט, אז ער וויל ניט דערציילן גענוי וועגן זײַנע פּאסירונגען און דורכפאלן, ווײַל עס רירט אָן זײַן שטאָלץ. פארוואָס האָט קאָנסטאנטין געייצעט ניט זײַן מיט אים אָפּנהארציק, האָט זי נאָך אלץ ניט געקאָנט באנעמען, אָבער צוויי מאָמענטן האָבן זי אָנגעשפּיצט.

ערשטנס: יורע, ניט בלויז ער האָט זיך ניט פארכידעשט, ער האָט קיין שום פּארדראָס ניט אויסגעדריקט, בייס זי האָט דערציילט, אז דער ייִנגערער ברודער, מישע, ארבעט אין ליר־באטשער אופּראווע (אים האָט זי דאָך ניט געזאָגט, ווי אמאָל קאָנסטאנטינען: „מע דארף אזוי“).

— הערסטו! און איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אז מישע קאָן זיך אזוי א דריי טאָן אף אלע הונדערט אכציק גראד!

אָט דאָס האָט זיך בא אים ארויסגעריסן מיט א מין פארבאָרגענער שאָדנפרייד, ניט מער...

צווייטנס: ער האָט זיך געקליבן גיין ארבעטן אף דער אײַזנבאן, אף וואָס פאר אן ארבעט עס זאָל ניט זײַן. אויסגערעכנט האָט ער אף קאָנסטאנטין שיבײַעווס הילף. ווען קאָנסטאנטין זאָל זי ניט געווען וואָרענען, וואָלט עס אפילע אויסגעזען גוט. וואָס אף דער קיִעווער אײַזנבאן טוט זיך, האָט זי א ביסל געוווּסט. נאָר יורע האָט קאָנסטאנטינען באגעגנט צופעליק און ווייסט ניט, אז קאָנסטאנטין גלייבט אים ניט; וואָלט דאָך פּאָשעטער געווען, אויב שוין אויסנוצן די צופעליקע באגעגעניש, בעטן קאָנסטאנטינען אים אײַנאָרדענען דאָרטן, ווו ער אליין, קאָנסטאנטין, ארבעט. זאָל זײַן, אז די דײַטשן האָבן אפּאנעמעסן באפרײַט יורען, ווײַל ער האָט זיך אָנגעגעבן פאר אן אײַזנבאנער, איז דאָך די בריק, ווו קאָנסטאנטין ארבעט, אן אײַזנבאן־בויוּנג. גופע אף דער ליניע קאָן גיכער קלאָר ווערן, אז ער האָט גענארט, יורע.

עפּעס האָט זיך דאָ ניט געקלעפּט. לידען איז שווער געווען צו גלייבן, אַז שיבײַעווס וואָרענונג האָט אַ גרונט, ס׳איז איר שווער געווען אַנטוישן זיך אינעם ברודער, מיט וועלכן זי האָט נאָך גאָר ניט לאַנג שטאָלצירט (כאָטש זי האָט אויך געוווּסט וועגן דעם, אַז ער איז אַ ביסל אַ גרויסהאַלטער), ס׳איז איר שווער געווען, וואָס זי האָט געדאַרפט מעלדן וועגן אירע ספּייקעס און פאַרדאַכטן און דאָס וועט מיסטאָמע צווינגען, מע זאָל אויסמײַדן אַף אַ שטיקל צײַט איר שטוב און עפּשער זי אַליין אויך...

ס׳האָט זיך דערנעענטערט די צײַט, ווען מאָסקווע טיילט מיט די סוואָדקע. איבערצײַגט זיך, אַז דער ברודער שלאָפט, איז לידע אַוועק צו די סאָלאָמאַכעס אין קעמערל. מע האָט איבערגעגעבן די יעדיִע וועגן ראָסטאָוו. איז אָט וואָס פאַר אַ נײַס שיבײַעוו האָט געוווּסט!

שוניע און נאַטאַשע האָבן געשלאָפן. ווען לידע האָט געעפנט די טיר, איז מען געזעסן איינס לעבן אַנדערן אַף אַ קעסטל. ביידע האָבן זיך טייקעף אופגעהויבן פאַרלוירענע, צערויטלטע. נאַטאַשע האָט זיך געוואָרפן קושן.

— מײַן טאַטע איז דאָך אַפן דאָרעם־פראָנט! ער קער איצט שוין זײַן אין ראָסטאָוו!

שלאָפן האָט מען ניט געוואָלט גיין — עפּשער שפּעטער. זאָל זי זיך ניט זאָרגן, לידאַ ניסאַנאָוונאַ, — אינצווייען וועלן זיי הײַנט איבערשרײַבן אַ סאַך עקזעמפּליאַרן. זיי האָבן זי קימאַט אַרויסגעפּראָוואַדיעט פונעם קעמערל. לידע איז אַוועק צו זיך, קעדיי ווידער באַטראַכטן, וואָס טוט זיך אַרום איר, קומען צו עפּעס אַן אויספיר.

אָבער ניט אַזוי גיך וועט פאַר איר אַנטפּלעקט ווערן דער עמעס, און דעמלט, ווען ער וועט זיך אַנטפּלעקן אין דער פולער מאָס, וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז זי האָט ניט געוווּסט בלויז אייניקע אײנצלהײַטן. ניט געוווּסט, אַז קאָנסטאַנטין שיבײַעוו איז אַף דער בויונג פון דער בריק געווען ניט קיין שאָפער, נאָר אַן אינזשעניער, ער האָט אָנגעפירט מיט די מעכאַנישע וואַרשטאַטן; אַז די מאַשין האָט צו קיין שום דײַטשישן שעף קיין שײַכעס ניט געהאַט, ס׳איז געווען זײַנע, שיבײַעווס, און דער „פיליפּס" איז אויך געווען זײַנער, און אַז ניט שיבײַעוו האָט צופעליק דערזען יורע טאַנאַגאָזן אַפן בריק, נאָר פאַרקערט, יורע האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט צו אים, — וואָלפגאַנג ראָגאַוש האָט אַזוי געייצעט. וועגן דעם ברודער וואָלט לידע געדאַרפט זיך דערוויסן (נאָר וויִאַזוי?), אַז ער האָט ניט געאַרבעט אין קיין באַראַק פון טיפּוס־קראַנקע, ווי ער האָט איר געזאָגט. אַף טיף איז ער קראַנק געוואָרן צופעליק, ווי פיל אַנדערע. ער איז שוין געקומען מיט אים אין דאַרניצער לאַגער און דעריבער אָפּגעשטאַנען פון די אײַזנבאַנער, לעבן וועלכע דער געסטאַפּאָוועץ האָט אים געהייסן זיך האַלטן. אָבער די ווערסיע וועגן דעם, אַז ער האָט געאַרבעט אין אַ טיפּוס־באַראַק, איז פאַר יורע טאַנאַגאָזן געווען זייער וויכטיק. דאָס, וואָס ער האָט געקרענקט אַף טיפּוס, איז געווען ווי אַ מין באַשטעטיקונג דערפון. מענטשן מיט אַן אומרייַנעם געוויסן טראַכטן שטענדיק וועגן אַליבי.

6

די באַגעגעניש, וועגן וועלכער וואַליע האָט געזאָגט דעם פעטער, אַז זי וועט פאָרקומען צום סאָף פון דער קומענדיקער וואָך, איז לאַנג און זאָרגזאַם געגרייט געוואָרן. צוויי קליינע אונטערערדישע גרופּעס — אַ פּאַרטיייִשע, וואָס איז טעטיק געווען אַפן קיִעווער אײַזנבאַן־קנופּ, און אַן אויסשפּירערישע, וואָס איז אויך דעריקערשט אָנגעצילט געווען אַף דעם אײַזנבאַן־קנופּ, האָבן געזוכט אַ וועג איינע צו דער אַנדערער. געווען איז דער וועג אַ לאַנגער, אַ געשלענגלטער — געצויגן זיך פון דער רייטאַרסקע קיין ליובאַטש, און פון ליובאַטש — אַף דער סטרעלעצקע. לידעס צימערל איז געווען דער פונקט, וווּהין עס זײַנען זיך שוין צונויפגעקומען די פאַרבינדלער פון ביידע גרופּעס — וואַליע און נאַטאַשע, דערבײַ האָט איינע געדאַרפט גיין אַהער סאַכאַקל פינף מינוט, און די צווייטע ניט ווייניקער ווי אַ שעה. נאָר אויב דער מאַשיניסט אַפאַנאַסי טימאָשטשוק, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיייִשער גרופּע, האָט דעם טעכניקער פון דער דעפּאָ קיִעוו־מאָסקאָווסקי, אַנדריי סאַנזשאַראַ, אַ מיטגליד פון דער אויסשפּירערישער גרופּע, געזען זעלטן און ניט געקענט אים, האָט סאַנזשאַראַ געזען דעם געהילף טימאָשטשוקס, דעם רעמאָנט־אַרבעטער יערעמיי זאַרובאַ, יעדן טאָג און געקענט אים ניט איין יאָר. און מע האָט דאָך ניט געוווּסט איינער פונעם צווייטן.

באַגעגענען האָבן זיך געדאַרפט פיר מענטשן: טימאָשטשוק, זאַרובאַ, סאַנזשאַראַ און דמיטרי איוואַנאָוויטש קאָנאָפּלעוו. טימאָשטשוק האָט שוין אָנגעמערקט, וווּ די באַגעגעניש וועט פאָרקומען: באַ יערעמיי פאָמיטשס שנור אינעם שטיבל אַף דער סאַפּיאָרן־סלאָבאָדקע. דאָס שטיבל איז פאַרוקט געווען אין עק פון אַ געסל עפּשער דרײַ מעטער די ברייט, געשטאַנען באַם אָנהייב פון אַ הויכן באַרג, צווישן קעמערלעך, אין אַ פאַרשנייט סעדל. בעסער דאַרף מען ניט. אָפּגעלייגט האָט דער מאַשיניסט די באַגעגעניש מאַכמעס דעם, וואָס יערעמיי פאָמיטש איז

צוליב א וויכטיקן איניען געווען ניט הי. זארובא האָט אויסגעקליאנטשעט בא דער אדמיניסטראציע פון דער דעפאָ אן „אאוסווײַז“ (טאקע סאנזשארא האָט, ניט וויסנדיק פון גאָרניט, אים געהאָלפן) אף צו קריגן א ביסל עסנווארג אין די דערפער פון יענער זײַט דניעפּער און אויך קעדיי זיך פּרוּוון א זוך טאָן דאָרט אין די לאגערן דעם זון, א קעכער פון אן אעראָסטאטן־קאָמאנדע, וועלכער איז ערגעץ פארלוירן געגאנגען. אינדערעמעסן איז דער זון געווען ניט קיין קעכער, נאָר א קאָמאנדיר פון א ווזוואָד אעראָסטאטלער, און ניט אזוי אין די פּראָדוקטן איז דאָ געגאנגען: יערעמיי פּאָמיטש האָט באשלאָסן א נישטער טאָן אין די לינקבערעגיקע דערפער און וועלדער, א זוך טאָן באגלייבטע מענטשן, וואָס מיט א סאך פון זיי איז ער געווען אויסגעבונדן נאָך בייסן בירגערקריג, — אין אָט די קאנטן האָבן זיך אלץ מער געלאָזט הערן די פּארטיזאנער. כוץ דעם, האָט ער געוואָלט דערלאנגען זיך צו יענער טעקעלינען פון הינטער נעזשין, וואָס האָט פארנומען אף איר פורל ליאָניען. מע האָט געדארפט א קוק טאָן, וואָס דאָס יינגל מאכט. אויב אלץ איז דאָרט בעשאָלעם, איז ער א גרייטער קעמפער — א „באָיעוויק“.

יערעמיי פּאָמיטש האָט בא טעקעלינען, פארשטייט זיך, גאָרנישט ניט דערוווּסט זיך. אָבער ער איז געווען קלוג און ווײַטזיכטיק, און ליאָניעס שאָליַעך קיין דארניצע — דאנילא — האָט אויך געהאט אין זיך קלוגע אײַנפאלן, און דאָס האָט געהאָלפן צונישט מאכן דעם פּאָרטעל, די שפּיל פון צופאל, וואָס האָט צוריק מיט אָנדערהאלבן כאדאָשים שוין, דאכט זיך, ווי אף שטענדיק אוועקגעפירט מיט פארשיידענע וועגן ליאָניען און יערעמיי פּאָמיטשן...

דער אלטער ציגײַנער האָט ניט געטאָרט פארלירן קיין צײַט, — און פארלוירן האָט ער הײַנט דעם גאנצן טאָג, — דערפאר איז ער איצט געגאנגען, אין דער פינצטערער אָדליגעֿנאכט, ניט אויסקלײַבנדיק קיין וועגן, דורך פעלדער, באדעקטע מיט א דינעם שיכט פון צעגייענדיקן שניי, שפּאנענדיק גלײַך אין די קאליוזשעס, אין וועלכע ס׳איז אומגעשוווּמען צעבראָכן אײַז, געגאנגען דורך די בײַדניעפּערדיקע זאמדיקע פּוסטקעס, ווו דער ווינט האָט געשניטן ווי מיט מעסערס. ס׳איז בעפּיירעש געפערלעך געווען דאָ גיין באנאכט, און נאָך פאר א ציגײַנער, אָבער עס איז אויך זיכערער געווען, ווי באטאָג, אויב גיין מיט סייכל, — און כוץ דעם האָט ער געמוזט זיך אײַלן.

נאָך א ביסל, וואָלט ער זיך גאָר אומגעקערט מיט גאָרניט, דאנילא, און דעמלט — כאָטש לייג זיך און שטארב! — וואָס וואָלטן ער און גוזשוואט געטאָן? גאָזשקע — יענע ווייסט פון גאָרניט, אזוי ווי איר פּיצל, צי עפּשער מאכט זי זיך. נאָר אזוי אָדער אנדערש, גאָזשקע וואָלט מיסטאמע אף אלץ מאסקים געווען, אלץ איז איר ליבער, איידער זײַן צעשיידט. יאָ, אלץ, ווײַל דאָס, וואָס ס׳קאָן זײַן, שטעלט זי זיך פונדעסטוועגן ניט פאָר. אז מע האָט קיין ציגײַנער ניט ליב, אז זיי זײַנען שטענדיק די פארדעכטיקע און די שולדיקע, דאָס האָט זי געוווּסט עפּשער, זינט זי האָט פון דער מאמעס פּאָלע דאָס ערשטע מאָל זיך אראָפּגעגליטשט אף דער ערד, נאָר אז מע זאָל הארגענען ציגײַנער סטאם אזוי, ווײַל זיי זײַנען ציגײַנער, — דאָס האָט מען קיינמאָל ניט געהערט. גוזשוואט זאָגט, אז ציגײַנער קומען פון יענער זײַט פינצטערע בערג, פון אינדיע, פון דער דזשונגל, אז זיי האָבן פון עפּעס א צאָרע זיך געראטעוועט און געלאָפן. מעגלעך, אז ס׳איז אזוי, — ער איז א פארשטאנדיקער באָכער, — און מעגלעך, אז ס׳איז אנדערש. מע האָט אמאָל די ציגײַנער, דערציילט ער, געברענט אף שײַטערס, געהאלטן, אז זיי זײַנען קלוימערשט קישעפמאכערס. נאָר, ווידער טאקע, — מע איז פון דער צאָרע אנטלאָפן, אף די שײַטערס זײַנען ניט אלע פארברענט געוואָרן, אניט פונוואנען וואָלטן זיך גענומען ציגײַנער אף דער ערד, אומעטום טרעפסטו זיי... און איצט גאָר — מע וועט אלעמען אומברענגען, ווי מע טוט עס מיט די יִדן... אזוי האָט ער געזאָגט, דער סטאראָסטע פון קניאזשיטשי: „ווער אנטרונען, דאנילא, לויף, ווײַל עס וועט מיט אײַך מיט אלעמען זײַן ניט גוט. ווי מיט די יִדן!“ ער איז נאָך, ווײַזט אויס, ניט קיין שלעכטער מענטש, אויב ער זאָגט: „לויף“. דער עלטערער פּאָליצײַ פון גראבארי, וואָס מע האָט דרײַ טעג נאָכאנאנד געשמידט פאר זײַן נײַער שטוב האקנס, פּארוקערס און אפילע זאוויסעס, דער האָט גאָר געזאָגט, ווען עס איז געקומען צום צעצאָלן זיך: „אוועק! איך וועל אײַך באלד ארויספירן צום וועלדל אלעמען, און איר וועט בא מיר נאָך דאָרט אליין גראָבן א גרוב פאר זיך — ציגײַנער האָבן איצט קיין ווערט ניט...“ דארף מען לויפן כאָטשבי צו זיך, קיין בעסאראביע, ניטאָ וואָס צוווארטן, ביז דער דניעפּער וועט זיך שטעלן. מע דארף פאָרן דערווײַל לענגאויס דעם ברעג — אף דאָרעם, עפּשער איז איצט טײַער א טאָג, א שאָ, און ער, גוזשוואט, טוט עס גאָר א זאָג: „פּאָרט, איך בלײַב דאָ“. מיט צוויי שטעקנס — צוויי מיליצעס — אין די הענט, נו, נו!

אזוי, בא שמידערײַ, העלפט ער שוין דאפקע צו. ער שטעלט אוועק איינעם פון די שטעקנס אין א זײַט, שפּארט זיך אָן מיט דער לינקער פּאכווע אפן צווייטן גרעסערן שטעקן

און ציט דעם בלאָזזאַק, צי ער האַלט דאָס אָנגעגליטע אײַזן אַף דער קאָוואַדלע. גיך געכאַפּט דעם סטרי. אַז גאָזשקע זאָגט גוזשוואַט, איז גוזשוואַט, נאָר וואָס קומט אַרויס? „ווי נאָר איך וועל געזונט ווערן, דאַרף איך אַוועק פון אײַך". ערלעך. און דאָס זאָגט ער אויך ערלעך: „פאַרט, איך קאָן ניט מיטפאָרן. גענומען האָט איר מיך צו זיך אין בויד, ווען איך האָב קיין טראָט ניט געקאָנט מאַכן אַליין. און איצט, אָהאָ, אַף די מיליצעס וועל איך שוין ניט פאַרפאַלן ווערן!" נאָר ווי טוט מען אָפּ אַזוינס? ווי לאָזט מען אים אַליין? איז צוליב דעם געווען דער גאַנג קיין דאַרניצע.

נו, נו! וויאַזוי צו ווערן פון ווײַס שוואַרץ, — דאָס האָבן ציגײַנער צוגעטראַכט, נאָר אַז מע וועט אַמאָל דאַרפן טאָן פאַרקערט, — וועגן דעם האָבן זיי ניט געטראַכט! איז אויסגעקומען אַרומטשיבען די וואָנצעס ווי אַ פויער, אָנטאָן אַ געלאַטעטע סוויטקע, ווי מע טראָגט הי, אַן אָפּגעריבן היטל מיט אַראָפּהענגענדיקע אויערן פון קעצן־פוטער און אַוועק קיין דאַרניצע. שלעכט איז געווען, וואָס מ'האָט געמוזט האַלטן אין זיקאָרן, ווו זוכן איינעם און ווו דעם צווייטן פון די מענטשן, וואָס גוזשוואַט האָט געשיקט צו זיי. און גאָר ביטער איז געוואָרן, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סײַ דער ערשטער וווינט ניט דאָרט, ווו גוזשוואַט האָט געמיינט, סײַ דער צווייטער. ס'הייסט, ביידע באַווײַזן זיך ווען־ניט־ווען אין גאַס צי אַפילע לעם די שטיבער, ווו מע האָט פריִער געוווינט, נאָר גיי דערוואַרט זיך אַף זיי. פונדעסטוועגן האָט ער געוואַרט, דאַנילאַ, — דאָ אַ ביסל, דאָרט אַ ביסל, געוואַרט אַ האַלבן טאָג און שוין קימאַט אַ גאַנצן טאָג, און אַלץ אַף די פיס, ווײַל ווו וועסטו זיך צוזעצן, אַז עס ליאַפּעט און שיט און דער ווינט דערגייט די יאָרן? אַזוי לאַנג, — ביז עפּעס איינער אַן אַלטיטשקער האָט אים געייצעט צוגיין אין דעפּאָ, ווו די דאָזיקע אַרבעטן, דאַכט זיך. האָט דאַנילאַ זיך אָנגעכאַפּט אינעם אַלטיטשקן, אָפּנהאַרציק דערציילט אים, אַז ער דאַרף דאָס אַלץ ניט צוליב זיך, אַז דאָס טוט ער פאַר אַ צווייטן, און אויב אַזוי, וואָלט עפּשער געווען רעכט, אַז דער אַלטיטשקער זאָל אים העלפן — ער ווייסט דאָך, ווו זיך קערן און ווענדן אין יענער דעפּאָ, און די מענטשן קען ער דאָרט מיסטאַמע, ער וועט ניט דאַרפן פרעגן הונדערט מאָל, ביז ער וועט עמעצן געפינען.

אָט דאָס איז געווען אַלץ, מיט וואָס ער האָט געשפּאַנט צוריק, דאַנילאַ, דורך אומוועגן, אין שטאָקפינצטערניש, געשפּאַנט צום אָפּגעזונדערטן שטיבל אין עק פון וואָסקרעסענסקער סלאָבאָדקע, באַם דניעפּער, ווו מע האָט זיך אײַנגעבעטן אײַנפירן אַף נאַכטלעגער — ער, און גאָזשקע מיטן פיצל, און גוזשוואַט. און דאָס איינציקע פערדל זייערס, און די קוזניע אַף רעדער, און די בויד איז אַפילע ניטאָ ווו אַהינצוטאָן — אַלץ שטייט אונטערן אַלטן הוילן טאָפּאָל און ווייקט... דאַנילאַ האָט אָפּגעזוכט איינעם פון די, וואָס מע האָט געדאַרפט, — דעם מאַשיניסט. יענער האָט געזאָגט: קאַיאָר וועט ער פירן אַ צוג מיט ליידיקע פראַכט־וואַגאָנעס פון בראָוואַרי קיין דאַרניצע, וועט ער זיך אָפּשטעלן וואָס נעענטער צום אָרט, ווו גוזשוואַט איז, — באַ דער סטאַנציע וויגוראָוושטשינע. זאָל מען זיך צו יענער צײַט צושלאָגן צו דער סטאַנציע, וועט ער אים פאַרנעמען, און אויס.

אויס... גאָזשקע וועט זיך אופכאַפּן אינדערפרי און שוין ניט זען גוזשוואַטן. אוי, ביטער וועט דאָס זײַן, דאָס דערוואַכן אירס. צוויי מאָל פאַר איר קורץ לעבן אַזוי. דער מאַן איז אַוועק קאַיאָר, ווען אי זי, אי דאַנילאַ זײַנען געשלאָפן. און אָט דעם, וואָס איז אַ סאַך מער ווערט, איידער יענער שאַלאַפּוט, וועט דאַנילאַ אַליין אַוועקפירן, גאָזשקע זאָל ניט וויסן. אַזוי איז בעסער? צי ס'איז אומענטשלעך אַזוי? ווער ווייסט... אַ טאַטע האָט רעכט צו פאַרשאַפן ווייטעק, ווען ער מוז.

פון דער נאַכט איז אַרויסגעשווומען דער איינציקער טאָפּאָל באַם נידעריקן שטיבל. אָט איז די בויד, די קוזניע, אַן אײַנגעדעקטע מיט אַ רעדנע, דאָס פערד. קיין רעדנע האָט ניט געסטײַעט פאַר דעם, און עס וואָלט זי אַלציינס אַראָפּגעוואָרפן. דאַנילאַ איז אַ ביסל געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט אַ האַנט אינעם נאַסן רוקן פונעם פערד, געגלעט מיט דער צווייטער האַנט דעם פעדערשטן פוס באַ דער לאָפּעטקע, די פעל האָט אַ וואַרעמע אופגעציטערט. דער אַלטער האָט געקוקט אין דער פינצטערניש — איצט איז שוין פּאָשעט אַוועק אַ רעגן — און געטראַכט וועגן גאָזשקען: זאָל זי נאָך עטלעכע מינוט זײַן גליקלעך. דערנאָך האָט ער אײַנגעשפּאַנט די קיביטקע, אַרײַן אין פירהײַזל און ווידער געשטאַנען דאָרט. ער איז אַריבערגעטראָטן אַף די שפּיץ פינגער די שוועל, זיך געלאָזט צום ווינקל באַ דער טיר, אָנגעבויגן זיך, אַ שאַר געטאָן אין דער שטרוי, וואָס איז געווען אָנגעבעט אַפן ליימיקן דיל, אָנגעטאַפּט דעם ברעג פון אַ פעלץ, גאָזשקעס האַנט, אַן אָפּגעוואָרפענע אין אַ זײַט, ליאַניעס אַקסל. אָט דעם אַקסל האָט ער אַ לײַכטן טאָרע געגעבן און שטיל, בלויז מיטן אָטעם, אַ שעפּטשע געטאָן:

— שטיי אויף, גוזשוואַט! שטיי אויף!

7

דאניִעל קרעמעזעס פּאָלק האָט אָנגעגריפן אַפן לינקן פלאַנג פון דער דיוויזיע און האָט שוין הײַנט קאַיאַר אָפּגעהאַלטן איין דערפאָלג — באַפרײַט דאָס דאָרף שאשלינאָ. נעמענדיק אין אַכט, אַז שאשלינאָ, וואָס שטייט אַפן קרייצוועג, איז גוט פאַרפעס־טיקט, האָט דאניִעל זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פראָנטאַלער אַטאַקע און ברייט אַרומגעכאַפּט דעם סוינע מיט צוויי באַטאַליאָנען פון רעכטס און פון לינקס. דער באַטאַליאָן, וועלכער האָט דע־מאָנסטרירט אַן אַטאַקע פון פראָנט, האָט אין גאַנג פון דער שלאַכט איבערגעטראָגן זײַן קלאַפּ אַף יענעם פלאַנג, ווו עס האָט זיך אָנגעמערקט אַ גרעסערער דערפאָלג. אַהין איז אויך אַרי־בערגעוואָרפן געוואָרן אַ טייל פונעם רעזערוו.

איצט האָט דאניִעלס פּאָלק זיך אַרויסגעריסן פאָרויס פאַר זײַן שאָכן פון רעכטס (לעמע־כאָווס פּאָלק) און האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פאַרנעמען אַ צווייט דאָרף — יאַראָווסקאָיע, זעקס קילאָמעטער מײַרעוודיקער.

די אויסשפּירונג האָט זיך שוין אומגעקערט פון יאַראָווסקאָיע. דאָס דאָרף איז ניט פאַר־פעסטיקט, דײַטשן איז דאָרט פאַראַן ווייניק. צוויי באַטאַרייעס מינענוואַרפער און עטלעכע האַר־מאַטן גראָבן זיך אַרום אַף די באַרגיקע ערטער אין אַ זײַט פונעם דאָרף. ס'איז נייטיק געווען טייקעף טאַקע אַרויסקלאַפּן זיי פון אָט דער פּאָזיציע. אין דער זעלבער צײַט איז אָבער לעמע־כאָוון דאָ געווען גאַנץ שווער: ער האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ גרויסן ראַטווירט־ייִשעוו, וואָס האָט פאַרמאָגט אויך שטיינערנע געבײַען, אין וועלכע די דײַטשן האָבן זיך געהאַלטן פעסט. אַרום דעם ייִשעוו האָט זיך געצויגן אַ צעצווײַגטע סיסטעם באַלקעס. אין זיי האָבן דעם סוינעס סאָלדאַטן זיך אויך געקאָנט פאַרטיידיקן. אין די ווײַטערע באַלקעס זײַנען באַזונדערע טאַנקען און האַרמאַטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואַנדערנדיקע פײַער־פּונקטן.

דאניִעל האָט מיטגעטיילט דעם גענעראַל יאַסענעוו זײַן פּלאַן: מיט איין פאַרשטאַרקטן באַטאַליאָן פאַרזעצן דעם אָנגריף אַף יאַראָווסקאָיע און מיט די איבעריקע צוויי באַטאַליאָנען אַרומכאַפּן פון צאָפן־מײַרעוו דעם ייִשעוו, פאַר וועלכן לעמעכאָוו פירט די שלאַכט, דערלאַנ־גען דעם סוינע אַ קלאַפּ אין רוקן. ווען יאַסענעוו האָט דורך ראַדיאָ איבערגעגעבן: „מאַסקים“, האָט סאַקאָליעצס באַטאַליאָן שוין באַוועגט זיך אין שלאַכט־אָרדענונג צו יאַראָווסקאָיע, די אַנדערע צוויי באַטאַליאָנען האָבן דורך ניט קיין טיפע, פאַרשנייטע באַלקעלעך זיך געגאַנוועט צום ראַטווירט. דאניִעל האָט אויך באַלד דערזען, וואָס עס באַטײַט דעם גענעראַלס „מאַסקים“: שטשוסיעווס אַרטילעריע האָט גענומען „באַאַרבעטן“ די באַלקעס פון יענער זײַט ייִשעוו, וווהין די באַטאַליאָנען האָבן געדאַרפט אַרײַנרײַסן זיך, און ווו עס האָבן זיך געפונען דעם סוינעס באַוועגלעכע פײַער־מיטלען. כוץ פוגאַסן און שראַפּנעל־סנאַריאַדן, האָט מען אַהין געוואָרפן אויך רויך־סנאַריאַדן, קעדיי צו שטערן די דײַטשן באַשיסן פון נאָענטע דיסטאַנצן דאניִעלס פּעכאָטע.

דאָס גאַנצע ראַכוועסדיקע פאַרשנייטע פעלד, אָנגעהויבן פונעם ראַטווירט־ייִשעוו מיט די באַלקעס און אייניציקע שטיינערנע געבײַען אַרום אים — אַף מיזרעך, ביז יאַראָווסקאָיע באַ דעם ווינטערדיק־כמורנעם האָריזאָנט — אַף מײַרעוו, האָט געזאָטן פון אויפרײַסן. אַ רויך איז פּאַמעלעכן געשוווּמען איבער דעם. מענטשן, גרופּעסווײַז און אין קאָלאָנעס, האָבן זיך אַף דעם געשלײַכט, האַרמאַטן זײַנען געפאָרן, אַ טראַכקעניש און אַ מוירעדיקער הילך האָט עס געוויגט... געקאָנט האָט זיך אויסדאַכטן, אַז דאָ הערשט אַ כאַאָס, איינער ווייסט ניט פונעם צווייטן, — צי מע האָט פאַרגעסן איינער אינעם צווייטן, — מע ווייסט ניט, ווו וועט מען זיך צונויפ־קומען, און וואָס מע קאָן דאָ אופטאָן. נאָר דאָס איז געווען ניט אַזוי. יעדער מענטש, — און אויסגעזען האָט ער אין פעלד ווי אַ פּינטעלע, — האָט געוווּסט, וווהין ער איז געשיקט געוואָרן אָדער וווהין ער פירט אַנדערע, יעדער האַרמאַט האָט געהאַט אַ ציל. דאָס דאָזיקע פײַער, וואָס האָט אַרום־און־אַרום געבושעוועט, איז געריכטעט געווען פון זיכערע, געשולטע הענט. דאָ האָט געהערשט יאַסענעווס ווילן, דאניִעלס און לעמעכאָווס ווילן, און ניט נאָר זייערער — דער ווילן פון גרויסע קאָמאַנדירן, וועלכע געפינען זיך ווײַט פונדאַנען. עפשער אַפילע איז אַף דער מאַפּע אין קרעמל אַרײַנגעשטעקט געווען אַ רויט פענדעלע אַף אָט דעם פעלד צווישן די פאַרשטריכירטע קעסטעלעך, וואָס באַצייכענען דעם ראַטווירט־ייִשעוו און יאַראָווסקאָיע? אַ סאַך אַזעלכע פענדעלעך צייכענען אָן אַף יענער מאַפּע דעם פראָנט, און איינס שטעקט אַף אָט דעם פעלד, און אַן אָפּיצער פון גענעראַל־שטאַב וועט אין אַ שאָ אַרום אַרי־בערטראָגן עס, דאָס פענדעלע, אַ ביסל ווײַטער אַף מײַרעוו, נעענטער צום טײַך מיוס?..

דאניִעל איז אַף אַ ברייטן פויערשן שליטן, אין וועלכן עס זײַנען געשפּאַנט געווען צוויי פערד, געפאָרן איבער אַ נאַרוואַס דורכגעטראָטענעם וועג אין אַ קליין טאָלעכל. אָנגעטריבן האָט קאַראַטײַ. אינעם זעלבן שליטן האָט זיך צוגעמאָסטעט אַ ראַדיסט — ער האָט מיט די הענט אַרומגענומען דאָס קעסטל פונעם אַפּאַראַט, עס זאָל זיך שטאַרק ניט טרייסלען. געזעסן איז דאָ אויך דער אויסשפּירער דעמיאַן פּאַטיוטשענקאָ. ראַזטשעפּקין און איוואַלגין, צוגעבויגן

צו די העלדזער פֿון זייערע פֿערד, זײַנען געריטן עטוואָס פֿאָרויס. דאָס האָט דאַניעל אַריבערגעפֿירט זײַן באָאַבאַכטונג־פּונקט צו אַ קאָלווירטישן סטאַן — אַ שטאָלעכל, אַ קיכל, אַ פּאָר צעבראָכענע טראַקטאָרס, — קעדיי האָבן אַ מעגלעכקייט האַלטן אין אויג סײַ די באַטאַליאָנען, וואָס רינגלען אַרום דעם יישעוו, סײַ סאָקאָליעצן, וואָס דאַרף באַלד דערלאַנגען אַ קלאַפּ איבער יאַראָווסקאָיע. דעם יונגן פּאַטיוטשענקאָ האָט דאַניעל אַרופֿגענומען אויפֿן שליטן נאָרוואָס — דער אויסשפּירער איז רײַטנדיק צוגעפֿאָרן צום פעלד־סטאַן, באַקוקט אים, צוגעוואַרט, ביז עס איז אַהין אונטערגעקומען אַ טעלעפֿאָניסט און אומגעקערט זיך, קעדיי מיטיילן, אַז מע מעג אַריבערפֿאָרן, אָבער דאָ ניט ווײַט האָט זיך צעריסן אַ מינע און אַ שפּליטער האָט פֿאַרוווּנדעט זײַן פֿערד.

ראַזטשעפּקין און איוואָלגין זײַנען צוגעפֿאָרן ביז צום ראַנד פֿונעם טאָלעכל און אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די פֿערד. איצט איז געבליבן איבערקומען אַ הונדערט פּופּציק מעטער ביזן פעלד־סטאַן. דאַניעל האָט זיך אויפֿגעשטעלט אינעם שליטן און צוגעטראָגן צו די אויגן דעם בינאָקל. קאַראַטײַ האָט צוגעהאַלטן די פֿערד. דאָרעמדיקער פֿונעם ראַטווירט־יישעוו האָט זיך געצויגן אויף מײַרעוו אַ היפּשע קאָלאָנע מאַשינעס, האַרמאַטן, פּוסגייער. אין בינאָקל האָט מען אַפֿילע געקאָנט זען, ווי עטלעכע דײַטשן אין לאַנגע שינעלן, ווי פעלערינעס, שטופּן אונטער אַן אויטאָמאַשין, וואָס איז געבליבן שטעקן אינעם שניי, ווי די אָנטרײַבערס פֿון די האַרמאַטגעשפּאַנען פּאָכן מיט די בײַטשן...

— אַנו, רוף מיר נאָר אַרויס שטשוסיעוון, זאָל ער אויף זיי אַ שיט טאָן מיט פֿײַער! — האָט דאַניעל, באַווײַזנדיק מיט דער האַנט אויף די דײַטשן, זיך געווענדט צום ראַדיסט, נאָר באַלד איבערגעקלערט: — מיילע, זיי וועלן זיך אין ערגעץ ניט אַהינטאָן. לאָמיר דערפֿאָרן ביזן סטאַן.

קאַראַטײַ האָט אַ הייב געטאָן די לייצעס, דער שליטן האָט זיך טיף אײַנגעשניטן אינעם פרישן שניי, אויף וועלכן ס'האָבן זיך געזען בלויז די טלאָען פֿון פּאַטיוטשענקאָס פֿערד...

ראַזטשעפּקין און איוואָלגין האָבן באַשלאָסן דאָ איבערצולאָזן די פֿערד און אַרופֿגעוואָרפֿן די צײַמלעך אויף אַ סוק פֿונעם אײַנציקן בוים, וואָס איז געוואַקסן אין טאָלעכל. מיטאַמאָל האָבן זיי דערזען, ווי דעם צעיאָגטן שליטן, וואָס איז שוין געווען קימאַט לעבן דער שטאָל, האָט אַ טראָג געגעבן אין אַ זײַט, ביידע פֿערד זײַנען אומגעפֿאַלן. דער פֿײַף פֿון פליענדיקע קוילן האָט צו ראַזטשעפּקינען און איוואָלגינען זיך דערטראָגן בלויז אין אַ ווײַלע אַרום. זייערע פֿערד, געוווינטע באַשאָסן צו ווערן, האָבן אַליין זיך אַ וואַלגער געטאָן אויף די קני פֿון די פאָדערשטע פֿיס, ביידע אויסשפּירער האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו די אויטאָמאַטן. מע האָט ניט גלײַך געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען באַם שליטן. עמעצער איז דאָרט אַראָפּגעפֿאַלן אַ טויטער אין שניי, עמעצער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אַ שלײַדער טאָן אַ גראַנאַטע. געשאָסן האָט מען פֿון דער שטאָל. ראַזטשעפּקין און איוואָלגין האָבן געלאָזט ליגן די פֿערד און, נידעריק אײַנבייגנדיק זיך, גענומען לויפֿן צום שליטן, באַשיסנדיק די שטאָל. באַ אַ זײַט פֿונעם אומגעוואַלגערטן שליטן איז געשטאַנען אַ פֿאַרשנייטער טראַקטאָר. עס האָט זיך דאָרט געזען אַ טראַנשיי, פֿאַרלאָזט אוודע נאָך זינט יענע שלאַכטן, וואָס זײַנען דאָ געפֿירט געוואָרן אין האַרבסט. אַהין האָט פֿאַרקערעוועט ראַזטשעפּקין, איוואָלגין איז ניט אָפּגעשטאַנען.

איצט האָט ראַזטשעפּקין באַנומען: דער מענטש, וועלכער וואַרפֿט גראַנאַטעס פֿון הינטער דעם איבערגעקערטן שליטן, איז קרעמעז.

— דער מאַיאָר! — האָט איגאָר אויסגעשריגן, און איוואָלגין האָט בלויז באַוויזן אַרויסברענגען: „אַך!“, ווײַל אין דער זעלבער רעגע, ווען אַ גראַנאַטע איז געפֿלויגן צו דער שטאָל, האָט דער קאָמאַנדיר פֿונעם פּאָלק געמאַכט אַ שווערן טראָט אויף צוריק און אָנגעהויבן פֿאַלן. קאַראַטײַ, וועלכער האָט, שטייענדיק אויף די קני לעבן מאַיאָר, געשאָסן פֿון אַ קאַראַבין, האָט אונטערגעכאַפּט קרעמעזן, פֿאַמעלעכן אַראָפּגעלאָזט אים אויפֿן שניי און מיט אַ שטום־איבערגעקרימטן פּאָנעם אין גרויס צאָרן אַ קוק געטאָן אַרום זיך.

באַהאַלטנדיק זיך הינטערן טראַקטאָר, האָט ראַזטשעפּקין גענומען שיסן אויף דער שטאָל, וואָס די גראַנאַטעס האָבן שוין געהאַט דורכגעבראָכן. איוואָלגין האָט פֿון הינטער דער ציין־ראָד באַשאָסן דאָס קיכל. אין אַ לאָך אויפֿן דאַך, ווו עס האָבן געפֿעלט צוויי טשערעפּעס, האָט ער דערזען אַ דײַטש. איגאָר האָט באַוויזן נאָך איין מאָל אַ קוק טאָן אַהין, ווו דער קאָמאַנדיר פֿונעם פּאָלק איז אומגעפֿאַלן: קאַראַטײַ האָט אויף האַלב אַרופֿגעוואַלגערט דעם קאָמאַנדיר צו זיך אויף דער פּלייצע און געפּויזעט צו דער פֿאַרשנייטער טראַנשיי. דאָרט האָט זיך אונטערגעהויבן דער ראַדיסט און געהאָלפֿן אַראָפּלאָזן קרעמעזן אין דער באַהעלטעניש.

— גראַנאַטעס! — האָט ראַזטשעפּקין אַ געשריי געטאָן צו איוואָלגינען, וועלכער האָט מיט קורצע איבערײַסן באַשאָסן דאָס באַלקעלע קעגניבער דעם פעלד־סטאַן, ווו עס זײַנען

איבערגעלאָפּן עטלעכע דײַטשן. איוואָלגין האָט הויך, מיט א קוויטש, אָן אופהער, ביטער געזידלט זיך. — גראַנאַטעס, אָט אהין! — האָט איגאָר איבערגעכאַזערט. איוואָלגין האָט א גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן, ער פאַרשטייט, הייסט עס: מע דאַרף פאַרוואַרפן די שטאָל מיט גראַנאַטעס, קעדיי געבן א מעגלעכקייט וואָס ווײַטער אָפּטראָגן דורך דער טראַנשיי דעם קאָמאַנדיר פונעם פּאָלק.

איוואָלגין האָט נאָר א הייב זיך געטאָן הינטער דער ציין־ראָד, קעדיי וואַרפן א גראַנאַטע, ווי ס׳האָט אים דורכגעשאָסן די לינקע האַנט. פונדעסטוועגן האָט ער די גראַנאַטע געוואָרפן. דערנאָך האָט ער אַרײַנגעשטעלט זײַן אַוטאָמאַט צווישן די ספּיצעס און גענומען שיסן. עס זײַנען בא אים אָבער באַלד אויסגעגאַנגען די קוילן אין דיסק. דורך דער טראַנשיי האָט צום טראַקטאָר זיך דערקליבן דער ראַדיסט מיטן אַפּאַראַט איבערן אַקסל. זײַן פּעלצל איז געווען

פאַרגאָסן מיט בלוט, וואָס האָט געקאַפּעט פון אונטערן היטל. אָן ווערטער האָט ער דערלאַנגט איוואַלגינען א דיסק, באַלד זיך געכאַפּט, אַז יענער קאָן אים ניט אַרײַנשטעלן, און אַליין א נעם געטאָן דעם אווטאָמאַט. דאָ האָט דעם ראַדיסט דערזען ראַזשעפּקין.

— דו? — האָט ראַזשעפּקין געפרעגט א צעהיצטער און א פאַרכידעשטער. און מיטאַמאָל: — קאָנסט אַרויסרופן די אַרטילעריע, דײַן אַפּאַראַט איז גאַנץ?

— איך וועל א פּרווו טאָן.

דער אווטאָמאַט איז ווידער אַריבער אין איוואַלגינס געזונטער האַנט. דער ראַדיסט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אין דער טראַנשײ.

— די ראַציע אַרבעט! — האָט ער אויסגערופן אין א מינוט אַרום.

איגאַר האָט געזען די קאַסקעס מיט וואַלענע אונטערהעלמען, די אײַנגעבויגענע פּלייצעס פון די דײַטשן, וואָס גאַנוועענען זיך דורכן באַלקעלע און הינטער דער וואַנט פון דער האַלב־כאָרעווער שטאַל אַהער, צום טראַקטאָר. ער איז געווען פאַרוווּנדעט אינעם פוס, געפילט, דער פוס ווערט ווי אײַנגעזונקען אין דער ערד א שווערער, א קלעפּיק־וואַרעמער, און דאָך מיט א פעסטער שטים באַפוילן:

— רוף אַרויס פײַער אַף אונדז, אָפּן סטאַן, טייקעף!

דער ראַדיסט איז א רגע געשטאַנען אין דער טראַנשײ מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

— אַף דער קאַלאָנע? — ער האָט מיט א קער פון קאָפּ באַוויזן אין א זײַט, ס'איז צו זען געווען, אַז זײַן נאַקן איז פאַרגאָסן מיט בלוט. — דער מאַיאָר האָט געוואָלט באַשיסן די קאַלאָנע?..

איגאַר האָט געענטפערט:

— פיל אויס! עס וועט דאָרט קלעקן פײַער פאַר אַלעמען!

8

דער שאָפער פון דער פאַנצערמאַשין, וועלכע האָט אין א מינוט צוואַנציק אַרום זיך דערקליבן צום פעלד־סטאַן, וואָס איז שוין קימאַט אינגאַנצן געווען אָפּגעמעקט פון דער ערד נאָך די טרעפלעכע אַרטילעריע־זאַלפּן, האָט אין פעלד, בא דער קאַליע פון א שליטן, באַמערקט ליגן צוויי פאַרוווּנדעטע, פאַרקליאַקנעטע פון פראָסט און פאַרכאַלעשטע. דאָס זײַנען געווען איוואַלגין און דער ראַדיסט. די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען אָנגעקומען גלײַך נאָך דער פאַנצערמאַשין, האָבן אוועקגעלייגט די פאַרוווּנדעטע אַף א פלאַשטש־פּאַלאַטקע און א סאַן־אינסטרוקטאָר האָט זיי גענומען איבערבינדן די סאַמע בלוטנדיקע ערטער.

די סאָלדאַטן זײַנען געגאַנגען צום פעלד־סטאַן פאַרצאַרנטע. מע האָט שוין געוווּסט, אַז דער קאָמאַנדיר פונעם פּאָלק איז שווער פאַרוווּנדעט, געוווּסט אויך, אַז עמעצער האָט אַרויסגערופן אַף זיך אַרטילעריע־פײַער. אין פעלד־סטאַן האָט מען מער קיין לעבעדיקע ניט געפונען, אַרום א פאַרברענטער שטאַל זײַנען געלעגן דערהאַרגעטע דײַטשן, געלעגן איז דאָ אויך דעמיאַן פּאַטיוטשענקאָס פאַרקאַטשעניעטער גוף. באַם צעוואַלגערטן קיכל האָט מען א דערשטאָכענעם געפונען דעם טעלעפאָניסט.

צוריקוועגס האָט די פאַנצערמאַשין פאַרנומען דעם ראַדיסט, וואָס איז געווען אין א שווערער לאַגע. אין מעדיצינישן פונקט פונעם פּאָלק איז ער געקומען צו־זיך און דערציילט, וויאַזוי ס'איז אַרויסגערופן געוואָרן די אַרטילעריע אַף דער אָפּטרעטנדיקער קאַלאָנע, וואָס דער מאַיאָר האָט נאָך באַמערקט, און אַף יענע דײַטשן, וועלכע האָבן מיט צוויי פאַנצער־טראַנספּאָרטירער זיך דורכגעריסן צום פעלד־סטאַן, וויאַזוי ס'האָט אים, באַלד ווי אונדזערע סנאַריאַדן האָבן זיך גענומען אופרײַסן, פאַרוווּנדעט אין דער ברוסט, און דער לייטענאַנט האָט באַפוילן אים און א צווייטן פאַרוווּנדעטן אוועקפּויזען דורך דער טראַנשײ. יענער אויס־שפּירער מוז ערגעץ זײַן אין פעלד, אָבער דער לייטענאַנט...

ליובע האָט אומרויִק זיך אָנגעשפּיצט: צי איז יענער לייטענאַנט ניט איגאַר? דער ראַדיסט האָט גערעדט שווער אָטעמענדיק, ניט פאַרענדיקט די פראַזעס, אים איז וויכטיק געווען, מע זאָל זוכן דעם צווייטן, וואָס האָט אים געהאָלפן פויזען, מע זאָל אײַלן צוהילף דעם לייטענאַנט, וועלכער האָט עפּעס ניט קיין געהערטע זאַך אופגעטאָן. ליובע האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט, קיין קויעך ניט געהאַט צו פרעגן, ווער יענער לייטענאַנט איז, נאָר ווען מע האָט געבראַכט איוואַלגינען א פאַרכאַלעשטן און זי האָט דערהערט, אַז מע האָט אים געפונען לעבן פעלד־סטאַן, האָט זי שוין פאַרשטאַנען: מיט איגאַרן איז עפּעס געשען, יענער לייטענאַנט איז איגאַר!

זי האָט זיך ניט פאַרלוירן, ניט געוויינט. ניין, זי האָט ניט געגלייבט, אַז מיט אים איז געשען עפּעס שרעקלעכס. ער האָט געטאָן דאָס, וואָס ס'האָט געדאַרפט טאָן דער, וועמען זי האָט ליב. און ער וועט קומען צו איר באַלד, צי שפּעטער א ביסל, צי אַפּדערנאַכט, צי

נאָך דער שלאָפּלאָזער נאַכט — קאַיאַר... זי האָט געהאָלפן דעם דאָקטער, וואָס האָט זיך געפּאָרעט מיט איוואָלגינען, דערלאַנגט אים צו די הענט אַלץ, וואָס ער האָט געפאָדערט, — אַזאַ אינסטרומענט, אַן אַנדערן, מאַרליע, וואַטע. אָט דער פּריילעכער יונג, דער ייִנגערער סערזשאַנט איוואָלגין, האָט געהאַלטן שטרענג צונויפגעדריקט די צעביסענע ליפּן, זײַן אָפּ־געפרוירן פּנים מיט די רויט געוואָרענע קינבאַקן איז אַזוי ערנסט געווען! זי האָט גאָר ניט געטראַכט, אַז ער קאָן זײַן אַזאַ. וועלכער — אַזאַ? ער האָט דאָך איצט פּאַשעט ניט געוווּסט, וואָס עס קומט מיט אים פֿאָר! און דאָס לײַב זײַנס לעבן די ווונדן! וואָס פאַר אַ צאַרט לײַב ס'איז בײַ אָט דעם באָכער! און זי האָט געהאַלטן, אַז ער איז אַ גראָבהויטיקער. יאָ, זײַנע וויצן זײַנען איר ניט שטענדיק געפעלן געווען, נאָר אַזוי האָט זי צו אים גאָרנישט ניט.

וואָס קריכט איר איצט אין קאָפּ?! איגאַר... עפּשער וועט איוואָלגין באַלד עפּעס זאָגן וועגן אים? נאָר די ערשטע ווערטער איוואָלגינס זײַנען געווען וועגן דעם מאַיאָר קרעמעז. ער האָט עטוואָס אופגעהויבן די ווִיעס, עטלעכע מאָל טיפער אַן אָטעם געטאָן, געלעגן אַזוי עטלעכע מינוט אַ מאַכטלאָז־באַרויִקטער, ווי מע וואָלט נאָרוואָס אַראָפּגענומען אַ שווער גע־וויכט פון זײַן ברוסט, — און שטיל געפרעגט:

— דער מאַיאָר... דער מאַיאָר ווו איז?

— שווײַג, שווײַג! — דער דאָקטער האָט נאָך געהאַט עפּעס־וואָס צו טאָן בײַ דער אָפענער ווונד אין דער זײַט.

איוואָלגין האָט פאַרכידעשט געקוקט אָפּן דאָקטערס, דערנאָך אויף איר, ליובעס, מאַסקע פון מאַרליע, געקוקט איר אין די אויגן, און זײַנע בלויע אָנגעשטרענגטע אויגן האָבן אַלץ ברייטער זיך צעעפנט — דאָס האָט ער מיסטאמע אָנגעהויבן פילן דעם ווייטעק. מיטאמאָל האָט ער אַ צאַפּל געטאָן אפן שמאָלן טיש:

— דער לייטענאַנט ראַזשעפּקין איז דאָרט געבליבן!

אָט דאָס איז געווען דער קלאַפּ, וואָס ליובע האָט אים קוים אויסגעהאַלטן. זי האָט זיך האַסטיק אָפּגעקערעוועט און מיט געפּלאָנטערטע טריט אוועק צו דער וואַנט. זי איז געבליבן שטיין פאַרן בענקל, אויף וועלכן ס'האָט געברענט אַ ספּירט־לעמפּל, אויסגעלאָשן עס, ניט וויסנדיק אַליין צוליב וואָס. רײַע האָט איר געהאָלפן אַרויסגיין פונעם צימער. נאָר ליובע האָט זיך ניט צוגעזעצט אויף דער באַנק אין קיך, זי איז גאָר צוגעפאַלן מיטן פּנים צו דער באַלעבאָסטעס אַקסל — שוין ניט קיין יונגע פויערטע, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אַרויס מיט אירע צוויי קינדערלעך פונעם קעלער.

— באַלעבאָסטע, — האָט זי אויסגעשריגן, — אוי, באַלעבאָסטינקע! ווו איז בײַ אײַך דער פעלד־סטאַן?

— דאָרט איז אַן אומגליק, טאַכטערקע, דאָרט ברענט אַלץ! — האָט די פויערטע גע־זאָגט. — אַן־אָ זעט מען אים, דעם סטאַן!.. — זי האָט געוויזן מיטן פינגער אפן קיך־פענצ־טערל, ווו דרײַ שויבן זײַנען געווען פאַרשטעקט מיט שטרוי און בלויז איין שײַבל איז געבליבן פאַרגלאָזט.

ליובע האָט פונעם טשוואָק אויף דער וואַנט אַראָפּגענומען אַ שינעל, ניט איר שינעל — רײַעס. דער שינעל איז געווען צו לאַנג, נאָר זי האָט עס ניט באַמערקט. אינעם הויף איז געשטאַנען דער שעף פונעם מעדיצינישן פונקט — דער קאַפּיטאַן זשוראַוווּליאָוו, ער האָט אָפּגעגעבן עפּעס אַ פאַראָרדענונג צוויי סאַניטאַרן. ליובע, אין דעם אומגעלומפּערטן שינעל, האָט זיך אויסגעצויגן פאַר אים:

— דערלויבט מיר גיין צום פעלד־סטאַן, איך מוז! דאָרט איז פאַראַן אַ פאַרוווּנדעטער!

— איין פאַרוווּנדעטער? — האָט איבערגעפרעגט זשוראַוווּליאָוו. אייגנטלעך, האָט די שלאַכט זיך שוין ווײַט אָפּגעקײַקלט פונעם פעלד־סטאַן, און זשוראַוווּליאָוו האָט זי געקאָנט אָפּלאָזן אַהין. — נעמט אַ שליטן, עפּשער זײַנען דאָרט פאַראַן נאָך פאַרוווּנדעטע... גולײַעווקען נעמט מיט זיך!

עטלעכע סאָלדאַטן, זעט אויס, פון דער טראַפעי־קאָמאַנדע, האָבן זיך אומגעדרייט איבערן פאַרברענטן פעלד־סטאַן. זיי האָבן שוין אָנגעוואָרפן אַ הויפן פון אונדזער און דײַטשיש גע־ווער, קאַסקעס, — אַזעלכע קוקן אויס יעדער ווינקעלע.

— פאַרוווּנדעטע? פאַראַן צוויי...

ליובע האָט געקוקט אויף די פאַרוווּנדעטע, וועלכע מע האָט געבראַכט צום שליטן, — איגאַר איז דאָ ניט געווען.

זי האָט אָפּגעזוכט דאָס בערגל איבערן פרישן קייווער. צווישן די פאַרפרוירענע הרודעס

האָט געשטעקט א ברעטעלע, אַף וועלכן ס׳זײַנען מיט א כימישן בלײַער געווען אָנגעשריבן די פאמיליעס פון די באהאלטענע. איגאָרס פאמיליע האָט זי ניט געפונען.

ווּ זשע איז ער? א געהארגעטער וואָלט ער דאָך געבליבן דאָ?

אַף מאָרגן האָט זי געלייענט אין דער דיוויזיע־צײַטונג א גענויע באשרײַבונג פון איגאָרס העלדנטאט. ס׳איז אָבער ניט געזאָגט געוואָרן — איגאָר לעבט צי ניין. וויפל מאשינעס עס זײַנען געפאָרן אין סאנבאט, האָט ליובע אלע שאָפערן און אלע פארוואונדעטע אָנגעזאָגט, און ניט נאָר זי — די כאוועריטעס אירע אויך! — מע זאָל פרעגן, עפשער האָט מען אהין, אין סאנבאט, געבראכט דעם לייטענאנט ראזשטשעפקין. אָבער אין די ענטפערס האָט זי ניט געגלייבט. זי איז אליין אוועקגעפאָרן אהין און דורכגעקוקט די צעטלען. ניטאָ. דער קאפיטאן זשוראוולױאָוו האָט אָנגעפרעגט אין די שכיינישע סאנבאטן. ניטאָ. עס האָבן געזוכט איגאָרן דער קאָמיסאר וויכאָרעוו און דער נאטשטשטאב בוזולוק. און ליובע, וואָס האָט שוין דעם דריטן מעסלעס קיין אויג ניט צוגעמאכט, א פארשטיינערטע, האָט אלץ איבערגעכאזערט איינס און דאָס זעלבע: „ער לעבט!‟ דאָס איז געווען א באשלוס און א שבוּע: טראכטן וועגן איגאָרן נאָר ווי וועגן א לעבעדיקן.

9

מע האָט טשארנען ארײַנגעלאָזט צו דאניִעלן, בייס ער איז געשלאָפן. דער מעדשוועסטער האָט זי געזאָגט, אז זי אײַלט זיך, און אין זיך געטראכט: ס׳איז אפילע בעסער, וואָס ער שלאָפט. הײַנט וועט מען אים אוועקפירן ערגעץ טיף אין לאנד, און ווער ווייסט, ווען און ווּ מע וועט זיך ווידער באגעגענען.

דער שעף פונעם ארמייִשן שפיטאָל, די דעזשורנע דאָקטוירים, די מעדשוועסטער — אלע האָבן שוין טשארנען געקענט לויט דער שטים. אין מעשעך פון דער וואָך, זינט דאניִעל איז דאָ געלעגן, האָט ער איבערגעטראָגן אן אָפעראציע פון דער לינקער האנט — די קויל האָט דורכגעהאקט דעם עלנבויגן און איז ארויס אזש באם אקסל — און אן אָפעראציע פונעם פוס, טאקע פון יענעם פוס, וואָס איז נאָך בייסן בירגערקריג פארוואונדעט געווען. טשארנע האָט צו צוויי־דרײַ מאָל א טאָג געקלונגען, נאָכגעפרעגט זיך, ווי זײַן צושטאנד איז, און אלץ איבערגעכאזערט: „מיר זײַנען מיט אים פון איין אָרט. ניין, ניין, קיין גרוס דאַרף מען ניט איבערגעבן — איך וועל אליין קומען, ווי נאָר איך וועל קענען‟. ווער ווייסט, וואָס מע האָט שוין דאָרט געטראכט, אין שפיטאָל, נאָר ווּעמען קאָן עס שאטן — איר צי דאניִעלן?

אין דער פאלאטע, ווּהין טשארנע איז ארײַנגעקומען, זײַנען די פארוואונדעטע געלעגן אַף טראָגבעטלעך, גרייט צום עוואקויִרן. אלע האָבן געשוויגן, ניט געוואָלט מיסטאמע שטערן דאניִעלן און נאָך איינעם א פארוואונדעטן, וואָס זײַנען געשלאָפן.

טשארנע האָט זיך אָפּגעשטעלט בא דאניִעלן צוקאָפּנס, ניט וואגנדיק קיין אָטעם צו טאָן. זײַן געזיכט מיטן קאָסן שראם אַף דער קין איז געווען רויִק. בלויז בא די פארזאָרגט־אָנגעכמורעטע ברעמען און אין די עטוואָס אײַנגעצויגענע מויל־ווינקלען זײַנען פארבליבן סימאָנים פון פײַנלעכער אָנשטרענגונג.

געזעגענענדיק זיך אין די געדאנקען מיט דאניִעלן, האָט טשארנע געוואָלט פאר זיך אליין קלאָר מאכן: זי האָט אים אלץ נאָך ליב צי דאָס איז בלויז אנציקונג? אַף דעם ערשטן טייל פון דער פראגע האָט זי זיך ניט געקאָנט געבן קיין ענטפער. דײַטלעך און מיט פרייד האָט זי בלויז געפילט, אז זי שטאָלצירט מיט אים.

ניט געוווּסט האָט זי בלויז איינס, ניט געטראכט וועגן דעם, אז דאָס שטאָלצירט זי אויך מיט זיך. זי איז איצט געווען אזא, ווי דאניִעל האָט זי געוואָלט זען מיט העכער צוואנציק יאָר צוריק. ניט צוליב אים איז זי געוואָרן אזא, אָבער אדאנק אים אויך. און שוין פון לאנג, עפשער פון זינט זי האָט דערזען פאר זיך א קלאס מיט קינדער. זי האָט ניט געקאָנט זיך אָפּגעבן קיין פינקטלעכן כעזשבן, ווּ און ווען איז פאָרגעקומען דער קער אין איר לעבן, נאָר שוניען האָט זי שוין דערצויגן, ווען זי אליין איז געווען אן אנדערע און איז אלץ ווײַטער אָפּגעגאנגען פון זעליקן. אַף דער מילכאָמע האָט זי, ווי א גלײַכע מיט א גלײַכן, באגעגנט זיך מיט דאניִעלן און ווי גלײַכע צעשיידט מען זיך.

די מעדשוועסטער איז מיט לײַכטע טריט ארײַנגעקומען אין פאלאטע און א שעפטשע געטאָן טשארנען, אז דער גענעראל יאסענעוו איז געקומען, ער קלײַבט זיך ארײַנגיין צום קראנקן. צי איז באקוועם, זי זאָל דאָ בלײַבן?

פון דעם שטילן שעפטשען האָט דאניִעל ווי גענומען אופכאפּן זיך — א פיר געגעבן מיט די ברעמען, א קרים געטאָן די ליפּן. האָט טשארנע זיך אָנגעטאָן א קויעך און איז אוועק צו דער טיר. זי האָט נאָך געוואָלט ארײַנגיין צו קאראטײַען, וועלכער איז דאָ געלעגן אין דער פאלאטע פון די לײַכט־פארוואונדעטע — א שפליטער האָט אים פארטשעפּעט די ברוסט.

3—626

...דאניִעל וואָלט געקאָנט שווערן, אז ווען מע האָט אים אוועקגעלייגט אפן טיש, נאָך פאר דער ערשטער אָפּעראציע, האָט ער בא דער האלב־אָפענער טיר געזען שטיין אין א ווײַסן כאלאט דעם גענעראל יאסענעוו: ער האָט געשמועסט מיטן כירורג. דאניִעל האָט דערקענט דעם קאָמדיוו לויט זײַן היפשער, קרעפטיקער פיגור, וועלכע האָט אויסגעזען אינעם כאלאט א ביסל אומגעלומפּערט.

אין קאָפּ איז אלץ געווען פארנעפּלט און די גאנצע צײַט האָט זיך עפּעס געגלוסט שלאָפן. דאניִעל האָט פארשטאנען, אשטייגער, אז מע וועט אים באלד שנײַדן, נאָר ס'האָט אים ניט געשראָקן, ער איז אזוי ווי גלײַכגילטיק געווען צו זײַן אייגענעם גוף. מינוטנווײַז האָט זיך אים אפילע געדאכט, אז ער איז אפן שלאכטפעלד, ווו עס קומט געוויינלעך אויס וויניקער פון אלץ צו טראכטן וועגן זיך. שלאכט־בילדער זײַנען נאָכאנאנד דורכגעשווומען פאר זײַנע אויגן, און ער האָט די גאנצע צײַט געהאט א געפיל פון טיפער צופרידנקײַט — דאָס געפיל, וואָס האָט אים באהערשט זינט דעם אָנגריף. ווען ער האָט דערקענט דעם גענעראל בא דער טיר, האָט ער אי פארשטאנען, אז דאָס איז יאסענעוו געקומען אין שפּיטאָל צוליב אים, אי ער איז גרייט געווען צו גלייבן, אז דער קאָמדיוו איז געקומען צו אים אפן באָאבאכטונג־פּונקט און דאָס האָט ער ארופגעוואָרפן אף זיך א ווײַסן מאסקיר־כאלאט... אָט אזוי־אָ טאקע איז ער אײַנגעשלאָפן אונטער דער כלאָראָפאָרם־מאסקע.

אלע ווײַטערדיקע טעג איז צו דאניִעלן געקומען דעם גענעראלס אדיוטאנט סאָכא. ער איז געשטאנען לעבן בעטל אויסגעצויגן, ווי א סטרונע. דער ווײַסער כאלאט האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די פּראָסטקײַט פון זײַן פּאָנעם, וואָס איז געווען באוואקסן מיט די שיטערע באקענבארדן. אלעמאָל האָט ער מיט זאָרג געפרעגט דאניִעלן, ווי פילט ער זיך, און אף די פראגעס וועגן דער לאגע אין דיוויזיע, אפן פראָנט, געענטפערט שטענדיק איינס און דאָס זעלבע: „אלץ איז גוט", אָבער זײַנע ווערטער האָבן ווי געהאט אן אונטערטעקסט: „באלד טאקע וועל איך דיר דערציילן, וואָס דאָרט קומט פאָר, נאָר דאָס גייט דיר אָפּ!" דאניִעל האָט געזען: סאָכא האָט אף אים ראכמאָנעס, און דאָס איז געווען אומאָנגענעם.

נאָר אָט איז ווידער געקומען דער גענעראל — שוין נאָך דער צווייטער אָפּעראציע, ווען מע האָט דאניִעלן געמאָלדן, אז מע וועט אים עוואקויִרן. צוערשט האָט דער גענעראל געמאכט עטלעכע טריט גאָר פאָרזיכטיק, אף די שפּיץ פינגער: ער האָט געזען, אז דאניִעל שלאָפט ניט, אָבער דער שאָכן זײַנער, א טאנקיסט, איז געשלאָפן. דער דיל האָט פונדעסטוועגן א סקריפּע געטאָן, דער טאנקיסט האָט געעפנט די אויגן, און דער גענעראל, שוין טרעטנדיק מיט דער גאנצער פּאָדעשווע, האָט זיך הויך געגריסט מיט אלעמען.

— נו, פּאָדפּאָלקאָווניק קרעמעז, — דער קאָמדיוו האָט שווערלעך זיך אוועקגעזעצט אף א טאבורעט, ניט גאָר נאָענט צו דאניִעלן, ווי גלײַך דער וויזיט זײַנער זאָל זײַן צו אלעמען, — ווי פילסטו זיך, פּאָדפּאָלקאָווניק?

דאניִעל האָט א פארכידעשטער געקוקט אפן גענעראל, דאָס הארץ האָט געקלאפּט שווער; הילכיק.

יאסענעוו האָט מיט א פריילעך פײַערל אין די אויגן געענטפערט אף זײַן פרעגנדיקן בליק:

— א פּאָדפּאָלקאָווניק, א פּאָדפּאָלקאָווניק. איך ווייס, וואָס איך רעד! איז ווי פילסטו זיך?

— גוט. א דאנק.

— נו, אָט... און מיר שטורכען דאָרט דעם דײַטש מיט דער שפּיץ פון שווערד אין נאקן, ווי בודיאָני האָט ליב צו זאָגן!

דאניִעל האָט באמערקט אפן גענעראלס פּאָנעם הארבע קנייטשן. זיי זײַנען גאָר, דאכט זיך, פריִער ניט געווען אזעלכע טיפע. דעם קאָמדיוו איז ניט גרינג. „און מײַן פּאָלק?" — האָט זיך אלץ געוואָלט פרעגן. ער האָט שוין געוווּסט: מיט זײַן פּאָלק קאָמאנדע־וועט אן אָפיצער פונעם דיוויזיע־שטאב, קונגוראָוו. דער גענעראל האָט איבערגעגעבן דאניִעלן א גרוס פון וויכאָרעוון, פון קונגוראָוון, פון בוזולוקן, און לויט דעם, ווי ער האָט איבערגע־רעכנט איינע נאָך דער אנדערער זייערע פאמיליעס, האָט דאניִעל פארשטאנען: אין פּאָלק גייט דאָס לעבן ווי פריִער.

פּאוועל אלעקסייעוויטש האָט דערציילט, אז די דיוויזיע האָט הײַנט אינדערפרי באפרײַט צוויי דערפער. דאניִעל האָט ניט געדענקט פּינקטלעך, ווו די דאָזיקע דערפער געפינען זיך, נאָר ס'איז ניט באקוועם געווען בעטן צו באווײַזן זיי אים אף דער מאפּע. דער גענעראל האָט שוין גערעדט וועגן עפּעס אנדערש: בערלין האָט געמאָלדן, אז דאָס דײַטשישע מיליטער האָט פארלאָזט דעם צענטראלן טייל פון ראָסטאָוו, קעדיי דערמיט באשטראָפן די ציווילע בא־פעלקערונג, וואָס האָט אונטער דער ווירקונג פון די באָלשעוויקעס צעבונטעוועט זיך.

— פאַרלאָזט דעם צענטער פון ראַסטאַוו און א שפּרונג געטאָן צוריק אזש צום טײַך מיוס!
עס וועט זיי אינגיכן אויסקומען צוטראכטן נאָך מער אומגעלומפּערטע טערוצים...
דער טאנקיסט, וועלכער איז געלעגן לעבן דאניִעלן, האָט זיך אײַנגעהערט אינעם גענע־ראַלס ווערטער, זײַן בלאַס פּאָנעם האָט אופגעלויכטן, מיטאמאָל האָט ער א בעט געטאָן:
— פאַרייכערן... צוליב אזעלכע נײַס דערלויבט פאַרייכערן, כאַווער גענעראַל־מאַיאָר!
יאסענעוו האָט געטאָן א ווונק אין דער זײַט:
— דאָ איז פאַראַן עלטערס פון מיר, אָן־אָ — דער מעדפעלדשעראַנאָל...
— איין ציגאַר מעג מען! — האָט זיך אָנגערופן און איז אינגאנצן רויט געוואָרן די מעדשוועסטער.
יאסענעוו האָט גענומען דעם פאַרטסיגאַר. דער טאנקיסט האָט גענומען א פּאַפּיראָס, נאָר באַהאַלטן אים אונטער דער קאָלדרע און געזאָגט:
— דאָס וועט זײַן אַף שפּעטער. דערלויבט, כאַווער גענעראַל, אויסרייכערן א קאָזיע־נאָזשקע, ס'זאָל א נעם טאָן באַם הארצן פאַר אַלע טעג... מאַכאָרקע האָב איך, אָבער קיין פּאַפּירל איז ניטאָ.
סאָכא, וועלכער איז געשטאַנען בא דער שוועל, האָט ארויסגענומען א צײַטונג פון דער קעשענע און אָפּגעריסן א ברייט פּאַסיקל באַם ראַנד. דער טאנקיסט האָט דערווײַל געפרעגט:
— און ווי האַלט עס הינטער מאָסקווע, כאַווער גענעראַל־מאַיאָר?
ווארפנדיק א בליק אַף דער צײַטונג, וואָס סאָכא האָט נאָך געהאַלטן פאַנאַנדערגעוויקלט, האָט דער גענעראַל איבערגעפרעגט:
— הינטער מאָסקווע? אנו, אנו, באַווײַז די צײַטונג! אין מאָסקווע איז אַלץ נאָרמאַל. פאַר וואָס פאַר א טאָג איז די „פּראַוודא"? פאַרן פינף־און־צוואַנציקסטן נאָיאַבער? אָט... — ער האָט באַוויזן א פאָטאָגראַפיע אַף דער פאָרטער זײַט: — די כאַקייִסטקעס פון „בורע־וועסטניק"[1] הייבן אָן דעם סעזאָן.
עס זײַנען ארײַנגעקומען צוויי סאַניטאַרן און אוועקגעטראָגן א פאַרוווּנדעטן. הינטער די פענצטער האָט געהודעט א מאַשין. עס זײַנען געקומען נאָך סאַניטאַרן און ארויסגעטראָגן פאַרוווּנדעטע. איין דאניִעל איז געבליבן, מע האָט אים ניט געטשעפּעט, אָן סאָפעק, דערפאַר, וואָס דער גענעראַל איז אַלץ ניט אוועקגעגאנגען.
נאָענט צוגערוקט זיך צו דאניִעלן, האָט יאסענעוו געזאָגט:
— איך האָב ערשט אינעם ארמיי־שטאַב געזען א שיפּראָווקע: הינטער מאָסקווע האָט זיך אָנגעהויבן אונדזערער א גרויסער אָנגריף. טיכווין איז פרײַ, יעלעץ. האקלאַל... ווי האָט עס קלאַוזעוויץ זיי געלערנט: פליִען ווי א פײַל גלײַך צום הארצן... איצט זײַנען מיר — די פײַל!
אין דער טיר האָבן זיך באַוויזן סאַניטאַרן.

10 אוועקפאָרנדיק פונעם פעלד־שפּיטאָל, האָט יאסענעוו אַף זײַן „עמקע"[2] מיטגענומען קאַראַטײַען.

דער סאָלדאַט איז ארויס געזעגענען זיך מיט דאניִעלן, נאָר ער איז שוין געווען אָנגעטאָן אין וועג ארײַן: דאָס פּעלצל — פעסט אײַנגעצויגן, אַף די פּלייצעס — א רוקזאַק, ווו עס האָט זיך געוויס געבאָמבלט א האַלב לעבל ברויט און א פּושקע קאָנסערוון.
— אויסגעהיילט זיך? — האָט יאסענעוו געפרעגט.
— די ריפּן זײַנען גאנץ, כאַווער גענעראַל־מאַיאָר!
— איז זעץ זיך אין דער מאַשין! ביזן ערשטן עשעלאָן וועל איך דיך צופירן, און ווײַטער וועסטו זיך שוין אַן אײַצע געבן. מאַך פּאַר אים אָן אָרט, סאָכא!
אין דעם הינטערשטן טייל פון דער מאַשין איז טאַקע אויסגעקומען „מאַכן אָן אָרט". אַף א צונויפגעדרייטן מאַטראַץ, אָן ארומגעוויקלטן מיט א טעפּיכל, און אַף א פּעלץ, וואָס האָט געדינט, ווײַזט אויס, ווי א קאָלדרע, זײַנען געווען אָנגעוואָרפן עטלעכע רולאַנען מיליטערישע מאַפּעס — מיסטאמע באַקומען דאָ, אינעם ארמיי־שטאַב. אין ווינקל לעבן טיר האָט זיך געזען א רוקזאַק מיט געשיר — סאַמע פון אויבן האָט געשטעקט דאָס דעקל פון א טערמאָס, א הענטל פון א קעסעלע.
— מיר קלײַבן זיך איבער, — האָט דער גענעראַל געזאָגט, אי קעדיי ארויס פון דער קליינינקער פאַרלעגנהײַט, אי ניט אָן צופרידנקײַט, — צוויי מאָל אַף איין אָרט לאָזט מיך איצט סאָכא ניט נעכטיקן.

[1] „ש ט ו ר ע מ פ ו י ג ל" (רוס.) — א נאָמען פון א ספּאָרט־געזעלשאַפט. [2] א מאַרקע פון אן אווטאָמאַשין.

— איך לאָז ניט, כּוועהר גענעראַל? — סאַכאַ האָט דעם קאָמדיווס ווערטער אופגענומען קימאַט ווי ערנסט.

— שאַ, שאַ, קאַראַטײַ ווייסט, ווי עס קומט דיר אָן דײַן ברויט, — דער גענעראַל האָט אַ צוק געטאָן מיט די העלע ברעמען — בלויז מיט די אויגן געלאַכט, — און דו, מעטעאָ־ראָלאָג, שפּאַנסט איצט צו קונגוראַוון, האַ?

— ווי איר וועט באַפעלן.

— וואָס האָב איך דאָ צו באַפעלן?

— דערלויבט זיך ווענדן צו אײַך, כּוועהר גענעראַל־מאַיאָר! — קאַראַטײַ האָט זיצנדיק זיך אויסגעגלײַכט, שיר ניט צוגעטראָגן די האַנט צום שלייף. — איך וויל צוריק אין מײַן נײַנטער ראָטע, נאָר ניט פאַר קיין אָנטרײַבער. איך בין דאָ געווען אין איין פּלאַטע מיט אַ סנײַפּער — אָט דאָס איז פאַר מיר אַן ארבעט. נאָך אַפן פּוילישן פראָנט האָב איך זיך אויסגעלערנט שיסן אין אַן עפּל, וואָס מע וואַרפט אונטער אינדערלופטן.

— אַזוי גאָר? נו, איז... אַ סנײַפּער איז אַ סנײַפּער.

דער גענעראַל האָט זיך פאַרקוקט אינעם זײַטיקן פענצטערל און איז עפּעס ווי פאַרזאָרגט געוואָרן. ניט פאַרשטייענדיק, צי האָט ער שוין די האַסקאָמע, צי עפּעס וועט נאָך באַלד גיזאָגט ווערן, האָט קאַראַטײַ אויך אַ קוק געטאָן אַהין, ווו דער גענעראַל. מע איז צוגעפאָרן צו דעם קרייצוועג אין עק פון אַ דאָרף, ווו ס'האָט אָפּגעברענט די גאַנצע ראַנד־גאַס. לעבן רעגולי־רער, דאָרט, ווו די וועגן גייען זיך צונויף, זײַנען געשטאַנען עטלעכע קאָמאַנדירן און רויט־אַרמייער — געוואָרט, ער זאָל זיי אַרופזעצן אַף פאַרבײַפאָרנדיקע מאַשינעס, מיט וועלכע יעדערער וועט זיך דערלאַנגען, וווהין ער דאַרף. געווען איז אין דער דאָזיקער קליינער גרופּע אויך אַ פרוי אין אַ שינעל. קאַראַטײַ האָט זי דערקענט אין פלייצע.

— אָ, טשאַרנאַ גריגאָריעוונאַ! זי איז געווען באַ קרעמעזן און איז נאָך אַלץ ניט אוועק־געפאָרן! — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט באַ קאַראַטײַען, ווי ס'זאָל אים זײַן ניט באַקוועם, וואָס ער פאַרט, און טשאַרנע — ניט.

יאַסענעוו האָט אַ געשווינדן קוק געטאָן אַפן סאָלדאַט, און געווען איז אין אָט דעם קוק אַ פראַגע, וואָס דעם ענטפער אַף איר ווייסט מען, אי דאַנקבאַרקײַט, אי אַזוי ווי אַ ביטע: „נו, זאָג, זאָג...“ און קאַראַטײַ האָט, גאָרנישט ניט פאַרשטייענדיק, נאָר אָנשטויסנדיק זיך, אַז זײַנע ווערטער וועלן ניט אָנגענומען ווערן פאַר שלעכט, פאַרגעלייגט:

— עפּשער וואָלט איך דאָ בעסער געבליבן, ערן־וואָרט... דערלויבט, כּוועהר גענעראַל־מאַיאָר!

— וואָס עפּעס פּלוצעם? — האָט דער גענעראַל זיך אַ כאַפּ געטאָן, און כאָטש זײַן פּאָנעם האָט אויסגעדריקט פאַרדראָס, האָבן זײַנע אויגן געפינקלט פריילעך און מיט באַווי־ליקונג. — אין באַגאַזשניק, סאַכאַ, איז באַ דיר שטאַרק ענג? עפּשער קאָן מען עפּעס איבער־לייגן אַהין.

— ענגלעך אַ ביסל, נאָר איך וועל פּרוּוון.

— איז פּרוּוו, טײַערער, פּרוּוו! — און צום שאָפער — מע איז שוין צוגעפאָרן צו דער סאַמע קרייצונג: — שטיי!

סאַכאַ איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער מאַשין און פאַרקערעוועט צום באַגאַזשניק; טשאַר־נען האָט דער גענעראַל אַ רוף געטאָן דורכן אָפענעם פענצטערל. זי האָט זיך דערנעענטערט מיט ניט קיין זיכערע טריט. קאַראַטײַ, מיטן רוקזאַק אין דער האַנט, איז איר אַרויס אַנטקעגן. אָנווײַזנדיק טשאַרנען, זי זאָל זיך זעצן אַף זײַן אָרט אין דער מאַשין, האָט קאַראַטײַ געזאָגט צום גענעראַל:

— מע דאַרף ניט די כּלאָפּאָטעס, ערן־וואָרט! צום רעגולירואָווטשיק האָט איר מיך געבראַכט? אַ דאַנק! דאָ זײַנען אַלע מאַשינעס — מײַנע. און טשאַרנאַ גריגאָריעוונען וויל איך בעטן, שיקט מיר אַרײַן, טשאַרנאַ גריגאָריעוונאַ, באַ אַ געלעגנהײַט אַ ביסל פּאַפּיר אין סאַקאָליעצס באַטאַליאָן, אין דער נײַנטער ראָטע, עס מעגן אַפילו זײַן אָפּשניצלעך, אַבי איך זאָל קאָנען צונויפניייען אַ העפטל...

— סאַכאַ, — האָט יאַסענעוו געזאָגט צום אַדיוטאַנט, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אַ פאַרהאַוועטער און פאַרלוירן צעפּירט מיט די הענט, — האָסט, דאַכט זיך, גענומען אַ ביסל העפטן באַם אינטענדאַנט? גיב נאָר איינעם אַהער...

דעם העפט אינעם קאָלענקאָרענעם אײַנבונד האָט קאַראַטײַ באַקוקט פון אַלע זײַטן. אין דער מינוט, ווען טשאַרנע און סאַכאַ האָבן זיך געזעצט אין דער מאַשין, איז ער פאַרנומען געווען מיט זײַנע געדאַנקען, קימאַט ניט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. פון דער ברייטער קעשענע, וואָס איז געווען אָנגענייט אַף דער לינקער זײַט פונעם פּעלצל, האָט ער

דערלאַנגט אַן אָלטן העפט און צווישן די צעטריפּעטע זײַטלעך באַהאַלטן דעם גענעראַלס מאַטאָנע. דאָ האָט אַ קלאַפּ געטאָן דאָס טירל פֿון דער מאַשין, האָט ער אַ ציטער געגעבן און אויסגעגלײַכט זיך.

אָט אַזאַ, — אויפֿגעוועקט פֿון געדאַנקען, אײַנגעצויגן אין זײַן אויסגעריבן פּעלצל, מיטן רוקזאַק אויפֿן אַקסל, מיט דער האַנט באַם שלײף, — איז קאַראַטײַ נאָך עטלעכע מינוט געשטאַנען פֿאַר טשאַרנעס אויגן, ווען די מאַשין האָט זיך שוין האַסטיק געטראָגן איבערן אײַנגעטראַמבעוועטן שנייִקן וועג אינעם ברייטן פֿעלד. און באַהערשט פֿון אַ גוט געפֿיל צו אָט דעם באַיאָרטן סאָלדאַט, דוכט זיך, אין פֿלוג אַ געוויינלעכן, און שפּירנדיק אַ פֿאַרלײַכטערונג אין האַרצן, ווו עס וואַכן אויף פֿאַרנעפּלטע האָפֿענונגען, האָט זי געזאָגט:

— דאָס צווייטע מאָל באַגעגנט מיך דער דאָזיקער קאַראַטײַ אויף אַ שיידוועג און העלפֿט מיר אַרויס...

יאַסענעוו איז געזעסן באַנאַנד מיטן שאָפֿער, דער קערפּער האַלב אויסגעקערעוועט צו טשאַרנען. דערהערט אירע ווערטער, האָט ער זיך נאָך מער אויסגעקערעוועט צו איר און שווײַגנדיק דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן איר אין די אויגן.

קאַראַטײַ האָט אין גאַן אָפֿענעם קוזאָוו פֿון אַ לאַסטמאַשין דערקליבן זיך אינעם דאָרף, וווהין דער פּאָלק איז ערשט ניט לאַנג אַריבערגעפֿאָרן. ס'איז געבליבן סאַכאַקל אַ קילאָמעטער דרײַ ביזן מיִוס. שטייענדיק אויפֿן טרעפּל פֿון דער מאַשין, האָט דער שאָפֿער אָנגעוויזן גלײַך אין פֿאַרשנייטן פֿעלד, אַז אָן־אָ דאָרטן, הייסט עס, זײַנען די ברעגן פֿונעם טײַך, נאָר זען האָט מען זיי ניט געקאָנט. בלויז קנוילן רויך האָבן דאָרט אינדערקרים געצויגן זיך צום הימל — דאָס האָט, לויט ווי דער שאָפֿער האָט דערציילט, געברענט אַ דאָרף פֿון יענער זײַט טײַך.

קונגוראָוו, דער קאָמאַנדיר פֿונעם פּאָלק, איז אין שטאַב ניט געווען, האָט קאַראַטײַ איבערגעגעבן בוזולוקן דעם גענעראַלס האַסקאָמע, ער זאָל פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר אַ סנײַפּער, שוין אַלס אַ באַפֿעל. און טייקעף טאַקע האָט ער איבער דער מערעזשע פֿון גאָר פֿרישע סטעזשקעס אינעם טיפֿן שניי אוועקגעשפּאַנט אין באַטאַליאָן, אין ראָטע, ווײַל דער קורצער ווינטערדיקער טאָג האָט געהאַלטן באַם צאַנקען. די שלאַכט איז געגאַנגען הינטער צוויי קורגאַנען לעבן סאַמע טײַך. די בלאַסע, גרויע, מיסטאַמע שטייניקע, ערטערווײַז פֿאַרשנייטע אָפּהאַנגען פֿונעם מײַרעווודיקן ברעג האָט מען שוין געקאָנט זען. דאָרט האָט פֿון צײַט צו צײַט געהילכט אַרטילעריע, אָפּטער און גאָר דײַטלעך האָט זיך דערטראָגן די שיסערײַ פֿון קוילנוואַרפֿערס, דורכן פֿײַף פֿון ווינט האָבן זיך געהערט אויך פֿאַרהוילענע גאָר ווײַטע אויסגעשרייען. „מע איז אוועק אין אַטאַקע“, — האָט באַשלאָסן קאַראַטײַ.

ער האָט פֿאַרקערעוועט אין אַ פּיצינק כוטאָרל: צוויי הײַזלעך מיט אַרומגעפֿליקטע שטרויענע דעכער, די ווענט צעלעכערט פֿון קוילן, עטלעכע שוואַרצע פֿליכעס אין שניי — שפּורן פֿון פֿאַרברענטע סקירדעס, אַן איבערגעבראָכענער זשוראַוועל פֿון אַן אַרומגעפֿרוירענעם ברונעם. קאַראַטײַ האָט זיך געלאָזט צו איינער פֿון די הײַזקעס, לעבן וועלכער ער האָט באַמערקט אַ געשפּאַנטן שליטן. נו, יאָ — דאָס בורע פֿערד פֿון דער נײַנטער ראָטע. זײַנע צוויי בולאַנע שקאַפּעס זײַנען שוין פֿון לאַנג ניטאָ, דעם וואָגן האָט מען אויך ערגעץ פֿאַרביטן אויף אַ שליטן. דאָס איינציקע, וואָס איז פֿאַרבליבן, — זײַן בײַטש, האָט געשטעקט פֿון אונטערן זאַק מיט שטרוי.

אינעם שטיבל, ווו עס איז געווען קאַלט, ווי אין דרויסן, איז אינעם פּעלץ און אין די פֿוישטן געזעסן דער אָנטרײַבער אבײַעוו און עפּעס אַן אַלטיטשקער אין אַ צעריסענער סוויטקע.

— אָ, קאַראַטײַ! — האָט אויסגערופֿן אבײַעוו. — זעץ זיך, דעניסקאַ, וואַרעם זיך אָן.

— יאָ, דאָ וועסטו זיך אָנוואַרעמען! איך גיי אין דער ראָטע.

— באַלד פֿאָרן מיר אַהין. דער סטאַרשינאַ קומט גלײַך אַרײַן. מיר ווילן דאָ נעמען אַ ביסל האָלץ אויף צו גרייטן וועטשערע פֿאַר דער ראָטע.

— און וואָס הערט זיך דאָרט?

— די כעוורע האָבן פֿאַרדינט אַ גוטע וועטשערע! — אבײַעווס מיזרעכדיק־ברוין און פֿאַרוואַקסן געזיכט האָט אויפֿגעלעבט, עס האָבן אַ פֿינקל געטאָן די ציין, די שמאָלע אויגן האָבן געלויכטן. — פֿילסט דען ניט, קאַראַטײַ, דאָ שמעקט דאָך נאָך מיט פּולווער! די עסעסאָווצעס זײַנען ערשט אַרויס פֿונדאַנען, און מע טרײַבט זיי אויף נאַכט אין פֿעלד אַרײַן.

— אוי, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן! — האָט זיך אָנגערופֿן דער אַלטיטשקער און טיפֿער פֿאַרוקט די הענט אין די אַרבל. די ווערטער האָבן זיך באַ אים צונויפֿגעגאָסן אין איין לאַנגן זיפֿץ.

קאַראַטײַ האָט זיך צוגעזעצט צום טיש לעבן פענצטער, ווו ס'זײַנען געבליבן גאַנץ בלויז די אונטערשטע שויבן. דורך די לעכער פון אויבן, ווו ס'האָט געפעלט דאָס גלאָז, זײַנען דינע שנייעלעך געפאַלן אַף זײַן היטל, אַף די הענט. ער איז געזעסן אַזוי אַ מינוט, צוויי, געקלערט, דערנאָך ארויסגענומען דעם נײַעם העפט, ווידער באַקוקט אים פון אַלע זײַטן.

— הייסט עס, וועט דער סטאַרשינאַ באַלד קומען, אַבײַיטש? — האָט ער געפרעגט.

— נו, יאָ, איך וואַרט דאָך...

דעם ענטפער האָט שוין קאַראַטײַ קימאַט ניט געהערט. ער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן העפט און מיט אַ בלײַער גענומען שרײַבן: „ביז איצט פלעג איך נאָך פון צײַט צו צײַט, אַפילע זײַענדיק אַפן פראָנט, פאַרשרײַבן, ווי עס בײַט זיך דער וועטער: אַ רעגן, ווינטיק, זוניק... דער וועטער אַף די אוקראַיִנישע און רוסישע פעלדער, וואָס זײַנען פאַרוויסט און צעטאָפּטשעט... צי פאַרשרײַבט נאָך מאַריקע, ווי עס בײַט זיך דער וועטער אין אונדזער קאָוואַליאָווקע? פאַר מיר איז — האָדיע! דעם וועטער, דעם איצטיקן און דעם קומענדיקן, שטעלן אײַן אַזעלכע, ווי ראָז־טשעפּקין, ווי דער פּאָדפּאָלקאָווניק קרעמעז, ווי דער גענעראַל יאַסענעוו, זעמליאַניצין, וועל־כער גייט איצט אין שלאַכט, וואָס דונערט אָט דאָ ניט ווײַט, און מיליאָנען אַזעלכע, ווי ער. אָט וועגן דעם וועל איך איצט שרײַבן. וואָס אַזעלכע מענטשן טוען אויף. מע זאָגט בײַ אונדז: דער ווינטער מאַכט דעם זומער. איצט איז ווינטער...“

— וואָס שרײַבסטו עס דאָרט, קאַראַטײַ? — האָט פון דער שוועל זיך אָנגערופן אַבײַעוו, ער איז פאַר דער דאָזיקער צײַט, לאָזט זיך אויס, אַרויסגעגאַנגען אין הויף און איצט צוריק זיך אומגעקערט.

— גאָרנישט, אַזוי זיך. אַ בריוול...

— און דער סטאַרשינאַ איז אַלץ ניטאָ.

— יאָ, איך וועל אַף אים, זעט אויס, זיך ניט דערוואַרטן.

— די ראָטע איז, אייגנטלעך, גרינג צו געפינען. לינקס, בײַם ערשטן קורגאַן איז דער קאָמאַנדע־פּונקט.

— זעמליאַניצין איז גאַנץ?

— ער איז גאַנץ, דער קאָמראָטע.

— גיי איך.

אין הויף, לעבן שליטן, האָט קאַראַטײַ זיך פאַרהאַלטן אַף אַ ווײַלע. דאָס בורע פערד האָט געציטערט פון קעלט. „מע וואָלט דיך עפשער געדאַרפט אַוועקשטעלן בײַ דער הינטערשטער וואַנט, דאָרט שנײַדט ניט אַזוי דער ווינט“, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, נאָר טייקעף פאַר־שטאַנען: „ניין, דאָרט וועט מען דיך דערזען פונעם פראָנט, שטיי שוין בעסער דאָ“.

ער האָט זיך דערווײַטערט פונעם כוטאָר. דער שניי אינעם פעלד איז געווען אויסגעטאָפּ־טשעט. איינגיכן האָט ער אָנגעטראָפן אַף עטלעכע דײַטשישע שוצגראָבנס, ניט קיין טיפע, שמאָלע, קויטיקע — שטרוי, שמאַטעס, אַ צעבראָכענע ביקס. קאַראַטײַ איז דאָ געשטאַנען אַ מינוט, געקוקט, ווי דער ווינט פאַרווייעט דאָס אַלץ מיט שניי־גרײַפּעלעך. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אין יענער זײַט, וווּהין ער איז געגאַנגען. דער בלײַענער, פאַרנאַכטיק־טונקלער הימל האָט זיך געוויגט פון אויפבליצן, זיי האָבן געוואָרפן אַ רויטלעכע שײַן אַף די צוויי גאָר נאָענטע קורגאַנען און אַף דעם הויכן ברעג פון יענער זײַט טײַך, וואָס מע האָט פונדאַנען קלאָר געזען.

— —

נאָך עטלעכע שורעס.

קאַראַטײַ האָט אָנגעשריבן: „מיליאָנען...“ און ניט געוווּסט, אַז דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט איינער פון די דאָזיקע מיליאָנען, ליאָניע קרעמעז, ערגעץ ווײַט אין קיִעוו, אין אַ שמאָל געסעלע פון דער סאַפּיאָרן־סלאָבאָדקע, אַזאַ שמאָלס, אַז אַבײַעוו וואָלט זיך דאָרט מיט זײַן ראָטנע שליטן אַפילע ניט אויסגעקערעוועט, אין אַ קליין צימערל, ווו די פענצטער זײַנען געווען פאַרשטעלט מיט ברייט צעוואַקסענע פיקוסן, בײַ די זאַרובעס אינעם צימערל, פלײַסיק איבערגעשריבן מיט אַ קלאָרער האַנטשריפט דאָס ערשטע פלוגבלעטל, וואָס ניט ער — אַנדערע פיר — האָבן דאָ נאָרוואָס צונויפגעשטעלט. נאָר קומען וועט אַ צײַט, ווען קאַראַטײַס העפט וועט ליגן אין אַ מוזיי אונטער אַ גלאָז באַנאַנד מיט אָט דעם פלוגבלעטל — אַ פאַרגעלטס, אַ צעקנייטשטס, מיט פלעקן פון זשאַווער בײַ די זײַטן, ווי אַף דעם שטאָל פון אַ שווערד, וואָס האָט איר זאַך אָפּגעטאָן.

מײַן צירונג

1

איך ווייס, אַרכעאָלאָגן מיִען זיך ביטער...
דאָס אוראַלטע צירונג די זאַמדן פאַרשיטן,
ווי טויטערהייט וואָלטן עס היטן די פרויען,
און טויטערהייט קיינעם ניט וועלן געטרויען.
די רויטע רובינען, די גאָלדענע רינגען,
זיי זאָלן ניט גלאַנצן אַף וואַרעמע פינגער,
קיין פרייד זאָלן אַנדערע פרויען ניט שעפּן
פון פּערל, באַהויכטע מיט מילך־ווײַסן נעפּל.
פאַרשיט עס די צײַט אי מיט ערד אי מיט שטיינער,
עס זאָל זייער צירונג ניט אָנקומען קיינעם.
און ערגעץ אין ערדישע טיפן, אין וויסטעס
עס ליגט אָט דאָס צירונג אײַנײנעם מיט מיסטן,
און גרינע סאַפּירן מיט שטערנשע אויגן,
זיי ווערן מיט ערדישער שוואַרצקײַט פאַרצויגן.
נאָר ווײַל עס איז גרויס בא די מענטשן דאָס שטרעבן
פאַרשטיין, ווי אַמאָל, גאָר אַמאָל פלעגט מען לעבן, —
אין מי אַרכעאָלאָגן יונגע און אַלטע,
זיי זוכן געטרײַ, וואָס די צײַט האָט באַהאַלטן.

2

איך וויל ניט, ס׳זאָל פּאַטערן עמעץ אַ רעגע
אַף זוכן מײַן צירונג, מײַן גרויסן פאַרמעגן.
איך וויל, ווען די רײַכקײַט ניט זײַן וועט שוין מײַנע,
אַלציינס זאָל זי העלפן, אַלציינס זאָל זי שײַנען,
און אַנדערע פרויען, ווי מיך, זאָל זי פרייען...
כ׳האָב דימענטן דינסטע — ווי ציכטיקע שנייען,
כ׳האָב גאָלדשטיקער רײַכסטע — ווי גלאַנץ פון די שטערן,
כ׳האָב טײַערסטן סאַמעט — ווי יאַם־כוואַליעס שווערע,
רובינען, בורשטין און סאַפּירן אַ מענגע —
אַף בלעטער, אַף גראָזן, אַף בלומען זיי הענגען.
איך וויל גאָר אַזויפיל מײַן רײַכקײַט ניט רימען —
פאַר קינפטיקע דורעס כ׳לאָז בלויז אַ רעשימע
פון לידער. ווער סילען עס וועט אָט די אויסיעס,
געפינען וועט גרינג מײַנע רײַכקײַטן גרויסע.

מיר גייען אינצווייען...

מיר גייען אינצווייען. דער יאם איז ניט ווײַט,
דעם רויש פון די כוואַליעס מיר הערן.
איך וויל, אזוי גיך זאָל ניט פליִען די צײַט,
כ׳וויל זײַן מיט דיר, טײַערער, מערער.
מיר גייען אינצווייען. איך זע, ווי פארשפּײַט
זיך הוידעט א שיפל אף וועלן.
איך וויל ניט, ס׳זאָל גיך אזוי פליִען די צײַט,
ווי ס׳פליִען די מעוועס די העלע.
מיר גייען אינצווייען. איך זע, ווי עס בײַט
דער יאם נאָכאנאנד די קאָלירן.
איך וויל ניט, ס׳זאָל גיך אזוי פליִען די צײַט,
כ׳וויל לענגער מיט דיר דאָ שפּאצירן.
מיר גייען אינצווייען. איך זע, ווי עס רײַט
אף כוואַליע אף הויכער א פויגל.
איך וויל ניט, ס׳זאָל גיך אזוי פליִען די צײַט,
אזוי ווי א פײַל פונעם בויגן.
מיר גייען אינצווייען. אין שוים איז די ווײַט,
און כוואַליעס ווי ווילדע זיך טראָגן.
מיט דיר פליט נאָך גיכער, ווי שטענדיק, די צײַט,
ווי ס׳וואָלט זי די פרייד מײַנע יאָגן.
מיר גייען אינצווייען. די הייך ווערט באנײַט —
די זון שווימט דעם יאם איצט אריבער.
עס איז מיר ניט שרעקלעך דער פלי פון דער צײַט,
אבי זאָלסט מיט מיר זײַן, מײַן ליבער.

עס טוט מיר באנק

ווען איך טו אָן א קלייד א שיינס, א טײַערס,
ווען ס׳ברענט אין צימער העל עלעקטריש פײַער,
ווען ס׳קומט צו מיר מײַן גליקלעך־גוטע שעה,
טוט שטארקער באנק נאָך, וואָס מײַן מאמע איז ניטאָ.

ווען ס׳קומען גוטע פרײַנט צו אונדז צוגאסט,
אין שמועס ערנסטן טוט עמעץ קלוג א שפּאס,
און ס׳קומט צו מיר מײַן גליקלעך־גוטע שעה,
טוט שטארקער באנק נאָך, וואָס מײַן מאמע איז ניטאָ.

און ווען א קינד ווערט ניט געזונט אמאָל,
צי עפּעס שווערלעך ווערט מײַן לעבנס־אָל,
און ס׳קומט צו מיר אן אומרויִקע שעה, —
טוט שטארקער באנק נאָך, וואָס מײַן מאמע איז ניטאָ.

א קאָרנשוועסטערל

כ׳קאָן פון דער בלומען־בייט ניט אָפּרײַסן די אויגן,
די רויזן זײַנען ווײַס, די מאָנען גליִען רויט,
און גיאַצינטן זײַנען ווי א רעגנבויגן...
לעם זיי א קאָרנשוועסטערל, דערזע איך, בלויט.
ווי קומסטו, שוועסטערל, אהער, ווער וועט מיר זאָגן?
דײַן היים איז ווײַט פונדאנען, אין א קאָרן־פעלד.
צי אף די פליגל האָט דער ווינט א זוים פארטראָגן
און אין א שפּאס געבראכט אין אָט דער בלומען־וועלט?

צי עפּשער האָט אַ מידער פויגל אינעם שנאָבל
דעם זוים געטראָגן און פארלוירן אומגעריכט?
צי גאָר די פרויען, וואָס די בייט האָבן געגראָבן,
נאָך פון דער היים דעם זוים האָבן געפירט מיט זיך?
איך ווייס ניט, צי עס איז אַ טויווע פארן קווייטל:
ווּ איז דעם בעסער, לעם די רויזן אינעם סקווער,
צי צווישן קאָרנשוועסטערלעך אין פעלד אין ברייטן,
ווּ זאַנגען גאָלדענע זיך וויגן פול און שווער?

סאָף זומער

עס שיקערט מיך דער דופט פון פאַלנדיקע בלעטער,
באַשפּריצט מיט טראָפּנס פינקלענדיקן טוי.
וואָס איז עס — שוין דער הארבסט, צי ס'איז נאָך „באַביע ליעטאָ"?
ווער קאָן די גרענעץ איינשטעלן גענוי?

עס פענטען מײַנע טריט די שפּינוועבס־פעדעם דינע,
נאָר אומראַכמאָנעסדיק צערײַס איך זיי און גיי.
אַזויפיל שפּינוועבס קאָן מען נאָר געפינען
בא שלעכטע באַלעבאַסטעס אין דער היים.

אין וואַלד איז שיין און יאָמטעוודיק־דערהויבן,
און מיר איז שווער, וואָס כ'קאָן עס ניט פארשטיין, —
מײַן „באַביע ליעטאָ" קומט? צי ס'איז פון הארבסט דער אָנהייב?
אַ סטעזשקעלע, וואָס פירט צו שניי און קעלט?

איך ווייס דאָך גוט: דעם פרילינג בעשום־אויפן
מע קאָן ניט איבערפלאָנטערן מיט קיין שום צײַט פון יאָר.
איך טרעט אָף בלעטער — בונטע, וויכע הויפנס,
ווי אין מײַן פרילינגדיקן, ליכטיקן קאַיאָר.

איך בין דאָרט אויך געווען

אָף וועגן סיבירער...
ה. לייוויק

איך בין דאָך אויך געווען אָף די סיבירער וועגן,
ס'האָט מיך אהין געבראַכט אַן עשעלאָן.
אַ יולקער קאַיאָר פון איין־און־פערציקסטן
איז מיר אַרויס אַנטקעגן
און אויסגעשטרעקט געטרײַע הענט צו מײַן וואַגאָן.

ס'האָט מיך מײַן לאַנד אזוי געראַטעוועט פון פײַער —
פון אומקום שרעקלעכן אין באַבי יאַר.
די קליינע קינדער מײַנע, מיך,
מײַן מאַמע מײַן געטרײַע
אוועקגעפירט וואָס ווײַטער פון געפאַר.

האָט אויסגעשפּרייט פאַר מיר דער טאָג סיבירער ווײַטן,
פארנאַכט דעם הימל אויסגעשטערנט העל.
און מיר האָט זיך דערנאָך די גאַנצע צײַט געדוכט:
איך זע דעם פלאַם פון שײַטער,
וואָס האָט נאָך לעבן געהיט אָט דאָ פון קעלט.

אין רויך און פײַער האָט פאַרכלינעט זיך די וואָלגע,
מײַן קיִוו האָט געטאָפּטשעט דער פאַשיסט.
און מיך האָט אונדזער לאַנד געהאַט אין זינען,
ניט אופגעהערט צו זאָרגן,
כ׳זאָל האָבן ברויט און האָלץ, כ׳זאָל האָבן פוישטן אַף די פיס.

עס פאַלט דאָרט אויס א שניי א טיפער און א בלויער,
דער פראָסט איז אומראַכמאָנעסדיק, ער בײַסט,
עס האָט מיך קיינער ניט געבעטן ביז שאַריִען
די סטעזשקעס רייניקן באַם טויער
און בא דער קרענעצע אַרומהאַקן דאָס אײַז.

איך האָב אליין געוואָלט אין יענע נעכט אין טריבע
פון רו ניט וויסן, ווי דאָס גאַנצע לאַנד.
און זאָל גאָר זײַן, אַז פון די סטעזשקעס מײַנע קרומע
קיין סימען איז אפילע ניט געבליבן,
נאָר איין קאַיאָר האָט מען דאָך פאָרט אַף זיי געשפּאַנט.

כ׳פלעג טרײַבן אײַנגעשפּאַרטע אָקסן אין זאַווייען
(געהאָרכזאַמע זיי פלעגן זײַן בא מיר),
מיר פלעגן פירן רעלסן, בויען נײַע וועגן,
אין פעלד קאַרטאָפל זייען —
ווי נאָר די ערד פלעגט זיך באַפרײַען פון געפריר.

אַף די סיבירער וועגן איז מײַן האַרץ געבליבן
אין לידער, וואָס כ׳פלעג שרײַבן ביז גאַנצפרי,
אין יענער שווערער ליים, מיט וועלכער
כ׳האָב אַרומגעשמירט מײַן שטיבל, —
דעריבער וואַרעמט מענטשן אַדהאַיאָם מײַן מי.

און יענע רעלסן, וואָס אַף אָקסן פלעג איך פירן,
זיי זײַנען שוין א וועג אין בלויער ווײַט,
א נײַער וועג, א גרויסער וועג, א שווערער.
אַף אומוועגן אַמאָליקע סיבירער —
אין מאָרגן פירט דער וועג, אין אונדזער שענסטער צײַט!

לײזער פּאָדריאַטשיק

וועגן מייער ווינערס ליטעראַרישער ירושה

(צו זײַן 70־טן געבורטסטאָג)

איך האָב געהאַלטן אין די הענט די בײגעלעך פּאַפּיר, אַף וועלכע מייער ווינער האָט פאַרשריבן זײַנע געדאַנקען. זיי זײַנען בא אים אופגעקומען סײַ ווי פאַראַלגעמיינערטע פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען, סײַ ווי קאָנקרעטע לעבנס־דעטאַלן און בילדער. דער אָפּקלײַב און די פאַנאַנדערטיילונג פון אָט די באַטראַכטונגען פאַר דער ווײַטערדיקער אַרבעט איז בא ווינערן געקומען שפּעטער. איין טייל איז אַרײַן אין זײַנע עסטעטיש־קריטישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע פאָרשונגען, דער צווייטער — אין די פּראָזע־ווערק.

מיר איז אויסגעקומען אײַנצײַטיק זיך צו באַקענען מיט די קסאַוויאַדן פון מייער ווינערס פּראָזע. וועל איך איצט פּרוּוון אײַנקורצן וועגן זיי דערציילן.

עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז אין ייִדיש האָט מ. ווינער אָנגעהויבן ערשט שרײַבן, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ראַטנפאַרבאַנד (סאָף 1926). ביז דאַן זאָל ער האָבן געשריבן נאָר אין דײַטש אָדער העברעיִש. פון דעם אַרכיוו איז אָבער צו זען, אַז אויך אין ערשטן פּעריאָד האָט די ייִדישע שפּראַך פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין ווינערס שאַפן. דעמלט שוין האָט ער אָנגעשריבן ניט נאָר די ווערק, וואָס ער האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט אין ראַטנפאַרבאַנד — „על פאַלעקס אונטערגאַנג" (1929), „קאָלעוו אַשקענאַזי" (1934, 1938), — נאָר אויך אַ ציקל נאָוועלן, לידער און אַ גרויסן ראָמאַן וועגן דער ייִדישער אינטעליגענץ אין מײַרעוו־אייראָפּע נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

די ווערק, וואָס מ. ווינער האָט געשאַפן אין זײַן ערשטן פּעריאָד, האָט מען ביז איצט אינגאַנצן פאַרזען אָדער, אין בעסטן פאַל, זיי גערעכנט פאַר „יוגנטלעכע עקספּערימענטן".

מ. ווינערס בוך אין דער דײַטשישער שפּראַך „די ליריק פון דער קאַבאָלע" (1920) איז די ערשטע ערנסטע אַרבעט איבער אָט דער טעמע. דער ברייטער און אויספירלעכער אַרײַנפיר, די ביִאָביבליאָגראַפישע נאָטיצן זײַנען אָנגעשריבן מיט אַ געניטער האַנט פון אַן ערנסטן געלערנטן, ניט געקוקט אַף דעם יונגן עלטער פונעם אווטאָר (מ. ווינער האָט דעם בוך געשריבן אין 1917). אַף אַ הויכן פּאָעטישן קולטור־ניוואָ זײַנען די איבערזעצונגען, וואָס ווינער האָט געמאַכט פאַר אָט דער אַנטאָלאָגיע.

אויך די „אַנטאָלאָגיע העבראַיִקאַ", וואָס מ. ווינער האָט צוזאַמען מיט כ. בראָדי אַרויסגעלאָזט אין 1922, איז ווײַט ניט קיין „יוגנטלעכער עקספּערימענט". פאָרשער פון דער העברעיִשער פּאָעזיע זײַנען זיך נאָך הײַנט סוימעך אַף דעם ווערק פון בראָדי — ווינער.

צו דעם זעלבן טעמאַטישן און פּראָבלעמען־קרײַז געהערט מ. ווינערס בוך „וועגן די סימבאָלן — צען קאַפּיטלען וועגן דעם אויסדרוק פון מענטשלעכן גײַסט" (1924) און די אַרבעט „אינטויִציע און באַגריף" (1918).

די ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן וועגן עלזאַ לאַסקער — שילער און פּאַול אַדלער, וואָס מ. ווינער האָט אָפּגעדרוקט אין גוסטאַוו קראָיאַנקערס זאַמלבוך „ייִדן אין דער דײַטשישער ליטעראַטור" (1922), האָבן ביז הײַנט ניט פאַרלוירן זייער אַקטועלקײַט.

אין דער זעלבער צײַט, ווען ווינער האָט אַרויסגעלאָזט די אויסגערעכנטע ביכער און אַרבעטן אין דער דײַטשער

שפּראַך, האָט ער אויך אָנגעשריבן די פריִער דערמאָנטע יִדישע ווערק.

מ. ווינערס שאַפן אין ערשטן פּעריִאָד דאַרף מען באַטראכטן אין צוזאמענהאנג מיט די ליטעראַרישע טענדענצן, וואָס האָבן געווירקט בא דער יִדישער אינטעליגענץ פון מיַירעוו־אייראָפּע אין אָנהייב פון דעם צוואַנציקסטן יה. ער האָט זײַנע ערשטע ליטעראַרישע טריט געמאכט אונטער פאַרשיידענע אײַנפלוסן. עס האָט אַף אים געווירקט דער „אויסערגעוויינלעך שעפערישער פּאַמפלעטיסט“ קאַרל קראַוס, זיגמונד פרויד און מאַרטין בובער מיט זײַן „עטישן סאָציִאַליזם“. די פּאָפּולערע אין יענער צײַט טעאָריעס זײַנען אָבער ניט אימשטאַנד געווען צו פאַרענטפערן די פראַגן, וואָס האָבן געמוטשעט דעם יונגן מ. ווינער. ער האָט אַף זיי אַן ענטפער ערשט דעמלט געפונען, ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער טעאָריע פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציִאַליזם.

אין 1924 טרעט מ. ווינער אַרײַן אין דער עסטרײַכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און אין צוויי יאָר אַרום רײַסט ער אינגאַנצן איבער מיט זײַן סוויווע און פאַרגאַנגענהײַט און פאָרט אוועק קיין ראַטן־רוסלאַנד, וווּהין ער איז געקומען שוין אַן אויספאָרמירטער געלערנטער און שרײַבער. אויב מע וויל באַקומען אַ פולע פאָרשטעלונג וועגן מ. ווינערן, מוז מען זיך אומבאַדינגט אויך ווענדן צו די געדרוקטע און נאָך ניט געדרוקטע ווערק פון זײַן ערשטן פּעריִאָד, וואָס האָבן זיך פאַרהיט אין זײַן ליטעראַרישער ירושה.

אָנגעהויבן האָט מײַער ווינער מיט לידער אין דײַטש און אין יִדיש. אַלס דיכטער האָט אים געזאָלבט ניט קיין אַנדערער ווי הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַל. דער יונגער ווינער האָט זיך אָבער גיך באַפרײַט פון די מיסטישראָמאַנטישע טרוימען און איז שאַרף אַרויסגעטראָטן ניט נאָר קעגן די עקספּרעסיִאָניסטישע דיכטער, וואָס האָבן געוואָרפן דער וועלט אין פּנים אַרײַן אירע רויע, נאַקעטע ווונדן און ניט געזוכט פאַר זיי קיין היילונג, נאָר אויך קעגן די, וואָס האָבן די ווונדן מיט אַ דינעם ראָמאַנטישן הײַטל פאַרצויגן און קיין היילונג פאַר זיי ניט געקאָנט געפינען.

אין זײַן ערשטן בוך — „מאָשיִעך“ (1920), וואָס באַשטייט פון דרײַ פּאָעמעס, פילן זיך נאָך די ווירקונגען פון דער ראָמאַנטישער שול. די קריטיק האָט דעם דאָזיקן בוך גינסטיק אויפגענומען.

טעמפּעראַמענטפולער און איבערצײַגעוודיקער זײַנען דעם יונגן מ. ווינערס קריטישע אַרויסטרעטונגען קעגן דעם ראָמאַנטיזם און עקספּרעסיִאָניזם. מע האָט באַדאַרפט האָבן אַ באַזונדערן גײַסטיקן מוט אַרויסצוטרעטן קעגן אָט די ריכטונגען, וואָס זײַנען געווען שטאַרק אין דער מאָדע בא די פּאָעטן, מוזיקער און מאָלער פון יענער צײַט.

מ. ווינער האָט געהאַלטן, אַז אייניקע דיכטער שטרעבן צו ווירקן נאָר מיט פאָנעטיש־אַקוסטישע מיטלען, מיט דער קלאַנגען־פאַרב פון וואָרט, און ניט מיט דעם קאָנקרעטן בילד און געדאַנק. „דאָס וואָרט אַליין, — האָט ער געשריבן, — שאַפט דאָך טויזנטער באַציִונגען. וויִאַזוי זשע קאָן מען עס באַציִונגסלאָז אויסדריקן?...“

אין 1921 האָט מ. ווינער אָנגעשריבן אַ פּאָעמע „יאָסקע ברויט“. אַליין דער איבערגאַנג פון די ראָמאַנטישע פּערסאָנאַזשן צו דעם קאָנקרעטן און זינדיקן יאָסקע ברויט האָט באַדאַרפט באַשטעטיקן זײַנע נײַע ליטעראַרישע אָנשויונגען. די פּאָעמע איז געבליבן ניט פאַרענדיקט. אָבער אַפילע אין דעם צושטאַנד, ווי דער מאַנוסקריפּט איז צו אונדז דערגאַנגען, איז זי אַ וויכטיקער דאָקומענט אין מ. ווינערס שעפערישער ביִאָגראַפיע. דאָס איז, זעט אויס, דאָס ערשטע ווערק, וואָס מ. ווינער האָט אָנגעשריבן אין דער יִדישער שפּראַך, און אַזוי־ווי דאָס ווערק איז ביז איצט אומבאַקאַנט, וועל איך מיר דערלויבן אויספירלעך איבערגעבן זײַן אינהאַלט.

...פון קיין גרויסן יִיכעס שטאַמט ער ניט, יאָסקע. פּונקט ווי זײַן מאַמע סערל הויקערקע, די קליפּע, וואָס איז געקומען אַף דער וועלט נאָך דעם, ווי רעב פײַוועלע מאַנקיריע האָט אין דער שטיל געזינדיקט מיט זײַן דינסט זאַכנע, האָט אויך ער, יאָסקע, זיך געיאָוועט אַף דער וועלט אין אַ שטאַל. ווער זײַן טאַטע איז געווען, האָט מען ניט געוווּסט, נאָר וועגן זײַן מעשונעדיק געבוירן ווערן האָט מען לאַנג ניט געקאָנט פאַרגעסן.

די שטאָט איז אַרויס מעקאַבל־פּנים זײַן אַ גרויסן צאַדיק. עס האָט, פאַרשטייט זיך, אויך ניט אויסגעפעלט סערקעלע. און ווען עס האָבן זיך שוין פּונווײַטנס די שוואַרצע שליטנס באַוויזן, איז סערקעלע זיך מעיאַשעוו און הייבט אָן גיין צו קינד. דער צאַדיק איז אַראָפּגעקראָכן פונעם שליטן און געהייסן אוועקלייגן די געווינערן. מיט גוואַלד האָט מען לעבן איר אויך אוועקגעזעצט יענטע די טוקערן און כאַוועלע די ווײַנענדיקע טכינע־זאָגערן. מע האָט זי קוים צו אַ פּויערישער שטאַל צוגעפירט. אירע קוילעס האָבן זיך געטראָגן ביזן הימל אַרײַן. דאָס שטעטל בעראָש מיטן צאַדיק זײַנען בא דער שטאַל געשטאַנען און געוואַרט. און ווען יענטעלע די טוקערן האָט געמאָלדן, אַז עס איז, מיט מאַזל, אַ זאָכער געבוירן געוואָרן, האָט זיך דער צאַדיק צעשמייכלט און געטאָן אַזוי צו זאָגן:

„שמאַ מיניי טלאַס, פונדאַנען איז געדרונגען דרײַ זאַכן: ערשטנס, אַז ס׳איז מיר געווען באַשערט, מישטיינסגעזאָגט, צו זײַן אַ קויהען־גאָדל, צווייטנס, אַז איך בין אַ גרויסער אַמהאָרעץ, און דריטנס, אַז אָט אָ־דאָס קינד, וואָס זײַן ליכטל האָט איצט אָנגעהויבן לויכטן, וועט זײַן אַ גאָדל־בעייִסראָעל, אָדער ער איז גלאַט באַשאַפן געוואָרן צו גרויסע זאַכן. עפּעס איז גאָט באָרוך־הו מיט אים אויסן. און איצט קומט, וועלן מיר דאַוונען מינכע“.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן יאָסקע ברויט, דער שפּעטער באַרימטער גאַנעוו, וואָס האָט די גאַנצע געגנט בא דער נאָז געפירט.

צו דער פּאָעמע האָט מ. ווינער אָנגעשריבן אַ באַזונדערע „האַקדאָמע פאַר געהויבענע לעזער“. אין אַן אַלעגאָרישער פאָרם גיט ער אין איר אָנצוהערן וועגן דעם זין און סאַטירישן כאַראַקטער פון דער פּאָעמע.

סאָציִאַלע סאַטירעס זײַנען אין דער יִדישער ליטעראַטור אויך אין יענער צײַט ניט געווען קיין נײַס. מ. ווינער האָט אָבער געפונען נײַע ניואַנסן. זײַן סאַטירע נעמט אַרום אַ ברייטן געזעלשאַפטלעכן האָריזאָנט. אירע פײַלן זײַנען געווענדט פּונקט אַזוי קעגן דער פּוילישער שליאַכטע, ווי קעגן דעם יִדישן קאָהאָל.

די פּאָעמע איז אָנגעשריבן אין דעם מיַירעוו־גאַליצישן דיִאַלעקט און איז אייגנאַרטיק באַפאַרבט מיטן קאָלאָריט פונעם אַלטן יִדיש־טײַטש און מיט פּוילישע און דײַטשישע שפּראַכלעכע האַשפּאָעס. יעדעס קאַפּיטל לייענט זיך ווי אַ זעלבשטענדיקע נאָוועלע.

...אין אַנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט מ. ווינער א סאַך אופמערקזאַמקייט געווידמעט דעם נאָוועלן־זשאַנער. אין ארכיוו זײַנען פאראן פיר פאַרענדיקטע נאָוועלן: „א סודע אין טארנעוו", „יומע מיט זײַן רעבן", „לאָס כודיאָס" און „וואַלענטי גולוויץ". בא דער נאָוועלע „א סודע אין טארנעוו" שטייט די דאטע 2 פעווראַל 1924, בא „וואַלענטי גולוויץ" — מײַ 1924.

ליריש, עמאָציאָנאַל און פסיכאָלאָגיש פארטיפט זײַנען געשילדערט די באַציִונגען פון יומע מיט זײַן רעבן.

אין דער נאָוועלע „א סודע אין טארנעוו" פילט מען שטארק די אַטמאָספער פון קארל עמיל פראַנצאָזס בוך „די יידן פון בארנעוו". מ. ווינער איז אָבער ניט אויסן געווען סטאם צו דערציילן א שוידערלעכע געשיכטע, וויאַזוי פּאַגראָמשטשיקעס האָבן מיט טשוועקעס צוגעקלאַפּט דעם ראָוו פון שטעטל א לעבעדיקן צו א צײַלעם. עס אינטערעסירט אים פונקט אזוי די שטראָף, ווי דער פארברעכן. ער דערפירט דעם אומזין — צו וואַנזין.

...און ווען די זון האָט זיך איבערן טויטן שטעטל צעשײַנט, איז פון אונטער דער קופע מייסים א שיקערער פּאַגראָמשטשיק פון א טויטער פרוי אַראָפּגעקראָכן. די טויטע שטילקייט האָט אים דערשראָקן. ער הייבט אָן לויפן איבער די כאַרעווע גאסן, שרײַט, וועקט די מייסים. קיינער ענטפערט אים ניט, קיינער. ער גייט פון זינען אַראָפּ און הענגט זיך אויף אַף א צײַלעם, וואָס איז געשטאנען פונקט אנטקעגן יענעם צײַלעם, אַף וועלכן דער ראָוו איז געהאנגען...

די נאָוועלע „לאָס כודיאָס" איז אין דער יידישער ליטעראטור א נײַס סײַ מיט דער טעמע, סײַ מיט דעם אינהאַלט און אויך מיט דער מאַניר פון דערציילן. מ. ווינער פירט אונדז דאָ ארײַן אין אזא ווינקל פון דעם יידישן לעבן, וואָס איז אין דער קינסטלערישער און אויך אין דער היסטאָרישער ליטעראטור אינגאנצן פארוואָרלאָזט.

די נאָוועלע איז פאראן אין צוויי וואַריאַנטן. אויב אין ערשטן וואַריאַנט באַקומט זיך, אז דער „פּריוואַט־געלערנטער" דע לוזיניאַק איז סטאם א טשודאַק, וואָס האָט ליב אויסצוטראכטן אויסטערלישע געשיכטן, איז ער אין צווייטן פּאַשעט א ראַפינירטער אַפעריסט, און די פארכאַפּנדיקע געשיכטעס דינען אים ווי א מיטל צו פארלאָקן זײַנע קאָרבאָנעס. די גאנצע נאָוועלע איז דורכגעדרונגען מיט א לײַכטן און גוטמוטיקן שמייכל. די קאָמפּאָזיציע און אייניקע סיטואַציעס דערמאָנען אין פראנץ קאַפקאַס „דער הייצער", מיט דעם אונטערשייד, וואָס קאַפקאַ האָט ניט געשטרעבט אַרײַנצודרינגען אין דעם אינערלעכן לעבן פונעם געשילדערטן מענטשן. זײַנע העלדן דארפן אויסדריקן נאָר זײַנע, קאַפקאַס, לעבנסגעפילן און געדאנקען. „איך האָב, — פארצייכנט פ. קאַפקאַ אין זײַן טאָגבוך, — ניט באַשריבן קיין מענטשן, כ'האָב נאָר דערציילט א געשיכטע, און די געשטאַלטן זײַנען בלויז בילדער און סימבאָלן". מ. ווינער, דאקעגן, האָט געשטרעבט צו באַשרײַבן פולבלוטיקע און לעבעדיקע מענטשן, זייערע איבערלעבענישן, האָפענונגען און אנטוישונגען.

די היסטאָרישע נאָוועלע „וואַלענטי גולוויץ" האָט מ. ווינער שפּעטער אָן ענדערונגען אינגאנצן אײַנגעשלאָסן אין זײַן באַקאַנטן ראָמאַן „קאָלעוו אשקענאזי".

דער היסטאָרישער ראָמאַן „קאָלעוו אשקענאזי" איז, ווי באַוווּסט, צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1934. א צווייטע איבערגעארבעטע און קימאַט אַף דאָפּלט פארברייטערטע אופלאַגע איז ארויס אין 1938. פון די ארכיוו־מאַטעריאַלן איז אָבער צו זען, אז, מ. ווינער האָט ווײַטער פאַרגעזעצט ארבעטן איבער דעם ראָמאַן. ער האָט געשאַפן נײַע וואַריאַנטן, ארײַנגעטראָגן סטיליסטישע אויסבעסערונגען, אָנגעשריבן צוגאָב־אַבזאַצן צו פארשיידענע קאַפּיטלען. ער האָט אויך געשאַפן אייניקע נײַע קאַפּיטלען („קורמעניסע־מאַנעטייקע", „לייצים" אא.).

„א צענטראַלע פיגור פון די הײַנטצײַטיקע היסטאָרישע טעמעס אין קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד, — שרײַבט מ. ווינער, — איז דער היסטאָרישער „נאַציאָנאַל־יידישער „העלד" — דער „הייליקער" אין די פארשידנסטע געשטאַלטן. די „הייליקע" ווערן געוויינלעך געשילדערט אָדער אַלס „פארבאַרגענע", אָדער אַלס „אַנטפּלעקטע".

...דער אַנטפּלעקטער „הייליקער" ווערט אַמאָפטסטן געשילדערט אין דער ראָל פון מאָשיִעך. אינעם צענטער פון די דאָזיקע אַלע „העלדן" איז אָבער געבליבן דער אייגנטלעכער „קאָדעש", דער מארטירער, פונקט ווי אין דער קריסטלעכער קלעריקאַלער ליטעראַטור, פונקט ווי אין די מיטלאַלטערלעכע קינעס און סליכעס"[1].

אויך אין דעם ראָמאַן „קאָלעוו אשקענאזי" איז פאראן דער אַלטער טראַדיציאָנעלער קידעשהאַשעם־מאָטיוו. בא מ. ווינערן באַקומט אָבער אָט די „הייליקע" טעמע א דעמאַסקירנדיקע פּאַראָדיע־טענדענץ. דער הייליקער אווראָם בען אווראָם, וועגן וועלכן מע האַלט, אז ער איז אומגעקומען אַף קידעש־האַשעם, און צו וועמענס קייווער מע פלעגט קומען בעטן, ער זאָל בא גאָט א גוטער פארשפּרעכער זײַן פאר די נויטן פון דער הייליקער געמיינדע, — איז געווען ניט קיין אנדערער, ווי דער גאַנעוו וואַרמקע דרוקער, וועמען מע האָט אופגעהאנגען פאר באַגאַנווענען א קלויסטער.

דאָס יידישע לעבן ווערט אין ראָמאַן געשילדערט ניט איזאָלירט פון דער ארומיקער סוויווע. די פּויערים, וואָס פארנוצן פאר זייער לעבן, לויט דער פארצייכענונג אין א גאַלאָכישער כראָניק פון יענער צײַט, ווייניקער ווי בעהיימעס, און ארבעטן מער ווי עס קאָנען ארבעטן מענטשן, האָט זיך ווינערן אײַנגעגעבן צו שילדערן „מיט זייער גאנצער שווערקײַט און האַמעטנער אומבאַוועגלעכקײַט פון זייער אונטערדריקטן בלינדן געמיט" (א. גורשטיין). די שטאַרקסטע ערטער אין דעם ראָמאַן זײַנען באַשטימט די, ווו עס דערציילט זיך וועגן די פּויערים מאטשיי און וויטעק, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין שטאָט ארײַן זוכן יוישער און האָבן געפונען די טליע.

די צײַט, וואָס ווערט באַשריבן אין דעם ראָמאַן, איז סאָף זעכצנטער יה"., ווען אין פּוילן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן די ערשטע שפּראָצן פון דעם שפּעטן רענעסאַנס. וועגן דער זעלבער עפּאָכע האָט מ. ווינער אָנגעהויבן (און ניט פארענדיקט) שרײַבן א צווייטן ראָמאַן. די האַנדלונג אין דעם צווייטן ראָמאַן קומט פאָר אין איטאַליע, ווו דער רענעסאַנס האָט אין יענער צײַט שוין דערגרייכט זײַן העכסטן און פארביקסטן פּעריאָד.

דער הויפּט־העלד פון דעם ראָמאַן איז א רעאַלע היסטאָרישע פּערזענלעכקײַט פון יענער צײַט — די ווידערשפּרעכלעכע פיגור פון אריע דע מאָדענאַ.

אין דעם ווערק שילדערט מ. ווינער ברויזנדיקע נאַטורן, שטורמישע כאַראַקטערן, מענטשן, וואָס זײַנען באַהערשט פון א שטענדיק אומרויִקן און צעשטערע־

---

[1] פון מ. ווינערס „נאָטיצן וועגן היסטאָרישן ראָמאַן".

רישן גייַסט. דאָס פּאָזיטיווע אין זיי איז דער סקעפּטיציזם, זייער צווייפל אין דער שטאַנדהאַפטיקייט פון די אַלטע דאָגמעס, וואָס זײַנען ביז זייער צײַט געווען דער אינהאַלט, אָנשפּאַר און פעסטיקונג פון דעם מענטשלעכן באַוווסטזײַן. זייער טראַגעדיע באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס זיי קאָנען ניט רעאַליזירן זייער שטרעבן צום גוטן, נײַעם און נויטווענדיקן. די סוויווע און די עפּאָכע איז דערצו נאָך ניט גרייט. דערפון איז זייער בלאָנדזען און אונטערגאַנג.

דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע, ווײַזט זיך אונדז אויס, אין מ. ווינערס שאַפן איז זײַן לײַדנשאַפטלעך נאָכשפּירן נאָכן פּאָזיטיוון און באַפרוכפּערנדיקן אין דער נאַציאָנאַלער, היסטאָריש אויספּאָרמירטער קולטור. ער האָט שטענדיק געזוכט און אונטערגעשטראָכן יענע טענדענצן, וואָס זײַנען אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל אין דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט־קולטור און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר, לויט זײַן מעטאַפאָרישן אויסדרוק, „די קריסטאַליזירטע געשיכטע“ פון דעם פאָלק.

מיט די סאַטירישע עלעמענטן, וואָס זײַנען פאַראַן קימאַט אין אַלע זײַנע ווערק, האָט מ. ווינער אויסן געווען ניט סתם צו אַנטבלויזן דאָס נעגאַטיווע, נאָר קודעםקאָל צו „רעאַביליטירן“ דאָס פּאָזיטיווע, שיינע און דערהויבענע אין דער פאָלקס־קולטור.

אין דעם אַרכיוו האָט זיך פאַרהיט נאָר א וואַריאַנט פון די שוין געדרוקטע פראַגמענטן א. נ. „באַם מיטלענדישן ים“ (אַלמאַנאַך „סאָוועטיש“, נומ. 2, 1935) און א נײַ, נאָך ניט געדרוקט קאַפּיטל. אין דעם נײַעם קאַפּיטל פירט מ. ווינער צונויף דעם ראַציאָנאַליסט פראַנטשעסקאָ ציקאָניאַ, דעם סכאָלאַסטיקער פּעטראָ בעל אָקיאָ און דעם סקעפּטיקער לעאָנאַ מאָדענאָ אויף א „פילאָזאָפישן קאָנווענטי קאַלאַם“[1].

דאָס דאָזיקע ווערק, כאָטש פראַגמענטאַריש און ניט פאַרענדיקט, איז אַן אינטערעסאַנטע דערשײַנונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מ. ווינער האָט אויפגעהויבן א ראַנד פון דעם הייליקן פּאָרויכעס, מיט וועלכן פאַרשיידענע שרײַבער האָבן צוגעדעקט די ווײַט ניט אידילישע געשיכטע פון די ייִדן אין מיטלאַלטער. דער באַדײַט פון די קאַפּיטלען שטײַגט אַריבער די נאַציאָנאַלע ראַמען. אויך אַן איטאַליענער, מיין איך, קאָן אין זיי דערפילן דעם אַראָמאַט און די גײַסטיקע אַטמאָספער פון זײַן ווענעציע אין סאָף XVI, אָנהייב XVII יה.

די ביבליאָגראַפן ווײַזן אָן, אַז פאַר די לעצטע הונדערט פופציק יאָר זײַנען אין דער וועלט דערשינען איבער הונדערט טויזנט היסטאָרישע ראָמאַנען. אין אָט דעם געדיכטן ראָמאַנען־וואַלד פאַרלירט זיך ניט מייער ווינערס קאָל. פאַרקערט, ער לאָזט זיך הערן מיט זײַן באַזונדערן אַקצענט, ריטם, פאַרב.

אין דעם אַרכיוו איז פאַראַן א היפּשע צאָל נאָטיצן און פאַרצייכענונגען, לויט וועלכע מע קאָן זיך שאַפן א פול בילד וועגן מ. ווינערס שטעלונג צו דער פראַגע וועגן דער היסטאָרישער טעמע אין דער ליטעראַטור. מ. ווינער טרעט שאַרף אַרויס קעגן דעם אַזויגערופענעם „היסטאָרישן סוביעקטיוויזם“.

א סך אָנגעזעענע שרײַבער פון מײַרעוו־אייראָפּע, וואָס זײַנען טעטיק אויפן געביט פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן, באַנוצן זיך זייער וואָלונטאַר מיט די היסטאָרישע פאַקטן. ל. פויכטוואַנגער, לעמאָשל, שרײַבט אין זײַן אַרבעט „זין און אומזין פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן“: „קיינמאָל האָב איך זיך ניט געקימערט, צי מײַנע שילדערונגען שטימען מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייַט. יאָ, איך האָב אָפּט אַפילע די מיר גענוי באַקאַנטע היסטאָרישע ווירקלעכקייַט געענדערט, ווען זי האָט געשטערט מײַן פאָרשטעלונגס־קראַפט“.

א דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע שטעלונג זעען מיר בא מ. ווינערן. פונקט ווי ל. פויכטוואַנגער, האַלט אויך מ. ווינער, אַז די היסטאָרישע טעמע איז אין טאָך א „מאָדערנער וועלט־באַנעם, אײַנגעהילט אין א געשיכטלעכן קאָסטיום“. „די טעמע, — שרײַבט מ. ווינער, — איז ווי א מין גרויסער מעטאַפאָר, מיט וועמענס הילף דער שרײַבער דריקט אויס זײַנע באַציִונגען צו די געשעענישן און צו דעם עצם וועזן פון זײַן צײַט“. דאָס קאָן דער קינסטלער דערגרייכן ניט מיט ענדערן די אַלגעמיין באַוווסטע היסטאָרישע פאַקטן, נאָר מיט דעם, וואָס ער וועט מיט דער הילף פון א רעוואָלוציאָנערער וועלט־אָנשויונג זיך קלאָר מאַכן די היסטאָרישע פּראָצעסן און אויפדעקן זייערע פּראָגרעסיווע טענדענצן.

די געשיכטע־שרײַבער האָבן ניט ווייניק געפעלשט דאָס בילד פון דער היסטאָרישער רעאַליטעט און, לויט קאַרל מאַרקס' פאָרמולירונג, „באַרעכטיקט די שענדלעכקייַטן פון הײַנט דורך די שענדלעכקייַטן פון נעכטן“. דער שרײַבער פון היסטאָרישע ווערק דאַרף דעריבער מיט קינסטלערישע מיטלען העלפן דעם מענטשן זיך צו שאַפן א ריכטיק בילד וועגן זײַן צײַט און וועגן די רעאַלע היסטאָרישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געווירקט אויף איר אַנטוויקלונג.

„די געשיכטע, — שרײַבט מ. ווינער, — שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר און ניט אַפילע מיט דער קעגנוואַרט. די גרענעץ־סטויפּן פון דער געשיכטע זײַנען אַרײַנגערוקט ביז טיף־טיף אין דער צוקונפט אַרײַן“.

אַן אויסגעצייכנטער בײַשפּיל פון אַזאַ מין צוגאַנג באַם שילדערן קינסטלעריש די ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט זײַנען די קאַפּיטלען פון מ. ווינערס ניט פאַרענדיקטן ראָמאַן וועגן דער היסטאָרישער פּערזענלעכקייַט פון סאָף XVI, אָנהייב XVII יה. יעהודאַ אַריע מאָדענאַ.

די קאַפּיטלען וועגן מאָדענאָ, אויך דעם לעצטן וואַריאַנט פון „קאָלעוו אַשקענאַזי“ האָט מ. ווינער געשריבן אין די דרײַסיקער יאָרן. אין דעם אַרכיוו האָט זיך פאַרהיט נאָך א ראָמאַן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן, איידער ער האָט זיך באַזעצט אין ראַטנפאַרבאַנד.

נאָר צום אַלעם ערשטן — א קליינעם טיקן־טאָעס. אין דער ליטעראַטור וועגן מ. ווינערן ווײַזט מען אָן אויף אַן „עסטרײַכישן ראָמאַן“, אין וועלכן עס ווערט געגעבן א „ברייט און פאַרביק בילד פון ייִדישן לעבן אין ווין אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יה.“ (נאַכמען מײַזיל).

נאָכן באַקענען זיך מיט די מאַטעריאַלן פון מ. ווינערס ליטעראַרישן אַרכיוו דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז קיין עסטרײַכישער ראָמאַן איז בא מ. ווינערן קלאָל ניט פאַראַן. אויב שוין יאָ אָנווײַזן גענוי דאָס אָרט, ווו עס קומען פאָר די געשעענישן אין ראָמאַן, וועגן וועלכן עס גייט די רייד, איז עס בערלין, ניט ווין. און וואָס שײַעך א „ברייט און פאַרביק בילד פון ייִדישן לעבן“ שטימט עס אויך ניט אינגאַנצן מיט דער ווירקלעכקייַט. מ. ווינער שילדערט אין דעם ראָמאַן א גרופּע פאַרלוירענע אינטעליגענטן, אויסגעוואָרצלטע פון דער אייגענער

---

[1] פילאָסאָפישער דיספּוט.

פאָלקס־קולטור. דער סוזשעט און די פאבול פון דעם ראָמאן זײַנען אזוי געבויט, אז זיי ליגן אויסער באַשטימטע נאַציאָנאלע גרענעצן. די העלדן, אופגעוואקסענע און דערצויגענע אונטערן אײַנפלוס פון די קאָסמאָפּאָליטישע אידייען פון מײַרעוו־אייראָפּע אין אָנהייב פון צוואנציקסטן יה., האָבן א ניהיליסטישן צוגאנג צו יעדער נאַציאָנאלער אייגנארט. זיי קוקן אף זיך ווי אף פּיאָנערן פון אן אוטאָפּישער „אלמענטשהײַט"־געזעלשאפט. די ערשטע וועלט־מילכאָמע מיט איר נאַציאָנאל־שאָוויניסטישן טשאד האָט צונישט געמאכט זייערע אוטאָפּיעס, און ניט האָבנדיק קיין פעסטן עטישן און סאָציאלן באָדן אונטער זיך, זינקען זיי אײַן אין א מוירעדיקן פּעסימיזם און עגאָצענטריזם.

געיאָגטע פון פארגאנגענהײַט־געשפּענסטער, פון נויט, דאכקעס, פּאָגראָמען, וואָגלען זיי איבער פארשיידענע שטעט מיט א שטארקן דאָרשט נאָך וויסן, מיט אינערלעך־ווילדע שעפערישע קויכעס און מיט א שטארקן טרוים נאָך גליק און פרידן.

מ. ווינער שילדערט ניט די געבורט־ווייען און די פאָרמירונג פון זייערע כאראקטערן. מיר באקענען זיך מיט זיי, ווען זיי קומען שוין אין צוזאמענשטויס מיט דער רעאלער ווירקלעכקײַט. זיי טראָגן אין זיך זיכרוינעס פון צעשטערטע וועלטן, פון פארשווונדענע און אָפּגענארטע לײַדנשאפטן. זייער פארביטערטקײַט שטאמט פון פּערזענלעכע אנטוישונגען, פון אומזיסטע זוכענישן און פון ניט קאָנען געפינען קיין אויסוועג פון דער לאגע.

די פּסיכישע עקספּערטיזעס, וואָס די העלדן מאכן איבער זיך אליין, גיבן מאמעש איבערראשנדיקע רעזולטאטן. זוכנדיק די סיבעס פון זייערע שטרויכלונגען, גראָבן זיי פונעם אונטערבאוווסטזײַן ארויס פארשיידענע רעטראָספּעקטיווע בילדער פון זייערע ביאָגראפיעס. דורך יעדן געשטאלט אנטפלעקט זיך אן אנדער ווינקל פון דעם לעבן. ווי אין א פילם, וויקלט זיך פונאנדער א פּאנאָראמע דראמאטישע בילדער פון א גײַסטיק פארלוירענער געזעלשאפט.

די פארלוירנקײַט ווערט געשילדערט אין אזא מין קונסט־־סטיל, וואָס איז שוין אליין א רעזולטאט פון דער דאָזיקער פארלוירנקײַט. מע קאָן אָנווײַזן אף האשפּאָעס פון דאָסטאָיעווסקין און פון ענלעכע דערשײַנונגען אין דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראטור (סט. צווייג, פראנץ קאפקא, פראנץ ווערפל). מ. ווינער האָט אָבער אף קיינעם זיך ניט פארלאָזט, קיינעם ניט נאָכגעמאכט און קיינעם ניט נאָכגעזאָגט. אין דעם ראָמאן זײַנען ניט פאראן קיין פרעמדע שטאמפּן און טריוויאלע בילדער. עס איז אן אָריגינעל קינסטלעריש ווערק, מיט לעבעדיקע פּערסאָנאזשן, וואָס ראנגלען זיך און זוכן אן אויסוועג פון דעם פארקישעפטן קרײַז, אין וועלכן זיי האָבן זיך פארפּלאָנטערט.

איבער דעם ראָמאן האָט מ. ווינער געארבעט א סאך יאָרן — אָנהייבנדיק פון 1924 ביז דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. ער האָט געהאלטן אין איין אויסבעסערן, צושרײַבן און ענדערן עפּיזאָדן און פיגורן. אפילע א פּאסיקן נאָמען פאר זײַן ראָמאן איז אים ניט גרינג געווען צוצוקלערן. אף דער פּאפּקע, אין וועלכער עס האָט זיך פארהיט דער מאנוסקריפּט, איז אָנגעשריבן פּאָשעט: „מאטעריאלן צו דעם גרויסן ראָמאן".

דעם צוזאמענשטויס פון אינדיווידועלן כאראקטער און פון זײַנע געזעצן מיט די געזעצן און מיטן כאראקטער פון דער צײַט און פון קאָלעקטיוו האָט מ. ווינער אויך געפּרוווט שילדערן אין א צווייטן ראָמאן א. נ. „נאסטיע", וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן, ווי נאָר ער האָט זיך באזעצט אין ראטנפארבאנד.

אף וויפל מיר איז באוווסט, איז דאָס דער ערשטער פּרווו צו שאפן אין ייִדיש א ראָמאן אָן ייִדישע געשטאלטן און ניט אף קיין ייִדישער טעמע. לויט א באמערקונג אין די נאָטיצן צום ראָמאן, האָט מ. ווינער בעדייע געהאט ארײַנצופירן דעם אונדז שוין באקאנטן יאָסקע ברויט. עס איז אָבער דערצו ניט געקומען. מ. ווינער פּרוווט אין דעם ראָמאן שילדערן, וויִאזוי די רעוואָליוציע דרינגט ארײַן אין דעם לעבן פון די סאמע אָפּגעשטאנענסטע שיכטן פון דעם רוסישן פאָלק, ווי שווער עס גיט זיך איר אײַן צו דערוועקן מענטשלעכע ווירדע אין די דוירעסלאנג־פארקנעכטעטע מענטשן. ער שילדערט גרויזאמע בילדער פון בעטלער, דינסטן, פּראָסטיטוטקעס און גאנאָווים, וואָס זינקען אין שיקרעס, עראָטיק און אויסגעלאסנקײַט. ער קוקט ארײַן אין אזעלכע סצענעס, פון וועלכע שעמעוודיקע מאכן זיך ניט וויסנדיק און דרייען אוועק זייערע קעפּ.

אָט די מענטשן, פון דעם סאמע דנאָ, ניט נאָר וואָס זיי גלייבן אין גאָרניט, — זיי שטעלן זיך אפילע קעגן די ענדערונגען און דעם גוטן, וואָס די רעוואָליוציע האָט פאר זיי געבראכט. „וואָס האָב איך דערפון, — טײַנעט נאסטיע, — אז אפילע קיין פײַנע לײַטישע באלעבאָסטע זעט מען ניט. אלע אין אזעלכע שמאטקעס אָנגעטאָן, און אליין זײַנען זיי ווי דינסטן. אז ס'איז שוין קיין כילעק צווישן דינסט און באלעבאָסטע..."

זי, נאסטיע, פארשטייט בעסער די שפּראך פון שיידים און רוכעס, וועלכע באזוכן זי אין די נעכט, איידער די שפּראך פון דעם אגיטאטאָר וועגן דער וויכטיקײַט פון ארײַנטרעטן אין פּראָפּפארײַן. און ווען אויך די מענטשן פון דנאָ הייבן קוים־קוים אָן צו באנעמען, וואָס עס קומט פאָר ארום זיי, האָט דער אווטאָר זיי אינמיטן וועג פארלאָזט און איבערגעריסן זײַן ארבעט איבער דעם ראָמאן.

מ. ווינער ארגומענטירט עס אין זײַנע נאָטיצן אזוי: ערשטנס, האלט ער, אז דאָס, וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבן, איז „אויסגעטראכט און פון ביכער גענומען. קעדיי שילדערן א לעבן, מוז מען עס קענען שטודירן"... צווייטנס, „מע מוז ווענדן דעם קוק אפן גרויסן, עמבריאָנעלן, וואָס אנטשטייט און וואקסט, ניט אף פוילע רעשטן פון דער פארגאנגענהײַט"...

אין דעם ראָמאן „נאסטיע" זײַנען פאראן געוויסע ענלעכקײַטן מיט דעם „גרויסן ראָמאן". אין ביידע ווערן געשילדערט מענטשן, וואָס שטייען אף דער גרענעץ פון צוויי עפּאָכעס. דער „גרויסער ראָמאן" האָט זיך מ. ווינערן מער אײַנגעגעבן, ווײַל דאָס לעבן און די מענטשן, וואָס ווערן אין אים באשריבן, האָט ער געקענט א סאך בעסער און גרינטלעכער. אין דעם „גרויסן ראָמאן" האָט ער, כוץ אלעמען, געהאט א געהיימען, אזוי צו זאָגן, „ראנדעוווּ" מיט דער אייגענער פארגאנגענהײַט. און טאָלסטאָי האָט שוין ערגעץ־ווו געזאָגט, אז די בעסטע ווערק אין דער ליטעראטור זײַנען די, וואָס האָבן אין זיך אווטאָביאָגראפישעס.

פון די ארכיוו־מאטעריאלן איז צו זען, אז מ. ווינער האָט פארטראכט אויך אן אווטאָביאָגראפיש ווערק. אין די באמערקונגען צו אָט דעם ווערק פארצייכנט ווינער,

אז ער וועט נאָר באשרײַבן „לײַדנשאפטן, כאראקטערן, געשעענישן, און ניט קיין לאנגווײַליקע עטנאָגראפיע". דאָס ווערק האָט געזאָלט ארומכאפּן דעם פּעריאָד פון ווינערס קינדער־יאָרן ביז דעם אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישער און רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט.

אין דעם ארכיוו זײַנען פאראן פארטיקע זיבעצן קאַפּיטלען. אין די ערשטע עלף קאפּיטלען איז געגעבן אן אויספירלעך און פילפארביק בילד וועגן דער שטוב פון דעם זיידן בינימין לאנדע. דאָס איז געווען א מענטש מיט אינטערעסאנטע געוווינהייטן און מאָדנע דראָכים. פון דעם, וואָס מ. ווינער דערציילט וועגן אים, דערשײַנט ער פאר אונדז ווי א גרויסע עטישע פּערזענלעכקייט. ער ליקווידירט די געשעפטן, וואָס זײַן רײַכער פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט, און צעטיילט דאָס געלט צווישן אָרעמע שוועסטערקינדער. אויך דאָס יערושע־הויז פון זײַן שווער, דעם פּראָצענטניק, גיט ער אוועק פאר א מוישעוו־זקיינים. די שטאָט־אָרעמעלײַט האָבן אים געהאלטן פאר זייער באשיצער און פארזאָרגער. די בעטלער־סודעס בא אים אין שטוב, וואָס מ. ווינער באַשרײַבט, זײַנען אוניקאל אין דער ייִדישער מעמוארן־ליטעראטור. כוץ דער בונטער גאלעריי פון מאָדנע טיפּן און געשטאלטן, וואָס ווערן געמאָלט, שײַנט ארויס דער זיידע מיט זײַן אײַנפאלערישקייט, קלוגשאפט און מענטשלעכקייט.

אָט דער פּאָשעטער מענטש האָט געהאט אויך גרויסע מאטעמאטישע פייִקייטן און פלעגט געפינען גרײַזן און אומפּינקטלעכקייטן אפילע אין דעם דעמלט זייער אווטאָריטעטן אף דעם געביט בוך פון פּואנקארע. און אז דער קראָקעווער געלערנטער א. מארקוס האָט אוועקגעשיקט פּואנקארען קיין פּאריזש דעם זיידנס קריטישע באמערקונגען און מאטעמאטישע פאָרמולעס, האָט דער בארימטער פראנצויזישער פּראָפעסאָר זייער געלויבט זײַן קריטיקער.

דער זיידע בינימין לאנדע איז געווען באפרײַנדעט מיט א סאך ייִדישע שרײַבער און געלערנטע, צווישן זיי — דער „שפּינאָזיסט", ווי עס רופט אים אָן ווינער, דר. שלוימע רובין[1] און דער „עסטעט" דאָוויד פרישמאן[2]. באם זיידן אין שטוב איז אויך געווען אן אָפטער ארײַנגייער דער כראָניקער פון די קראָקעווער ייִדן פ.־ה. וועטשטיין. שפּעטער האָט מ. ווינער פון פ.־ה. וועטשטיינס אן ארבעט („המצפה" — 1910) זיך דערוווּסט די גענעאלאָגיע פון זײַן זיידנס אלט־פארצווײַגטער מישפּאָכע אין קראָקע. פון פ.־ה. וועטשטיינס „לקוטי קדמוניות", וואָס זײַנען געדרוקט געווען אין סאָף פון נײַנצנטן יה., אין שעאלטיִעל־אײַזיק גרעבערס זאמלביכער „אוצר הספרות", האָט מ. ווינער ניט נאָר געשעפּט דעם פאקטישן מאטעריאל, נאָר אויך דעם גאנצן היסטאָרישן אראָמאט פאר זײַן „קאָלעוו אשקענאזי" האָט ער דאָרטן געפונען.

פון גרויס באדײַט זײַנען, פארשטייט זיך, די שטעלן אינעם ווערק, ווו עס ווערן באשריבן די באציִונגען צווישן דעם גוטן און קלוגן זיידן מיט זײַן אייניקל מייערל.

[1] ש. רובין (1823—1910) — אן אָנגעזעענער געלערנטער, האָט אויך איבערזעצט ב. שפּינאָזעס ווערק אין העברעיִש און פארעפנטלעכט אין דײַטש א בוך „שפּינאָזע אונד מײַמאָנידוס" (1868).

[2] ד. פרישמאן (1865—1922) — דער באקאנטער ייִדיש־העברעיִשער שרײַבער און איבערזעצער.

מיט אכטונג און פּיִעטעט פארצייכנט מ. ווינער, אז דער זיידע האָט געזאָגט קאדיש נאָך נאפּאָלעאָ באָטווין. אז ער האָט געשטעלט א יאָרצײַט־ליכט און דערציילט וועגן אים מײַסעס.

בייס דער היטלעריסטישער אָקופּאציע האָט מען דעם זיידן ארעסטירט און דערהארגעט אין א פּוילישער טפיסע. ער איז דעמלט אלט געווען דרײַ און נײַנציק יאָר.

דער זיידע האָט שטאָלצירט מיט זײַן גערעאָטן אייניקל. האלב אין דײַטש, האלב אין העברעיִש פלעגט ער אים שרײַבן לאנגע, קלוגע און אויספירלעכע בריוו. און יעדעס מאָל זיך ווענדן צו אים ניט אנדערש ווי „להרבני החכם, צנא דמלי ספרי, בני אהובי מהורר מאיר נ״י"[1].

אין די ווײַטערדיקע קאפּיטלען זײַנען פאראן אינטערעסאנטע פּאָרטרעטן פון ווינערס יוגנט־פרײַנט און כאווײרים. די זײַטעלעך וועגן יודיס עקשטיין אָטעמען מיט צארטער יוגנט־ליבע. באזונדערס אינטערעסאנט איז דאָס געשטאלט פון איינעם יויסע ראָטנבורג, וועלכער האָט, זעט אויס, געהאט א שטארקע ווירקונג אף דעם יונגן מ. ווינער.

„אָט דער דאָזיקער יויסע ראָטנבורג, — שרײַבט מ. ווינער, — איז געווען א זעלטענער כאריף, איינער פון די גאָר גרויסע לאמדאָנים און פילאָסאָפן... ס'איז געווען באוווּסט — און אומבאקאנט דורך וועמען פארשפרייט, — אז דער פּוילישער פילאָסאָף שוויענטאָכאווסקי האָט אף אים געזאָגט, אז ער איז א פענאָמען אין ערודיציע און כאריפעס, אז דאָס איז דער הײַנטצײַטיקער שלוימע מײַמאָן, נאָר א סאך אלזײַטיקער און געבילדעטער ווי יענער פּויליש־ייִדישער פילאָסאָף".

וועגן דעם פּעריאָד, ווען מייער ווינער האָט געוווינט אין ווין, איז פאראן נאָר איין קאפּיטל. עס ווערט דאָ געשילדערט די טראגיש־קאָמישע פיגור פון דעם דיכטער גראפאָמאן מאָרדכע גאָטפריד. אין דעם קאַפּיטל דערוויסן מיר זיך וויכטיקע פּראָטים וועגן מ. ווינערס באציִונגען מיט אזעלכע שרײַבער און געלערנטע פון ווין, ווי דר. צווי כײַעס, דר. ה. וואכשטיין, דר. א. קאמינקא אא.

ביכלאל איז אין די אווטאָביִאָגראפישע קאפּיטלען פאַראן א רײַכער מאטעריאל צו דערקענען די פאָרמירונג פון מ. ווינערס גײַסטיקער וועלט.

מײַן באריכט וועגן ווינערס ליטערארישן ארכיוו וועט ניט זײַן פארענדיקט, אויב איך וועל כאָטש א פּאָר ווערטער ניט זאָגן וועגן דער גרויסער צאָל נאָטיצן, באַמערקונגען און פארצייכענונגען, וואָס געפינען זיך דאָרט. קימאט צו יעדן ראָמאן און דערציילונג האָט מ. ווינער אָנגעשריבן א גענויעם פלאן און א כאראקטעריסטיק פון די געשטאלטן. אין ייִדיש, העברעיִש, דײַטש, פּויליש זײַנען פאראן אויסצוגן און ציטאטן פון אלטע כראָניקעס און ביכער. פאר די היסטאָרישע ראָמאנען האָט ער צונויפגעזאמלט א רײַכן טאָפּאָגראפישן מאטעריאל וועגן לענדער, שטעט און גאסן, פארנאָטירט ספּעציפישע שפּראכלעכע אידיִאָמען, יעדיִעס וועגן מינהאָגים און

[1] להאַראבאַני האכאָכאָם, צאָנאָ דעמאָליי סיפריי, בני אהוּווי מוירי האגאָוין וועראבאָני רעב מייער ניירוי יאָיִר — צו מײַן קלוגן ראָוו, וואָס איז ווי א פולער קויש מיט ספאָרים, מײַן ליבסטן זון, גרויסן לערנער און רעבע, רעב מייער, זײַן ליכט זאָל שײַנען.

קליידער, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געגעבענער עפּאָכע. די אַלע מאַטעריאַלן שטעלן מיט זיך פאָר א רײַכע זאַמלונג פון זעלטענע און אויטענטישע דאָקומענטן.

כוץ די נאָטיצן צו די בעלעטריסטישע ווערק, זײַנען אויך פאַראַן קורצע פאַרצייכענונגען איבער געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דעם צוואַנציקסטן יה., אײַנפאַלן, געדאַנקען, אידייען, באַמערקונגען וועגן דורכגעלייענטע ביכער אדג.

אזוי, לעמאָשל, פאַרשרײַבט מ. ווינער דעם 20 יאַנוואַר 1940: „געלייענט פּערלס „ייִדישע קסאָווים", 1937[1]. דאָס איז דאָך א פּראַכטפולער שרײַבער, אַן עמעסער קינסטלער. דער בריוו־אויסטויש — לויטן סטיל פון די פראַנצויזישע עפּיסטאָליאַרע ראָמאַנען — אַן ערעך שאַדערלאָ. ביכלאַל פראַנצויזישער גײַסט פון אויפקלערונג אין דעם בוך, אָבער פון גאָר אַן אַנדערער אַטמאָספער און אין סאַטירישן אַספּעקט. א קלוגער, זייער געבילדעטער שרײַבער. פײַן, כיטרע אויסגעשפּונען, רײַכע פאַבל, שפּאַנענדיק, פול מיט אינטערעסאַנטן שטייגער־מאַטעריאַל. און וואָסער שפּראַך — א סאַמעטענע וווּנדערלעכע שפּראַך. א שויטע איז דער „אַרײַנפירער" (קאַלמאַנאָוויטש), וואָס זאָגט, אַז געשריבן אָן קינסטלערישע קאַוואָנעס... ווי זעט ער ניט, אַז דאָ האָט אַן עמעסער טאַלאַנט געשליפן און געאַרבעט סײַ אַף דער פאַבל און סײַ אַף דער שפּראַך, געשליפן מיט ליבע, מיט פאַרשטאַנד, קענטעניש און קולטור. סאַראַ שאָד, וואָס די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור איז ניט געגאַנגען אַף דער דאָזיקער שפּראַך־באַזע. א הערלעכער וואָלטעריאַנישער ראָמאַן. אויסגעצייכנטע פּראָזע איז אויך די מײַסע מיטן רעבן פון טשאַרני־אָסטראָ. אַזאַ פּראָזע איז ניט געווען ביז מענדעלען — און מענדעלע האָט אַזאַ פּראָסטע רעאַליסטישע פּראָזע ניט געקאָנט שרײַבן. עפּעס פראַנצויזישעס אין דער קלאָרקײַט און שיינקײַט".

אין די נאָטיצן קאָן מען געפינען אויך ניט ווייניק בייִאָגראַפישע פאַקטן, וואָס האָבן א שײַכעס צו פאַרשיידענע פּעריִאָדן פון מ. ווינערס לעבן און שאַפן. מיר דערוויסן זיך, לעמאָשל, אַז שוין אין עלטער פון צען יאָר האָט ער געלייענט י.־ל. פּערעצן און אין עלטער פון פערצן יאָר דעם עסטרײַכישן קלאַסיקער אַדאַלבערט שטיפטער.

ווען ווינער איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט ער אָנגעהויבן צו קאָרעספּאָנדירן מיט סטעפאַן צווייגן, און אין איינעם פון זײַנע בריוו האָט ער אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגן ג. קעלער און א. שטיפטער. סט. צווייג האָט גלײַך צוגעשיקט א וואַרעמען ענטפער און צוגעגעבן, אַז מ. ווינערס בריוו איז אָנגעקומען פּונקט, ווען „איך בין גראָד דערבײַ שטיפטערן פאַר זיך צו אַנטדעקן".

לויט די נאָטיצן קאָן מען אויך פעסטשטעלן מ. ווינערס שטימונגען און געדאַנקען פאַר זײַן אַוועקגיין אַפן פראָנט. „דאָס זײַנען די ברעקלעך ידיִעס, וואָס זײַנען דערגאַנגען צו מיר: מײַן ברודער — אין דאַכאַו, מײַן פאָטער און איין קראַנקע שוועסטער — געווען אין ווין. ווו זײַנען זיי איצט? איין שוועסטער מיטן מאַן און קינד — אַנטלאָפן פון ווין, געוואַלגערט זיך אין טשעכאָסלאָוואַקיע, שווייץ, פראַנקרײַך. אין ערגעץ האָט מען זיי ניט געלאָזט בלײַבן. לעסאָף זײַנען זיי געקומען קיין לאָנדאָן — די לעצטע ידיִע פון פאַראַיאָרן. ווו זײַנען זיי איצט?! א צווייטע שוועסטער מיט מאַן און קינד אַנטלאָפן קיין פּוילן, פון דאָרט זיי געיאָגט, ווײַל אויסלענדישע (עסטרײַכישע בירגער). ווו זײַנען זיי איצט?!"

...„די מענטשהײַט הענגט איצט אַפן קאָפּ, און די טאַליאָנים האָבן איר אַוועקגעשטעלט א שײַטערהויפן אונטער דער נאָז..."

...„נאָר בא אונדז אין לאַנד שטייען די מענטשן אַף די פיס און טוען אַלץ אַף צו העלפן דער אַרבעטנדיקער מענטשהײַט"...

...„אַלע טראָגן געלע לאַטעס, אַפילע קליינע קינדער אין די וויגן..."

...„די פאַשיסטישע מענטשנפרעסער האָבן פײַנט אונדזער פאָלק, ווײַל די בעסטע פאָרשטייער פון אונדזער פאָלק האָבן שטענדיק באַוויזן סינע צו קנעכטשאַפט, ליבע צו פרײַהײַט, מוטיקן מעסירעסנעפעש פאַר דער זאַך פון דער מענטשהײַט..."

...„ניין, אויב אָרפיוס האָט אַמאָל געבענדיקט מיט זײַן שפּיל ווילדע כײַעס, קיין ווילדע מענטשן קאָן מען שוין לאַנג ניט בענדיקן מיט זיסע טענער. די צײַטן זײַנען שוין לאַנג אַוועק. בענדיקן קאָן מען די ווילד־געוואָרענע מענטשן ניט מיט קיין פידלען און האַרפעס, ניט מיט קיין שיינע, זיסע רייד. מעשוגענע הינט מוז מען דערשיסן..."

דאָס זײַנען מיסטאָמע געווען מ. ווינערס לעצטע ווערטער, איידער ער האָט אַוועקגעלייגט די פּען און גענומען א ביקס אין דער האַנט.

מייער ווינערס נאָטיצן און פאַרצייכענונגען רייצן דעם געדאַנק, וואַרעמען דעם געמיט, באַרײַכערן דעם פאַרשטאַנד.

ס'איז זייער גוט, וואָס די מאַטעריאַלן פון מייער ווינערס אַרכיוו הייבן זיך אָן צו דרוקן אין „סאָוועטיש היימלאַנד". זיי וועלן פולער מאַכן דאָס בילד פון דער שאַפונג פון אָט דעם באַדײַטנדיקן שרײַבער, טיפן פאָרשער און אייגנאַרטיקן מענטשן.

[1] יויסעף פּערל (1773—1839) — שרײַבער און אויפקלערער, אַווטאָר פון דער באַרימטער סאַטירע „מגלת טמירין". אין 1937 האָט דער ווילנער ייִוואָ אַרויסגעלאָזט א וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון זײַנע ווערק אין ייִדיש.

מ ײ ע ר   װ י נ ע ר



לאָס כודיאָס

אָנהייב 1912 האָבן אין אַ קליינער סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע אין אַ דאָרעם־פראַנצויזישן דאָרף צווישן קאַן און מאָנטע־קאַרלאָ געלעבט פּאַציִענטן פון פאַרשיידענע לענדער און נאַציעס. באַם טיש האָט מען מיר אָנגעוויזן אַן אָרט לעבן אַן עלטערן גראָוולעכן מענטשן, אַ פראַנצויז, אָדער עפּשער גאָר, ווי מיר איז שפּעטער אויסגעקומען צו מיינען, אַ פּאָליאַק, וואָס פלעגט באַם עסן זייער גערן פאַרפירן לאַנגע שמועסן און פאַרציִען זײַנע דערציילונגען ביז צו דער נאָכמיטיקדיקער רו־צײַט אינעם גאָרטן פון דער סאַנאַטאָריע. ער איז געווען, ווי ער האָט מיר געזאָגט, אַ „פּריוואַט־געלערנטער“, און כאָטש זײַן פראַנצויזישער נאָמען — דע לוזיניאַק — האָט געקלונגען זייער אַריסטאָקראַטיש און ער האָט געטראָגן אינעם לאַץ אַ רויט פּאַסיקל פון דער ערן־ליגיע, איז זײַן אָנטאָן געווען אָרעמלעך און זײַן האַלטן זיך ביז גאָר באַשיידן. אַ הויכער און זייער אַ דאַרער, מיט אַ שפּיציק פראַנצויזיש בערדל און אַ גרויסער געהויקערטער נאָז, מיט צעטראָגענע נאַיִוו־גוטמוטיקע אויגן און דערצו נאָך מיט לאַנגע דינע אויסגעצויגענע וואָנצעס, — האָט ער אויסגעזען אַזוי, ווי מע מאָלט געוויינלעך דאָן־קיכאָטן. זייער מעגלעך, אַז ער האָט די דאָזיקע ענלעכקײַט אונטערגעשטראָכן און סטיליזירט. ער איז אָן סאָפעק געווען זייער געבילדעט אין פאַרשיידענע געביטן, געקאָנט מער אָדער ווייניקער קימאַט אַלע וויכטיקערע נײַע איראָפּעיִשע שפּראַכן און אויך די אַלטע „קלאַסישע“ שפּראַכן. די צוויי וואָכן, וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט, איז ער געווען אומגעוויינלעך פרײַנטלעך צו יעדערן, געהאָלפן יעדערן מיט דערפאַרענע און פאַרשטאַנדיקע שטייגערישע און מעדיצינישע אייצעס און אויך מיט פאַרשיידענע קליינינקײַטן, — לעמאָשל, אויסגעליִען ביכער וועגן דאָרעם־פראַנקרײַך, אַ פּאָר־פלאַן פון באַנען, געשענקט אַן ענגלישן בראָם־פּרעפּאַראַט און ענלעכע זאַכן. ער פלעגט פרײַנטלעך אונטערהאַלטן דעם מוט און די גוטע שטימונג באַ קאַפּריזע און נערוועזע קראַנקע און פאַרווײַלן די מענטשן מיט דערציילונגען, וואָס פלעגן אַמאָל זײַן ניט אומינטערעסאַנט. אין אַ טייל אַרויסזאָגונגען זײַנע פלעגט ער זײַן „ראַדיקאַל“, קימאַט אַ „סאָציִאַליסט“, און פאָרט האָט ער באַ פאַרשיידענע געלעגנהײַטן גערעדט מיט אַ

מאָדנעם אָפשייַ וועגן דעם „הויכן וואָרט" פון „גוטער אָפשטאמונג", וועגן העראלדיק, גענעא־לאָגיע און באזונדערס אָפט וועגן דער „קאוואלערישער און אדעליקער ערע" און „ערע פון דער נאציע". אן אנדערשמאָל פלעגט ער אליין וועגן דער באציִונג זייַנער צו די דאָזיקע זאכן שמייכלען, ווי וועגן א נארישער שוואכקייַט, און זיך אפילו וועגן דעם ווערטלען, אָבער באלד דערנאָך האָט ער דורכויס ניט לאָגיש און מיט ערנסט און אפילו מיט פאטאָס וועגן די דאָזיקע זאכן גערעדט. ער האָט זיך ביכלאל ניט קיין סאך געדייַגעט וועגן לאָגישער אויסגעהאלטנקייַט. דאָס און זייַן שטענדיקע צעטראָגענע נאיִוו־גוטמוטיקע גרייטקייַט יעדערן צו העלפן און מיט־צופילן האָט אים אין מייַנע אויגן א ביסל ענלעך געמאכט צום דאָסטאָיעווסקישן „אידיאָט". ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס היסטאָריקער, אָבער איך האָב עפעס געהאט א שטילן כשד, אז דער דאָזיקער טשודאקישער מענטש לעבט דערפון, וואָס ער שרייַבט געהויבענע גענעאלאָ־גיעס פאר רייַך־געוואָרענע בירגער, וואָס ווילן דאָס האָבן, אָדער פון עפעס ענלעכס. דער דאָזיקער כשד איז אָבער געווען, ווי מיר וועלן ווייַטער זען, ניט בארעכטיקט.

דער דאָזיקער מענטש פלעגט זיך נאָכמיטיק, אינעם גאָרטן פון סאנאטאָריע, גערן צו מיר צוזעצן און מיט מיר שמועסן, כאָטש איך בין נאָך דעמאָלט געווען גאָר יונג, נאָך ניט קיין גאנצע אכצן יאָר. ניט שטענדיק האָב איך זייַנע רייד אויסגעהערט מיט געדולד. איך פלעג אים אמאָל, ווען ער האָט מיך שוין צו שטארק נערוועז געמאכט, איבעררייַסן מיט א ווערטל, אָדער גלאט אזוי אוועקגיין מיט אן אויסרייד. ער האָט אָבער דאן אף מיר געקוקט מיט אזא טרויעריק־טא־רומעסדיקן בליק, אז כ'האָב אזש ראכמאָנעס געהאט אף דעם אלטן קראנקן און איינזאמען מענטשן. ווען איך האָב עפעס געפרווט דערווידערן קעגן זייַנע אומגעלומפערטע און נארישע־וואטע אויספירן, אשטייגער וואָס שייַעך „ערע פון נאציע", העראלדיק אאוו., פלעגט ער בלויז לייַכט שמייכלען און מיט אקשאָנעסדיקער העפלעכקייַט זיך באמיִען מיר באווייַזן, אז ער איז גערעכט, ניט אף א לאָגישן אופן, נאָר עפעס מיט אנעקדאָטן, זיכרוינעס און מייַסעלעך, וואָס האָבן אָפט צום איניען געהאט גאָר א קנאפע שייַכעס און האָבן גאָרנישט באוויזן. און ווייַל ער איז אויסגעפאָרן א וועלט און האָט זיך אָנגעזען אָן א שיר, פלעגן טאקע אמאָל די מאָדנע מייַסעס זייַנע, פאר זיך גענומען, זייַן זייער אינטערעסאנט. און קיינמאָל האָט ער ניט פארגעסן אריַינצופלעכטן אן עפיזאָד מיט א ייִדן. לויט אים איז אויסגעקומען, אז אויב א געשעעניש מיט א ייִדן, דארף דאָס פאר מיר פארשטארקן דעם ארגומענט. איך האָב אים אמאָל צערייצט גע־זאָגט, אז גראד וואָס שייַעך העראלדיק און „קאוואלערישער אדעליקער ערע" זייַנען די ייִדן אין אלגעמיין גענומען געוויס דורכויס קיין כאראקטעריסטיש און קיין דאנקבאר פאָרשונגס־געביט.

ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט.

— נו, און דאנטע? צי האָט ניט די נייַערע פאָרשונג באוויזן מיט דער הילף פון אלטע ייִדישע סאָנעטן, אז דאנטע איז געווען א ייִד?

צו דעם דאָזיקן מין לאָגיק זייַנעם בין איך געווען צוגעוווינט. איך האָב פארדראָסיק גע־שוויגן.

— נו, און רעמבראנדט? ניט אומזיסט איז ניט באקאנט זייַן פאָרנאָמען, דאָס איז ניט קיין צופאל. ניט אומזיסט האָט ער געוווינט אין ייִדישן קווארטאל, לעבן דער שול, און געמאָלט אזויפיל ייִדן, שולן און אפילו איליוסטראציעס צו ראבאָנישע ביכער. ניט בלויז רעמבראנדטס ביבל־מאָטיוון, נאָר אויך זייַן טונקל־ און ליכט־מאניר איז ביבליש און באווייַזט קלאָר זייַן ייִדישע אָפשטאמונג.

איך האָב זיך אף מייַן ליג־בעטל געפילט מיד פונעם הייסן פארפרילינגס־טאָג און צע־רייצט פון זייַנע מעשונעדיקע רייד.

— איז עפשער זייַט איר אויך א ייִד?

— זייער מעגלעך... — האָט ער ערנסט און באטראכט געענטפערט. — אפילו דער קייזער פראנץ־יאָזעף האָט פון זייַן באָבעס זייַט א ליניע, וואָס פירט צו ייִדן...

— און אשטייגער, ווער איז ניט קיין ייִד?

— אפילו קאָלומבוס... דאָס איז דאָך שוין לאנג באוווסט... דער אייביק אומרויִקער ייִדי־שער גייַסט, וואָס זוכט פיזישע און מעטאפיזישע נייַע וועלטן...

— נו, און האָמער?

— האָמער? — ער האָט א רעגע נאָכגעטראכט. — זעט איר, דאָס ווייס איך ניט. אָבער שעקספיר! — ער האָט זיך דערפרייט און טריִומפירנדיק אף מיר געקוקט. — פארוואָס איז אזויפיל אומקלאָרקייַט ארום אים? ווער איז ער געווען, דער דיכטער, וואָס האָט געשריבן אונ־טער דעם אקטיאָרס און וווכערניקס נאָמען? קלאָר, אז א ייִד! וואָרעם ווער אנדערש, ווי א ייִד, וואָלט געקאָנט מאָלן אזא קאוואלעריש־אדעליקע זעלבסטנעגאציע פון ייִדן, ווי שייַלאָק, און

אופשטעלן אזויארום די נאַציאָנאַלע ערע — אויב ניט א ייִד? א פּריוואַט מײַנער, א ייִד, האָט וועגן דעם געשריבן א גאנץ בוך...

— וועגן האָמערן ווייסט מען דאָך נאָך ווייניקער, איידער וועגן שעקספּירן... פאַרוואָס ניט מאַכן דעם אויספיר?

ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו מײַן רעפּליקע און זייער צופרידן און באַלערנדיק ווײַטער געזאָגט:

— וועגן דעם, אז דעם בארימטן פּוילישן דיכטער מיצקעוויטשעס מוטער האָט געשטאַמט פון ייִדן, האָט מען שוין לאַנג געשריבן אין א פּוילישער ענציקלאָפּעדיע... די פּוילישע גאלאַכים איז דאָס ניט געפעלן, האָבן זיי אָפּגעקויפט אַלע עקזעמפּליארן פון דעם בוך און זיי פאַרברענט. און אפילע געטע, וואָס באַרימט זיך און רעדט אויספירלעך בלויז פון איין ייִדן...

איך האָב אים איבערגעריסן.

— איר האָט מיך איבערצײַגט און באַוויזן. קוואַלעריש-אַדעליקע ערע איז דאָ. אָבער מיט דער העראַלדיק וואָס טוט מען? וואָס איז אַן ערן-קאָדעקס אָן העראַלדיק?

— א... איר זאָלט ניט לאַכן... — האָט ער אופגעהויבן אַן אויסטערלִיש דארן לאַנגן פינגער און מיר פאַמעלעך געדראָעט, צושאָקלענדיק מיט די לאַנגע שפּיזלדיק אופגעדרייטע וואָנצעס. — טאַקע דערפאַר, וואָס עמעץ-ווער צווייפלט אין דעם, באַווײַזן די ייִדן מער קאַוואַלעריש-אַדעליקן האָנאָר, ווי יעדער אנדערער. אָט וועל איך אײַך דערציילן א געשיכטע וועגן ייִדן, וואָס איך האָב צו איר געהאַט א שײַכעס. נאָר ווארט נאָך צו א רעגעלע, צוערשט מוז איך אײַך אַן אנדער זאַך דערציילן.

די דערציילונג פונעם פראַנצויזישן פּריוואַט-געלערנטן דע לוזיניאַק

„ס'איז געווען אין יאָר 1895, אין אַן אומגעוויינלעך הייסן זומער-נאָכמיטיק אין אַלקאַלאַ, אַן אוראַלט קליין שטעטעלע אין עקסטן דאָרעם פון שפּאַניע. איך האָב זיך דעמאָלט אופגעהאַלטן דאָרט שוין עטלעכע וואָכן צוליב מײַנע שטודיעס, וואָס פאַר-זייערטוועגן האָב איך זיך גע-דאַרפט באַנוצן מיטן דאָרטיקן שטאָטישן ארכיוו. דער ארכיוו, מוזט איר וויסן, איז שוין צענדליקער און עפּשער נאָך מער יאָרן געווען פאַרשלאָסן און איז פון קיינעם ניט באַנוצט געוואָרן. פונדעסטוועגן איז געווען א מעלוכישער ארכיוואַריוס, אַן אַלטיטשקער פאַרטריקנטער שפּאַנישער אַדעליקער, זייער א גרויסער געלערנטער אין זײַן געביט. אפּן קאָפּ האָט ער געטראָגן א ריזיקן שטרויענעם סאָמברעראָ, ווי א שירעם די גרייס, אַליין אָבער איז ער געווען עפּעס מאָדנע אויסגעדארט, ווי א בייק. זײַנען מיר איטלעכן נאָכמיטיק געגאַנגען אין ארכיוווס, וואָרעם, ווי מוירעדיק הייס ס'איז געווען אין דרויסן, אזוי קיל און אָנגענעם איז געווען צווישן די גראָבע קעלערישע ווענט פונעם ארכיוו. אונטערוועגס, גייענדיק איבערן מארק, האָבן מיר זעלטן אמאָל געזען א לעבעדיקע באַשעפעניש — אַלע האָבן זיך פון דער היץ באַהאַלטן. מאָדנע פאַרשלאָפן האָט אויסגעזען דער אוראַלטער, פון שטענדיקער זון פאַרגעלטער און אויסגעשליפענער מארק, וואָס צווישן זײַנע אָפּגעשווענקטע פלאַסטער-שטיינער זײַנען געוואַקסן לאַנגע אויסגעדארטע גראָזן. און אין אזא נאָכמיטיק אמאָל אפן מארק האָט מיך פּלוצעם דער אַלטיטשקער גראַף, וואָס איז געגאַנגען לעבן מיר, א כאַפּ געטאָן פארן עלנבויגן און מיר געוווּנקען צו קוקן אין א זײַט אקעגניבער. איך האָב זיך אומגעקוקט. עפּעס באַזונדערס אינ-טערעסאַנטס האָב איך ניט דערזען, נאָר אויך אזא מין אַלטיטשקן הער, אַן ענלעכן א ביסל צו מײַן ארכיוואַריוס, נאָר א מער בעקאָוועדיקן, מיט מער שטאָלצקײַט און גראַנדישן פּאַרנעם. אפּן קאָפּ א ווייכער זייער ברייטער פילצענער קאַפּעליוש. ער האָט זיך שפּאַצירט מיט אזא פעסטער זיכערקײַט, ווי א באַלעבאָס אין אַן אייגענער שטוב.

איך האָב פאַרכידעשט א קוק געטאָן אף מײַן אַדעליקן ארכיוואַריוס. וואָס איז דאָ צו קוקן? פאַרשטעלנדיק זיך דאָס מויל מיט צעשפּרייטע פינגער, האָט ער מיר גיך און סוידעסדיק אײַנ-גערוימט:

— איל כודיאָ...[1]

— טאַקע עמעס? — איך בין אזש שטיין געבליבן פון גרויס פאַרוווּנדערונג. אין אָט אָ-דעם פאַרוואָרפענעם שפּאַנישן שטעטל זײַנען נאָך איצט פאַראַן עכטע ייִדן?

— נייך, נייך... דאָס ניט. דאָן ענריקעץ טאָמאַזאָ אַלווארעץ דוקאַ דע כוענטאַ פּאָרטאַ, ריטער פון גאָלדענער פעל, דער גרויס-צדאָקעפּאַראַגער פון זײַן מאַיעסטעט דעם קיניג פון

[1] איל כודיאָ — א ייִד.

שפּאַניע, איז אַ פרומער זון פון דער הייליקער קירכע און אירער אַ גרויסער פּאַטראָן. אָבער...
איל כודיאָ איז ער פאָרט...

דער איניען האָט מיך שטאַרק פאַרינטערעסירט, און נאָך אַ לאַנגן שמועס בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז איבער גאַנץ דאָרעם־שפּאַניע, מיינסטנס אָבער אינעם דרײַעק, וואָס ציט זיך פון כערעץ־מאַלאַגאַ ביז אַראָפּ קיין טאַריפאַ באַם גיבראַלטאַר, זײַנען נאָך הײַנט פאַראַן עטלעכע הונדערט פאַמיליעס, אורייניקלעך פון די אַמאָליקע מאַראַנען[1]. געוויינלעך געהערן זיי צום העכסטן אַדל און זײַנען אַ סאַך פרימערע קאַטאָליקער, איידער דער איבעריקער גענוג ביגאָטישער[2] שפּאַנישער אַדל. אַ סאַך פון זיי זײַנען פריאָרן אין קלויסטערס, באַרימטע מאָנאַכן, געלערנטע און אָנגעזעענע פּאָליטיקער. פונדעסטוועגן איז באַם אַדל אַ באַוווּסטע זאַך: פאַראַן אַזעלכע, און דאַפקע אַמאָל פון סאַמע שטאָלצן העכסטן אַדל, וואָס פאַרבינדן זיך דורך כאַסענעס מיט די לאָס־כודיאָס — אַזוי רופט מען זיי ביז צום הײַנטיקן טאָג, נאָך פיר הונדערט יאָר געטויפטקײַט — און האַלטן דאָס פאַר אַ באַזונדערן ייִכעס; און ווידער איז פאַראַן אַן אַנדער קאַטעגאָריע, און אַמאָל דאַפקע פון דעם גאָר פּאָשעטן אָרעמען אַדל, וואָס בעשום־אויפן אין דער וועלט ווילן זיי זיך מיט די כודיאָס ניט מישן. און דאָס ווערט פון אַ טייל מעווינים אויך געהאַלטן פאַר זינפול און ריכטיק. דעמלט האָב איך דאָס צום ערשטן מאָל אין לעבן געהערט וועגן די הײַנטיקע לאָס־כודיאָס אין שפּאַניע, וואָס אַפילע אין די ביכער פון די געלערנטע ווערן זיי ניט דערמאָנט.

און איצט צו דער איקער־מײַסע.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער בין איך אַמאָל געזעסן אין קליינעם שטעטעלע לאַוויקאָ, ניט ווײַט פון גירגענטי אין סיציליע, אויף אַ ווערענדע פון האָטעל גראַנדע און געשמועסט מיט איינעם אַ שפּאַניער, מיט וועמען איך האָב זיך באַקאַנט אויפן וועג פון פּאַלערמאָ קיין לאַוויקאָ אין דער באַן. איך האָב אין אים דערקענט זייער אַ סובטילן מענטשן מיט די איידלסטע מאַנירן פון דער וועלט. פאַר מיטיק האָט ער מיך פאַרבעטן גיין מיט אים איניינעם אָנקוקן די באַרימטע כורווע פון קאַסטעלאָ די וואַקע ניונעץ אויף יענער זײַט אינדזל באַם יאַם. נאָר איך האָב זיך עפּעס ניט גוט געפילט און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. איצט, נאָכמיטיק, האָב איך אים אַלץ געמוטשעט, ער זאָל מיר גענויער דערציילן, וואָס ער האָט געזען. נאָר מײַן באַקאַנטער איז עפּעס דאָס מאָל מאָדנע שווײַגעריש געווען און קוים־קוים אַ וואָרט אַרויסגעזאָגט. און מיטאַמאָל גאָר האָט זײַן געדיכטע שוואַרצע איבער די ליפּן אַראָפּהענגענדיקע רעכטע וואָנצע אַ ווילדן ציטער געטאָן און זײַנע אויגן זײַנען פאַרלאָפן געוואָרן ווי מיט עפּעס אַ פיבער. ער איז נאָך אַ צעמישטער געזעסן עטלעכע מינוט. איך האָב גוט געזען, אַז ער ווייסט שוין גאָרנישט, וואָס סע טוט זיך אַרום אים. ביז ער איז פּלוצעם אָן אַ וואָרט אופגעשפּרונגען, גיך אַריבערגעשפּרײַזט אויף דער אַנדערער זײַט פון דער ווערענדע, ווו ס'איז געזעסן אַ געדיכטע אינטערנאַציאָנאַלע פּובליקע, און צוגייענדיק צו איינעם אַ יונגנמאַן, וואָס איז ערשט צוריק מיט עטלעכע מינוט אַרײַנגעקומען און געזעסן באַ אַ באַזונדער טיש, האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט און מיט קויעך אים גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן אַ קנאַק געגעבן מיט דער פויסט. דער יונגערמאַן האָט זיך אַזש פאַרקײַקלט אויף צוריק, אָבער נאָך אַ רעגע איז ער ווידער אופגעשפּרונגען, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט זיך וואַרפן אויף מײַן באַקאַנטן און מאַכן פון אים אַ טעל. אָבער ניט גענוג, וואָס ער האָט זיך אויף אים ניט געוואָרפן, האָט נאָך מײַן באַקאַנטער, איצט שוין אינגאַנצן קאַלטבלוטיק, נאָכאַמאָל אויסגעצויגן די האַנט און יענעם אַ טראַסק געטאָן אין קאָפּ אַרײַן. אין דער מינוט האָבן זיך קעלנערס און געסט געוואָרפן צווישן די צוויי מענער און זיי צעשיידט. מײַן באַקאַנטער איז געווען טויט־בלייִך אין פּאָנעם און איין וואָנצע זײַנע האָט זיך קעסיידער קראַמפּאַרטיק געצוקט אין אַ זײַט. ער איז גיך צו מיר צוגעגאַנגען און, פאַרנייגנדיק זיך, מיר שטיל און מיט איין אָטעם אַ זאָג געטאָן:

— איצט קאָן איך אײַך גאָרנישט ניט דערקלערן. איך בעט אײַך זייער אַרײַנקומען אין מײַן צימער אַרום זעקס. — און ווידער פאַרנייגט זיך און איז אַרופגעגאַנגען מיט די טרעפּ אין האָטעל.

פונקט זעקס אַזייגער האָב איך אָנגעקלאַפּט אין מײַן באַקאַנטנס צימער. ער האָט שוין אויף מיר געוואַרט. שווײַגנדיק האָט ער מיר דערלאַנגט אַ בריוו, וואָס ער האָט אים שוין פריִער באַ מײַן אַרײַנקומען געהאַלטן אין דער האַנט. זײַן שאָקל מיטן קאָפּ האָט מיך פאַרבעטן דעם בריוו לייענען. ער איז געווען געשריבן שפּאַניש. איך געדענק אים נאָך הײַנט וואָרט אין וואָרט:

---

[1] אַזוי האָבן זיך אַמאָל גערופן יענע שפּאַנישע ייִדן, וואָס, אַריבערגייענדיק צום קריסטנטום, האָבן זיי באַהאַלטענערהייט ווײַטער אָפּגעהיט אַ טייל ייִדישע ריטואַלן.

[2] ב י ג אָ ט י ש — פרומאַקיש.

„ס'איז גענוג מאָדנע, אפילע פריקרע זייער, — האָט זיך דער בריוו אָנגעהויבן, — אַז צוויי ווילד־פרעמדע מענטשן דארפן זיך אָן זייער שולד, דאָס איז מײַן מיינונג, באגעגענען אין א ווילדן שטרײַט, וואָס ברענגט זיי אַף אַן אומגעקערטן וועג קימאַט צו אַן אינטימער באַציִונג. אײַך איז אָבער געפעלן מישפּעטן און טאקע אַליין אויספירן דעם פּסאַק אויך, מוזט איר שוין דערפאר באַשטיין צו הערן פון מיר עטלעכע פערזענלעכע ווערטער. די שווערע באַלײדיקונג אײַערע קאָן איך ניט אָפּמעקן לויטן געוויינלעכן שטייגער. איך פארשטיי אײַך גוט, און סע קאָן מיר בעשום־אויפן ניט קלעקן, וואָס מײַן קאָוועד וועט פאריכט זײַן פאר דער וועלט, קאַלזמאַן איר, טאקע איר, און סאָפּקאַלסאָף אויך איך, וועלן אין אים ניט גלייבן. פון קינדווײַז אָן האָט מיך נאָכגעיאָגט א שרעק־כאַלעם: ווי וועל איך זיך האַלטן אין יענער מינוט, ווען מע וועט דארפן אין איין אויגנבליק אָפּוועגן און באַשליסן און זיך ארײַנוואַרפן מיט פארמאַכטע אויגן. און פונדעסטוועגן בין איך איבערצײַגט, אַז יענער אומגליקלעכער מאָמענט, וואָס האָט אונדז געטראָפן, געהערט גאָרניט צו דעם מין, און גיכער צו יענער קאטעגאָריע, ווו מענטשלעכע מעגלעכקײַטן האָבן לאַכלוטן אופגעהערט און סע הייבן אָן אינגאַנצן צו הערשן ניט נאָר אינסטינקטן, נאָר שוין קימאַט פיזיקאַלישע געזעצן. איר גלייבט ניט אַזוי, אַנדערש וואָלט איר ניט געטאָן, וואָס איר האָט געטאָן, און דעריקער, ס'וואָלט אין אײַך ניט געווען אַזאַ אומענטשלעכער כּאַס. קאָן איך אָבער ניט באַשטיין, בעשום־אויפן ניט, אַז איר זאָלט מיר ניט גלייבן. אין די צוויי קליינע רעגעס, אין וועלכע מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָב איך אײַך גענוי דערקענט און געלערנט האָבן פאר אײַך גרויס אכטונג. וועט מיר גאָרניט העלפן, אויב איך וועל אײַך דערשיסן אָדער איר מיך — אַזוי לאַנג ביז ס'וועט אײַך ניט אינגאַנצן קלאָר זײַן, אַז אַנדערש האָב איך ניט געקאָנט. איז איידער איך רייד וועגן עפּעס אַנדערש און איידער איך שיק צו אײַך מײַנע איידעס, וואָס וועלן דאַן קאָנען אויספירן די זאַך אַף אַ מער אַלגעמיינעם ריטערלעכן אופן, בעט איך אײַך איבערטראַכטן און מאַסקים זײַן מיט דעם, וואָס איך לייג אײַך פאָר: מיר וועלן נאָכאַמאָל גיין דעם זעלבן וועג, וואָס מיר זײַנען הײַנט אינדערפרי אין דער כורווע געגאַנגען, נאָר פאַרקערט, איך אײַער וועג און איר — מײַנעם, און אַרויסקריכן דאָרט דורך די פענצטער־טויערן אַף די געזימסן, אַלצדינג ווי אינדערפרי. וועט איר האָבן די מעגלעכקײַט גענוי אויסצופּרוּוון, אויב מענטשלעך פילן און וועלן האָט אין אַזאַ סיטואַציע ביכלאַל נאָך עפּעס צו זאָגן. איר וועט מוידע זײַן, אַז די סאַקאָנע איז פאר מיר ניט אַ האָרעלע קלענער ווי פאר אײַך, כאָטש טאַקע זי איז פאר אײַך אויך ניט קליין. אָבער ווער סע גיט עפּנטלעך פּעטש אַ שפּאַנישן גראַנדע, האָט שוין אַוודע אַלע קאָנסעקווענצן פריִער גוט באַטראַכט און מוז שוין נעמען אַף זיך שפּעטער אַ שטיקל ריזיקע — אויב ער איז ניט פון די, וואָס איר געהערט אָן סאָפּעק ניט צו זיי.

מיט טיפער אכטונג און איבערגעגעבנקײַט
קריסטאַפאָראָ אַלוואַרעץ דע כוענטאַ פאָרטאַ“.

איך האָב נאָך ניט באַוויזן דורכצולייענען דעם בריוו ביז צום סאָף און שוין האָט מיך מײַן באַקאַנטער גענומען אונטערן אָרעם, אַרויסגעפירט מיך אין דרויסן און, שפּאַצירנדיק באַם ברעג יאַם באַ דער אונטערגייענדיקער זון, האָט ער מיר גענומען אופגערעגט און גיך דערציילן.

— נאָכדעם ווי איר האָט מיט מיר ניט געוואָלט גיין אָנקוקן די כורווע הײַנט אינדערפרי, בין איך מיר אַליין אַהין געגאַנגען. ס'איז געווען זייער הייס און, קלעטערנדיק אַפן מאָנטע ציאַוואָלאָ, האָב איך זיך גוט דערשוויצט און בין פון זון און קלעטערן מיד געוואָרן. איך האָב שוין געטראַכט צוריקגיין און זיך אָפּזאָגן צו זען די רויִנע, האָט מיר פּלוצעם מעכטיק אַ בליאַסק געטאָן דער יאַם, וואָס האָט זיך פונעם שפּיץ באַרג באַוויזן טיף אונטן ביז אין ווײַטע אומענדלעכקײַטן. און באַלד טאַקע האָב איך אויך דערזען אין אַ זײַט די הויכע ריזיקע מויערן און ווענט פונעם אוראַלטן קאָסטיאָל. פון דרויסן האָט דאָס גאָר ניט אויסגעזען ווי אַ רויִנע, פאַרקערט, נאָך איצט, נאָך הונדערטער יאָרן ניט־באַוווינטקײַט האָט דאָס עפּעס מעויעמדיק געדראָעט. צוגייענדיק צום הויפּט־טויער, האָב איך דערזען אַ הער, וואָס שטייט דאָרט און לייענט דעם טאָוול איבערן טויער. איך בין צוגעקומען און דורכגעלייענט, אַז דער וועכטער פון דער כורווע וווינט דאָ און מע מוז עטלעכע מאָל ציִען דעם גלאָק, וועט ער קומען און טאָן דעם פאַרלאַנג פון די געסט. טאָמער אָבער קומט ער ניט, איז ער גראָד ניטאָ. דאַרף מען: אָדער וואַרטן אָדער אַן אַנדערשמאָל קומען. בעפירעש ווערט געוואָרנט וועגן דער גרויסער סאַקאָנע אַליין אָן אַ פירער אַרומצוגיין אין דער כורווע. זי האַלט באַם אײַנפאַלן — און ווער סע גייט אַליין, טוט דאָס אַף זײַן אייגענער אַכרײַעס.

איך האָב דעם הער אָנגעקוקט, און ער מיך. ער שטייט שוין א פערטל שאָ און קלינגט — קיינער קומט ניט. פארדראָסיק אראָפּצוגיין און ניט האָבן געווען אינווייניק. מיר האָבן עטלעכע ווערטער געשמועסט — פון זײַן מאניר צו ריידן איטאליעניש האָב איך דערקענט, אז ער איז א שפאניער. מיר האָבן באשלאָסן אליין ארײַנצוגיין. סע קאָן ניט זײַן אזוי געפערלעך, ווײַל אויב יאָ, איז דאָך מיט א פירער פונקט אזוי געפערלעך, ווי אָן א פירער. איז דאָס אוואדע אויסגעטראכט לעטוויוועס דעם פירער.

מיר זײַנען איניינעם ארײַן דורכן אָפענעם טויער. אומעטום זײַנען געלעגן ריזיקע שטיינער, ארומגעשניצטע שטיקער געזימסן און זײַלן. פון א גרויסן געפלאסטערטן הויף, וואָס איז פון איין זײַט געווען ארומגעצאמט מיט א זייער נידעריקער שטיינערנער וואנט, האָט מען גוט געקאָנט אראָפּקוקן. א ווונדערלעכער אָנבליק איז דאָס געווען. דער בארג, אף וועלכן דער קאָסטיאָל איז געשטאנען, איז פון דער אנדערער זײַט צום יאם־צו גאנץ שארף, ווי א וואנט, אראָפּגעפאלן א צוויי הונדערט מעטער און אונטן זײַנען בלויז ערטערווײַז געווען שטיקלעך ברעג, און דאָס איבעריקע — גלײַך אין יאם ארײַן, ווי פון אים ארויסגעוואקסן. דער שלאָס האָט געדארפט אמאָל אויסזען ווי איין שטיק מיטן בארג און האָט אוואדע געהאט די טונקעלע אופגאבע אויסצוקוקן די יאם־פאָרערס און זען, וועלכע שיף מע קאָן אף א רויבערישן אויפן באפאלן. אין א זײַט איז געשטאנען א קליינע קאפליצע. דאָס דאָזיקע אָרט האָט זיך נאָך אמבעסטן פארהיט און האָט געהאט סימאָנים פון „באוווינטקײַט“, ווײַל אינווייניק פארן בילד האָט געברענט א לעמפל און סע זײַנען דאָרט געווען פארשיידענע אנדערע שפורן, וואָס באזוכערס און אָרטיקע פרומע האָבן איבערגעלאָזט. פון ביידע זײַטן שלאָס זײַנען געווען שווערע דריקנדיקע לאָדזשיעס, אָבער די מייסטע זײַלן האָבן שוין געפעלט און זײַנען געלעגן איבערגעבראָכענע אף דער ערד. אין אָנהייב האָבן מיר מוירע געהאט זיך צו ווײַט ארײַנצולאָזן, זײַנען מיר געבליבן בלויז אפן הויף, געלייענט די פארשיידענע מירמלנע טאָוולען מיט אײַנגעקריצטן געשריפטס, וואָס זײַנען געווען ארײַנגעפאסט אין די ווענט. פאמעלעך אָבער איז עפּעס פרײַער געוואָרן, און מיר האָבן גענומען ארופגיין אף די טרעפּ. פון א ריזיקן ליידיקן זאל האָבן ווידעראמאָל פענצטער געפירט צום יאם און נאָך פרײַער און ווונדערלעכער געוויזן א זוניקע ווײַטקײַט, קוים וואָס דאָס אויג האָט זי געקאָנט דערגרייכן. פון דאָרט האָב איך פארקערעוועט אין א זײַטיקער טיר און בין ארײַן אין א דרײַעקיק קעמערל, ווו מע האָט נאָך אף דער פּאָדלאָגע געקאָנט זען לעצטע אָנצייכענישן פון שטיקלעך מאָזאיִק. אף איינער א וואנט אף א שטארקן טשוואָק האָט זיך געבאָמבלט א שטיק רעמל אָדער עפּעס ענלעכס. און ווײַטער בין איך דורכגעגאנגען א טונקעלן קאָרידאָר פול מיט שטיינער, שטויב, שטיקער האָלץ און פארומערטער אלטקײַט, ביז איך בין ווידער ארײַן אין א גרויסן זאל, וואָס די פענצטער זײַנע זײַנען ארויס צום הויף־צו. דאָ איז מיר ערשט אײַנגעפאלן, אז איך האָב זיך פון דעם פרעמדן אָפּגעזונדערט. איצט בין איך שוין גיך געגאנגען פון זאל צו זאל, וואָס זײַנען געוואָרן גרעסער איינער פארן אנדערן, אזעלכע מיט סקלעפּיעניעס און זײַלן אין דער מיט. איך האָב שוין שטארק געטראכט וועגן צוריק ארויס, אָבער איך האָב א ביסל פארלוירן די אָריִענטאציע. און באלד האָב איך באמערקט, אז איך דריי זיך אלץ ארום און ארום אין דעם זעלבן טראקט. האָב איך גענומען גיין אין איין זײַט און בין טאקע באלד אָנגעקומען אין א ריזיקן זאל, וואָס איך האָב אים ביז איצט ניט געזען. צוגייענדיק צום פענצטער, האָב איך מיט שרעק דערזען, אז דאָס, וואָס איך האָב געהאלטן פאר א ביסל אָן אויסגעקרישלט פענצטער, איז פּאָשעט געווען אָן ארויסגעפאלענער שטיק מויער. איך בין צוגעגאנגען נעענטער, ווײַל איך האָב געהאָפּט פון דאָרט צו קאָנען זען די קעגנאיבערדיקע זײַט אפן יאם, קעדיי זיך קאָנען אָריִענטירן אפן וועג. אָבער קריכנדיק צווישן שטיינער און באלקעס, האָב איך זיך אויסטערליש דערשראָקן, דערזעענדיק זיך פלוצעם בא דער לאָך און אראָפּקוקנדיק אין א שרעקלעך אָפענעם בלישטשענדיקן אָפּגרונט צום יאם. פּאָרזיכטיק האָב איך זיך אָנגעכאפּט אָן עפּעס א באלעק, זיך צוגעהאלטן און געוואָלט צוריק אוועקריכן פון דעם געפערלעכן אָרט. האָב איך אָבער דערפילט, אז דער באלעק, אינגאנצן א דורכגעפוילטער, האָט גענומען נאָכגעבן און טרעשטשען. איצט, דערזעענדיק די גרויסע געפאר, בין איך א ביסל נערוועז געוואָרן און גענומען שטעלן אומזיכערע טריט. געדאכט האָט זיך מיר, אז ווען איך שטעל א פוס אף א שטיין, מוז ער זיך טייקעף אראָפּקײַקלען און איך מיט אים. אין דער דאָזיקער אומאנטשלאָסנקײַט איז מיר אײַנגעפאלן צוצוגיין גאנץ נאָענט צו דער לאָך־צו, ווײַל דאָרט, ווו איך בין געשטאנען, איז דער וועג צו דער לאָך־צו געווען גאנץ גראָד און גלאטיק, נאָר צוריק ארײַן אין זאל איז ער געווען א ביסל בארג־ארוף און איבער קאָלערליי שטיינער און גראטעס. איך בין טאקע פאמעלעך און פּאָרזיכטיק צוגעגאנגען צו דער לאָך גאנץ נאָענט, איך האָב זיך א ביסל ארויסגעבויגן און פלוצלינג דערזען אין דרויסן א שטיק זייער ברייטן געזימס, א מין אָפענעם גאנעק אָן א פּאָרענטשע, וואָס

האָט זיך אָנגעהויבן הארט לֿעבן דער לֿאָך און זיך געצויגן ארום־און־ארום ווי ווײַט דאָס אויג האָט פונדאנען געקאָנט זען. איך האָב נאָכאמאָל געפרווּט צוריקגיין, אָבער עפּעס א מאָדנע מוירע האָט מיך אַלץ צוריקגעהאלטן. און איצט האָב איך זיך אנטשלאָסן און האָב מיט איין שפּרײַז א גיי אריבער געטאָן פון דער לֿאָך אפן געזימס אריבער, שפּרײַזנדיק א קליין רעגעלֿע איבער דעם אומגעהייערן טהאָם. ס׳איז דאָך זייער מאָדנע: פאר דער קלֿענערער געפאר האָב איך יאָ מוירע געהאט און פאר דער גרעסערער — ניט. פונדעסטוועגן בין איך זיכער, אז איטלֿע־כער אנדערער מענטש איך מײַן לֿאגע וואָלט דאָס אייגענע געטאָן. אָבער ווי איך האָב אין דרויסן דערזען, האָב איך שוין מיט איינמאָל פארשטאנען, אז ביז איצט איז דאָס אַלץ געווען בלֿויז אן אײַנריידעניש און איצט ערשט, נאָך דעם לֿײַכטזיניקן שפּרײַז, האָב איך זיך געלֿאָזט אָף די עכט געפערלֿעכע אוואנטורעס, איצט ערשט בין איך אין דער טהאָמישער הוילקײַט, וואָס האָט פון דער יאם־טיף אונטן ארופגעבלֿישטשעט, מוירעדיק פאריינזאמט. פארפאלֿן. פון צוריק ארײַן האָב איך ניט געקאָנט אפילֿע טראכטן. קיין שום מאכט אין דער וועלֿט וואָלט עס מיך ניט געקאָנט אײַנריידן. איז מיר בלֿויז געבלֿיבן די מעגלֿעכקײַט ווײַטער צו גיין אפן געזימס און צו זען, וווהין ער פירט. ברייט איז ער געווען גענוג, כאָטש זיך אפילֿע אויס־צושטרעקן. בין איך מיט גענוג זיכערקײַט און, באקומענדיק וואָס אמאָל מער מוט, בא דער וואנט געגאנגען און געגאנגען, אָבער איצט האָב איך שוין קיין שום פענצטער מער ניט באַ־געגנט, ווי איך האָב געהאָפט, קעדיי צו קאָנען צוריק ארײַנקלֿעטערן אין שלֿאָס ארײַן.

ווי גרויס איז אָבער געוואָרן מײַן שרעק, אז איך האָב, אָנגעקומען צום ראָג און געוואָלט דאָרט פארקערעווען, דערזען, ווי דאָס ברייטע געזימס הייבט אָן דאָ, פון דער אנדערער זײַט, וואָס אמאָל צעקרישלֿטער און אָפּגעבראָכענער צו ווערן, און אז אָף א שטיקל ווײַטער ווערט דאָס אַלץ שמעלֿער און שמעלֿער. אָבער צוריק — איז דאָך שוין געווען פארפאלֿן, האָב איך געפרווּט ווײַטער גיין נאָענט בא דער וואנט. קוים אָבער האָב איך געשטעלֿט א פוס אָף דער דאָזיקער זײַט געזימס — און ס׳האָט פלֿוצעם עפּעס א קנאק געטאָן און א ריזיקער שטיק, ביז פאר מײַנע פיס, האָט זיך פון געזימס עפּעס אזוי אָפּגעשיידט און איז שטילֿ אראָפּ. כ׳האָב אפילֿע דעם פלֿיושק אין וואסער ניט דערהערט. ס׳האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלֿען און ס׳האָט מיר געטאנצט שווארצס פאר די אויגן. אָבער באלֿד האָב איך זיך געשטארקט און קוידעמקאָלֿ געשטעלֿט זיך שטײַף, אויסגעגלֿײַכט און צוגעפרעסט צו דער וואנט.

צווישן מיר און יענער זײַט ראָג איז געווען א שטיק פון אָפּגעבראָכענעם און ארי־בערשפּרײַזן וואָלט אפילֿע אָן אן אָפּגרונט פון אונטן שווער געווען. דער מויעך האָט בלֿיץ־שנעלֿ איבערגעטראכט אלֿערלֿיי מעגלֿעכקײַטן, איינע פאנטאסטישער פאר דער אנדערער, און האָט פונקט אזוי גיך אַלֿע אָפּגעוואָרפן. באלֿד האָט זיך אָנגעהויבן פילֿן א שטײַפקײַט פונעם צוגעפרעסטן שטיין, און די געלֿענקען פון די פיס האָבן ווײי געטאָן. ס׳איז גאָרניט אזוי לֿאנג געווען, אָבער מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז עס דויערט אן אייביקײַט. די קני האָבן אָנגעהויבן ברענען און רײַסן, ווי טײַוולֿאָנים וואָלטן זיך דאָרט ארײַנגעלֿייגט. יאָרן לֿעבן וואָלט איך אוועקגעגעבן, ווען איך קאָן זיך א ריר טאָן פון אָרט. איך האָב אָף א סאנטימעטער די ברייט ארויסגעשטעלֿט א ביסלֿ א פוס אין א זײַט, האָט דאָס אָבער גאָרניט געפויעלֿט, פארקערט, ס׳האָט זיך ערשט רעכט פארגלֿוסט אײַנצובייגן די קני אפּאנעמעסן. איך האָב שוין געפילֿט שפּיזלֿעך אזעלֿכע, וואָס זײַנען מיר געפלֿויגן פון רוקן אין מויעך ארײַן, און איך האָב פאר־שטאנען, אז ניט לֿאנג, און איך וועלֿ פון גרויס אָנגעשטרענגטקײַט און יעסורים פארלֿירן דאָס גלֿײַכגעוויכט; כאָטש ס׳איז מיר גאנץ קלֿאָר געווען, אז ווען סע זאָלֿ אונטן קיין אָפּגרונט ניט זײַן, וואָלט איך אזוי געקאָנט שטײַף שטיין שאָען גאנצע אָן באזונדערער אָנשטרענגונג. ס׳איז מיר שוין געקומען א געדאנק: אריבערשפּרײַזן די לֿאָך — און אן עק, זאָלֿ זײַן וואָס סע וועט זײַן; ווי א צאָן, וואָס טוט ווײי און עגבערט און מע וואָלט אים שוין וואָס גיכער געוואָלט אין דרויסן האָבן מיט די וואָרצלֿען.

קימאט ווי אומבאוווסטזיניק האָב איך זיך אָנגעהויבן בייגן אין די קני מיטביידע פיס צוגלֿײַך. איך האָב אלֿיין ניט געוווּסט, צו וואָס איך טו דאָס. אָבער לֿײַכטער איז מיר דערפון געוואָרן. ביז איך בין שוין אינגאנצן אײַנגעקאָרטשעט געזעסן אין דער לֿופט. מיטאמאָלֿ און אַלץ נאָך מער אינסטינקטיוו, איידער באוווסטזיניק, האָב איך א לֿאָז אראָפּ געגעבן איין פוס איבערן געזימס, דערנאָך דעם אנדערן — און איך בין באקוועם געזעסן אפן געזימס, לֿאָזנדיק די פיס זיך באָמבלֿען אין דער לֿופט. איך האָב אזש אָפּגעאָטעמט — און ווי א שווערער טשאד איז מיר ארויס פון קאָפּ.

איך ווייס ניט, ווי לֿאנג איך בין אזוי געזעסן. די זון האָט שוין געברענט אין העכסטער הייך, אז איך האָב פלֿוצעם דערהערט ערגעץ־ווו לֿעבן זיך עפּעס ווי א סאָפּען פון א מענטשן. און טאקע באלֿד האָב איך דערזען אפן ראנד פון דער קײַלֿעכיקער לֿאָך טאפּנדיקע פינגער,

וואָס זוכן אין העכסטער סאַקאָנע אָן אָנהאַלט. א קאָפּ האָט זיך א הייב ארויס געטאָן פון דער לאָך און מיט אומענטשלעכער אָנשטרענגונג האָט זיך א בייגיקער גוף געהויבן אַלץ העכער און העכער. איצט ערשט האָב איך דערזען, אז אָט אָ־דער מענטש איז פריִער געשטאַנען אף איינעם א שטיין, וואָס האָט ארויסגעשטאַרצט פון דער וואַנט אָן אָנדערהאַלבן מעטער טיפער פון דער לאָך — אפּאָנעם, אָן איבערגעבליבענער אויך פון עפּעס אָן ענלעכן געזימס טיפער מיט א שטאָק. איך האָב זיך פאַרטײַעט, ניט ארויסגעלאָזט קיין הויך פון מויל, נאָר גענומען פאַמעלעך און ביסלעכווײַז רוקן זיך בלויז מיטן אונטערשטן טייל גוף, קעדיי מאַכן אָרט פארן קלעטערער. און עפּשער טאַקע אויך דערפאַר, — איצט איז בא מיר וועגן דעם קיין שום סאָפעק ניטאָ, — קעדיי דער אָנקומענדיקער זאָל זיך אָן מיר ניט אָנכאַפּן און מיך ניט מיטשלעפּן. ווי איך האָב דערזען דעם פאַרשוין, אז דאָס איז טאַקע דער פרעמדער, וואָס איז מיט מיר איינעם געקומען אָנקוקן די כורווע, האָב איך זיך בלויז נאָך מער דערשראָקן. ער האָט מיך אין דער אייגענער רעגע אויך דערזען און, זײַענדיק שוין מיט איין קני אויבן, האָט ער זיך גערדאַרפט א הייב טאָן, הענגענדיק איין אויגנבליק אין דער לופט. ער האָט אף מיר א קוק געטאָן און א צי אויס צו מיר די האַנט, איבערלייגנדיק אַלצדינג אף מײַן גוטן ווילן, ווײַל ווען איך וואַרט מיט דער הילף איין רעגעלע, וואָלט ער געווען פאַרפאַלן. ער אָבער האָט זייער לײַכט געקאָנט מיך ניט ווילנדיק אראָפּרײַסן. פאָרזיכטיק האָט ער זיך לעבן מיר געזעצט און מיט עטלעכע איבערגעריסענע ווערטער דערציילט און דאַפקע טייקעף אף שפּאַניש, וויאַזוי ער איז אהער געקומען.

די מאַסע פון אונדז ביידע האָט שווער געדריקט אפן אַלטן געזימס, און אונטער דעם נײַ־אָנגעקומענעם האָט זיך ווידער א שטיקל אָפּגעקרישלט און איז אראָפּגעפאַלן. א שטאַרק איבערגעשראָקענער, האָט ער א קוק געטאָן אין מײַן זײַט און עפּעס ווי מיט סינע אויסגעשטשירעט אף מיר די אויגן.

— עפּשער וואָלט איר זיך א ביסל א רוק טאָן?

— איך האָב מוירע. יעדע מינדסטע באַוועגונג קאָן דעם גאַנצן שטיק געזימס־מויער אראָפּרײַסן.

אָבער פילנדיק אף זיך זײַן טויט־בייזן בליק, האָב איך גענומען זייער פאַמעלעך זיך אָוועקרוקן. איך האָב זיך ניט זיכער געפילט לעבן אים. און באַלד אין דער ערשטער רעגע האָט זיך אונטער מיר מײַן שטיק געזימס אָפּגעבראָכן. איך האָב זיך בליץ־שנעל איבערגעבויגן צו דעם פאַרשוין, וועלנדיק זיך אָנכאַפּן אָן אים. וואָלט זיך דאָס אײַנגעגעבן אזוי, וואָלטן מיר — ווי איך מוז זיך איצט מוידע זײַן — אָן סאָפעק ביידע אראָפּגעפאַלן. איך וואָלט אים מיטגעריסן. ער אָבער האָט זיך פון מײַן זײַט אָוועקגעבויגן און אכוץ דעם נאָך מײַן האַנט א שטויס געטאָן. איך האָב זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט אָן דעם מויער, און צום גליק איז מיר אונטערגעקומען א שטיק אײַזערנער טשוואָק, אף וועלכן איך האָב זיך געהאַלטן הענגענדיק אין דער לופט. בײַסן פאַלן האָב איך פון טויט־שרעק א ווילדן געשריי געטאָן, און עפּשער האָב איך ווײַטער שטאַרק געשריִען, פילנדיק, אז איך וועל זיך קאָנען אזוי האַלטן העכסטנס נאָך עטלעכע סעקונדעס. און איצט האָב איך פלוצעם פון דער הייך איבער מיר דערהערט שטימען פון מענער:

— כאַפּט אָן דעם שטריק... מיר קומען צוהילף... כאַפּט אים, ער באָמבלט זיך לעבן אײַך...

און טאַקע האָב איך דערזען לעבן זיך דעם שלייף פון א גראָבן שטריק. און מאָדנע: אין אזא מין אויסטערלישער סיטואַציע — מע וואָלט עס ניט געגלייבט — איז מיר דורכגעלאָפן א בליצל פון א געדאַנק: דער וועכטער קוקט שוין א צײַט לאַנג פאַרברעכעריש אף אונדז אראָפּ. איך האָב אָנגעכאַפּט דעם שטריק, און אין דער זעלבער רעגע האָט ער זיך שנעל א הייב געטאָן און איך בין געהאַנגען אין דער לופט. אונטער מיר אָן אָפּגרונט מיט יאַם. פון אויבן האָט מען געשריִען:

— טו אדורך דעם אָרעם דורך דעם שלייף... מיט די הענט האַלטן וועסטו זיך ניט קאָנען...

ס'איז אָבער גרויס געווען די מוירע אָפּצולאָזן איין האַנט און איבערצוגעבן די גאַנצע מאַסע פון קערפּער אף דער אַנדערער האַנט, וואָס איז שוין געווען אזוי אויסגעמוטשעט. אין דער דאָזיקער רעגע, וואָס איך בין געהאַנגען אין דער לופט, האַלטנדיק זיך אָן איין האַנט, האָב איך ערשט דערפילט די עמעסע שרעק פון טויט. און כאָטש דער אַרבל האָט מיר געשטערט און עטלעכע מאָל בין איך געהאַנגען אף א האָר, האָב איך פאָרט דעם אָרעם דורכגעשטעקט ביז צו דער פּאַכווע, און אָן אײַנגעבויגענעם באַם עלנבויגן, האָב איך אים מיט דער אַנדערער האַנט צוגעהאַלטן און צוגעפּרעסט מיט אַלע קויכעס.

אויבן אפן דאַך בין איך פון גרויס יעסורים אף א מינוט געפאַלן אין כאַלאָשעס. דער

ביין פֿון אָרעם איז ארויס פֿונעם געלענק. איינער פֿון די מענער האָט אים מיט פֿלינקײַט צוריק ארײַנגעלינקט, און דער ווייטעק האָט זיך באלד געלינדערט. בייס מע האָט מיר דערלאנגט א ביסל בראנפֿן צום מויל, האָט מען שוין אויך געהאט ארופֿגעצויגן דעם פֿרעמדן און געהאלטן באם אופֿבינדן דעם שטריק אונטער די אקסלען, וואָס ער האָט זיך, א זיצנדיקער אפֿן געזימס, באוויזן באקוועם ארומצובינדן. צופֿעליק איז אָנגעקומען א וואָגן פֿון שטאָט.

— מיר וועלן אײַך אראָפּפֿירן, און איר וועט קאָנען באקוועם פֿאָרן אין האָטעל, — האָט דער זון פֿונעם וועכטער צו אונדז געזאָגט.

ס'איז מיר איצט שוין אינגאנצן קלאָר געוואָרן, אז דאָס איז אזא פֿארברעכערישער טריוק פֿונעם וועכטער — זיך ניט אָפּצורופֿן אפֿן קלינגען פֿון פֿרעמדע, קעדיי דערנאָך זיך קאָנען ארויסשטעלן אלס רעטער און באקומען גוט טרינק־געלט. כאָטש ס'איז עפּשער גאָר ניט רעכט געווען, וואָס מיר זײַנען דאַפֿקע אזוי ווײַט געפֿערלעך פֿארקראָכן. מינהאסטאם האָבן זיך געוויינלעך אנדערע ניט אזוי ווײַט ארײַנגעלאָזט, צוליב דער וואָרענונג אפֿן טויער.

זיצנדיק לעבן דעם פֿרעמדן אפֿן וואָגן, האָב איך צו אים ניט געקאָנט ארויסריידן קיין וואָרט און אים אפֿילע ניט געקאָנט קוקן אין פּאָנעם ארײַן. א רעגע פֿריִער, איידער איך האָב דאָס געטאָן אף דער וועראנדע, וואָס איר האָט געזען, האָב איך וועגן אזא אָפּרעכענונג אפֿילע ניט געטראכט. אָבער פּלוצלינג האָט אין מיר אופֿגעזאָטן דאָס בלוט, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם זשעסט, ווי ער שטויסט מיך אוועק מיטן פֿויסט. — א האלבע שאָ נאָך דער געשעעניש אף דער וועראנדע האָב איך באקומען אָט אָ־דעם בריוו, וואָס איר האָט געלייענט... „גאָט קאָן וויסן, ווער פֿון אונדז בײדע איז אומגליקלעכער...“ — האָט מײַן באקאנטער זײַן דערציילן פֿארענדיקט.

וואָס האָב איך מײַן באקאנטן געזאָלט זאָגן? מיר האָבן ביידע א ווײַלע געשוויגן. און ווײַל ס'האָט באם יאם־ברעג שוין אָנגעהויבן אָוונטיק קילבלעך צו ווערן, זײַנען מיר געגאנגען צוריק אין האָטעל ארײַן.

אינדערפֿרי האָט מיך אופֿגעוועקט אן אומרויִק געלויף איבער די קאָרידאָרן פֿון האָטעל. ס'איז צו מיר ארײַנגעקומען א קעלנער און האָט מיר בעסאָד־סוידעס דערציילט און מיך געוואָרנט, איך זאָל קיינעם ניט אויסזאָגן, ווײַל קיינער פֿון די געסט טאָר דאָס ניט געוויר ווערן, אנדערש וועלן זיך אלע טייקעף צעפֿאָרן, — אז מע האָט געפֿונען מײַן באקאנטן דעם שפּאניער א דערשאָסענעם אין בעט. ער האָט נאָך געהאלטן דעם רעוואָלווער אין האנט, און לעבן אים אפֿן נאכט־קעסטל האָט מען געפֿונען א צעטעלע, אין וועלכן דער געשטאָרבענער האָט קורץ צו וויסן געטאָן, אז ער שיקט זיך אליין אוועק פֿון דער וועלט. אכוץ דעם, האָט ער פֿארן נאָטאר פֿונעם שטעטל געניי אָנגעשריבן, וואָס סע דארף געשען אויך מיט זײַן גוף, און מיט זײַן צוואָע, וואָס איז אויך געלעגן פֿארזיגלט אין א קאָנווערט אפֿן נאכט־קעסטל, ביז זײַן ברודער אָדער שוואָגער, צו וועלכע ער האָט שוין פֿריִער טעלעגראפֿירט, וועלן אהערצו אָנקומען. דער קעלנער האָט מיך נאָכאמאָל געבעטן און איך האָב אים צוגעזאָגט קיינעם ניט איבערדערציילן, אפֿילע ניט דער פֿארוואלטונג פֿונעם האָטעל, קעדיי ער זאָל ניט דארפֿן ליידן פֿון זײַן פּוסטער און פֿײַנלעכער באדערפֿעניש, — אזוי האָט ער געזאָגט, — צו פּלאַפּלען און אויסצוזאָגן סוידעס. אף מיר, וואָס איך האָב דאָך געהאט די מעגלעכקײַט זיך צו דערטראכטן וועגן די מאָטיוון פֿון דעם זעלבסטמאָרד, האָט דער דאָזיקער טויט געמאכט א מוירעדיק דריקנדיקן אײַנדרוק. דאָס גאנצע שטעטל מיטן האָטעל זײַנען מיר אזוי נימעס געוואָרן, אז איך האָב זיך טייקעף גענומען אײַנפּאקן און באשטעלט אף אָוונט א וואָגן צום וואָקזאָל.

איך האָב געוואָלט אראָפּגיין זיך נאָכאמאָל דורכשפּאצירן באם יאם פֿארן מיטיק עסן, און איך האָב נאָר א גיכן קוק געטאָן אף מײַנע זאכן, בייס עמעצער האָט אין מײַן טיר אָנגעקלאפּט און ס'איז ארײַנגעקומען דער פֿרעמדער, מיט וועמען מײַן באקאנטער האָט זיך אזוי אומגליקלעך באגעגנט. איך בין געווען שטארק פֿארכידעשט און א ביסל איז מיר טאַקע געווען אויך פֿריקרע: איך האָב ניט ווילנדיק געהאט צו אים א שלעכט געפֿיל. און דערצו האָט נאָך זײַן פּאָנעם אויך געהאט א מאָדנע אומאָנגענעם אויסזען. א מענטש אין די דרײַסיקער יאָרן, מיט א קײַלעכיקן, א ביסל א ייִנגלשן קאָפּ, א בלאס־ברוינע צורע מיט שווארצלעך־ברוינע זון־שפּרענקלעך און צוויפֿגעוואקסענע געדיכטע און גלײַכע ברעמען. בייס אונדזער קורצן און פֿאר אים זייער אופֿרעגנדיקן שמועס האָט זיך זײַן טעמפּ און פֿארשלאָפֿן פּאָנעם אף קיין איין האָרעלע ניט פֿארענדערט, כאָטש זײַן מויל האָט גערעדט זייער נערוועז און אופֿגערעגט. ס'האָט אויסגעזען, ווי די נערוון פֿון זײַנע פּאָנעם־מוסקולן וואָלטן געווען געליימט. ער האָט זיך גענומען אנטשולדיקן, וואָס ער, א פֿרעמדער און אומבאקאנטער, איבערפֿאלט מיך אזוי פּלוצעם, אָבער ווײַל ער איז צופֿעליק געוויר געוואָרן, אז איך פֿאָר שוין אוועק, און ער דארף זיך נאָך בא

מיר דערפֿרעגן וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך, האָפּט ער, אַז איך וועל פֿאַרשטיין און אים אַנט־שולדיקן. איך האָב אים העפֿלעך אופֿגענומען, געבעטן אים זיך זעצן און אים געזאָגט, אַז איך בין גרייט אים צו דינען.

— איך האָב נעכטן באַמערקט, אַז דאָן פּעליפּע דע לאָס פּילאַבּרעס (איך האָב פֿאַרגעסן צו דערציילן, אַז אַזוי האָט געהייסן מײַן אומגליקלעכער באַקאַנטער, וואָס האָט זיך דערשאָסן) האָט פֿאַר דער אומגליקלעכער באַגעגעניש מיט מיר און אויך דערנאָך מיט אײַך פֿרײַנטלעך געשמועסט. אויך די קעלנערס — אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט, — האָבן מיר באַשטעטיקט, אַז דער גאָטזעליקער פֿאַרשטאָרבענער פֿלעגט זיך מיט אײַך פֿרײַנטשאַפֿטלעך צונויפֿקומען...

— מיר זײַנען בלויז געווען רײַזע־באַקאַנטע, — האָב איך מײַן גאַסט איבערגעריסן און פֿאַריכט, — אָבער מיר האָבן ביידע, ווי מיר דוכט זיך, געפֿילט איינער פֿאַרן אַנדערן סימ־פּאַטיע און אַכטונג...

— אויב אַזוי, האָב איך אַף וואָס צו בויען, ווען איך מיין, אַז ער האָט אײַך דערציילט וועגן אונדזער באַגעגעניש אין דער כורווע פֿון קאַסטיאַל און וועגן מײַן בריוו, וואָס דער פֿאַרשטאָר־בענער האָט אים, אַגעוו, פֿאַר זײַן אַפּשייד פֿאַרברענט...

— יאָ, ער האָט דערציילט, — האָב איך ווידער מײַן גאַסט איבערגעריסן. — ער האָט דערציילט, און איך קאָן אײַך טייקעף זאָגן דאָס, וואָס איר ווילט מינהאַסטאַם פֿון מיר וויסן. איך ווייס קימאַט מיט זיכערקײַט, אַז, לויט ווי דער גאָטזעליקער דאָן פּעליפּע האָט מיר די גע־שעעניש דערציילט, האָט ער זײַן פֿריִעריקע מיינונג וועגן דעם איניען אינגאַנצן געביטן. לויט עטלעכע קלאָרע אָנצוהערענישן אין זײַנע רייד פֿאַרשטיי איך, אַז ער האָט פֿון אײַך די שולד אינגאַנצן אַראָפּגענומען. זײַן טויט קאָן גאָר ניט אַנדערש אויסגעטײַטשט ווערן.

מײַן גאַסט איז אופֿגערעגט אופֿגעשפּרונגען, אָבער זײַן פּאָנעם איז אַלץ געבליבן טעמפּ און אומבאַרירט.

— איר קאָנט זיך גאָר ניט אויסמאָלן, וואָס אײַערע עטלעכע ווערטער באַטײַטן פֿאַר מיר. און גראָד ווײַל איר האָט זיי געזאָגט, נאָך איידער איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט. איר האָט מיך דערהאַלטן באַם לעבן. איך מיין דאָס ניט מעטאַפֿאָריש. איך דאַנק אײַך, סעניאָר. דערלויבט מיר זיך פֿאַרשטעלן: קריסטאָפֿאָראָ טאַמאַזאָ אַלוואַרעץ דונאַ דע קוענטאַ פֿאָרטאַ... פֿון אַלקאַלאַ...

און איצט ערשט האָב איך זיך אין עפּעס דערמאָנט, צי ווײַל ער האָט איצט אַרויסגעזאָגט זײַן גאַנצן נאָמען, אָדער ווײַל ער האָט צוגעגעבן, אַז ער איז פֿון אַלקאַלאַ... יעדנפֿאַלס באַדויער איך נאָך הײַנט, וואָס פּלוצעם האָט זיך מיר נאַריש, פֿאַר מיר אַליין אומגעריכט, אַרויסגעריסן פֿון מויל:

— איל כודיאָ?..

ער האָט אַף מיר אַ פֿאַרוווּנדערטן גיכן קוק געטאָן. זײַן פּאָנעם איז ווײַטער געבליבן טעמפּ און אומבאַרירט. נאָר זײַן מויל האָט זיך מאָדנע פֿאַרקנייטשט.

— יאָ... סעניאָר... איך ווייס פֿון אַזאַ צונאָמען פֿאַר אונדזער מישפּאָכע. אַפּאָנעם, איר ווייסט פֿיל וועגן די מישפּאָכעס אין אונדזער קאַנט...

צעמישט און אומבאַהאָלפֿן האָב איך געפּרוּווט פֿאַריכטן מײַן גראָבע טאַקטלאָזיקײַט, דער־ציילנדיק אים, אַז איך בין טאַקע אַמאָל געווען אין אַלקאַלאַ און אַז איך אינטערעסיר זיך באַ־זונדערס מיט גענעאַלאָגיע און פֿאַמיליען־געשיכטע. ער האָט נאָכאַמאָל אַף מיר אַ גיכן קוק געטאָן און העפֿלעך געשוויגן. איך האָב זיך פֿון צעטראָגנקײַט אַלץ מער און מער פֿאַרפּלאָנ־טערט. לעסאָף האָט ער אַ שאַרפֿן מאַך געטאָן מיט דער האַנט און דאָס אַלץ ווי אָוועקגעשאַרט.

— איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר, סעניאָר. איר האָט מיר דערהאַלטן דאָס לעבן... — ער האָט זיך געקליבן אָוועקגיין.

באַ דער טיר אָבער איז ער שטיין געבליבן, געאַמפּערט זיך אַ רעגע און זיך צוריק אויס־געדרייט צו מיר:

— איר אינטערעסירט זיך באַזונדערס מיט גענעאַלאָגיע?

זײַנע אויגן האָבן זיך פֿאַרזשמורעט, אַזוי אַז ס׳איז פֿון זיי געבליבן בלויז אַ שמאָלער שפּאַלט. און מיטאַמאָל האָבן זיי זיך ווײַט און גרויס צעעפֿנט.

— איז עפּשער וועט אײַך אויך אינטערעסאַנט זײַן צו וויסן, אַז דער גאָטזעליקער דאָן פּעליפּע... האָט אויך געהערט צו די — ווי האָט איר פֿריִער געזאָגט? — צו די לאָס כודיאָס...

און איידער איך האָב באַוויזן אַרויסצורייידן אַ וואָרט, האָט ער געעפֿנט די טיר און איז אָוועק”.

— פֿאַרשטייט איר שוין, — האָט לוזיניאַק פֿאַרענדיקט זײַן דערציילונג, — אַז מע קאָן ניט אַזוי זאָגן וועגן ייִדן?

דער „אזוי" זײַנער האָט מיך גערייצט צום לֿאכן און מיך נערוועז געמאכט. איך האָב אָפֿ זיכער געוווּסט, אז לֿוזיניאק האָט שוין לֿאנג פֿארגעסן, ווי „אזוי" איך האָב געזאָגט וועגן ייִדן און וואָס ער האָט, אייגנטלֿעך, מיט דער דערציילֿונג געוואָלֿט דערווײַזן.

— א שיינער פֿארגלֿײַך! וואָס דערווײַזט איר מיט אײַער דערציילֿונג?

לֿוזיניאק האָט זיך ווי איבערגעשראָקן און א צעטומלֿטער אָפֿ מיר געגלֿאָצט. דערנאָך האָט ער זיך א ווײַלֿע באטראכט, געדרייט זיך דערבײַ די שפּיזלֿעך פֿון די אויסגעצויגענע וואָנצעס און קימאט נאריש עפּעס אין זיך ארײַנגעשמייכלֿט.

אין א זײַט פֿון אונדזערע רו־בעטלֿעך איז געזעסן אין א פֿאָטעלֿ א באיאָרטער מענטש מיט גראָוולֿעך־אונטערגעמישטע שווארצע האָר און די גאנצע צײַט פֿון דער דערציילֿונג געריי־כערט א ציגאר. איצט האָט ער זיך מיט פֿרײַנטלֿעכער פֿארינטערעסירטקײַט געווענדט צו מײַן פֿריוואט־געלֿערנטן:

— אנטשולֿדיקט, וואָס איך האָב אָן אײַער דערלֿויבעניש זיך צוגעהערט צו אײַער אינ־טערעסאנטער דערציילֿונג. איך מוז אײַך זאָגן, איך דערמאָן זיך, ווי דורך א כאָלֿעם, אז איך האָב צוריק מיט א יאָר פֿופֿצן געלֿייענט אין דער צײַטונג עפּעס אָן ענלֿעכע מײַסע מיט איינעם דע כוענטא פֿאָרטא...

— אך, — האָט זיך לֿוזיניאק האסטיק צו אים אויסגעדרייט, — איר זײַט א שפּאניער?

— יאָ... ווי ווײַט איך דערמאָן זיך, און טאקע זייער אומקלאָר און עפּשער האָב איך א טאָעס, איז טאקע וועגן די דאָזיקע כוענטא פֿאָרטאס און פֿעלֿיפּע פֿילֿאבערעס עטלֿעכע כאדאָ־שים שפּעטער געווען אין די צײַטונגען א נײַע סענסאציע...

— יאָ?

— איר האָט דאָך מינהאסטאם נאָך עטלֿעכע כאדאָשים די שפּאנישע צײַטונגען וועגן דעם איניען ניט נאָכגעשפּירט. אָבער מיר דערמאָנט זיך עפּעס, ווי די צײַטונגען האָבן דאן פֿלֿוצעם דערציילֿט, אז דער דאָזיקער דאָן פֿילֿאבערעס איז טאקע געווען פֿון די מעיוכעסדיקסטע מישפּאָ־כעס אין לֿאנד, אָבער אלֿיין איז ער געווען זייער אָרעם. עפּעס איז ער געווען בעסאָד א כאָסן פֿון א רײַכן מאנס א טאָכטער, האָט ער זיך ארײַנגעלֿאָזט אין גרויסע כויוועס און ספּעקולֿיאַ־ציעס און אונטערגעשריבן פֿאלֿשע וועקסלֿען אָפֿ אָן אויסגעטראכטן נאָמען. און דאָרט גראָד, אינעם האָטעלֿכלֿ פֿון לֿאוויקאָ, האָט ער זיך צופֿעלֿיק באגעגנט בא יענער אוואנטורע, וואָס איר האָט אזוי גײַסטרײַך דערציילֿט, מיט דעם מענטשן, וואָס האָט געטראָגן דעם אויסגעטראכטן נאָמען. אין דעם זעלֿביקן טאָג האָט ער באקומען א טעלֿעגראמע, אז די פֿאלֿשקײַט פֿון זײַנע אונטערשריפֿטן איז אופֿגעדעקט געוואָרן. ער איז, אפֿאָנעם, פֿארצווייפֿלֿט געוואָרן, און דאָס האָט אָפֿ אים געווירקט, ער זאָלֿ מיט זיך פֿארענדיקן...

דער פֿריוואט־געלֿערנטער דע לֿוזיניאק האָט זיך זייער א פֿארינטערעסירטער נאָכגעפֿרעגט:

— אויב אזוי, איז עפּשער די מײַסע, וואָס דאָן פֿילֿאבערעס האָט מיר דערציילֿט, געווען אָן אויסגעטראכטע, קעדיי צו פֿארשענערן זײַן טאט?

דער באיאָרטער שפּאניער האָט געצויגן די פּלֿייצעס:

— ווער ווייסט, עפּשער בלֿויז קעדיי זיך כאָטש אָפֿ א ווײַלֿע צוצוגעבן אָן איידעלֿן אויס־זען, ניט בלֿויז צולֿיב אנדערע... האָט איר דאָך פֿופֿצן יאָר אין זײַן מײַסע געגלֿייבט.

לֿוזיניאק האָט זיך פֿארטראכט און געשאָקלֿט מיטן קאָפּ:

— אייגנארטיק...

אין דער אייגענער מינוט איז צו אים צוגעגאנגען א דינסטמיידלֿ פֿון סאנאטאָריע, האָט אים עפּעס שטילֿ געזאָגט און דערלֿאנגט א פּאפּירלֿ. לֿוזיניאק האָט פֿרײַנטלֿעך, ווי געוויינלֿעך, געשאָקלֿט מיטן קאָפּ:

— יאָ, אוואדע, זאָלֿ ער נאָר אהער קומען.

לֿוזיניאק האָט אויסגעשפּרייט דאָס פּאפּירלֿ, א רעכענונג פֿון א שנײַדערישער פֿירמע אין קאָן, ווי מיר האָבן אלֿע געמוזט ניט ווילֿנדיק זען. ער האָט געלֿאסן אָנגעטאָן זײַנע פּענסנע, וואָס איז געהאנגען אָפֿ א בענדלֿ, און גענומען לֿייענען. און טייקעף, לֿייענענדיק נאָך, האָט ער זיך א טאפּ געטאָן אין בוזעם, ארויסגענומען און צעעפֿנט א טײַסטער, אָנגעטאפּט ניט קוקנ־דיק א צונויפֿגעלֿייגט פּאפּירלֿ און זיך העפֿלֿעך געווענדט צו מיר, צי איך קאָן ניט צעבײַטן צוויי הונדערט פֿראנק. איך האָב געהאט בלֿויז הונדערט אכציק.

— ניין? א דאנק. — ער האָט געבעטן דאָס דינסטמיידלֿ אהער רופֿן אין גאָרטן דעם פֿרי־קאשטשיק.

מיר האָבן ווײַטער געשמועסט. דער באיאָרטער שפּאניער האָט זיך פֿלֿוצעם באטראכט און אריבערגערופֿן צום אנדער עק פֿונעם גאָרטן:

— פֿערנאנדעץ...

און טייקעף איז צו אונדז צוגעקומען זײַן זון, דער דאָקטער פֿון דער סאַנאַטאָריע פֿערנאַנדעץ אָריגאַ. זײַן פֿאָטער האָט אים געפֿרעגט, צי ער דערמאָנט זיך ניט די געשיכטע אַרום דעם זעלבסטמאָרד פֿון קוענטאַ פּאָרטאַ, וואָס האָט צוריק מיט אַ יאָר פֿופֿצן אַרויסגערופֿן אַזאַ סענסאַציע אין די מאַדרידער צײַטונגען.

דאָקטער אָריגאַ, זײַן זון, האָט אָנגעשטרענגט נאָכגעטראַכט. קוענטאַ פּאָרטאַ? יאָ, סע דוכט זיך אים, אַז ער דערמאָנט זיך, דאָס איז פֿאָרגעקומען ניט ווײַט פֿון כערעץ. עפּעס אַ מײַסע מיט אַ כורווע, אַ דועל אין בריוו... דערנאָך האָט זיך פּלוצעם אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט געווען קיין זעלבסטמאָרד, נאָר אַז דער אַנדערער, אַן אָרעמער מעיוכעסדיקער הידאַלגאָ, האָט אים באַנאַכט דערהאַרגעט און אַוועקגערויבט בײַ אים וועקסלען מיט זײַן אונטערשריפֿט... יאָ?

לוזיניאַק האָט זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטרענגטער אויפֿמערקזאַמקײַט. ער האָט צונויפֿגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט און האָט אַזש פֿאַרגעסן די פּענסנע אויף דער גרויסער געהויקערטער נאָז. ער האָט פּאַמעלעך געוויגט דעם קאָפּ.

— אייגנאַרטיק... — און געקוקט מיט צעטומלטער פֿאַרוווּנדערונג אויף די אָריגאָס.

דער אַלטער אָריגאַ האָט געלאַכט:

— האָסט שוין אינגאַנצן פֿאַרדרייט די מײַסע, פֿערנאַנדעץ. אָדער עפּשער געדענק איך ניט פּינקטלעך? איך בין אײַך ניט אָרעוו. — ער האָט זיך געווענדט צו לוזיניאַקן. — יעדנפֿאַלס איז דאָס זייער מערקווירדיק, אַז איר האָט זיך גראָד דערמאַנט מיט די דאָזיקע פֿאַרשווינען צונויפֿגעשטויסן.

לוזיניאַק האָט אַראָפּגענומען די פּענסנע, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ זײַדן בענדל, און האַלטנדיק זי מיט די שפּיץ פֿינגער, האָט ער מיט איר געטײַטלט אינדערלופֿטן:

— ווי אייגנאַרטיק, אַז נאָך פֿופֿצן יאָר ווער איך געוויר די פֿאָרזעצונג פֿון דער מאָדנער מײַסע. און איצט איז זי פֿאַר מיר אַפֿסנײַ אַזוי פֿאַרוויקלט געוואָרן. איך מוז אײַך אָבער נאָך עפּעס צוגעבן אַ קלייניקײַט, וואָס איך האָב פֿריִער פֿאַרגעסן צו דערציילן און וואָס באַקומט אין דעם צוזאַמענהאַנג אַ נײַעם באַטײַט, ווײַלכן איך האָב אין יענער צײַט ניט אײַנגעזען...

לוזיניאַק האָט זײַנע צעטראָגענע קורצזיכטיקע אויגן געווענדט צום פּריקאַשטשיק, וואָס האָט אים פֿריִער אַהער געשיקט דורכן דינסטמיידל די רעכענונג און איז איצט אַליין, נאָך לוזיניאַקס דערלויבעניש, אַהער געקומען. — אַך... — האָט זיך לוזיניאַק דערמאָנט און זיך פֿרײַנטלעך צעשמייכלט. — הונדערט זעכציק פֿראַנק? — ער האָט אַרײַנגעקוקט אין דער רעכענונג און האָט דערלאַנגט דעם פּריקאַשטשיק אַ צונויפֿגעלייגט פּאַפּירל. — פֿון אַ צוויי הונדערט פֿראַנק וועט איר האָבן אַרויסצוגעבן?

דער פּריקאַשטשיק האָט ניט געהאַט.

— ניט? — האָט לוזיניאַק באַדויערנדיק געזאָגט און זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן רו־בעטל. — אַנטשולדיקט אַ מינוט, — ער האָט זיך צו מיר געווענדט מיט זײַן געוויינלעכן העפֿלעכן שמייכל, — איך גיי בלויז אויף אַ מינוט אין מײַן צימער, איך וועל באַצאָלן און טייקעף צוריקקומען.

עפּעס איז מיר געווען אומבאַקוועם, וואָס דער העפֿלעכער אַלטער זאָל אַרויף־ און אַראָפּגיין די טרעפּ צו זיך אין צימער. אַכוץ דעם, בין איך נײַגעריק געווען הערן די פֿאַרגעסענע קלייניקײַט, וואָס ער האָט צו זײַן דערציילונג געוואָלט צוגעבן. איך האָב פֿאָרגעלייגט, ער זאָל בײַ מיר נעמען די הונדערט זעכציק פֿראַנק. באַם עסן אין אָוונט וועט ער מיר אָפּגעבן. צו וואָס דאַרף ער זיך איצט איבעריק באַמיִען?

לוזיניאַק האָט זיך אַ רעגע געאַמפּערט און זיך פֿאַרנייגט.

— ניין, צו וואָס... אין אַ רעגע בין איך צוריק... — מיר איז געווען מאָדנע, וואָס די אָריגאָס שווײַגן. איך האָב אָבער מײַן לײַכטן פֿאַריבל אויף זיי טייקעף פֿאַרגעסן און דערלאַנגט דאָס געלט. — ביטע...

לוזיניאַק האָט איבערגעגעבן דעם פֿאַרשווין דאָס געלט, האָט אַ רעגע געזוכט אין זײַן טײַסטער, אַרויסגענומען אַ צען־פֿראַנק־בילעט, אים דערלאַנגט אויף טרינק־געלט און טייקעף ווײַטער גענומען דערציילן:

— ...איך האָב די קלייניקײַט פֿאַרגעסן, עפּשער ווײַל איך האָב זי נאָך צו יענער צײַט געהאַלטן פֿאַר אומוויכטיק און צופֿעליק. דאָן קוענטאַ פּאָרטאַ האָט פֿאַר זײַן אַוועקגיין זיך צו מיר געווענדט מיט אַ קליינער ביטע. ער מוז טייקעף, מיט דעם צוג, וואָס גייט אין אַ שאָ אַרום, אַרויספֿאָרן פֿון לאַוויקאָ. דאָס איז דאָך פֿאַרשטענדלעך. איז ער אָבער אין אַ פֿאַרלעגנהײַט. די באַנק איז שוין פֿאַרמאַכט און עפֿנט זיך ערשט דרײַ אַזייגער נאָך מיטיק. ער האָט דאָך אין זינען געהאַט דאָ בלײַבן נאָך עטלעכע וואָכן. ער וועט מיר אויסשרײַבן אַ טשעק אויף פֿינף הונדערט

פּזעטעס און מיך בעטן, איך זאָל אזוי גוט זײַן שיקן דעם קעלנער אין באַנק אַרײַן. וואָרעם ער האָט געוווּסט, אז מײַן צוג גייט ערשט האַלב זיבן אזייגער אין אָוונט. איך האָב גערן מאָסקים געווען, געגעבן אים פינף הונדערט פּזעטעס, און ער מיר — זײַן טשעק. איך מוז אײַך אָבער זאָגן, אז נאָך דעם ווי דאָן כוענטא פּאָרטא איז אוועקגעפאָרן, איז פאַר דעם דאָזיקן טשעק קיין שום דעקונג אין דער באַנק ניט געווען. איך האָב דאָס צוגעשריבן דער צעטראָגנקייט פון א מענטשן, וואָס האָט אָקאָרשט איבערגעלעבט אזא שווערע זאַך. איך האָב איבערגעלאָזט מײַן אדרעס אין האָטעל און אָנגעוויזן, וווּהין דאָן כוענטא פּאָרטא קאָן מיר דאָס געלט צושיקן. איך האָב אָבער דאָס געלט ניט באַקומען און דעם גאַנצן אומשטאַנד פאַרגעסן. און עפּשער איז דאָס פּאָרט בלויז געווען פון צעטראָגנקייט... — האָט לוזיניאַק פאַרענדיקט און גוטמוטיק־הילפלאָז אַף אונדז געקוקט און געזוכט אַן ענטפער.

— ווער ווייסט... — האָט דער אַלטער אָריגאָ שטיפעריש פאַרזשמורעט אַן אויג, און מיך האָט די דאָזיקע היימישקייט געכידעשט. — ווער ווייסט? מעגלעך, אז פּעליפּע דע לאָס פּילאַברעס האָט זיך דעמלט גאָרניט דערשראָקן, אז ער האָט ארומשפּאַצירט אַפן וואָקזאַל און געוואַרט אַף זײַן שוטעף כוענטאָ פּאָרטא, וואָס האָט מינהאַסטאַם גאָר ניט געהייסן כוענטא פּאָרטא...

איך בין געבליבן געפּלעפט פון אזא לייזונג.

— און דער קעלנער? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

— איז אויך געווען פון דער שײַקע אָפּגעקויפט.

— און פונוואַנען האָבן זיי געוווּסט גראָד דעם נאָמען דוקא דע כוענטא פּאָרטא, וואָס הער דע לוזיניאַק האָט אים צוריק מיט יאָרן אין אַלקאַלאַ באַגעגנט?

— זייער פּראָסט. צי איז דאָס ניט אזוי, אז צווישן די מײַסעס, וואָס איר דערציילט אזוי גײַסטרײַך, האָט איר באַזונדערס ליב דעם אַנעקדאָט וועגן די לאָס כודיאָס אין אַלקאַלאַ? אַפן וועג פון פּאַלערמאָ אינעם צוג, פאָרנדיק מיט פּילאַברעס קיין לאַוויקאָ, האָט איר אים דאָס עפּשער דערציילט און דאָס דערנאָך פאַרגעסן...

לוזיניאַק האָט צעטומלט און א ביסל פאַרשעמט אַף מיר געגלאָצט. דאַן האָט ער א ווײַלע נאָכגעטראַכט און דערבײַ געצויגן זײַנע לאַנגע שפּיזלדיקע וואָנצעס און נאַריש קימאַט אין זיך עפּעס אַרײַנגעשמייכלט.

אין אָוונט, ווען איך בין אַרײַן אינעם עסזאַל צום אָוונטברויט, איז טייקעף צו מיר צוגעקומען דער אַלטער אָריגאָ:

— לוזיניאַק איז אוועקגעפאָרן. ער האָט זיך מיט אײַך געזעגנט?

אין דער ערשטער רעגע האָב איך ניט באַנומען. אוועקגעפאָרן?

— ער האָט זיך מיט אײַך ניט געזעגנט? דאָס איז פון צעטראָגנקײַט, יונגער פרײַנט, — ער האָט באַדויערנדיק געשמייכלט און מיך געטרייסט, — מיט דער קאָנטאָר פון סאַנאַטאָריע האָט ער זיך אויך פאַרגעסן צו געזעגענען. ער איז שוין איצט ווײַט, ווײַט, עפּשער אין איטאַליע... אָ, הער דע לוזיניאַק איז זייער א גוטמוטיקער, זייער א געלערנטער מענטש, זײַנע דערציילונגען זײַנען זייער גײַסטרײַך, אָבער אז ער פאַרגעסט עפּעס א קליינִיקײַט און דערמאָנט זיך דערנאָך, איז דאָס פאַרן הערער ניט שטענדיק באַקוועם.

— ווער איז ער, דער דע לוזיניאַק?

דער אַלטער אָריגאָ האָט געצויגן די פּלייצעס:



— ווער ווייסט? א פּריוואַט־געלערנטער. כוענטא פּאָרטא, אָדער דאָן פּילאַברעס, ווער ווייסט? אָבער דער אָרדען פון דער ערן־ליגיע, וואָס ער טראָגט, איז זיכער עכט... דאָס איז אָן סאָפעק.

איך האָב נאָכגעקוקט אין דער האַנט־ענציקלאָפּעדיע פּעטיט־לאַרוס. וועגן דעם נאָמען דע לוזיניאַק ווערט דאָרט דערציילט, אז די טרעגער פון דעם נאָמען זײַנען אויסגעשטאָרבן נאָך אין פופצעטן יאָרהונדערט. און דאָרט ווערט אויך קורץ דערמאָנט, אז דער דאָזיקער נאָמען איז זײַט יאָרהונדערטער אָפּט אויסגענוצט געוואָרן פון פאַרשיידענע שווינדלערישע פאַרשוינען. מײַן פּריוואַט־געלערנטער האָט, אַפּאָנעם, דאָס דאָזיקע קליינע אַרטיקעלע אין פּעטיט־לאַרוס ניט געלייענט.

נײַער סטיל

אין צימער די צײַט
אַף דינע פּיסלעך שטייט,
אַ פֿלי צו טאָן אין וועלטן-רוים.
די ווענט, ביזן סופּיט,
אין קוואַדראַטן געמאָלט.
דאָס טעלע-אויג
באַהעפֿט דיך מיט דער ווײַסטער ווײַט.
בלויז טיף אין צימער,
ווי גאַר-גאַר טיף אין דיר,
אַלטמאָדיש, אין אַ ווינקל — דער
קלאַוויר.

טאַטע-מאַמע

מײַן מאַמע האָט קיין שאַבעס-ליכט ניט
געבענטשט,
מײַן טאַטע איז אין שול אַרײַן ניט געגאַנגען.
נאָר אין די שאַבעס-נעכט
איז, ווי אַ שטערנטיכל,
די שטילקײַט געהאַנגען.
דער טאַטע פֿלעגט גוטמוטיק שמייכלען,
די ווערטער פֿלעגט שנירלען מײַן מאַמע.
אין זייערע אויגן-ווינקלען
האָבן ליכט-פֿלעמלעך געפֿינקלט.
און פֿון די אויגן,
פֿון זייערע גוטע אויגן,
ווי פֿון ברענענדיקע שאַבעס-ליכט,
טריפֿן פֿלעגן טרערן —
די מיטוואָך-דײַגעס
זאָלן צונישט ווערן.

דאָס וואָרט

אין אַלץ, וואָס לעבט אַף אונדזער ערד,
טליִעט, ווי אַ פֿונק צום אויפֿלאַמען,
דאָס וואָרט.
אין יעדער בריִע איז עס — גלי פֿון קלאַנג,
אין יעדער בריִע איז עס — האַרץ און
דראַנג.
און ערשט אין מענטשן
איז עס — ניגן און געזאַנג...
טוט באַנק:
אָפֿט קלינגען ווערטער אָפּ,
ווי עכאָס,
וואָס הילכן בלויז מיט הוילקײַט
פֿון אַ וויסט און כוישעך אָרט.

איך בין דער בוים

איך בין דער בוים,
דער בוים בין איך.
רײַפֿקײַט-רייפֿן
לייגן אָפּ אין מיר די יאָרן.
איך בין דער בוים,
דער בוים בין איך, —
מײַן רוקנביין — אַ שטאַם,
מײַנע וואָרצלען — דער זיקאָרן.

מ י ש ע ל ע ו ו



ווען ניט די פרײַנט מײַנע...

ווידער שומאָוו

וואָס מער פאַניבראַט אווראָוו ווערט מיט קראַמעצן, אַלץ פרעמדער ווערט ער מיר. איצט, דאַכט מיר, פאַרדריסט שוין אווראָוון, וואָס איך רוף אים קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש און ניט „הער אונטער־אָפיצער". אָט זיצט ער, ווי א פאָרעץ — די הענט אין די קעשענעס, און איך שטיי פאַר אים אויסגעצויגן. עפשער שטויסט ער זיך נאָך אַליין ניט אָן, אַז איך האָב פאַר אים ווידער מוירע. אווראָוו וויל וויסן, וואָס איז נעכטן פאָרגעקומען באַם שײַטער. מעגלעך, אַז ער ווייסט, נאָר אים ווילט זיך מיך אויספּרווון.

— קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, — ענטפער איך אים, — וואָס ווילט איר פון מיר? פון איין אָקס קיין צוויי פעלן קאָן מען דאָך ניט אָפּשינדן. מיסטאָם ווייסט איר אויך, אַז אין איין לעגער קאָן מען ניט פאַרשפּיליען אַלע קנעפּלעך. מע זאָגט שוין אַף מיר אַזוי אויך, אַז איך שלאָף שטייענדיק. באַם שײַטער האָט מען זיך געאַמפּערט. וועגן וואָס, ווילט איר וויסן? דער טײַוול ווייסט זיי! פרעגט זיי אַף טשיקאַוועס, וועלן זיי אײַך אַליין ניט קענען ענטפערן. זיי זײַנען געווען שיקער און האָבן אונדז נאָר געשטערט אַרבעטן.

— ווער האָט געהאָלפן זאַבאַרען אַראָפּגיין פון די טרעפּ?

— קיינער ניט. איך אַליין בין דערשטוינט געווען, ווען איך האָב אים דערזען באַם שײַטער.

— נאָך וואָס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט?

— „ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען", — האָט ער זיך געקלאָגט.

— פאַרוואָס האָסטו אים גלײַך ניט אָפּגעפירט צוריק אין פאַלאַטע?

— איך בין געווען פאַרנומען. דערנאָך האָב איך זיך צוגעזעצט אַף איין רעגע איבערכאַפּן דעם אָטעם, און ניט אַנדערש, ווי כ'בין אַנדרעמלט געוואָרן. ווי נאָר איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך אים אָפּגעפירט אין דער פאַלאַטע. אײַנגעדעקט, צוגעלייגט אים צו די פיס א וואַרעם־פלאַש. עס האָט אים שטאַרק געפיבערט. ער האָט געוויס געהאַט באַ פערציק.

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 9.

— באַדאַרפֿט געוועזן מיר אָדער שומאָוון גלײַך מיטיילן וועגן דעם.

— וועגן וואָס? אַז באַנאַכט איז באַ דעם קראַנקן די טעמפּעראַטור אַ הויכע, ווייסט איר אָן מיר. און וואָס איז דער כידעש — באַ אַזאַ היץ קאָן אַ מענטש אָנהייבן ריידן נאַרישקײַטן.

באַ אוואַראָוון טוען זיך אַ ריגעווע די געדיכטע ברעמען. מיטן בלײַענעם קעמעלע פֿאַריכט ער די לאַנגע, אַף אַרויף פֿאַרקעמטע האָר, פֿאַרייכערט דעם ציבעק, און גלײַך ווי ניט איך איינער וואָלט דאָ געשטאַנען, נאָר אַ האַמוין, שרײַט ער און טײַטלט אַף מיר מיטן פֿינגער:

— זעט נאָר, ווי באַשיידן ער פּרעפֿלט. טוט אים נאָר אָן אַ ריאַסע, האָבן מיר אָן אייגענעם גאַלעך. דו ביסט מעכוייעוו געווען מיטיילן עמעצן פֿון אונדז, אַז אַ שווער־קראַנקער איז אַרויס אין הויף.

באַלד, טראַכט איך, וועל איך מיט מײַן ענטפֿער דיך אויך אַ גוטן שטאָך טאָן.

— אַזוי טאַקע, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, האָב איך געוואָלט טאָן, נאָר אַלע זײַט איר געווען שטאַרק פֿאַרנומען, שטאַרק פֿאַרטראָגן. איר געדענקט דאָך, מיסטאַם, אַז איר האָט געשפּילט אין קאָרטן?

— דאָס איז ניט דײַן אייסעק! — האָט ער זיך נאָך מער אָנגעכמורעט. — דו טו נאָר אַ קוק, אַף וועמען דו ביסט ענלעך. ערגער פֿון אַ מאַלפּע. אַ שעד פֿון דער בלאָטע איז ריינער פֿון דיר.

— ווידער שולדיק! מיר איז באַפֿוילן ראַמען, וואַשן, אַספּאַלטירן דעם דיל, באַדינען די קראַנקע. פֿונוואַנען זאָל איך נאָך נעמען צײַט אַף וואַשן זיך?

— אוך, ווי דו ביסט מיר דערעסן! עס דאַרף באַלד קומען אַ קאָמיסיע, זאָלט איר ביידע — דו מיט מוראַשאָוון — אויסגערונען ווערן. הערסט, וואָס איך זאָג דיר? אַפֿן בוידעם זאָלט איר זיך באַהאַלטן. איך פֿאַרשטיי נאָר ניט, וווּ איז געווען מאַלצעוו? ער האָט דאָך צוגעזאָגט קראַמעצן, אַז אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, איז ווי האָט ער עס דערלאָזט צו אַזאַ סקאַנדאַל?

מיטאַמאָל איז מיר ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. וועמען־וועמען, נאָר קאָנסטאַנטינען וועט מיר זײַן ניט שווער צו פֿאַרענטפֿערן.

— וואָס כידעשט איר זיך, איר קענט ניט מאַלצעוון? אַלע ווייסן, אַז אים פֿעלט אַ קלעפּקע אין קאָפּ. ער איז ווי אַ ווינט אין פֿעלד. דער לעץ ווייסט זיך זײַן טראַ־ליאַ־ליאַ, און ווײַטער, זאָגט ער, איז אַלץ בלאָטע.

— דאָס האַרץ האָט מיר אָבער אונטערגעזאָגט, אַז דו און מוראַשאָוו וועלן כראָפּען, מאַלצעוו וועט זיך זינגען זײַן טראַ־ליאַ־ליאַ, און איך מיטן הויפּט־דאָקטער וועלן דערנאָך דאַרפֿן פֿאַר אײַך אַלעמען אָפּקומען. זאַבאַרעס מאַזל איז, וואָס מע האָט נאָך פֿאַרטאָג אים ערגעץ אוועקגעפֿירט צוזאַמען מיט די שווער־קראַנקע. באַ מיראַנאָוון איז קיין הויכע טעמפּעראַטור קיין טערעץ ניט. זײַ זיכער, ער וואָלט אים אַזוי געגומען אַפֿן צימבל, אַז אַלץ וואָלט אַרויס, ווי בוימל אַפֿן וואַסער. דאָ איז שוין געווען מיראַנאָווס אַ שאָליעך, ער פֿאָדערט, אַז איך מיט קראַמעצן זאָלן קומען צו אים. גיי טרעף, וואָס ער דאַרף אונדז. נו, וואָס שטייסטו? גיי!

איך מיט מוראַשאָוון האָבן טאַקע גלײַך אויסגעפֿילט אוואַראָווס באַפֿעל און זיך פֿאַרקליבן אַפֿן בוידעם. כאָטש אין אַלע מײַנע גלידער פֿיל איך אַ נאָגנדיקע מידקײַט, דאָך גיי איך צו צום פֿענצטערל און זע אַ סאַמעט־בלויען הימל, אַ געדיכט באַגרינטן הויף, אַ דאַך, וואָס מע וואָלט שוין באַדאַרפֿט איבערדעקן, אַ הילצערנעם פּלויט, וואָס כאָטש ער איז אײַנגעוואַקסן אין דער ערד, דאָך האַלט ער באַם אײַנפֿאַלן. באַ דער פֿריזבע שטייט אַ באָרוועסע פֿרוי אין אַ בלוי קליידל מיט ווײַסע אַרבעסלעך, פּונקט ווי אַמאָל באַ אונדז אין שטעטל, צעבלאָזט זי דעם סאַמאָוואַר מיט אַ כאָליעווע פֿון אַ שטיוול.

נאָך זע איך אַ שיטער יאָדלע־וועלדל. אַ טײַך — אָן שיפֿן, אָן באַרזשעס, אָן פּליטן. אין אַ זײַט — אַן אַלטער טיף סאָפּענדיקער לאָקאָמאָטיוו, וואָס אָטעמט אַרויס אַ געקרײַזלטע גריוווע רויך.

שטיל, ווי די מײַזלעך, שפּאַנען מיר פֿון איין עק בוידעם צום צווייטן. קעדיי כאָטש אַ ביסל צו פֿאַרטרײַבן די שווערע מאַכשאָוועס אונדזערע, האָבן מיר שוין אונטער אָט די פֿאַר־צויגענע מיט געדיכטן שפּינוועבס קראָקוועס דורכגעמאַכט ווער ווייסט וויפֿל קילאָמעטער.

די כאָפּטע פּאַשיסטן דערזע איך, ווען זיי זײַנען שוין גאָר נאָענט. דער ערשטער שפּאַנט אַ פּעטלײַביקער אָפּיצער. די גרויסע האָרן־ברילן פֿאַרשטעלן אַ האַלב פֿון זײַן פּאָנעם. קראַמעץ, וואָס פֿאַרמאָגט שוין אויך אַ היפּש אויסגעפּאַשעט בײַכל, אײַלט אים אַנטקעגן מיטן ראַפּאָרט. דער הויכגעשטעלטער דײַטש באַגריסט אים, צולייגנדיק אַ פֿינגער צום דאַשעק פֿון דער הוט, וואָס זיצט אַף זײַן קאָפּ, ווי אַ שפּאַרבער.

זיי שמועסן וועגן עפּעס. קאַרל, וואָס געפֿינט זיך אויך צווישן דער סוויטע, דראָעט עמעצן מיט זײַן שווערן פֿויסט. שלעכט. דאָס איז פּעטיע וועטלוגין. אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשלי־

סענער, א קויטיקער, ווי דער שטויב פון אַלע שטאָטישע כורוועס וואָלט אים באַדעקט, שטייט ער, וועטלוגין, מיט אופגעריסענע אויגן און ווישט די הענט אין זײַן דורכגעלעכערטער גימנאסטיאָרקע; וואָלט די גימנאסטיאָרקע געווען א לעבעדיקע, וואָלט זי מיסטאמע געשריגן פון ווייטעק.

בא דער צווייטער זײַט פון פענצטערל שטייט שוין מוראשאָוו. איך דאַרף אים אײַנהאַלטן, אז ער זאָל צופיל ניט ארויסשטעקן דעם קאָפּ. ער זידלט וועטלוגינען, לעמײַ יענער האָט גענומען פארבינדן דעם צעלאָזטן וויקלשנור אפן פוס אָנשטאָט זיך גיכער אָפּטראָגן. איצט, ווען אַליין דער שעף האָט אים באַמערקט, איז שוין שפּעט עפּעס פאָרנעמען. מיט א בייז קאָל פרעגט דער שעף בא קראַמעצן:

— פונוואַנען קומט אהער אין לאזארעט אָט דער שלעפער? ווער איז ער, פרעג איך אײַך?

פּעטיע האָט אונדז דערנאָך דערציילט, אז ניט נאָר בא אים, נאָר אויך בא קראַמעצן האָט פון שרעק זיך אָפּגענומען דאָס לאָשן. וואָס פּיפין האָט געשטאַמלט, איז שווער געווען צו פארשטיין, זײַן גלאַנציקער פּליך אפן קאָפּ איז באַדעקט געוואָרן מיט גרויסע טראָפּנס שווייס. צוהילף איז אים געקומען קאַרל:

— דערלויבט מיטיילן. ער הייצט דאָ דעם קעסל, ראַמט דעם קלאָזעט.

— א צווייט מאָל זאָל איך דאָ מער אזעלכע ניט טרעפן. שיקט אים אָפּ צוריק אין לאַגער אָדער טוט אים עפּעס אָן. אײַער גליק, וואָס מיט מיר איז ניט געקומען דער אָבערסט.

...אין לאזארעט איז געוואָרן פּוסט, ווי אין א ברויט־קאַמער פארן אראָפּנעמען די גערעטעניש. אַלע לײַכט־קראַנקע האָט מען אויסגעשריבן און אָפּגעשיקט אין די קאַזאַרמעס. דעם זעלבן טאָג האָט מען אונדז, „שלעפערס“, אוועקגעפירט אין א הויף, ווו צוואַנציק פרויען זײַנען געזעסן און איבערגעקליבן סאָלדאַטישע אָנצוגן, שוכווארג. אהער איז ארײַנגעפאַלן נאָר זייער קויטיקע און צעריסענע זאַכן, אָפּגעבליאַקעוועטע פון זון, ווינט און רעגן. פון די שמאַטעס האָט פאר א מײַל געאַווערט מיט פארטריקנט בלוט, שווייס, שימל. אף עטלעכע ניי־מאַשינעס האָבן די פרויען געלאַטעט דאָס אַלטווארג.

— פונוואַנען האָט מען אײַך געבראַכט אהער? — פרעגט בא אונדז שטיל א מיידל מיט א גראָב אקשאָנעסדיק נעזל און לאַנגע גאָלד־בלאָנדע צעפּ.

זייער אופזעערן איז אין דער צײַט געשטאַנען אין צווייטן עק ווארשטאַט און מיט א האַרנאָדל פאַריכט דעם שווערן קובליק, דאָך האָט זי דערהערט און מיט ברייטע, קימאַט מאַנצבלשע שפּאַן געלאָזט זיך אהער. דאָס בלייכע פּאָנעם בא דער נייטאָרן איז געוואָרן נאָך בלייכער.

— דו וועסט אײַנעמען שטומעניש? אָדער איך וועל הײַנט נאָכאַמאָל מיטיילן וועגן דיר דעם שעף.

ווארט נאָר ווארט, האָב איך זיך א כאַפּ געטאָן, דאָס איז דאָך די זעלבע סעדעכע, וואָס קומט ארײַן צו קראַמעצן, וואָס ברענגט אים ספּירט און טראָגט אוועק אין איר קויש רעפּועס.

ווען די פרוי לאָזט זיך אוועק צו די שוסטער, וואָס ארבעטן אין דער צווייטער אָפּטיילונג, אין א הילצערן האַלב־אײַנגעזונקען הײַזל, פרעג איך זיך נאָך בא א פרוי, בא וועלכער דאָס פּאָנעם איז פריצײַטיק באַדעקט מיט טיפע קנייטשן:

— איר זײַט אויך קריגסגעפאַנגענע?

— ניין, וואָס רעדט איר? איך בין נאָך קיין אכצן יאָר ניט אַלט. אהער האָט מען אונדז געשיקט פון דער ארבעט־בירזשע.

— און אף דער בירזשע האָט איר זיך אַליין געמאָלדן?

— אַליין, — ענטפערט זי, אראָפּלאָזנדיק נאָך נידעריקער דעם קאָפּ. — בא מיר איז די מאַמע קראַנק און איך האָב נאָך א קליין שוועסטערל.

— און ווער איז בא אײַך געווען דער פארדינער ביז דער מילכאָמע?

זי קוקט אף מיר פארכידעשט.

— וואָס הייסט ווער? דער טאַטע איז געווען א קאַפּיטאַן פון א טײַך־שיף. און די מאַמע איז געווען געזונט. — נאָך דעם, ווי זי סילעט ארײַן אין דער מאַשין־נאָדל א פּאָדעם, דערציילט זי מיר ווײַטער. — עס זײַנען פאראַן אזעלכע, וואָס זײַנען אפילע מיר מעקאַנע. קעדיי אָנקומען אהער, דאַרף מען האָבן אן אייגענע ניי־מאַשין. מײַנע א כאַווערטע האָט מען געכאַפּט אין גאַס און זי ערגעץ אוועקגעשיקט. שוין צוויי כאָדאָשים, און קיין ברייוו איז נאָך פון איר אַלץ ניטאָ.

— און אײַער עלטסטע, זי איז אויך פון דער בירזשע?

— אָט די מאַכשייפע? זי איז געקומען אהער פון מאָלעוו. זי העלפט דעם פעלדפעבעל קאַרל ספּעקולירן מיט אונטערוועש, שוכווארג.

— מאריע רופט מען זי?

— יאָ. מאריע פעטראָוונע. פונוואנען ווייסט איר?

איך דערמאָן זיך, אז אזוי האָב איך זיך טאקע פאָרגעשטעלט אָט די מאריע, ווען קארל האָט וועגן איר אין וואגאָן דערציילט גיונטערן. איצט האנדלט זי ניט מיט קיין סאכארין, נאָר מיט שמאטעס פון די געהארגעטע פריצן, מיט מיקסטורן. אלעקסיי זאבארע און מאָ־ראָזאָוו האָבן גערעדט אף איין שפראך און זײַנען געווען אזוי ווײַט איינער פון צווייטן. די סעדעכע און קארל ריידן אף פארשיידענע שפראכן און זײַנען אזוי געקניפט און געבונדן, אז קיין שום וואסערן קאָנען זיי ניט צעשיידן.

פון די דײַטשישע מונדירן עקלט מיך. כ׳וואָלט בעסער געגאנגען א נאקעטער. נאָר וואָס טוט מען? שומאָוו, וואָס האָט אונדז געבראכט אהער, שרײַט שוין אזוי אויך אף מיר:

— וואָס זשע שטייסטו, כאָסן, ווי א כאָסן? עפשער מיינסטו, מע וועט דיר ארויסטראָגן א נײַנקן מונדיר, לאקירטע שטיוול? — ער טוט א הייב אן אקסל און צעשמייכלט זיך. ער ווייסט, אז אים הערט דאָס שלאנקע מיידל, פון וועלכער ער לאָזט קיין אויג ניט אראָפ. אויב אזוי, וועט זי זיך באלד איבערצײַגן, אז ער קאָן נאָך בעסער ארײַנזאָגן. — מיט שפאָרן עפשער, האָ? דו דארפסט דאָך מיסטאמע, אז זיי זאָלן קלינגען און קיינער זאָל ניט הערן, ווי אָנשטאָט איין מאָל „קו־קו־רר־וזא“ וועסטו בעסער צוויי מאָל זאָגן „פש־שאָנקא“, „פש־שאנקא“. אנו, פירשט, דעקלאמיר נאָר דורך אף א קאָל, אז אלע זאָלן הערן:

На горе Арарат
Растет красный крупный виноград.

עס פאלט מיר אײַן דאָס הארץ. כאָטש איך ווייס, אז די אלע ווערטער קאָן איך אויס־ריידן ניט ערגער פון שומאָוון, פארוואָס זשע שטיי איך, ווי א טאם — ניט טויט, ניט לעבעדיק און קוק מיט אויגן פון א ניט דערקוילעטן מענטשן, ווי דער פאסקודניאק שמאָרעט פון פארגעניגן מיט דער נאָז? וואָס, זאָל איך ווידער אים ווארפן א שטיקל ציגל אין דער מאָרדע ארײַן? ניין, דאָס איז איצט געפערלעך. עס קאָן ארײַנקומען קארל אָדער עמעצער פון דער וואך. זיי האָבן געוווער, נאָר אויך זיי וועלן גלײַך ניט שיסן. זיי זײַנען ליבהאָבער פון ראפינירטע פײַניקונגען. איין אויסוועג — מאכן זיך ניט הערנדיק, פארשווײַגן. שמייכלען, ווי אנדערע, קאָן איך ניט. אף דעם וועט בא מיר פאָשעט קיין מוט ניט קלעקן.

דאכט זיך, אז אלע נייטאָרנס קוקן אף מיר, נאָר מוראשאָוו שטייט שוין באנאנד מיט מיר און וועטלויגין ווארפט א בליק אף דער גרויסער שער, וואָס ליגט אפן עק טיש. סאשע זאָגט אים:

— רויק, פעטיע, רויק! אויב מיר אינדרײַען וועלן באשטימען, אז איין הנידע דארף קירצער ווערן אף א קאָפ, וועלן מיר זיך יאקאָס ספראווען. עמעס, פעטיע?

פעטיע ענטפערט ניט. ער טוט א שפײַ דורך די ציין און צערײַבט מיטן שפיץ פון שווערן שוך דאָס שפײַעכץ.

שומאָוו גייט צו נעענטער צו סאשען, שטעלט זיך אין דער פאָזע פון א באָקסיאָר און באפוילט:

— כאזער נאָר איבער, וואָס דו האָסט נאָרוואָס געזאָגט!

דאָס מיידל מיט די בלאָנדע צעפ שפרינגט אוף פון אָרט און שרײַט אויס:

— כעוורע, געננוג צו פילדערן! באלד וועלן מיר אײַך עפעס אויסזינגען. ליאליע, הייב אָן!

ליאליע הייבט אָן שטיל צו זינגען. די פרויען כאפן אונטער. איך שטיי א פארגאפטער. ניט נאָר די איינזאמקײַט, נאָר, דאכט זיך, אויך די קויטיקע ווענט אנטרינען. און אפילע ווען איך בין שוין אין לאזארעט אפן בוידעם און קיינער זינגט שוין ניט, קלינגט מיר נאָך אלץ אין די אויערן ליאליעס ליד און טראָגט מיך אוועק אינעם קליינעם יישעוו, וואָס איז ערגעץ פארלוירן אין די ראכוועסדיקע סטעפעס פון אוקראַיִנע. אהין איז אונדזער מישפּאָכע געקומען מיט די ערשטע איבערוואנדערער. טאטע־מאמע, מיר — זיבן קינדער, האָבן געקנאָטן מיט די באָרוועסע פיס די נאסע ליים, געמישט מיט סיטשקע. מיר האָבן אויסגעבויט א שטוב. אין דער טיף פונעם צימער, וואָס האָט בא אונדז געהייסן „סטאלאָווע“, אוועקגעשטעלט א ווײַס־געקאלכטן אויוון, פארפלאנצט א ווײַנגאָרטן, און אלע האָבן מיר ליב באקומען דעם סטעפ מיט זײַנע קורגאנעס.

געוועזענע שוסטער, שנײַדער, קלייןהענדלער האָבן זיך געלערנט בא די אוקראַיִנישע שכיינים. איינער באם צווייטן פלעגט מען איבערנעמען גוטע און אויך שלעכטע מידעס. זייער גיך האָבן צווישן זיך געפונען אן אלגעמיינע שפראך ניט נאָר די אָרעמע פויערים פון

אוקראַיִנישן דאָרף און פונעם יִדישן יִשעוו, נאָר אויך די באַלעגופים. אויך בא זיי איז געווען אכדעס.

זומער, אין די אָוונטן, ווי נאָר עס פלעגן זיך באַווײַזן די ערשטע שטערן, פלעגט זיך צונויפזאַמלען יונגוואַרג און ביז קאַיאָר מעסטן אַהין און צוריק די אײנציקע לאַנגע גאַס. עמעצער טראָגט אַרויס אַ קאָרנברויט, באַשיט מיט קימל. ס'איז שטיל, וואַרעם. אין סטאַוואָק, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט הויכן אָטשערעט, פליושקעט זיך דאָס וואַסער און עס קוואַקען אָן אויפהער די זשאַבעס. דער האַרמאָניסט טראָפים טשומאַק האָט גוט געגעדט אַף יִדיש און נאָך בעסער געזונגען יִדישע לידער. אָפט פלעגט ער זיך בעטן בא די יִשוווניקעס: „און איצט דאָס, וואָס איך האָב ליב, — די „קרענעצע"". און עמעצער פלעגט פאַרציִען:

דאָרט, ווו גראָזן זײַנען נאַסער,
שטייט אַ קרענעצע פאַרטראַכט.
קומען מיידלעך שעפּן וואַסער
מיט די עמער אַלע נאַכט.

צי דערפאַר, ווײַל די אײנציקע קרענעצע אין טאָל איז מיט איר סטאַרטשענדיקן זשוראַוול אַף אַן עמעס געשטאַנען, ווי אַ פאַרטראַכטע, און די גראָזן אַרום איר זײַנען טאַקע געווען נאַס פון טוי, צי עפשער דערפאַר, ווײַל די מיידלעך פלעגן ערשט צום סאָף פון דער הוליאַנקע זיך כאַפּן, אַז מע האָט זיי פאַרנאַכט געשיקט נאָך וואַסער, איז די ליד פאַר אונדז געווען ניט נאָר קיין ליד, וואָס אַ דיכטער האָט אָנגעשריבן, נאָר עפּעס לעבעדיקס, וואָס קומט פון דער נעשאָמע.

אַזוי פלעגט טאַקע זײַן. פאַרן צעגיין זיך האָבן מיר, באַרווישטע פון גליק, זיך געלאָזט צו דער קרענעצע, און דער זשוראַוול פלעגט מיט אַ גרילצנדיקן קרעכץ זיך אַראָפּלאָזן אַלץ טיפער און טיפער, ביז עס האָט זיך דערהערט אַ טויבער פּליוך און דערנאָך פלעגט ער מיטן זעלבן גרילץ זיך אויפהייבן צוריק אין דער הייך.

אין הויף פלעג איך אַרײַנגיין שאַ־שטיל. קלאַפּן אין פענצטער, מע זאָל עפענען, האָט מען ניט געדאַרפט. דעם עמער שטעלסטו אַוועק בא דער טיר באַנאַנד מיטן מילך־שעפל, און אַליין טוסטו זיך אַ וואָרף אַרײַן אין סטויג היי. און אין אַ רעגע אַרום ווערסטו אַנשלאָפן.

דערמאָנונגען... אײנע ציט נאָך זיך די אַנדערע.

מײַן עלטסטער ברודער מאָטיע, וואָס האָט אײנער פון די ערשטע אין קאַנט זיך אַוועק־געזעצט אַף אַ טראַקטאָר, וואָלט זיך מיסטאַמע דערמאָנט אינעם ערשטן פאַרזיי אַף דער צעלינאַ. און עפשער אינעם געשלעג אַף דער מעזשע, צי די שטורמישע פאַרזאַמלונג, ווו עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָרגאַניזירן אַ קאָלווירט. אָבער פאַר מײַנע אויגן שטייט דאָס בולאַנע לאָשעקל מיטן ווײַסן פלעק אַפן שטערן, דער באַנאַכטיקער סטעפּ, ווו מיר האָבן געפּאַשעט די פערד, די סריפּע, ווען עס האָט געברענט די ערשטע קאָלווירטישע פערמע. דאָס דעמבל באַם גאָרטן, וואָס האָט ניט געוואָלט זיך ציִען אין דער הייך. דאַן האָב איך דאָך נאָך ניט געוווסט, אַז שטאַרקעביימער וואַקסן זייער פּאַמעלעך. זיי דאַרפן פריִער לאָזן טיפע וואָרצלען, דערקלײַבן זיך צו די קוואַלן...

דערמאָנונגען... איר זײַט, ווי פײַערלעך אין אַ געדיכטן נעפּל. ביז איצט האָב איך אײַך פאַרגעדענקט מײַן היים. ווײַזט אויס, אַ מענטש אָן אַ היים, אָן אַ טרוים איז אינדערעמעסן ווי אַ פויגל אָן פליגל...

זיכער קאָן איך דאָ זײַן נאָר מיטן טויט, און שומאָוו שיט מיר נאָך זאַלץ אַף די וווּנדן. איך גיי אַרום אַ פאַרכושטער און ווייס ניט, וואָס פאָרצונעמען, וויִאַזוי צו נייטן דעם ביטערן יונג, ער זאָל אויפהערן פּלאַפּלען. עפשער אויסוואַשן, פאַריכטן און אַוועקגעבן אים דאָס וועש, וואָס איך האָב הײַנט באַקומען? ניין, דאָס איז געפערלעך. קוים וועט ער זיך אָנשטויסן, אַז איך האָב טאַקע פאַר אים מוירע, בין איך שוין זיכער אַ פאַרפאַלענער. דערשטיקן אים? ס'איז לײַכט צו זאָגן. כאָטש נעם און שנײַד אים אָפּ די לאַנגע צונג, וואָס איז נאָך ערגער, ווי די ציינער בא אַ וואָלף. אײן אויסוועג בלײַבט — וואָס גיכער אַנטלויפן. בלײַבן דאָ אָן איבעריקע רעגע קאָן קאָסטן דאָס לעבן. אָבער וויִאַזוי פירט מען אונטער מאַלצעוון? איך האָב דאָך אים געגעבן אַ וואָרט. ער, מאַלצעוו, ריזיקירט דאָך ניט ווייניקער פאַר מיר. הײַנט־צו־טאָג, ווען מיר גיט זיך אײַן אַרויסרײַסן זיך פונדאַנען, וואָלט איך עס ניט געטאָן. דאָס וואָלט באַטײַט פאַראַטן מײַנע פרײַנט. מאַלצעוון און זאַבאַרען האָב איך באַדאַרפט זאָגן, אַז איך בין אַ יִד. איצט פאַרשטיי איך, אין וואָס מײַן פעלער שטעקט.

דער אײנציקער, וועער עס קאָן ווירקן אַף שומאָוון און צו וועמען איך קאָן זיך נאָך עפשער ווענדן, איז אַוועראָוו. ער און קראַמעץ זײַנען איצט, דאַכט זיך, ווי אָן אויג מיט אַ

ברעם. עמעס, איך ווייס נאָך ניט, וויאַזוי און וואָס איך וועל אים זאָגן, נאָר מײַנע פּיס פּרעגן ניט און טראָגן מיך צו אווראַווון. די טיר איז בא אים פעסט פארשפארט. אָנקלאַפּן וואג איך ניט. עפשער שלאָפט ער? איך וועל א פּרווו טאָן. אויב ס׳איז ניט פארשלאָסן, וועל איך בעטן א דערלויבעניש ארײַנצוגיין. איך ווייס, אז אויב איך זאָל דאָ שטיין נאָך עטלעכע רעגעס, וועל איך אינגאנצן איבערקלערן. אפילע איצט ווילט זיך מיר, אז עס זאָל זײַן פארשלאָסן. איך טו א דריק אַף דער טיר, זי עפנט זיך שטיל, איך בלײַב שטיין אַף דער שוועל און גלייב ניט מײַנע אייגענע אויגן.

אַף א טאבורעט שטייט קאזימיר וולאַדימיראָוויטש מיט דער פלייצע צום ארײַנגאנג. צו דער וואנט איז צוגעקלאַפּט א פּאָרטרעט פונעם פיורער, וועלכן איך האָב ביז אהער דאָ קיינמאָל ניט געזען. אווראַוו האלט אין דער האנט א בלאנקנדיק מעסער. בא היטלערן איז איין אויג אויסגעשטאָכן. איצט צילט אווראַוו אין צווייטן. א גוטער צענדליק פאשיס־טישע פּאָרטרעטן און פלאַקאטן וואלגערן זיך צעשניטענע אַפן דיל.

א זעץ מיטן מעסער, און דאָס צווייטע אויג איז אויסגעפיקט, נאָר פון בענקל קריכט ער ניט אראָפּ. אים ווילט זיך בעסער באטראכטן זײַן אָפּגעטאָן שטיקל ארבעט, און דערפאר קערט ער אָפּ א ביסל אין א זײַט דאָס פּאָנעם, וואָס איז מאָדנע פארקרימט אין א ווילדער גרימאסע. דערוויַיל איז מיר קלאָר — ער איז בעגילופין. ווי זאָל איך עס אויסטײַטשן? „וואָס בא א ניכטערן אַף דער צונג, איז בא א שיכּורן אַף דער צונג״? איינס פון די ביידע: אָדער ער איז צו קלוג, אָדער איך בין צו נאריש. ס׳איז שוין אוועק געווע צײַט, און ביז איצט האָב איך אים נאָך אַלץ ניט צעקײַט.

אווראַוו האָט דערפילט, אז עמעצער איז דאָ פאראן. ער האָט זיך א וואקל געטאָן. גוט, וואָס איך האָב באוויזן אים אונטערצוכאפּן, אניט וואָלט ער געבראָכן האלדז־און־נאקן. אים, מיין איך, האָט זיך אפילע געוואָלט אָנהייבן שרײַען, קעדיי מיטן געשריי א ביסל פארטעמפּן די אָנגעלאָפענע שרעק.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעגט ער בא מיר א טויט־בלאסער.

— אינצווייען איז היימלעכער. וואָס קוקסטו אַף מיר אזוי? זעסט דאָך, איך האלט צו די טיר. דיך דארף מען דאָך אָפּהיטן.

— זי איז דען געווען ניט פארשלאָסן?

— זעט אויס, אז ניט.

— ס׳קאָן ניט זײַן.

— אויב אזוי, בין איך צו דיר ארײַן דורכן קוימען. שטיי ניט ווי קיין גלאָמפּ. שנעל נעם צונויף די פּאפירן, עמעצער קאָן ארײַנקומען.

פון אײַלעניש צי פון שרעק ציטערן בא אים די הענט. ער זעט אויס אומבאהאָלפן, ווי א קינד אין דער פרעמד. מיט א בערשטל פארקערט ער אין ווינקל די לעצטע פּאפירן און האלט זיך אין איין פארענטפערן:

— איך הייב ניט אָן צו באנעמען, וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען. איך בין שטארק שיכּער.

איך באמערק, אז דער טאָן זײַנער ענדערט זיך. ווײַזט אויס, אז ער האָט שוין עפּעס צוגעטראכט. אויב אזוי, דארף מען זײַן פאָרזיכטיק.

— זעסט? — באווײַז איך אים דעם פּאָרטרעט אַף דער וואנט. — ווער האָט אָפּגעטאָן דאָס שטיקל ארבעט?

— ווער? — פרעגט ער טאמעוואטע.

— איך.

— צוליב וואָס?

— גענוג, קאזימיר וולאַדימיראָוויטש, צו דרייען א לירע. דו ביסט טאקע א הארט ניסל און האָסט מיר אנומלטן געזאָגט, אז דער עמעס איז געשטאָרבן און קיינעם טאָר מען ניט גלייבן. נאָר ס׳איז פאראן נאָך איין איידעס, וואָס האָט געזען, ווער עס האָט אָפּגעטאָן דאָס דאָזיקע שטיקל ארבעט.

ער איז גלײַך ניכטער געוואָרן, מיך אָנגעכאפּט פאר א האנט.

— איך בעט דיך, זאָג. קראַמעץ?

— נאָר אָן געשריי, פּיפּין שלאָפט.

— שומאָוו?

— ניין. נאָר מער פרעג ניט, ווײַל איך וועל דיר אלציינס ניט זאָגן.

— אויב סטיאָפּע, בין איך א פאַרפאַלענער. פאַר א נאַר איז ניטאָ קיין סאָד. איך מיין, אַז דאָס האָט ער געמאָסערט זאַבאַרען.

— דאָס איז ניט עמעס. יענעם גאַנצן אָונט איז שומאָוו קיין איין מאָל ניט אַרויס אין גאַס און אַפילו ניט געוווּסט, אַז זאַבאַרע זיצט באַם שײַטער.

— פונוואַנען ווייסטו? דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו ביסט זיצנדיק אײַנגעשלאָפן. אַ ליגנער מוז האָבן אַ גוטן זיקאָרן.

— אויב, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, דו געדענקסט אַזעלכע אײנצלהײַטן, ביסטו שוין גאָר ניט אַזוי שיקער און דו פאַרשטייסט אַוודאי, אַז איינער דעם צווייטן קאָנען מיר שוין ניט סטראַשען. איך קלײַב זיך ניט דערגיין, וואָס בא דיר אונטער די נעגל טוט זיך, און אין קאָפּ זײַנען קיין פּענצטער ניטאָ, נאָר איך זע דאָך, די נעשאַמע קאָנסטו ניט אויסשפּײַען. איז ווי קומט עס, וואָס דו כאַווערסט זיך מיט קראַמעצן? ער האָט דאָך ניט די ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים. פאַר אים איז דער טויט ווייניק, און דו ביסט איבערגליקלעך, וואָס דער „הער האויפּטמאַן" שפּילט מיט דיר אין קאָרטן. וואָס שווײַגסטו?

— דאָס גליק, פלעגט מײַן מאַמע זאָגן, איז ווי אַ שנירל פּערל. רײַסט זיך איבער איינער, צעשיטן זיך אַלע. דו ווילסט וויסן, פאַרוואָס איך כאַווער זיך מיט קראַמעצן? איז הער: אין וואָסער וואַסער מע שווימט, די טרינקט מען.

— איז עפּשער, קאַזימיר, דאַרפסטו פאַרקערעווען צו אַן אַנדער ברעג?

אָף אַזוינס האָט ער זיך, ווײַזט אויס, ניט געריכט. די אויגן האָבן זיך בא אים בייז אָנגעכמורעט, און געמיינט האָב איך, אַז ער וועט באַלד ווידער אָפּלייקענען שטיין און ביין. נאָר — ניין. זײַן ענטפער האָט מיר גראָד אויסגעזעען צו זײַן אופריכטיק. ער האָט געזאָגט:

— געבאַרגענער סייכל איז קיין סייכל ניט. מירן לעבן, ווען מיר זען.

אין א פּאָר טעג אַרום האָט סאַשע מוראַשאָוו מיך געפרעגט:

— דו ווייסט ניט, וואָס איז געשען מיט אָווראַאָון? ער ציטערט, ווי אַ הונט אין קראָפּעווע. מיטאַמאָל איז ער צו מיר געוואָרן אַזוי ווייך, אַז כאָטש לייג אים צו צו אַ בלאָטער. ווי מיינסטו, דאָס איז אָף לאַנג?

— אָף לאַנג, סאַשע, אָף לאַנג. בא אַ צופאַל, ווען איר וועט זײַן אויג־אָף־אויג, מעגסטו אים דערמאָנען, אַז דו האָסט פאַר אים ניט וואָס מוירע צו האָבן.

— אַזוי גאָר? וווּנדער איבער וווּנדער.

דער לעצטער צופאַל האָט מיך ניט דערנעענטערט מיט אָווראַאָון. נאָר מוירע פאַר אים האָב איך שוין ניט געהאַט. איצט בין איך זיכער געווען, אַז קיין בייז וועט ער מיר ניט טאָן.

דער הער מאַיאָר

א שאַרפער בליץ האָט זיגזאַגאַרטיק דורכגעשניטן די נידעריקע נאַסע וואָלקנס, און ס'האָט א גאַס געטאָן, ווי פון א צאַפּן. ערשט אין א מעסלעס אַרום האָט אָפן אויסגעלײַטערטן הימל זיך באַוויזן א רעגנבויגן, ס'האָט נאָך אַלץ מאַראַקעט, נאָר מע האָט שוין געקאָנט זען, ווי עס פאַלן באַזונדערע טראָפּנס און ווי יעדער ריטשקעלע כאַפּט אין זיך אַרײַן איר אייגענע זון.

די ריין אויסגעבאָדענע גראָז און בלעטער זײַנען געוואָרן נאָך גרינער, און דאָך האָט שוין ווי אַן אָטעם געטאָן מיט האַרבסט. נעכטן, וואָלט איך געמעגט שווערן, האָט די ריאַ־בינע אויסגעזען גאָר אַנדערש. הײַנט זײַנען נאָך מער געוואָרן רויט די הענגלעך פאַרפּעלעך, מיט וועלכע איר קרוין איז געדיכט באַהאַנגען. גאָר אינגיכן וועלן זיך מיסטאָמע באַווײַזן די ערשטע געלע בלעטער אָף דיביימער.

ווער האָט עס ניט ליב דעם אָנהייב האַרבסט! ווען ענג, פליגל צו פליגל, זעצן זיך אויס אָף די הוידענדיקע טעלעגראַף־דראָטן די פייגל. זיי שווײַגן. דאָס, זאָגט מען, איז דער־פאַר, ווײַל כאָטש עס איז נאָך וואַרעם, פילן זיי שוין די אָנגרײַפנדיקע קעלטן. זיי פליִען ניט אַוועק, ווײַל זיי איז שווער זיך צעשיידן מיט די זיסע שמעקנדיקע קערנער פון די סאָסנע־שישקעס.

ווען עס וועלן קומען די ערעוו־ווינטערדיקע טעג, וועט מען שוין פונדאַנען ניט זען דעם זוים פון וואַלד. אָף יענעם אָרט וועט דער הימל זיך צונויפגיסן מיט דער ערד. אויב ביז דעמלט וועט זיך מיר ניט אײַנגעבן צו אַנטלויפן, מעג איך זיך געזעגענען מיטן געדאַנק וועגן ראַטעווען זיך.

אהער, צום לאַזאַרעט, קומט סטעפּאַ, טאַמעס מאַמע, זייער זעלטן. שוין ניט איין מאָל האָט זי אַרויסגעוויזן איר מיטגעפיל צו מיר. נאָר דערווײַל קאָן זי מיר מיט גאָרנישט ניט העלפן. אין דאָרף, וווּ עס וווינט איר שוועסטער, שטייט איצט אײַן אַ דײַטשישער גאַרניזאָן, און אויב פּאַרטיזאַנער קומען אַהין, איז נאָר באַנאַכט.

הײַנט איז טאַמע געקומען. פאַר דער צײַט, וואָס איך האָב זי ניט געזען, האָט זי זיך עפּעס געענדערט. אויסגעוואַקסן? ס'איז שווער נאָכצושפּירן, וויאַזוי אַ יונג ביימל נעמט אָן קויעך. אַ שטילע, אַ בענימעסדיקע, זיצט זי, טאַמע, אַנגעבויגן, און מיט טרויער אין די אויגן דערציילט זי מיר, אַז בײַ זיי אין שטוב איז געשען אַן אומגליק. וואָס האָט געטראָפן? איר עלטסטער ברודער האָט זיך אַנגעדונגען פּאַשען צוויי פּרעמדע ציגן. ווען ער האָט זיי פאַרטריבן אויף פּאַשע, זײַנען פון אַ פאַרבײַפאָרנדיקער לאַסט-מאַשין אַרויסגעשפּרונגען היט-לעראַווצעס און צוגענומען די ציגן.

— וואָס זשע וועט זײַן? — פרעג איך.

— שלעכט, פעטער. די מאַמע זאָגט, אַז אויב עס וועט איר ניט געלינגען ערגעץ לײַען געלט, וועט מען בײַ אונדז צונעמען מורקען.

קעדיי זיך ניט פאַנאַנדערוויינען, פאַרשטשעמעט זי די דינע ליפּן. די ציג, ווי זי זאָל זיך אָנשטויסן, אַז מע רעדט וועגן איר, הערט אויף צו שטשיפּען דאָס גראָז און קערעוועט אויס דעם קאָפּ צו איר באַלעבאָסטע. טרייסטן טאַמען האָב איך ניט מיט וואָס, נעם איך ליובן אין טאָג אַרײַן מורקען.

— זעסט, טאַמקע, זי הערט זיך צו. אַ קלוגע ציג בײַ דיר.

— ס'איז דערפאַר, — דערקלערט מיר טאַמע, — ווײַל זי האָט דערהערט איר נאָמען. באַלד וועט זי אײַך נאָך עפּעס באַווײַזן. מורקע, וווּ בײַסט דיך? — טאַמע לאַכט, — און ווו נאָך?

די ציג קראַצט זיך מיט די הערנער אין איין זײַט, דערנאָך אין דער צווייטער. טאַמע האָט שטאַרק האַנאָע. איך שטעל מיך פאָר, וויפל מי און געדולד עס האָט געקאָסט דער קליינער אויסדרעסירן די ציג.

אינמיטן העלן טאָג אַרומגיין שלינג-און-שלאַנג טאָר איך ניט. דעריבער נעם איך זיך פאָרן בעזעם און הייב אָן אויסקערן די טרעפּ באַם אַרײַנגאַנג. פון ערגעץ האָט דער שוואַרץ-יאַר אָנגעטראָגן שומאַוון. ער שרײַט צו מיר נאָך פונדערווײַטן:

— כאַסן, גיי, דער הויפּט-דאָקטער זוכט דיך. ער וויל דיר אָנרײַבן די ביינער. — דער ניוזיק מיינט אויף אַן עמעס, אַז ער איז אַ גאַנצער יאַטעבידאַם.

איך ווייס זייער גוט, אַז עס האָט בײַ אים אַ ווערט מיך אָנשרעקן, ווי צען מאָל גאָרנישט, און דאָך — וואָס קאָן עס באַטײַטן? צוליב וואָס דאַרף מיך פּיפּין און פאַרוואָס האָט ער דאַפקע געשיקט נאָך מיר שומאַוון? איך פיל, ווי דאָס האַרץ הייבט מיר אָן צו ציטערן: עפּשער...

אַליין גייט סטיאָפּע פאַמעלעך, שטיל, מע זאָל אים אַרופשטעלן אַ טעלער אויפן קאָפּ, וועט ער אויך ניט אַראָפּפאַלן, און מיך טרײַבט ער אונטער:

— לעבעדיקער, פּירשט! דו גייסט, ווי אויף קוליעס. עפּשער קוועטשן דיר די שיך, איז בעט, מע זאָל זיי דיר פאַרבײַטן אויף פּריש אויסגעפּלאַכטענע פּאַסטעלעס. שאַ-שאַ! בייזער זיך ניט. איך שפּאַס דאָך. איז אָפּגעווישט די וואָנצעס און געשוויגן.

וואָלט שומאַוו אַנגערעדט אויף מיר, — טראַכט איך, — וואָלט ער זיך געהאַלטן פונדער-ווײַטן. אין קאָרידאָר בײַ דער אָפענער טיר בלײַב איך שטיין. שומאַוו טרעט אַריבער די שוועל און ראַפּאָרטירט:

— הער האָופּטמאַן, אײַער באַפעל איז אויסגעפילט. איך קאָן זײַן פרײַ?

— יאָ, — ענטפערט קראַמעץ, — און ער, — ווײַזט ער אָן אויף מיר, — זאָל ער דערווײַל גיין אין וואַנע-צימער.

איך האָב באַמערקט, אַז בײַ קראַמעצן אין קאַבינעט זיצט אַ געשטופלטער דײַטשישער אָפיצער אין אַ נײַעם מונדיר, ערשט פון נאָדל אַרויס. ווער איז ער? נאָך וואָס איז ער געקו-מען און פאַרוואָס שיקט עס מיך קראַמעץ אין וואַנע-צימער? ווען סטיאָפּע זאָל מיך ניט געוועזן באַגלייטן, וואָלט איך זיך מיטן וועג אַרופגעכאַפּט אויפן בוידעם נאָכן מעסער, וואָס איז באַהאַלטן צווישן די קראָקוועס.

פּונקט אין אַזאַ מין וואַנע-צימער מיט הילצערנע שטאַכעטלעך אויפן דיל און מיט צוויי בענק בײַ דער וואַנט האָט מען אונדז, די ייִדן פון סוכיניטשער לאַגער, געהאַט פאַרטריבן. קאַנוואָירט האָט אונדז אַ ווײַסגוואַרדייער, אַ דײַטשישער סאָלדאַט און אַ פּאָליצײַ מיט אַ

גומי־טרײַבל אין די הענט. קומט אויס, אז דער קרײַז האָט זיך ווידער פארשלאָסן און ווידער בין איך געקומען צום זעלבן. נאָר דאן האָבן מיך געראטעוועט מײַנע פרײַנט פעדיע פימענאָוו און ניקאָלײַ סערגייעוו. אָבער וואָס קאָן איך דערווארטן פון שומאָוון?

אָט עפנט ער די טיר און זאָגט צו מיר מיט א כויזעק־שמייכעלע:

— רו זיך אָפּ, פירשט, און ווארט אף ווײַטערדיקע אָנווײַזונגען.

די סאמע ערגסטע באליידיקונג איז די, אף וועלכער דו קאָנסט ניט אָפּענטפערן, ווען עס שטיקט דיך די אומבאהאָלפנקײַט.

סטיאָפּע האָט זיך זײַנס אָפּגעזאָגט און אוועק. איך האָב פארשטאנען, אז ער האָט פון יענער זײַט פארשפארט די טיר אפן פארוקער. קעדיי זיך איבערצײַגן אין דעם, גיב איך זי א שטופ מיטן אקסל. די טיר צעעפנט זיך, טוט א סקריפּ, ווי א שטילן זיפץ. ארויסגיין אָבער פון וואנע־צימער איז שוין שפעט — עס גייט אהער דער אָפיצער, וועלכן איך האָב באמערקט בא קראמעצן אין קאבינעט. לאנג ווישט ער די אויסגעפוצטע שטיוול אין דער פײַכטער שמאטע, וואָס ליגט בא דער שוועל פון פאָדערצימער, דערנאָך פארשליסט ער אליין די טיר אפן אינווייניקסטן קייטעלע, און איך דערהער:

— איז וועלן מיר זיך, הייסט עס, אויסבאָדן?

אָט ווו דער הונט איז באגראָבן!.. איצט הייבט זיך ערשט אָן דאָס רעכטע און דאָס געדיכטע. עפּעס וואָלט איך גלײַך באדארפט פאָרנעמען, און ווי איך וואָלט זיך געקליבן ווידע זאָגן, שטיי איך נאָך דערווײַל ווי א צוגעשמידטער און ריר זיך ניט פון אָרט. ער איז קליין, דאר און עלטער פון מיר אף א יאָר דרײַסיק. די ברוסט איז בא אים ווי בא א שפערל. דאָס לעבן אין די לאגערן האָט געוויס בא אים ארויסגעזויגן דאָס ביסל כײַעס, מיט וועלכן די נאטור האָט אים אזוי שפּאָרעוודיק באשאָנקען. אָט דעם ניוויזיק קאָן מען דער־טרינקען אין א לעפל וואסער. נאָר ער זאָל אפילע געזונט זײַן, ווי א מויער, וואָלט איך זיך אויך לײַכט ניט אונטערגעגעבן. אפילע א פליג שטעלט זיך קעגן, ווען זי דערפילט א געפאר, — זי זשומעט, פאטשט מיט די פליגעלעך, דראפּעט מיט די פיסלעך. ניין, אזוי לײַכט וועל איך ניט אָפּגעבן דאָס לעבן. כ׳וועל אים איבערהריזען דעם גאָרגל.

אף דער עטוואָס פײַכטער באנק שפרייט ער אויס א צײַטונג, זעצט זיך צו, שפּארט אָן א פוס אף א פוס און נעמט אראָפּציִען די ענגע כראָמעווע שטיוול. די מולטענע אָנעטשעס לייגט ער אקוראט צונויף און פארוקט זיי אין די כאָליעוועס. דערנאָך נעמט ער מיט צונויפגע־קאָרטשעטע פינגער אראָפּציִען די שקארפּעטן. דעם טאשן־זייגער פארבאהאלט ער אין טײַסטער. זײַנע געלאָסענע באוועגונגען בארויִקן מיך א ביסל און וועקן אוף א פונק פון האָפענונג. די גאנצע מײַסע איז, דאכט זיך, ווערט א שמעק טאבעק. ווער בין איך עס אזוינס, וואָס קעדיי זיך איבערצײַגן, צי איך בין א ייִדה, איינער פונעם פאָלק, וואָס לויט די פאשיסטישע געזעצן דארף עס אומבאדינגט פארניכטעט ווערן, — זאָל ספּעציִעל קומען אהער א הויכגעשטעל־טער אָפיצער און אליין אָנטיילנעמען אין דער שפּיל מיטן אויסטאָן זיך? איך פרווו בארויִקן זיך אליין: „כאפּ ניט, ברודערקע, זע, דו זאָלסט זיך אליין ניט אָנטאָן קיין צאָרעס“. מאכנדיק זיך הארץ, פרעג איך בא אים הויך אף א קאָל, ווי בא א שטארק טויבן:

— זאָל איך אָנגיסן וואסער, הער מאיאָר?

— ביטע, אָבער איך האָב ליב א הייסע וואנע. דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט, אז אײַער כאווער, וואָס ארבעט דאָ, קאָן מיך הײַנט ניט באדינען, ווײַל ער האָט זיך צעשניטן א האנט. מיט אים זײַנען מיר שוין באקענט.

איך טו א שמייכל צו זיך אליין — ווי האָב איך זיך גלײַך ניט אָנגעשטויסן, אז מע האָט מיך געשיקט אהער, ווײַל פעטיע וועטלוגין האָט זיך טאקע נעכטן צעשניטן א האנט. קראמעץ, וואָס שפּילט שטענדיק פאר א העכערן טשין די ראָל פון א גאסטפרײַנטלעכן באלעבאָס, האָט אליין מיך ארויסגערופן, ווײַל אווראָוון האָט מען נאָך עפּעס אוועקגעשיקט אין דײַטשישן לאזארעט.

פאר אזא „פּאציִענט“, האָב איך געמיינט, וועט מיר אויסקומען ציטערן. לאָזט זיך גאָר אויס, אז ער האָט ווי א ווילדערצויגענער געזאָגט מיר „ביטע“ און אויך ניט פארגעסן, אז עס איז אף דער וועלט פאראן א וואָרט „כאווער“. פונדעסטוועגן, האָב איך באשלאָסן, אז מע דארף זיך פון אים וואָס גיכער אָפּטשעפּען.

— דאָס ביטל איז גרייט, הער מאיאָר.

— איך גיי, איך גיי, — ענטפערט ער פון פירהויז, — מיך רופט מען פיאָדאָר טאראַ־סאָוויטש, — זאָגט ער, ארײַנקריכנדיק אין ביטל, — און אײַך?

איך רוף שטיל אָן מײַן נאָמען, וואָס קלינגט מיר שוין אליין אָפּגעפרעמדט, און שטייענ־דיק צו אים מיט א זײַט, טו איך נעבעכדיק א מאך מיט דער האנט, ווי איינער רעדט:

„האָט קיין פאַריבל ניט, נאָר צוליב וואָס זאָלט איר פּאַטערן אײַער צײַט אַף שמועסן מיט אַזאַ ווייניקייט, מיט אַן אופּראַמער, בעסער טוט אײַך אײַער זאַך. איר זײַט דאָך צוליב דעם אַהער געקומען, ווײַל די שטאָטישע באָד איז נאָר פאַר דײַטשן...“

אין אַזאַ הייסער וואַסער וואָלט איך קיין רגע ניט אויסגעהאַלטן, און ער האָט זיך צונויפגעדרייט, ווי אַ בייגל, און קוויקט זיך, בלויז דער קאָפּ שטעקט אַרויס פונעם פולן ביטל, ווי פון אַן אָקאָפּ. ער באַדויערט, וואָס די וואַסער איז נאָך ניט גענוג הייס. כאַטש נעם און באַגיס אים מיט אָקרעפּ. עפּשער איז אים פּיפּין מעכאַבעד געווען מיט ניט קיין פאַשעטער וואַסער? ניין, מיט קיין בראַנפן שמעקט ניט. מײַן פּאַציִענט איז זייער באַריידעוודיק. איך ווייס שוין, אַז פאַר דער מילכאָמע האָט זײַן טאַכטער כאַסענע געהאַט פאַר אַ סטודענט פון דניעפּראָפּעטראָווסקער באַרג־אינסטיטוט, אַז זײַן זון איז אַן אַרטילעריסט און אַליין איז ער אַ געוועזענער מאַיאָר פון דער רויטער אַרמיי. איך ווייס נאָר ניט, פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרקויפט צו די, וועלכע ווילן אונטערצינדן די וועלט פון אַלע פיר עקן. באַ מיר וויל ער וויסן, אין וועלכער טייל איך האָב געדינט, ווען און ווו בין איך אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן.

אַוודע קאָן איך אים ענטפערן ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, נאָר זיכערער וועט זײַן זיך האַלטן וואָס נעענטער צום עמעס.

— אַ קורסאַנט פון דער פּאָדאָלסקער אינפאַנטעריע־שול. דאָס איז געשען דעם זיבעצעטן אָקטיאַבער 1941, הונדערט דרײַסיק קילאָמעטער פון מאָסקווע.

איך האָב עס אויסגעפויקט, ניט איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם. מער האָב איך ניט געקאָנט ריידן. די ליפּן זײַנען פון זיך אַליין פאַרקלעמט געוואָרן. און פון זיך אַליין זײַנען אופגעשווו־מען די ערשטע שורעס פון אַ ליד, וואָס האָט זיך, ווײַזט אויס, אַף שטענדיק פאַראַנקערט אין מײַן זיקאָרן:

Тревога, тревога, тревога!
Россия курсантов зовет!. . .[1]

עפּשער האָט ער עפּעס איבערגעלייענט אַף מײַן פּאָנעם, זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס ליגט אַפן שפּיץ פון מײַן צונג, ווײַל אויך ער האָט זיך פאַרקלערט:

— אַזוי, אַזוי... איך געדענק. דער זיבן־און־פופציקסטער מאָטאָריזירטער קאָרפּוס איז געקראָכן פון דער הויט, נאָר געוואָלט דער ערשטער אַרײַנטרעטן קיין מאָסקווע, קיין קויכעס אַף אָפּשטעלן אים האָט מאָסקווע ניט געהאַט, האָט מען אַהין געשיקט קורסאַנטן. מ'האָט מיר דערציילט, אַז זיי האָבן זיך ניט שלעכט געשלאָגן. ס'איז עמעס?

איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, געקענט אַרײַנזאָגן דעם הער מאַיאָר. נאָר מע קאָן נאָך טרעפן, ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַרײַן. מאַלצעוו איז דאָך אויך אַ כוואַט אַ יונג. ווי זשע וואָלט ער זיך געהאַלטן? מע דאַרף פריִער אַ טאַפּ טאָן באַ אים דעם דויפעק. דער „הער מאַיאָר“ איז, דאַכט זיך, אַ פילבאַרער טאַטע, איז בעסער פון אַלץ אַ שפּיל טאָן אַף אָט דער סטרונע. נישקאָשע, מיט אַ קליין ביינדעלע קאָן מען זיך אויך דערוואַרגן.

— מיט אונדז צוזאַמען זײַנען געווען יונגע אַרטילעריסטן, קימאַט אַלע זײַנען זיי אומ־געקומען...

מײַן „פּאַציִענט“ טוט אַ דריגע מיט די פיס אַזוי, אַז די וואַסער פליושקעט זיך אויס פון ביטל. ער כאַפּט מיך אָן פאַר דער האַנט.

— זאָגט מיר, אָבער דעם עמעס, עמעצער פון אײַערע קאָמאַנדירן וואָלט געגאַנגען דינען דעם דײַטש, קעדיי ניט שטאַרבן פון הונגער?

— כ'האָב וועגן דעם קיינמאָל ניט געטראַכט.

ווײַל ער אָבער פון מיר זיך ניט אָפּטשעפּען. זײַן בליק האָט זיך אײַנגעזויגן אין מיר, ווי אַ פּיאַווקע, און ער פאָדערט:

— און דאָך, ענטפערט מיר אַף דער פראַגע.

אַלציינס גיי איך, ווי אַף אַן אָנגעצויגענעם שטריק און מײַן לעבן האָט קיין קאָפּעקע ניט די ווערט, איז זאָל ער הערן:

— איך מיין, אַז ניט. דעם עמעס געזאָגט, איז מיר אַפילע שווער זיך פאָרצושטעלן אַזעלכס.

— אָט דאָס איז עס, וואָס שווער... זײַט אַזוי גוט און רײַבט מיר אָן מיט דער ראָגאָזשע די פּלייצע. שעמט זיך ניט רײַבן. רײַבט! אַנומלטן האָט זיך מיר געכאָלעמט, אַז איך בין

---

[1] אַליאַרעם, אַליאַרעם, אַליאַרעם!
עס רופט די קורסאַנטן ראַסיי!

אפן שלאַכטפעלד און אין מיר צילט זיך, ווייסט איר וועך? מײַן אייגענער זון. רײַבט, רײַבט שטארקער. צי איר ווילט עפּעס פרעגן?

— יאָ, נאָר...

— האָט ניט מוירע, פרעגט.

— איך האָב געוואָלט זאָגן, אז אזוינס קאָן דאָך מיט עמעצן פון אײַך אפּאַנעמעסן פאסירן.

— זעלבסטפארשטענדלעך. עפּעס ענלעכס האָט ניט לאנג צוריק געטראָפן מיט אונדזערן א סאָלדאט. דערלאנגט מיר א שיסל ריינע וואסער, די זייף שנײַדט אין די אויגן. נו, און דער הויפּט־דאָקטער אײַערער איז א שטרענגער?

מע קאָן טײַטשן זײַנע ווערטער ווי מע וויל. נאָר איצט, מיין איך, וויל ער מיר פארריידן די ציין. אויב אין אים האָט זיך נאָך פארהיט עפּעס מענטשלעכס, דארף ער אליין פארשטיין, אז אזא, ווי קראמעץ, האָט גאָר ניט געדארפט געבוירן ווערן.

איך וואש דאָס עמאלירטע ביטל, און ער האָט, ווי א צעבונדענער זאק, זיך צוגעשפּארט אף דער שמאָלער באנק. זײַנע צעפּארעטע הענט הענגען מיד אראָפּ. ער ליגט שא־שטיל, טוט ניט קיין ריר מיט קיין אייוועך. די אויגן קוקן פארשטארט אין איין פּינטל. ווײַזט אויס, אז נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעביטן דעם הוסט אף קאדאָכעס, האָט ער זיך ניט ווהיין צו אײַלן.

— פיאָדאָר טאראסאָוויטש, אנטשולדיקט, וואָס איך באומרויִק אײַך, נאָר איר קערט דאָך וויסן, וואָס עס הערט זיך אפן פראָנט.

— די דײַטשן, — זאָגט ער, קוקנדיק אף דער סטעליע, — האָבן אײַנגענומען ראָסטאָוו, וואָראָשילאָווגראד. שלאַכטן קומען פאָר אפן וואָראָנעזשער פראָנט. הײַנט האָב איך געלייענט, אז בייס די אָנפליִען אף קעניגסבערג, דאנציק און אנדערע שטעט פון מיזרעך־פרײַסן האָט די סאָוועטישע אוויִאציע בלויז פאר צען טעג פארלוירן הונדערט זעקס און דרײַסיק אעראָפּלאנען.

אז אונדזערע פליִער באָמבארדירן אזוי אָפּט די דײַטשישע שטעט, — דאָס איז בא מיר געוועזן די בעסטע דערפרייענדיקע בסורע.

— וויפל זשע זײַנען עס געווען אעראָפּלאנען, אויב מע האָט אראָפּגעקלאָפּט הונדערט זעקס און דרײַסיק?

— וויפל אעראָפּלאנען ס'האָבן אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן, איז ניט געזאָגט געוואָרן. איך ווייס נאָר, אז אויך איצט שטײַגן די דײַטשן איבער די סאָוועטן סײַ אין דער צאָל מענטשן, סײַ אין דער טעכניק. מעגלעך, אז ניט אזוי גיך, ווי אייניקע מיינען, נאָר אלציינס איז פאר די סאָוועטן פארגאנגען די זון.

— איר, פיאָדאָר טאראסאָוויטש, האָט שוין קינדער, וואָס זײַנען עלטער פון מיר. איז זאָגט מיר, איר ווייסט עס טאקע אף זיכער, אז דאָס איז אזוי? צי עפּשער איז די אײַנריידעניש ערגער פון דער קרענק?

— אף זיכער ווייס איך נאָר איינס — ביז די רעפּוע וועט פארטיק ווערן, וועט שוין ניט זײַן, ווער עס זאָל זי אײַנעמען.

דאָס מאָל האָב איך געהערט פון אים קלאָרע דיבורים. און ווײַל ער גלייבט ניט, אז די רויטע ארמיי זאָל זיך ספּראווען מיט די דײַטשן, איז צוליב וואָס זאָל איך זיך מיט אים שפּארן? אין א וואָך ארום איז דער מאיאָר פיאָדאָר טאראסאָוויטש באגאנגען זעלבסטמאָרד.

אף טויט אָפּגעסאמטע

אף די טאָפּאָלן האָט זיך פארזאמלט א טומלדיק און פריילעך געזינדל. אז מע זאָל זיך גוט אײַנקוקן, זײַנען זיי גאָר ניט קיין גרוויִנקעס, אף די פליגעלעך שנײַדט זיך דורך א גרינ־בלעך פּאסיקל און אף די העלדזלעך ווײַסע פלעקן, וואָס זײַנען ארומגעזוימט מיט א טונקעלער פּאטשיילקע. מיט זייערע דינע קעלכלעך האַלטן זיי זיך אין איין איבערריידן:

— זומער־לעב, האַ?..

זיי פליִען פון איין צווײַג אף דער צווייטער, ביז פון סאמע שפּיץ בוים טוען זיי א פאל, ווי אין וואסער אריַין. אָבער ניט צורירנדיק זיך צו דער ערד, הייבן זיי אָן אפסנײַ די שפּיל. זיי איז דאָ גוט, וואָס בעסער קאָן ניט זײַן. פאַרוואָס זשע זײַנען זיי מיטאמאָל פארציטערט געוואָרן און אוועק צו דער הימל־בלויקײַט, וואָס קוקט ארויס צווישן די שטיקער וואָלקנס?

דאָס האָט אוועראָוו זיי קאליע געמאכט די שפּיל. אין די אונטערגעקאָוועטע שטיוול טרעט ער שוין ניט אזוי לײַכט און שטיל, ווי א בארג־מענטש. ער שפּאנט גיך און ראשיק, די הענט זײַנע הוידען זיך אזוי, אז אָט־אָט וועלן זיי זיך, דאכט זיך, אָפּרײַסן. דער דאשעק איז אָנגערוקט

איבער די אויגן, און דאָס פּאָנעם איז פאַרשוויצט. דאָס קערט ער זיך אום פון שטאָט. פאַר־בײַגייענדיק, טוט ער א זאָג צו מיר:

— איך האָב פאַר דיר א גרוס.

— פון וועמען, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש?

— זעסטו דאָך, אַז איך אײַל זיך! האָב געדולד. מאָרגן, מעגלעך, וועסטו אַליין זײַן בא אים.

דעם קורצן געשפּרעך אונדזערן האָט אויך געהערט סאַשע מוראַשאָוו, זיצן מיר ביידע און קאָנען זיך ניט אָנשטויסן, ווו איז ער עס געווען, אווערראָוו, און ווער האָט עס מיר איבערגעגעבן א גרוס. אין שטאָט, אויסער טאָמען און סטעפּען, קען איך קיינעם ניט, און סטעפּע, בין איך זיכער, וועט מיט אווערראָוון און ביכלאַל מיט קיינעם מיר קיין גרוס ניט איבערגעבן. און בא וועמען וועל איך עס מאָרגן זײַן? וואָלט די נײַס, וואָס אווערראָוו האָט מיר געבראַכט, געווען פאַרבונדן מיט א ריזיקע פאַר מיר, וואָלט ער אַליין אויך געווען צערודערט...

— כאָסן, צום הויפּט־דאָקטער!

אָט אָן אָנשיקעניש אַף מײַן קאָפּ. שוין דאָס צווייטע מאָל שיקט הײַנט דער דאָקטער דעם העפּקער־יונג שומאָוו צו מיר. סאַשע נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט.

— וואָס ביסטו רויט געוואָרן, ווי א בוריק? ברענען זיי אַלע! זאָלן זיי איינער דעם אנדערן אײַנשלינגען און איינער מיטן אנדערן זיך דערוואַרגן. מע דאַרף זיי אַלעמען אופהענגען אַף איין שטריק. מיסטאַם האָט פּיפּן ערגעץ דערזען שטויב אַף א בעטל אָדער מיסט אין א ווינקל. איז לייג איבער די שולד אַף מיר.

קראַמעץ האָט מיר געהייסן וואַרטן. איז וואַרט איך. נאָר וואָס פאַר א מעגילע שרײַבט ער עס אַזוי לאַנג? די ברילן זײַנען בא אים פאַרוקט אַפן שטערן, און ווי א מענטש, וואָס האַלט אינמיטן א גרעאָטענער ארבעט, נעמט ער ארויס פון קעשענע די צינד־מאַשינקע, א סיגאַ־רעט און פאַררייכערט. די ציין זײַנען בא אים לאַנגע און שמאָלע, ווי בא א סוסליק. צוויי גרויסע מײַלעס פאַרמאָגט פאַר מיר זײַן פאַרצעף: מע קאָן אַף אים לאַנג ניט קוקן, און פון דעם עקל, וואָס ער רופט בא מיר ארויס, פאַרגייט דער פּאַכעד.

אַפן טיש ליגן א פּאָר מעדיצינישע ביכער. ס'איז נאָר צום כידעשן זיך, וואָס קאַרל האָט ניט באַפוילן זיי ארויסוואַרפן. ער קאָן ניט אַריבערטראָגן, ווען ער זעט א געדרוקט וואָרט און דערצו נאָך ניט אַף דײַטש. לאַנגזאַם הייבט זיך קראַמעץ אוף פון בענקל. עס ווילט זיך אים ריידן מיט מיר, שפּאַנענדיק איבערן צימער, נאָר די פיס פאָלגן אים ניט — ער שאָקלט זיך פון איין זײַט אין דער צווייטער, און ער מוז זיך ווידער צוזעצן. ערשט דאַן נעמט ער זיך שפּילן מיט די גרויסע נעגל פון די קליינפינגער און הייבט אָן גאָר פון ווײַט:

— איז ווי גייט עס דיר אין דײַן נײַער פּראָפעסיע?

— וועלכע פּראָפעסיע, הער האופּטמאַן? — פרעג איך פאַרכידעשט.

— כ'האָב גאָר פאַרגעסן, אַז דיך, באַלוואַן, דאַרף מען לערנען ווי דעם בער פון וואַלד. מיט וואָס האָסטו זיך הײַנט פאַרנומען?

— איך? — ווײַז איך אַף זיך מיטן צײַג־פינגער.

— ניין, אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש פּושקין! — אָפּגעזאָגט און זיך אַליין צעשמייכלט פון דער כאָכמע. — זאָג מיר, וואָס איז עס מיט דײַן זיקאָרן? ווי דו וואָלסט פאַרמאָגט ניט קיין קאָפּ, נאָר א רעשעטע. קינדוויַיז האָט מען דיך צופעליק פון וויגעלע ניט ארויסגעוואָרפן? אָט פּרוּוו דערמאָן זיך, ווער איז הײַנט געווען א בעדער — דו צי איך? ווער האָט הײַנט אָנגעריבן דעם הער מאַיאָר די פּלייצעס? ווער?

— ער אַליין האָט געבעטן רײַבן וואָס שטאַרקער.

— גלאָמפּ איינער, גראָד דער הער מאַיאָר איז מיט דײַן ארבעט צופרידן.

— און ווער איז ניט צופרידן?

— נו, נו! — האָט ער, ווי א צעבושעוועטע כײַע־ראָע, א דראָע געטאָן מיטן פויסט. — מער קיין פראַגן זאָלסטו מיר ניט שטעלן. אויס דעמאָקראַטיע, אויס! פרעגן וועל איך, און דו פּרוּוו נאָר מיר זאָגן א ליגן, וועט מען דיר באַווײַזן, ווער עלטער איז. האָסט פאַרשטאַנען? אָט אַזוי! און איצט ענטפער מיר, ווען און ווו האָסטו זיך באַקאַנט מיט כראַמאָוון?

אין האַרץ טוט א טיאָכקע. ווען אווערראָוו האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר א גרוס, האָט ער געוויס אין זינען געהאַט כראַמאָוון. אויב אַזוי, קומט אויס, אַז צו די פּאַרטיזאַנער איז איוואַן ניט אַנטלאָפן. און איך האָב געמיינט... און עפּשער איז ער ארײַנגעפאַלן צו מיראַ־נאָוון אין די הענט? אויב דאָס איז אַזוי, דאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען.

— כראַמאָוו? ס'איז, דאַכט זיך, געווען אַזאַ קראַנקער בא אײַך אין לאַזאַרעט?

— הער, דו, איך בין טאַקע הײַנט א מענטש אָן א גאַל, נאָר איך וועל דיר באַלד פאַר־פּאָרן אין באַק ארײַן. אויב „דאַכט זיך", איז פונוואַנען קען ער דיך אַזוי גוט?

— פונוואנען זאָל איך וויסן, הער האופּטמאַן? דאָ זײַנען איבערגעוואָן אזויפיל קראַנקע, אַז אַלעמען געדענקען דאַרף מען האָבן אַן אײַזערנעם קאָפּ.

— ניט „אַלעמען", נאָר די פּריווילעגירטע. ווען ניט זיי, וואָלסטו שוין פון לאַנג געשוואָלן געווען, ווי אַ באַרג. וואָס פונדאַנען! וואַרט צו. פאַרמאַך די טיר און קום אַהער נעענטער. ווי רופט איר מיך הינטער די אויגן? פּיפּין, יאָ? זאָג, פינטל ניט מיט די אויגן און שעם זיך ניט, אַניט וועל איך באַלד אַרויסרופן שומאָוון, וועט ער מיר זאָגן דעם עמעס.

— הער האופּטמאַן, איך אַנערקען, ס'איז עמעס... אַנטשולדיקט מיר, נאָר פּיפּין, זאָגט מען, איז אַמאָל געווען אַ גרויסער קייסער, און שומאָוו אַליין האָט ליב אַלעמען געבן צונע־מענישן.

קראַמעץ האָט פילדײַטיק איבערגעקרייצט די הענט אויף דער ברוסט, אַראָפּגעבלאָזן דעם שטויב פונעם טיש, אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צום וואַנט־שפּיגעלע, אַ פּאָר מאָל לײַכט אַ הוסט געטאָן און קימאַט היימיש, אפילו מיט אַ ווונק, אַ פרעג געטאָן:

— און מיט וואָס פאַר אַ צונעמעניש האָט ער דיך געקרוינט? איך וויל וויסן, צי האָט ער געטראָפן אין פינטל. וויאַזוי רופט ער דיך? אויב די צונג קערעוועט זיך באַ דיר אַזוי שווער, קאָן איך דיר אָנגיסן אַ ביסל ספּירט. קיין סאָך טאָר מען ניט, ווײַל דער „סוטשאָק" איז פון זעגעכץ און דו קאָנסט צו אַלע דײַנע מײַלעס נאָך בלינד ווערן אויך.

— אַ דאַנק. איך וועל אײַך אַזוי אויך זאָגן. אַמאָל רופט ער מיך כאַסן.

ער שטשירעט מיט די ציין און פרעגט:

— פאַרוואָס עפּעס כאַסן?

— איך האָב אַמאָל אַ שמייכל געטאָן צו אַ פינפיאָריק מיידעלע.

— האָסטו, הייסט עס, ליב קינדער. פײַן, נאָר פאַרגעדענק, אַז פון קליינינקע ווערן גרויסע. אַלע מיידלעך זײַנען קאַלעס. און ווי נאָך רופט ער דיך?

— נאָך האָב איך מוירע צו זאָגן, אָפּטער רופט ער מיך פירשט.

מעגלעך דערפאַר, וואָס פאַרן לעצטן יאָר האָב איך זעלטן געהערט, ווי מענטשן לאַכן, נאָר איך האָב געמיינט, אַז צו פּיפּינען איז געקומען אַ סאָף. דער פליך אָפּן קאָפּ און דאָס גערונצלטע פּאָנעם איז באַ אים געוואָרן בונט־רויט. פון זײַנע אויגן האָבן זיך, ווי ציגענע ביבקעס, געקײַקלט טרערן. די קורצע פיס האָט ער מיט ביידע הענט צוגעדריקט צום בויך און אַ דולער געלאַכט, געקאַטשעט זיך פון געלעכטער.

ער האָט זיך אָף אַ ווײַלע באַרויקט, אָנגעוויזן אויף מיר מיטן פינגער און צעצויגן אַרויס־געבראַכט: „פּי־ר־ר־ש־ט!" און דאַן ווידער זיך פאַרגאַנגען אין זײַן ווערעמדיקן געלעכטער, ביז ער האָט ניט אָנגעהויבן צו שלוקערצן. איך בין שוין גרייט געווען דערלאַנגען אים אַ ביסל וואַסער, נאָר פּיפּין האָט אונטערסאַפּענדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. ער, דער מעדי־קער, ווייסט בעסער, ווי פּאַטער ווערן פון אַזאַ אָנשיקעניש. פּיפּין האָט טיף אָן אָטעם געטאָן, שטאַרק פאַרקוועטשט די ליפּן, אַזוי אַז זיי זײַנען אַזש בלוי געוואָרן. פלוצעם האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן אַ קוויטשענדיקער גרעפּץ, און דאַן האָט ער זיך באַרויקט. דאָך האָט ער עפּעס אויסגעטרונקען, און ווי מיט אים וואָלט נאַרוואָס געשען אַ נעס, האָט ער, ווישנדיק מיטן האַנ־טעך דעם שווייסיקן שטערן, דעם געקנייטשטן האַלדז־און־נאַקן, אָנגעהויבן דעם שמועס, צוליב וועלכן ער האָט מיך אַרויסגערופן:

— אין קאַמף קעגן די וואַלד־באַנדיטן האָבן ניט ווייניק פּריווילעגירטע זיך אַרויסבאַוויזן פאַר עמעסע העלדן, און צווישן זיי דער אונטער־אָפיצער איוואַן כראַמאָוו. די פּאַרטיזאַנער האָבן אים פאַרוואונדעט, ליגט ער אין דײַטשישן לאַזאַרעט און בעט דיך אָפּלאָזן אויף עטלעכע שאָ, אַז דו זאָלסט אים באַדינען. האָסט מיך פאַרשטאַנען?

— יאָ, הער האופּטמאַן.

— אַהין וועט דיך אָפּפירן אוועראָוו. נאָר פאַרגעדענק, קוים נעמסטו רוקן דײַן קורנאָסע נאָז ווײַטער פון דער נאָכאָפּעראַציאָנס־פּאַלאַטע, ווו עס ליגן די פּריווילעגירטע, קאָנסטו כאַפּן פּעטש. כראַמאָווס שאָכן וועט מען מאַרגן אַמפּוטירן ביידע פיס. איז אויב עס וועט זיך נאָך פּאָדערן, וועסטו אויך אים באַדינען. אַנו, באַווײַז מיר נאָר דײַנע הענט.

פון אָפּט וואַשן די דילן איז די הויט אויף מײַנע הענט געווען צעשפּאָלטן, צעטרעסקעט, נאָר קוים איז עס ניט קיין קרעץ, אַרט עס אים ניט. געפּעלן איז אים ניט די פּאַטלע מײַנע.

— צו דײַנע האָר האָסטו דאָס גאַנצע לעבן זיך מיסטאָם ניט צוגערירט מיט קיין קעמעלע. און דאָס אָנטאָן! אַזוי גייסטו, אַזוי שלאָפסטו. אַזעלכע פינצטערע ברוים זײַנען מעגלעך נאָר באַ אונדז, אין רוסלאַנד. דעם „אָנצוג" וועט דיר אוועראָוו איבערבײַטן, און זאָל שומאָוו דיך אָפּ־שערן. ווי רופט ער עס דיך? פירשט! כאַ־כאַ־כאַ־כאַ. שטאַרבן קאָן מען. נאָר פאַרוואָס האָסטו מוירע געהאַט אָנרופן דײַן טיטול? צי דו מיינסט אוודע, אַז דאָס איז אַ זידלוואָרט?

— ניין, הער האופטמאַן, איך האָב ניט געוואָלט באַליידיקן אײַער טיטול, מיט וועלכן עמע־צער האָט אײַך געקרוינט.

דאַכט זיך, אַז באַלד וועט פיפין מאַכן פון מיר אַש. נאָר ניין, ס'איז אַלצײנס ווי קיצלען אַ טויטן. ער פאַרמאָגט אין זיך נאַפּאָלעאָנס זיכערקײַט. ער וויל נאָר וויסן, צי בין איך ניט פון דעם סאָרט ליגנער, וועלכן מע גלייבט אַפילו ניט, ווען זיי זאָגן דעם עמעס. באַקומענדיק פון מיר דעם געגאַרטן ענטפער, גיסט ער זיך אָן אַ גלעזעלע „סוטשאָק“ און הייסט מיר פאַרמאַכן די טיר פון יענער זײַט.

אָף די טרעפ וואַרט שוין אָף מיר מוראַשאָוו. אין די הענט האַלט ער צוויי קעסעלעך. דאָס האָט ער באַקומען פאַר אונדז ביידן דעם אָנבײַסן. „נו, ווי?“ — פרעגן זײַנע אויגן.

— קום, סאַשע, באַם עסן וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

— אויב אַזוי, איז אַלץ אין אָרדענונג. איך האָב שוין פון לאַנג באַמערקט, אַז דער הונגער קערט זיך אום צוזאַמען מיט דער רויִקײַט.

אויב, טראַכט איך, ער איז גערעכט, איז נאָר טיילווײַז. פאַרן לעצטן יאָר איז געווען הונ־גער אָן אַ מאָס, און מיט קיין רויִקײַט האָט אַפילו ניט געשמעקט.

אוועראָוו האָט ניט אומזיסט געפאָדערט בא קראַמעצן אַ דאָקומענט, אַז אים איז באַפוילן מיך באַגלייטן צום דײַטשישן לאַזאַרעט. היטלעראָווצעס אין שטאָט זײַנען דאָ אַזויפיל, אַז מע קאָן פון זיי מאַכן אַ בריק. ווי נאָר מיר האָבן זיך באַוויזן אָף דער גאַס, איז אונדז אַנטקעגן געקומען אַן עסעס־פאַטרול מיט האַקנקרייצן אָף די אַרבל.

— פאַסירשײַן!

מיט קאַלטער סינע אין די אויגן האָט זיך דער עסעסאָווצע אײַנגעגעסן ניט נאָר אין פאַ־פירל, נאָר אויך אין מיר. דאָס פאַפירל איז אים נאָך ווייניק, ער דאַרף נאָך מיך גוט באַטראַכטן. עס איז גענוג אַ ציטער צו טאָן, דו זאָלסט בא אים אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט. אוועראָוו, זע איך, איז אויך די דאָזיקע שטרענגקײַט ניט געפעלן געוואָרן, נאָר מיטן אָבער־יעפרייטאָר, וואָס האָט מיט גײַוועוע אַרויסגעשטעלט דעם לינקן פוס פאָרויס, רעדט ער מיט האַכנאָע.

ווײַטער גייען מיר שוין מיט זײַטיקע געסעלעך, וואָס באַהאַלטן זיך אין געדיכטן שאָטן פון די ביימער, נאָר אויך דאָ טרעפן מיר אָן אָף אַ פאָליציי, וואָס קלאַפט מיטן גומענעם שטעקן אין אַ פאַרשלאָסענער קאַליטקע. אוועראָוו זאָגט מיר:

— שטענדיק זוכן זיי עמעצן, די היצליעס.

מיר קומט אָפן געדאַנק: „און ווען מיר וועט מיר אויסקומען אַנטלויפן, וויאַזוי וועל איך זיך דורכשמוגלען דורכן צענטער פון דער שטאָט?“

צום וואָקזאַל ציִען זיך לאַסטמאַשינעס, געלאָדענע מיט יונגע קאַרטאָפליעס, מעבל. אין איינעם אַ קוזאָוו שטייען עטלעכע אויסגעמאָגערטע בעהיימעס.

שוין העכער אַ יאָר, ווי עס באַלעבאַטעווען דאָ די היטלעראָווצעס, און פונקט ווי עס וואָלטן נאָך געברענט די ערשטע אונטערגעקלאַפטע טאַנקען און עס וואָלטן זיך נאָך גערייכערט די וואָראָנקעס, האַלטן זיי אין איין אַרויספירן אונדזער גוטס. שלעפן אַלץ, וואָס עס קאָן זיי צוניץ קומען.

צו אַ טויבער ציגלנער וואַנט פון אַן אײַנגעוואַלגערט הויז, וווּ די טרעפ זײַנען שוין פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז, איז צוגעקלעפט אַ פלאַקאַט, אָף וועלכן עס איז אָנגעמאָלט אַ פויער מיט לאַנגע וואָנצעס, אין אַן אויסגענייט ווײַסרוסיש העמד. אויב גלייבן דעם אופשריפט פונעם פלאַקאַט, איז בא דער נײַער דײַטשישער אָרדענונג דער פויער לעבעדיקערהייט אַרײַנגעפאַלן גלײַך אין גאַניידן אַרײַן.

פון קאַזימיר וולאַדימיראָוויטשן דערוויס איך זיך, אַז היטלער האָט דורך אַ ספּעציִעלן באַ־פעל אָפגעשאַפן די קאָלווירטן און צוגעזאָגט צעטיילן די פויערים די ערד. נאָר עס איז געשען אַזוינס, וואָס די פריצן קאָנען ניט פאַרשטיין, — זיי האָט מען דאָך אײַנגערעדט, אַז אין די קאָלווירטן האָט מען די פויערים פאַרטריבן מיט גוואַלד, און עס לאָזט זיך גאָר אויס, אַז אין די דערפער זאָגט מען זיך אָפ פון היטלערס „מאַטאָנע“. קראַמעצ זאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווײַל די פויערים האָבן מוירע פאַר די פאַרטיזאַנער.

— און ווי קלערט איר? — פרעג איך בא אוועראָוון, כאָטש איך ווייס, אַז אים קיין פינגער אין מויל טאָר מען ניט אַרײַנלייגן.

— פון פיל קלערן קאָן מען גיך אַלט ווערן.

— גענוג, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש. מע זאָגט אײַך פיש, ענטפערט איר פעטרישקע. איר ווייסט דאָך, אַז פיפין לײַגט. מיר מיט אײַך זײַנען דאָ אויג־אָף־אויג, איז צוליב וואָס מאַכן מיר זיך נאַריש?

— וואָס זשע מיינסטו, אַז מע שנײַדט אָן פעטרישקע און מע באשיט מיט איר די אוכא פון פריש־צאַפלדיקע פיש, באקומט זיך טאקע ניט קיין שלעכט מײַכל. פארגעס ניט, אַז די פאַר־טיזאנער האָבן געוווער.

— נו, און ווער זײַנען זיי אליין, די פארטיזאנער?

— בא מיר אין צימער ליגן דײַטשישע פלוגבלעטלעך, איז אויב דיך אינטערעסירט עס אזוי, קאָנסטו זיי איבערלייענען. דאָרט שטייט געשריבן, אַז די וואלד־באנדיטן זײַנען קאָמוניסטן און ייִדן. נאָר געגויער, מיין איך, וועט דיר דערציילן איוואן כראָמאָוו. ער ווייסט דאָך, ווער עס האָט אין אים געשאָסן. אָט אין יענעם מויער געפינט זיך דער דײַטשישער לאזארעט.

מיר לאָזן זיך אראָפ אָף שטיינערנע טרעפ. וואָס ווײַטער, ווערט אלץ טינקעלער.

אין דער נאָז טוט א זעץ א זיסלעך־איבערגעפוילטער איבלדיקער רייעך — א געמיש פון אייטער, הייל־פארב און עפיר. אין קאָרידאָר הערט מען, ווי אייניקע כאלאָים פלאפלען. אנדערע כריפען און הוסטן. אוועראָוו האָט מיך צוגעפירט צו עפעס א טיר, און אליין איז ער ערגעץ פארשוווּנדן. די שוועל בין איך אריבערגעטראָטן, נאָר ווײַטער זע איך ניט, ווו א פוס אוועקצושטעלן.

— כראָמאָוו, ווו ביסטו? — שרײַ איך ארײַן אין דער פינצטערניש.

איך דערהער, ווי עמעצער קרעכצט, כאָרכלט, זידלט זיך מיט א פארלעגערט קאָל. סאָפ־קאָלסאָף קלײַב איך פאנאנדער עטלעכע באזונדערע ווערטער:

— די פינגער, פארוואָס טוען מיר אזוי ווי די פינגער פון די פיס?

לאָזט זיך אויס, אַז אפילע אהער, אין דער פארקלעמטער טונקלעניש, רײַסט זיך אויך ארײַן א ביסעלע שײַן. א שמאָלער שטראל, א דורכגעזאפטער מיט אָן א שיר פילפארביקע שטויבע־לעך, וואָס שעמערירן ווי לעבעדיקע, האָט זיך דורכגעשמוגלט דורך די צוויי שײַבעלעך, וואָס זײַנען דאָ קימאַט סאמע אונטער דער סטעליע. אָט באווײַזט זיך דאָס שטראלכל, עס באווײַזט קוים באשײַנען א שטיקל פון דער אנטקעגנדיקער וואנט, און אָט פארשווינדט עס.

איצט זע איך שוין, אַז עס שטייען דאָ דרײַ בעטלעך. איינס איז פוסט, נאָר די קישן איז צעקנייטשט, ווי עמעצער וואָלט נאָרוואָס אָנגעשפאָרט אָף איר דעם קאָפ. דער קראנקער, וואָס ליגט אנטקעגן, זידלט עמעצן און פרווט זיך אנטלויפן. ער איז אָבער צוגעבונדן מיט ברייטע רימענס צום בעטל. אין אנדערן ווינקל ליגט נאָך עמעצער. דעם קאָפ האלט ער אונטער דער קאָלדרע. איך לאָז זיך אהין.

— איוואן, דאָס ביסטו? — טו איך אים א טאָרקע.

— הא? זדראָווא! כ׳האָב איבערגעדעקט דעם קאָפ, אבי פארהלושען דאָס וואָיען פון אָט דעם מעשוגענעם הונט.

— שטילער. דער קראנקער שלאָפט ניט. ער האָט זיך נאָרוואָס געקלאָגט, אַז אים טוען ווי די פינגער פון די פיס.

— זײַנע פיס וואלגערן זיך שוין אין מיסטקאסטן. מע האָט זיי אים אָפגעשניטן, נאָר ער ווייסט נאָך דערפון ניט. איך וועל אים דער ערשטער אָנזאָגן די בסורע.

איך פארמאַך די טיר, דערנאָך זעץ איך זיך צו אָף כראָמאָווס בעטל און פרעג שטילערהייט:

— פארוואָס ביסטו אזוי אין קאס אָף אים?

— קוק זיך צו אים בעסער צו. דערקענסט? דאָס איז מאָראָזאָוו, פון מיראָנאָווס קאָמפאניע. ער האָט דערשאָסן פאוולען. די גאנצע צײַט איז ער צוגעשטאנען צו פאוולען ווי א קלעק, אַז ער שיסט ניט אין די פארטיזאנער, נאָר העכער די צווײַגן. און אין דרײַ טעג ארום, ווען אין געציילטע עטלעכע מעטער פון וואלד האָט פאוועל אוועקגעוואָרפן דעם וועלאָסיפעד און געלאָזט זיך לויפן, האָט אָט דער הונט אָנגעצילט זיך און אוועקגעלייגט אים אָפן אָרט.

מאָראָזאָוון איז טאקע ניט צו דערקענען. אונטער דער קאָלדרע סטארטשעט א פארבאנדא־זשירטער ברייטביינערדיקער גוף, ווי א קלאָץ. דער קאָפ איז אומגעהייער גרויס, דאָס פאָנעם געשוואָלן. איך קער זיך ווידער אויס צו כראָמאָוון און פרעג אים אָפן אויער:

— ווי זײַנען דײַנע געשעפטן, וואניע?

— ערגער קאָן שוין ניט זײַן.

— מיר האָט קראמעץ געזאָגט, אַז דו וועסט אינגיכן געזונט ווערן.

— ניט וועגן דעם רייד איך.

— איז וועגן וואָס?

— איך האָב אזוי געשריִען צו די פארטיזאנער: „ברידער, שיסט ניט!“, אַז זיי האָבן בא־דארפט געווען דערהערן, און דאָך...

— זיי זײַנען אָפגעטראָטן?

— פאַרשטייסט, די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געפונען אין א קליין וועלדל, וואָס טיילט פאַנאַנדער צוויי ניט קיין גרויסע דערפער. פון דאָרט זײַנען זיי מאמעש פאר געציילטע מינוטן איבערגעגאַן אין א געדיכטן וואַלד־מאַסיוו, און גיי זוך זיי.

— עמעצער האָט א פאַרדאַכט, אַז דו האָסט געוואָלט צו זיי איבערלויפן?

— איך מיין, אַז ניין. איך בין אומגעפאַלן, זיך צוגעדריקט צו דער ערד, נאָך איידער די קויל האָט אין מיר געטראָפן, און דער, וואָס האָט מיך געבראַכט צוריק אין דאָרף, האָט, דאַכט זיך, אַליין געזוכט דעם וועג אין וואַלד אַרײַן. — כראַמאָוו האָט אַרופגעלייגט די האַנט צו מיר אַף דער קני. — וואָס האַלטסטו זיך אין איין אַרומקוקן? קיינער דאַרף אונדז דאָ ניט האָבן. פון די דײַטשן איז שוין אָפּגערעדט, נאָר אויך אונדזערע פּרויען, די אופּראַמערנס, באַהאַלטן ניט אויס זייער סינע צו די פּאַרעטער. מאַראַזאָוו האָט נעכטן בא איינער א פרעג געטאָן: „מיר מיט דיר גלייבן דאָך אין איין גאָט, איז וואָס קוקסטו אַף מיר אַזוי בייז?“ ווייסטו, וואָס זי האָט אים געענטפערט: „גאָט איז אין הימל, און דו ביסט אַף דער ערד. מײַנע צוויי ברידער זײַנען אַפן פראָנט, איז ווי ווילסטו, זאָל איך אַף דיר קוקן?“

— דו וואָלסט באַדאַרפט איר געבן אָנצוהערן, ווער מאַראַזאָוו איז.

— הײַנט האָב איך עס געטאָן, האָט זי מיר געזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך וועלן קלאָגן אַף איר, איז וועט ער עס שוין מוזן טאָן אַף יענער־וועלט.

איך האָב דערציילט כראַמאָוון וועגן מײַן נעכטיקן שמועס מיטן מאַיאָר. נאָר ווי איך האָב זיך ניט באַמיט אים אויסמאָלן, האָט כראַמאָוו זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן, ווער דער פיאָדאָר טאַראַסאָוויטש איז. דערפאַר אָבער האָב איך זיך גענוי דערוווּסט אַן אַנדער געשיכטע — וועגן סאָלדאַט, וועלכן פיאָדאָר טאַראַסאָוויטש האָט געהאַט דערמאָנט.

מיט א צײַט צוריק האָבן די פּאַרעטער געמאַכט א זאַסאַדע אַף א דאָרפישן צווינטער. וואַרטן איז זיי אויסגעקומען זייער לאַנג, און אומזיסט. ניט אַנדערש ווי עמעצער האָט געוואָרנט די פּאַרטיזאַנער און קיינער פון זיי האָט זיך אַפן וועג ניט באַוויזן.

פאַרטאָג האָט איין סאָלדאַט געזאָגט צום צווייטן:

— טיאַבליקאָוו, דאָ, אַפן צווינטער, ליגט באַגראָבן דײַנער א טיאָזקע, אויך א טיאַבליקאָוו. איז עפשער ווילסטו א קוק טאָן אַף זײַן קייווער?

אַניסים טיאַבליקאָוון איז, ווײַזט אויס, געווען גוט אָנגעזאָלעט אַפן האַרצן, האָט ער בייז אָפּגעשיקט זײַן כאַווער אין די ווײַטע מעקוימעס... ווען די זאַסאַדע איז אָפּגעשאַפן געוואָרן און דער ראָטנע האָט באַפוילן זיך לאָזן צוריק אין דאָרף, איז טיאַבליקאָוו אָן א דערלויבעניש אַרויס פון דער ריי און אַפּגיך גענומען שפּאַנען צום צווינטער. קיינער האָט אים ניט געניט זיך אומקערן צוריק, נאָר דער קאָמאַנדיר פון זײַן וזוואָד האָט באַקומען א באַפעל נאָכשפּירן טיאַבליקאָוון.

אַניסים האָט אַזוי לאַנג געבלאָנקעט צווישן די קוואָרים, ביז ער האָט אָנגעטראָפן אַפן אָרט, וווּ עס האָט זיך געוואַלגערט א צעבראָכענע מאַציוווע מיט א שטערן, וואָס עמעצער האָט מיט ליבע אויסגעשניטן פון האָלץ. דער קייווער איז געווען צעטראָטן, די פעלד־בלומען צעטאָפּטשעט. אינעם גראָז האָט ער געפונען א ברעטל, אַף וועלכן ס'זײַנען געווען אויסגעשניצט די ווערטער: „אייביקער רום דעם פאָלקס־נעקאָמענעמער, דעם יינגערן לייטענאַנט סאַווא טיאַבליקאָוו. העלדיש אומגעקומען אין קאַמף קעגן די דײַטשישע אָקופּאַנטן. 1916—1942“.

אָט דאָס ברעטל האָט ער, ווי ער זאָל זײַן א קורצזיכטיקער, צוגעטראָגן נאָענט צו די אויגן, עס דורכגעלייענט איין מאָל און א צווייט מאָל. דערנאָך האָט ער צעשפּיליעט דעם ברעזענטענעם טשעכאָל, אַרויסגענומען דעם סאָלדאַטישן זאַסטופּ און גענומען פאַנאַנדערשיטן די ערד פונעם קייווער.

— מאַך זיך ניט נאַריש, — האָט א געשריי געטאָן דער וזוואָדנע, וואָס איז שטיל געשטאַנען אונטער א געדיכטן בוים. — דו ווייסט, וויפל טיאַבליקאָווס עס זײַנען פאַראַן אין רוסלאַנד? פונוואַנען, יעוודאָקימיטש, ביסטו?

— פון מיטל־אַזיע.

— און אָט דער טיאַבליקאָוו איז גאָר א היגער. ער האָט געדינט אין דער מיליציע. איצט פאַרשטייסטו שוין, אַז דו זוכסט דעם פאַראַיאָריקן שניי.

— פונוואַנען ווייסט איר עס?

— דאָס, זעסטו, איז שוין מײַן זאַך. קום, אַניט וועלן מיר פאַרשפּעטיקן צום פרישטיק. דו האָסט געמיינט, אַז ס'איז דײַנער א ברודער? ער איז דען געווען א קאָמאַנדיר?

— איצט פאַרשטיי איך שוין, אַז דאָס איז ניט ער. אַפן פראָנט האָב איך באַקומען פון דער מאַמען א בריוו, זי האָט געשריבן, אַז דער ברודער אַרבעט אַלס טראַקטאָריסט. ער האָט

אין דער אַרמיי קיינמאָל ניט געדינט. דער טאַטע איז יונגערהייט געשטאָרבן, האָט מען אים, דעם עלטסטן, אַף קיין מיליטער־דינסט ניט גענומען.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אַניסים האָט אָפּגענאַרט דעם ווזוואָדנע. ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, וואָס צו טאָן. שטילערהייט האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגן בײַ די דאָרפישע אײַנוווינער וועגן דעם אומגעקומענעם פּאַרטיזאַן טיאַבליקאָוו. נאָר רייד צום לאָמפּ. די דאָרפסלײַט האָבן פאַרטרויט די רוסיש־ריידנדיקע היטלעראָווצעס נאָך ווייניקער פון די דײַטשן. אַף אַלע פראַגן האָבן זיי געהאַט איין ענטפער: „ניע וויעדאיעם"[1].

אַ פּאָליצײַ פון שכיינעסדיקן גאַרניזאָן האָט אָנגעוויזן טיאַבליקאָוון אַף אַן אָפּגעבערענט הויז, ווו די דײַטשן האָבן דערשאָסן דעם פּאַרטיזאַן סאַווואַ טיאַבליקאָוו. אין דאָרף זײַנען דעמאָלט געווען דרײַ פּאַרטיזאַנישע אויסשפּירער, צווייען פון זיי האָט זיך אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן. דעם דריטן, זייער קאָמאַנדיר, האָט מען פאַרווונדעט אין דער פּלייצע. זיי האָבן אים געוואָלט נעמען אַ לעבעדיקן, נאָר גיי פּרוּוו, אַז שיסן שיסט ער, ווי אַ טײַוול, און מיט יעדער קויל לייגט ער עמעצן אַוועק. האָבן זיי אים דורכגעשטעפּט מיט אַ האַנט־קוילנוואַרפער.

דער זעלבער פּאָליצײַ האָט דערציילט אַניסימען, אַז דאָס הויז האָבן די דײַטשן דערנאָך פאַרברענט, די פרוי מיט איר טעכטערל — דאָ טאַקע אין הויף דערשאָסן, און פון דער מישפּאָכע איז אין דאָרף פאַרבליבן איין טויבע אַלטיטשקע, וואָס וווינט איצט בײַ אירע קרויווים אין דער עקסטער שטוב. זי האָט נאָך צוויי זין, נאָר יענע זײַנען שוין פון לאַנג בײַ די פּאַרטיזאַנער.

אַניסים איז אַוועק צו דער אַלטער. ער האָט גערעדט מיט איר מיט גוטן און מיט בייזן, נאָר זי האָט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן געטײַנעט איינס: קיינעם פון די פּאַרטיזאַנער האָט זי ניט געקענט און וויל ניט קענען. צי טרעפט, אַז זיי קומען אין דאָרף? יאָ, עס טרעפט, נאָר זי פאַרקלײַבט זיך דעמאָלט אַפן אויוון און האָט אַפילע מוירע אָן אָטעם צו טאָן.

טיאַבליקאָוו האָט זיך שוין געקליבן אַוועקגיין מיט גאָרניט, נאָר די אַלטע האָט אים פּלוצעם צוריקגערופן:

— זאָג מיר נאָר, סאָקאָליק, וואָס מאָזאָליעסטו אומזיסט די צונג, וואָס גייט דיר אַזוי אָן דער פרעמדער קייוועך?

— מײַן פאַמיליע איז אויך טיאַבליקאָוו, און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס האָט מען אומגעבראַכט מײַן ברודער.

— דו זאָלסט זיך אַפילע איבערצײַלעמען, וועל איך דיר אויך ניט גלייבן. דער אומגעקומענער, האָט מען דערציילט, איז פון גאָר ווײַט, נאָך ווײַטער פון טאַשקענט.

— ער! — האָט אַניסים אויסגעשריגן.

איצט איז שוין די אַלטע צו אים צוגעשטאַנען:

— אַף וויסטע וועלדער, אַף פּוסטע פעלדער! דאָס לעבן שטראָפט די, וואָס גייען ניט מיט קיין גלײַכן וועג. און דו האָסט שוין ניט פון וועמען כויזעק צו מאַכן, נאָר פון מיר, אַ וויסטער זקיינע, וואָס דערלעבט אירע לעצטע טעג. אַנו, זאָג מיר, וועלכע אויגן זײַנען געווען בײַ דײַן ברודער?

— אַזעלכע ווי בײַ קיינעם ניט. איין אויג — אַ ליכטיק־בלויס, דאָס אַנדערע — אַ קאַרע, קימאַט אַ שוואַרצס.

— יאָ, דאָס איז ער. אויב דו נאַרסט מיך ניט און דו ביסט אַף אַן עמעס זײַן ברודער, איז וויין, ווײַל איך האָב שוין אַלע טרערן אויסגעוויינט. גיי נאָכאַמאָל אַפן בעסוילעם, וועסטו זען, אַז באַנאַנד מיט אים ליגט באַגראָבן מײַן טאָכטער און מײַן אייניקל. גאָט מײַנער, ווי גאַליע און סאַווע האָבן זיך ליב געהאַט! קינדער בלײַבן קינדער. זיי האָבן געמיינט, אַז איך, די אַלטע, הער ניט, שטויס זיך אַפילע גאָרנישט ניט אָן. איך האָב געוווּסט, אַז זיי האָבן זיך צונויפגערעדט נאָך דער מילכאָמע כאַסענע האָבן און פאָרן צו זײַנע עלטערן צוגאַסט. זיי האָבן ניט געוווּסט, אַז בײַ אַ טויבער מאַמען זײַנען די אויערן אין די שפּיץ פינגער. איך ווייס ניט פאַר־וואָס, נאָר איך האָב פון ערשטן טאָג אָן געפילט, אַז עס וועט געשען אַן אומגליק. די צונג האָט מיך ניט געפאָלגט, און איך האָב זיי גאָרנישט ניט געזאָגט, מיר האָט זיך ניט געוואָלט זיי שרעקן.

סאַווע פלעגט צווישן נאַכט און טאָג זיך אָפּט אופהאַלטן בײַ אונדז אין שטוב, און איך פלעג אַרויסגיין אין הויף און מיט די טויבע אויערן אײַנהערן זיך. ווילסטו — גלייב, ווילסטו — גלייב ניט, נאָר פון וואָס ווײַטער און שטילער דער פרעמדער שאָרך האָט זיך דערטראָגן, אַלץ גיכער פלעג איך אים דערהערן. וויינסט? וויין, וויין! דו כידעש זיך ניט, וואָס איך פּלאַפּל אַזויפיל. איך

[1] מיר ווייסן ניט.

האָב שוין אזוי לאנג מיט קיינעם ניט גערעדט. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אז איר, באנדיטן, קלײַבט זיך ארײַנקומען אין דאָרף, האָב איך אלעמען ארויסגעטריבן פון דער שטוב אין וואלד. סאָווען, וואָס איז געגאנגען מיט א גלײַכן וועג, וואָלט איך מיסטאָם געווען ניט קיין שלעכטע שוויגער, נאָר פאר דיר טאָר מען זיך ניט ארויסכאַפּן מיט קיין איבעריק וואָרט. דו ביסט ווי א פרעמדער לעפל, וואָס רײַסט דאָס מויל. ווײ איז מיר, ווײ איז מיר, נאָר דײַן מאמען איז ניט גרינגער — זי איז שוין געפּרוּווט געוואָרן צו דעם, וואָס מע קאָן ניט געווינט ווערן. וויש אויס, באנדיט, דײַנע ציבעלע־טרערן און גײ פונדאנען. גײ, נאָר פארטאָפּטשע כאָטש ניט די בלימעלעך אף די קוואָרים. גאליע האָט זי זייער ליב געהאט. איז טו מיר כאָטש דאָס צוליב און טשעפּע ניט די ראָמאשקעס.

א דערשיטערטער האָט טיאבליקאָוו ארומגעבלאָנקעט דעם גאנצן טאָג, און אין אָוונט איז ער געקומען צו זײַן ווזוואָדנע און זיך דאָרט דערשאָסן.

— דו ווייסט, — זאָג איך צו כראָמאָוון, — איך האָב ערגעץ געלייענט אָדער געהערט, אז קעדיי אָפּטאָן דעם סוינע אפּצולאָכעס, איז בא די יאפּאָנער סאמורײַען געווען א מין מינהעג קומען צום הויז, ווו עס האָט געווינט דער גרעסטער פײַנט זייערער, און בא יענעמס שוועל זיך איבערשעכטן דעם גאָרגל אָדער זיך ארײַנשטעכן א מעסער אין הארצן. דײַן טיאבליקאָוו האָט אויך אזוי אָפּגעטאָן.

— ער איז מײַנער, ווי דײַנער, נאָר עס איז בא מיר געווען א מאָמענט, ווען אויך איך האָב שיר ניט געמאכט די כאראקירי „דעם סוינע אפּצולאָכעס“. עמעס, עמעצן פון זיי וואָלט איך זיכער מיטגענומען מיט זיך, נאָר וועגן דעם וועלן מיר מער ניט ריידן. זאָג, דו זעסט פאר מיר אן אנדער אויסוועג?

— געוויס! מיר מיט דיר וועלן אָפּציִען צוזאמען, און דאפקע דורך די זעלבע דערפער, ווו דו ביסט ניט לאנג געווען.

— איצט וועלן מיך די פארטיזאנער שוין זיכער אופהענגען.

— ניט עמעס. הער, וואניע, איך האלט דיך פאר א פרײַנט, נאָר ביז א צײַט באהאלט איך אויס פון דיר א סאָד. פרעג בא מיר גאָרניט, נאָר ווייס, אז מיר וועט מען גלייבן און איך בין גרייט פאר דיר גאראנטירן מיט מײַן אייגענעם קאָפּ. און נאָך וויל איך דיר זאָגן, אז ס'איז שוין גלײַכער א שלייף אפן האלדז, איידער דינען דעם סוינע.

אין כראָמאָווס בליק האָב איך אויסגעלייענט, אז ער האָט שוין אלץ באשלאָסן, אז ער איז מאסקים. דאן האָב איך פארגעזעצט:

— קיין פאָרזיכטיקײַט דארף איך דיך ניט לערנען. דו דארפסט זיך דערוויסן, צי קאָן אונדז ניט העלפן די אופראמערן, דאָס מיידל, וואָס ארבעט בא אײַך. און נאָך דארפסטו זען וואָס גיכער זיך באפרײַען פון די קוליִעס.

עס האָט זיך צעעפנט די טיר. אף א הויכער קאטאלקע האָט מען ארײַנגעפירט אן אײַנגעטונקענעם אין שווייס און אין בלוט דעם דריטן קראנקן פון דער פאלאטע. צוזאמען מיט מאָראָזאָוון איז ער געפאָרן אף א לאסטמאשין, וואָס האָט זיך אופגעריסן אף א פארטיזאנישער מינע. אים האָט א שפּליטער געטראָפן אין בויך, די אָפּעראציע האָט געדויערט העכער צוויי שאָ. די סאניטארן, וואָס האָבן אים געבראכט אהער אף דער קאטאלקע, האָבן צווישן זיך געשמועסט, אז דער נארקאָז האָט אים ניט גענומען, ווײַל זײַן אָרגאניזם איז אָפּגעסאמט פון אלקאָהאָל. ביז אהער האָב איך וועגן אזעלכע פאלן ניט געהערט, נאָר ווער ווייסט, עפשער איז עס עמעס.

— א טרונק, — האָט ער, צומאכנדיק די אויגן, געבעטן, — איר זײַט דאָך מענטשן. א ביסל וואסער.

„זעסט, — האָב איך א קלער געטאָן, — אפילע אזא צאצע אפּעלירט אויך צום געוויסן“.

— מאמע, טײַערע, — האָט ער, ווארגנדיק זיך, געכליפּעט, — כאָטש א טראָפּן וואסער!

אין פאלאטע בין איך איצט דער אײנציקער, וואָס וואָלט אים געקאָנט העלפן — אײַנעצן די צונג און די איבערגעטריקנטע ליפּן. אָבער צוויי געפילן אמפּערן זיך אין מיר. איז וועלכער וועט איבערוועגן? פארשטייט זיך, אז אפן פראָנט וואָלט איך אין אזא טיפּ געשאָסן. נו, און מיט וואָס איז דאָ ניט קיין פראָנט? זיצנדיק אף דער לאסטמאשין, האָט ער דאָך געשאָסן אין די פארטיזאנער. נו, און מיר וואָלט ער געהאָלפן? ניין. פארשטייט זיך, אז ניין. איז וואָס זשע קאָן איך ניט אײַנזיצן אף כראָמאָווס בעטל? פארוואָס זשע שפּאן איך אזוי אומרויִק פון איין וואנט צו דער צווייטער? וואָס וואָלט אין אזא פאל געטאָן פעדיע פימענאָוו, דער דאָקטער אלעקסאנדער איוואנאָוויטש זארינקין? זיי זײַנען דאָ ניטאָ, און דער קראנקער פאָכעט מיט דער נעשאָמע — ער קײַט די אויסגעטריקנטע צונג, דרייט מיטן קאָפּ... בין איך דאָך ניט מער ווי א מענטש און אפן ארבל טראָג איך א בענדל מיט א רויטן קרייץ, כאַפּ איך דאָס מענזורקעלע מיט

װאַסער, גיב אַ גאָס אַפּן עק פון האַנטעך און, ניט אַרײַנקוקנדיק אין דעם קראַנקנס אופגערי־
סענע אויגן, טו איך אַ וויש זײַנע הייסע ליפּן.

כראָמאָוו, וואָס האָט די גאַנצע צײַט נאָכגעשפּירט נאָך מיר, דרייט זיך אויס צו מיר מיט
דער פּלייצע, און איך דערהער זײַן קאָל:

— מיינסט, אַז איך וואָלט ניט געטאָן אַזוי?

ווען איך נעם זיך אַ צווייט מאָל פאַרן האַנטעך, באַווײַזט זיך אין פּאַלאַטע אַנאַטאָלי לעאָני־
דאָוויטש. ער ציט אַראָפּ די דינע גומענע הענטשקעס פון די הענט, כאַפּט אַ קוק אַפּן קראַנקן,
לאָזט זיך אויס, אַז ניט קיין דײַטשישע דאָקטוירים, נאָר ער אײנער אַליין אָפּערירט די „פּרײַװוי־
ליקע". ער טאַפּט באַם קראַנקן דעם פּולס, און צו מיר זאָגט ער:

— גוט טוסטו. מיר, רוסישע, דאַרפן העלפן איינער דעם צווייטן.

„מיר, רוסישע"... ס'איז געווען אַ צײַט, ווען ער האָט געמיינט, אַז ווײַל בא אים איז, ווי
בא אַן אַריִער, אַ לענגלעכער שאַרבן, העלע אויגן, וועט מען אים אוועקזעצן בא איין טיש מיט
די דײַטשישע אָפיצערן. דעמלט איז ער אָן שום צווייפל גרייט געווען צו פאַרגעסן, ווער ער
איז. איך געדענק נאָך גוט, מיט וואָס פאַר אַ גײַוווע ער פלעגט טראָגן דאָס דײַטשישע היטל
אַפּן קאָפּ. אָבער וואָס עמעס איז עמעס — אויב דער אויסוווּרף קראַמעץ איז ביז איצט פאַר־
בליבן אַזאַ ווי ער איז געווען, האָט זײַן פאַרטרעטער אַנאַטאָלי לעאָנידאָוויטש מיט יעדן טאָג
זיך געביטן. איך האָב עס באַמערקט נאָך פאַר דעם, ווי ער האָט אין קאַרלס אָנוועזנהײַט גע־
פּרוּווט פאַרטיידיקן זאַבאַרען. אויב צוזאַמען מיטן סייכל וועט זיך בא אים אומקערן דער געוויסן,
איז קאָן נאָך פון אים עפּשער זײַן אַ לײַט.

פריִער פלעגט אַנאַטאָלי לעאָנידאָוויטש קיינמאָל ניט ענטפערן אַף מײַן באַגריסונג, און
הײַנט רעדט ער מיט מיר, ווי איך וואָלט אַף אַן עמעס געווען זײַנער אַ קאָלעגע.

— דער, — זאָגט ער, שאַרף זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, און שאָקלט מיטן קאָפּ,
ווי אַ לעווײַע־פערד, — דער קאָן זיך נאָך עפּשער אַרויסדראַפּען, נאָר מיט מאַראַזאָוון האַלט
שלעכט. בא אים איז אַ בלוט־אָנצינדונג. איך האָב געבעטן, אַז מע זאָל מיר דערלויבן אים
אָפּערירן, ווי נאָר מע האָט אים געבראַכט אַהער. האָט מען מיר געענטפערט, אַז דער אָפּעראַ־
ציע־זאַל איז פאַרנומען. און הײַנט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דרײַ טעג האָט מען ביכלאַל
קיינעם ניט אָפּערירט.

בא כראָמאָווס בעטל האָט דער דאָקטער זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער. ער האָט אים
שטאַרק געלויבט, כראָמאָוון: „אָט דאָס הייסט רוסישע אויסגעהאַלטנקײַט! בייס דער אָפּעראַציע
האָט ער אַפילע קיין פּיפּס ניט געטאָן". איצט האָט ער צוגעזאָגט כראָמאָוון גאָר אײַנגיכן אים
איבערפירן צו זיך אין לאַזאַרעט.

מאָדנע זאַכן קומען פאָר אַף דער וועלט. אַ מענטש שטרײַכט אַלעמאָל אונטער, אַז ער איז
אַ רוסישער, און אַליין דינט ער דעם סאַמע גרעסטן סוינע פון זײַן פאָלק.

צוגאַסט בא פרײַנט

ניט איך אַליין האָב עס באַמערקט, ווי אוועראָוו סטאַרעט זיך, אַז קראַמעץ זאָל אים וואָס
אָפּטער שיקן אין שטאָט אַרײַן. צו וועמען עס ציט אים אַזוי, האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט
געוווּסט, נאָר ווען ער האָט מיך ווידער געפירט אין דײַטשישן לאַזאַרעט, האָט ער אָנערקענט,
אַז ער טוט עס נאָר דערפאַר, ווײַל אַנדערש וואָלט אים דער הויפּט־דאָקטער ניט אָפּגעלאָזט
אין שטאָט אַרײַן.

איוואַן כראָמאָווס שכיינים האָבן שוין באַוויזן זיך איבערקלײַבן אַף יענער־וועלט, און
זייערע בעטלעך האָבן איצט פאַרנומען אַנדערע קראַנקע. סוידען זיך דאָ האָבן מיר שוין מער
ניט געקאָנט, און דאָך האָט איוואַן מיר מיטגעטיילט, אַז די אופראַמערן האָט אים צוגעזאָגט
באַקאַנען מיט אירער אַ כאַווערטע, אַ געוועזענע פּיִאָנער־אָנפירערן, וואָס אַרבעט איצט אין
דײַטשישן „זאָלדאַטן־היים".

וואַניע האָט מיך ווידער אָנגעהאָדעוועט צו זאַט. פּראָדוקטן האָט ער איבערגענוג. אין
שופלאָד פון זײַן שאַפּקעלע ליגט אַ גוטער צענדליק האַנטזייגערלעך, אַ שפּאַקטיוו און אינסט־
רומענטן פון אַ זייגערמאַכער. קיין געלט פאַר דער אַרבעט האָט כראָמאָוו ניט גענומען, נאָר
פון קיין ברויט, סאַכאַרין זאָגט ער זיך ניט אָפּ.

און אָט שפּאַן איך ווידער איבער די טראָטוארן פון די שוין באַקאַנטע גאַסן. סטאַרע זיך
ניט אָפּשטיין פון אוועראָוון. באַם ראָג, ווו עס שטייט אַ בעטלער מיט אַן אויסגעשטרעקטער
צעקאַליעטשעטער האַנט, פאַרלאַנגזאַמט אוועראָוו די טריט, און ווען מיר זײַנען שוין אין געסל,

שטעלט ער זיך אָפּ און זאָגט מיר מיט א טאָן פון א מענטשן, וואָס האָט אפריִער גוט באקלערט יעדער וואָרט:

— פארשטייסט, אויב קראמעץ וועט מיך דערזען, קאָן ער מיך א רוף טאָן, און איך דארף זיך נאָך ארײַנכאפּן אין איינעם אן אָרט, איז עפּשער וועסטו אָף מיר צוווארטן בא דײַן שוויגער? זי וווינט, דאכט זיך, אין אָט דער שטוב.

א פראגע, צי איך וויל! איך געדענק אָבער, אז עס קאָן זיך מאכן, אז סטעפּע זאָל זײַן דער מענטש, וואָס וועט מיך פארבינדן מיט די פּארטיזאנער, דעריבער דארף איך ניט, עמעצער זאָל וויסן, אז איך בין ווען־ניט־איז איבערגעטראָטן איר שוועל.

— ניין, קאזימיר וולאדימיראָוויטש, אהין וועל איך ניט גיין.

— ביסט פון זינען! פארשטייסט דען ניט, אז אויב עפּעס וואָס, בין איך פאראנטוואָרטלעך פאר דיר. געדענק, אז צו מיר וועסטו נאָך דארפן ניט איין מאָל אָנקומען. אין אָנדערהאלבן שאָ ארום וועל איך נאָך דיר קומען. כ׳וועל אָנקלאפּן אין דער פירטקע. וואָס זשע שטייסטו, ווי א פאראליזירטער? גיי, כ׳וועל דאָ צוווארטן, קעדיי זיך איבערצײַגן, אז מע האָט דיך ארײַנגעלאָזט.

טאָמע האָט מיר אזויפיל דערציילט וועגן זייער הויז, אז מע זאָל מיר אפילע פארבינדן די אויגן, וועל איך אויך גלײַך טרעפן צו זייער טיר. נאָר די קאליטקע איז פון אינוויינִיק פארשלאָסן און מיר קומט אויס לאנג זיך פּאָרקען, ביז איך טאַפּ אָן דעם פארוקער. ווען איך וואָלט אויסגעצויגן די רעכטע האנט, וואָלט זי אָנגערירט די עטלעכע זון־רויזן, וואָס ציִען זיך אין דער הייך. ווי אן אינוויינִיקסטער פארקן זוימען זיי ארום דאָס ביסל קארטאָפל, ציבעלעס, קנאָבל און די דרײַ יונגע נידעריטשקע עפּל־ביימלעך. מיט די פרוכטן פון די ביימלעך האָט מען מיך שוין א פּאָר מאָל מעכאבעד געווען.

אין דעם שכיינעסדיקן הויף, בא די שיטערע שטאכעטן, שטייט א שלעפּעריק־דערשראָקן נעפּעשל מיט א ברייטער צוגעפלעטשטער נאָז. פון זײַן פארשמאָלצעוועט צעריסן העמד קוקן ארויס דארע און בלויע עלנבויגנס. אוואדע וואָלט ער איצט געיאָגט א רייף, געקלעטערט אָף ביימער, נאָר צוליב דעם דארף מען אים פריִער אָנהאָדעווען. גוט וואָלט נאָך געווען אים אָפּשערן, אויסוואשן און אָנטאָן. נאָר מיטאמאָל פארײַסט ער דעם קאָפּ צום הימל און מיט פארזשמורעטע אויגן נעמט ער שרײַען:

— באָטשאָן, באָטשאָן, דײַן שטוב ברענט!

ווען איך בין געווען אין זײַן עלטער, האָבן די פּעטליוראָוצעס פארברענט אונדזער שטוב, נאָר פונקט, ווי ער, האָב איך ווייניק־וואָס פארשטאנען און מיסטאם אויך געשטאנען מיט א פּאריסענעם קאָפּ צום הימל און געשריגן די פארבײַפליענדיקע פייגל:

— באָטשאָן, באָטשאָן, דײַן שטוב ברענט!

מיט דער רייך־צוגעקערטער שמאָלער סטעזשקע לאָז איך זיך צו די הילצערנע טרעפּ. אָנקלאפּנדיק אין דער טיר, פרעג איך:

— מע מעג?

קיינער ענטפערט ניט. איך קוועטש אָן אָף דער קליאמקע, גיי ארײַן אין א קיך, ווו עס שטייט א גרויסער רוסישער אויוון, פון דאָרט — אין א טונקעלן קאָרידאָר, און דאָ פארטשעפּע איך עפּעס מיטן אקסל, וואָס פאלט מיט א טראסק אראָפּ אפן דיל און פארגייט זיך אין א צעצויגענעם קלאנג, גלײַך איך וואָלט צעהוידעט דאָס צינגל פון א קלויסטער־גלאָק.

עס עפנט זיך א טיר, און איך דערזע א צימער, וואָס איז ניט קיין סאך ברייטער פון דעם קאָרידאָר. פון אלע דאלעסדיקע ווינקעלעך באפאלט מיך א נאָענטע היימישקײַט. און מיר, א מענטש, וואָס האָט פון לאנג פארלאָרן די האָפענונג אריבערצוטרעטן א היימישע שוועל, ווילט זיך פון פרייד כאָטש א זיפּץ טאָן.

מיט אויסגעצויגענע צעשפּרייטע הענט, אָף וועלכע עס איז ארומגעוויקלט א הויפן בײַוול, זיצט טאָמע קינדעריש אײַנגעהויקערט אָף א קאסטן, און איר מאמע פלאָנטערט פאנאנדער די ברוינע פאָדעם און וויקלט זיי אָן אין א קנויל. טאָמעס אויגן פינקלען מיט דער שײַן פון דורכגעלויכטענעם פיש־ביין. זי קלאפּט אזוי מיט די באָרוועסע פיס אין דעם געקאָוועטן קאסטן, אז די צעלאָזטע צעפּלעך אירע נעמען זיך טרייסלען. אירע דינע קארעל־רויטע ליפּן צעציִען זיך, און זי נעמט גאדלעסדיק שרײַען אָף קאָל:

— מײַן פעטער איז געקומען! מײַן פעטער איז געקומען!

איר קלענער ברידערל, זשאָרע, ווייסט ניט, צי אויך ער דארף און האָט די רעכט זיך פרייען, קוקט ער פארשעמט מיט זײַנע ליכטיק־ברוינע אויגן אָף דער מאמען און כאזערט איבער מיט א שמייכלענדיק קיינדל בלויז דאָס לעצטע וואָרט:

— געקומען, געקומען!

מער פון אַלֿעמען איז פֿאַרכידעשט סטעפֿע. דעם קנויל בייַוול לייגט זי אוועק אפֿן פּירקאַנ־טיקן טיש, וואָס איז באַדעקט מיט א גראָבן ריין אויסגעוואַשענעם טישטעך, און פֿרעגט מיך:

— איר זייַט אַנטלאָפֿן?

— דערוויילֿ ניט. איך האָב אייַך אָנגעשראָקן?

— דעם עמעס געזאָגט, יאָ, נאָר מיינט ניט, אז מיר וואָלטן אייַך דורכגעטריבן. באַלד וועט טאָמע אַרייַנרופֿן מייַן מאַמען, וועט איר שוין זייַן באַקאַנט קימאַט מיט אונדזער גאַנצער מישפּאָכע.

דער האַלב־אייַנגעבויגענער באָבע מיט די קאַליע אויגן און רויט־אופֿגעלאָפֿענע וויִעס איז שוין אוואַדע מער פֿון זיבעציק, די קנייטשן אף איר געזיכט זייַנען טיפֿע, ווי שראַמען, נאָר זי איז נאָך א זשוואַווע. די אופֿגעלאָפֿענע אָדערן אף אירע הענט, וואָס האָבן דעם קאָליר פֿון דער ערד, אין וועלכער זיי פֿאָרפֿלעכן זיך, זייַנען פֿאַרצווייַגט, ווי וואָרצלען פֿון אַן אַלטן בוים. זי באַגריסט זיך מיט מיר, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, און פֿאַר געציילטע מינוטן דערמאָנט זי אַלע נאָענטע קרויווים, וואָס ווער ווייסט, ווו זיי זייַנען אַצינד, און גלייַך פֿאַרפֿירט זי א געשפּרעך וועגן די צוגעגאַנוועטע ציגן:

— ס'איז נאָך א דאַנק גאָט, וואָס גוטע הענט האָבן אָפּגעפֿירט פֿון אונדז דאָס בייז. בייס אַן אומגליק דערקענט מען אַן עמעסן פֿרייַנט. איז ווילֿ זי, — ווייַזט די אַלטע אָן אף סטעפֿען, — נאָכאַמאָלֿ אויספּרוּוון דאָס מאַזלֿ. זי קלייַבט זיך ווידער שוין אין דאָרף אַרייַן. איך זאָג איר, אז בא זיך אין דער היים איז יעדערער נאָך א שטיקלֿ מענטש.

— מאַמע, גענוג. וואָס פֿאַרקלאָגסטו מיך צו א פֿרעמדן מענטשן?

— איר זעט, — פֿאַרוקט זי די שפּיצן פֿון דער אָפּגעבליאַקעוועטער פֿאַטשיילֿע הינטער די אויערן,— קיין וואָרט קאָן מען מיט איר ניט אויסריידן. דו שרייַ בעסער אָן אף דייַן טאָמען, זי זאָלֿ ניט קריכן אף די הענט צו קיין פֿרעמדן מענטשן. זשאָרע איז דאָך קלענער פֿון איר, און ער שטייט זיך שטילֿ אין א זייַט, אז עס איז א פֿאַרגעניגן צו קוקן אף אים.

אז דער מיזיניק זשאָרע איז דער באָבעס ליבלינג, האָב איך שוין אויך געוווּסט.

טאָמע ווילֿ, אז איך זאָלֿ אויסהערן נאָר זי. איך זאָלֿ מיט קיינעם מער ניט ריידן. מיר איז שווער צו באַשליסן, וואָס האָט דאָס קינד אויסגעטראַכט און וואָס איז אַפּאַנעמעסן געשען. זי רעדט אַזוי גיך, אז זי פֿאַרכלינעט זיך אַזש.

— פּעטער, הא, פּעטער, איינער א דייַטש האָט געמיינט, אז אונדזער זשאָרע איז א ייִד. יאָ, יאָ. אף אַן עמעס. ווען ניט די באָבע, וואָלט ער שוין פֿון לאַנג געווען אין יעלאָוויקע. די באָבע האָט אַזוי געשריגן, אז דאָס גאַנצע געסלֿ איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן. איר זעט, אָט האָב איך עס אים דערמאָנט, וועט ער זיך באַלד צעוויינען.

זשאָרע סאָפּעט טאַקע צו אָפּט מיטן נעזלֿ, נאָר דאָך פֿאַרשטייט ער, אז איצט וועט אים קיי־נער ניט טשעפּען. טאָמען ענטפֿערט ער:

— אַליין וועסטו באַלד וויינען. און דער פּעטער איז ניט דייַנער! באָבע, זאָג איר, זי זאָלֿ זיך אָפּרוקן.

— סטעפֿאַ, — האָט שוין די אַלטע ניט אויסגעהאַלטן, — עפּשער וועסטו סאָפּקאַלסאָף אָנ־פֿאַטשן טאָמען, זי זאָלֿ מער ניט שרעקן דאָס קינד מיט יעלאָוויקי.

סטעפֿע, וואָס פֿאָרעט זיך אין קיך, איז, דאַכט זיך, ניט אף קיין קאַטאָוועס בייז געוואָרן. זי קומט אַרייַן מיט א לאַנגן האַנטעך, וואָס איז צונויפֿגעלייגט אײַנצווייען. די באָבע האָט א דער־שראָקענע אָפּגעשטופּט זשאָרען אין א ווינקלֿ און, ווי א קוואָקע מיט צעשפּרייטע פֿליגלען, זיך א לאָז געטאָן אַנטקעגן איר טאָכטער:

— נו, נו! וואָס ברענסטו אַזוי? גלייַך זאָלסטו אוועקלייגן דעם האַנטעך! טוט נאָר א קוק, ווי עס האָבן זיך בא איר אָנגעצונדן די אויגן! דער טאַטע מיט די ביינער. לאָזט זי נאָר, וועט זי זיי מיימעסן.

איך דערמאָן זיך, וויִאַזוי עס פֿלעגט מיר אָפּפֿאַלן דאָס האַרץ, ווען מייַן מאַמע פֿלעגט זיך נעמען קריגן מיטן טאַטן. גאָר אומגעריכט דערזע איך, ווי סטעפֿעס ליפּן הייבן אָן שמייכלען. און בא אַלעמען ווערט לייַכטער אפֿן האַרצן. נאָר מער פֿאַר אַלעמען איז צופֿרידן די באָבע. די אַלטע, קאָנטיק, איז זיכער, אז זי איינע האָט נאָרוואָס אָפּגעהאַלטן א גרויסן זיג.

— איך זאָג אייַך, מעשוגע קאָן מען פֿון זיי ווערן. מיט צען אויגן קאָן מען זיי ניט אייַנ־היטן, — קלאָגט זיך סטעפֿע, — און אַזוי טאָג־אייַן, טאָג־אויס. ווי נאָר זיי קומען זיך צונויף, ווערט א קריג. טאָמען טרייַב איך אף דער גאַס שפּאַצירן, ווילֿ זי ניט גיין. אים האָב איך מוירע אַרויסלאָזן, ווילֿ ער דאַפֿקע ניט זיצן אין שטוב. — זי הייבט ווידער אוף די מידע הענט מיטן האַנטעך. — שוין זאָלט איר אַנשוויגן ווערן, אַניט וועלֿ איך אייַך...

דאָס מאָל ווייסן אַלע, אַז איר פּאָכען מיטן האַנטעך אינדערלופטן וועט קיינעם ניט שאַטן. מע ווייסט, ווײַל איר גוטן בליק דאַרף מען אויסטײַטשן: לאָמיר זיך איבערבעטן. נאָר די באָבע גיט זיך נאָך אַלץ ניט אונטער, עס געפעלט איר, אַפּאָנעם, דאָס בורטשען:

— האָט איר געזען? ווי עפּעס־וואָס, כאַפּט עס זיך פאַרן האַנטעך. עפּשער האָסטו זיך עס בא מיר אויסגעלערנט?

— ניט אויסגעלערנט, ווײַל אַף דײַן פאַרמעגן האָסטו קיינמאָל קיין האַנטעך ניט פאַרמאָגט, — האָט סטעפע שוין געלאַכט.

דאָס וואָרט „יעלאָוויקי" איז דאָ נאָכאַמאָל דערמאָנט געוואָרן. דאָס מאָל האָט זיך עס צוזאַמען מיט אַ טיפן קרעכץ אַרויסגעריסן פון סטעפעס מויל. לעבן אָט דעם יִשעוו, האָט זי מיר דערציילט, איז געווען אַ טיפער ריוו. דאָרט האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט צוואַנציק טויזנט יִדן. אַף לאַסטמאַשינעס האָט מען זיי אַהין געפירט און פאַרטיעסווײַז דערשאָסן. ווען דער ריוו איז שוין פול געווען, האָט מען אים פאַרשאָטן און אַ שווערער טאַנק האָט פאַרפרעסט די ערד.

די אַלטע ווישט די קאַליע אויגן און זאָגט:

— נאָר דאָ איז דען אַזוי געווען? אַף דער סטאַראָבינער בוינע האָבן זיי באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן זיבן הונדערט יִדן. אין שקלאָוו, האָט מען אונדז דערציילט, האָבן זיי אָפּגעווישט פון דער ערד זעקס טויזנט מענטשן. די קינדער האָט מען דאָרט פאַרגראָבן לעבעדיקערהייט. דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָט זיך דאָרט געוויגט די ערד.

— איר ווייסט, — מישט זיך אַרײַן סטעפע, — בא אייניקע מענטשן איז אַזוי וויסט געוואָרן דאָס האַרץ, אַז זיי האָבן אַפילע געמיינט, אַז די יִדן וועט מען אויסקוילען און אונדז וועלן זיי ניט טשעפּען. איצט פרעגן זיי, מיט וואָס איז אונדז בעסער? די מאַמע האָט צו מיר טײַנעס, פאַרוואָס איך ריזיקיר אַזוי און גיי מיט דער טאָרבע אין דאָרף. לעבן „סווענטים דוכאָם"[1] קאָן מען דאָך ניט, איז וואָס, זאָל איך לאָזן מײַנע קינדער שטאַרבן פון הונגער? אַפילע די, וואָס אַרבעטן בא די דײַטשן, באַקומען הונדערט דרײַסיק גראַם ברויט אַ טאָג. מײַנע אַ באַקאַנטע צאַנקט מאַמעש און קאָן זיך ניט לייגן אין שפּיטאָל — פאַר יעדן מעסלעס דאַרף מען צאָלן צען רובל. כוץ דעם, דאַרף זי נאָך באַצאָלן דעם דאָקטער פאַר דער אָפּעראַציע, דעם אַפּטייקער פאַר די מעדיקאַמענטן.

— און ווי אַזוי לעבט מען אין דאָרף? — טו איך אַ פרעג.

— ווען מע זאָל ניט האַלטן אין איין שיסן, וואָלט מען אין וואַלד געקאָנט געפינען אַ שוואָם, אַ פּאָזעמקע. הײַנט די שטײַערן? מע דאַרף זײַן מיט טויזנט קעפּ, קעדיי זיך אָנשטויסן, וואָס די דײַטשן קאָנען צוקלערן. אין איינעם אַ דאָרף האָט דער אָרטיקער קאָמענדאַנט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז בא וועמען עס איז מער פון איין פענצטער, דער דאַרף אַרײַנטראָגן הונדערט רובל. אין אַן אַנדער אָרט זײַנען אײַנגעשטעלט ספּעציִעלע שטײַערן פאַר האַלטן הינט, קעץ.

מיט די עקן פונעם קאָפּטיכל ווישט די אַלטע די פײַכטע ווינקלען פון מויל, דערנאָך פאַריכט זי דעם טישטעך און נעמט דערציילן:

— וואָס איז דאָ לאַנג צו ברײַען? יעדערער האָט זיך זײַן פּעקל צאָרעס. און דעריקער איז, וואָס מע זעט גאָר ניט קיין סאָף צו דער מילכאָמע. מײַנע אַ שכיינע, זי איז עלטער פון מיר אַף אַ יאָר צען, האָט מיר בעסאָד־סוידעס דערציילט, אַז עס זײַנען פאַראַן צוויי פראָנטן — ניט ווײַט פון סטאַלינגראַד און בא צאַריצין. אַף איינעם שלאָגן אונדזערע די דײַטשן, און אַפן צווייטן פאַרקערט. וואָס שמייכלסטו? — וואַרפט זי אַ בייזן בליק אַף סטעפען, און קערט ווידער אויס דעם קאָפּ צו מיר, — איר ווייסט, ווען מײַן טאָכטער איז געווען אַ באַלעבאָסטע פון וואָלאָסט, האָט זי דאַפקע געהאַט צײַט צו ריידן מיט מיר, און איצט, זינט דער מילכאָמע, היט זי זיך פאַר מיר מיט אַ וואָרט.

— אוי, מאַמע, ווי מע דאַרף מיט דיר זײַן פאָרזיכטיק! שווײַג שוין בעסער. — סטעפע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און גענומען דערציילן: — אין אונדזער קאַנט בין איך, דאַכט זיך, געווען די ערשטע פרוי — אַ פאָרזיצערן פון אַ דאָרפסראַט. דערנאָך האָט מען מיך געשיקט לערנען אין מינסקער קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט. דאָרט טאַקע איז געבוירן געוואָרן מײַן עלטערער זון, עדיק, — סטעפע האָט איבערגעכאַפּט מײַן בליק, — קוקט ניט אַפן וואַנטזייגער. ווען־ניט־ווען האָט ער ליב אַ שטיף צו טאָן, און דו, זשאָרע, לאָז אָפּ דער באָבעס פאַרטעך.

— איר האָט ניט מוירע, אַז עמעצער זאָל אײַך מאַסערן?

— איז וואָס קאָן איך טאָן? דאָ, אין שטאָט, ווייסט מען ווייניקער וועגן דעם. אַף דער

---

[1] מיטן הייליקן גײַסט (פּויליש).

שכיינעסדיקער גאס ווינט א געווענער באַלעגוף, אים גייט איצט אויך דורך טיר און דורך טויער, נאָר גראָד פאַר אים האָב איך ניט וואָס מוירע צו האָבן. זײַן איינציקער זון, א שאָפער, איז פון די ערשטע אוועק צו די פאַרטיזאַנער. דאָ איז אויך פאַראַן א לערערן פון אונדזער דאָרף, נאָר איר גלייב איך פונקט ווי זיך אַליין. אָט, זעט איר, ווען איך קום אין דאָרף, ציטער איך. אין גאָרניזאָן האָבן זיך באַוויזן עטלעכע אויסוואָרפן, וואָס דינען אין פּאָליציי, נאָר איך קלער, אז זיי געדענקען מיך ניט.

סטעפען פאַרטרוי איך, ווי מע קאָן נאָר פאַרטרויען א ביז גאָר נאָענטן מענטשן, נאָר אויב מיר וועט זיך אײַנגעבן אַנטלויפן אָן איר הילף, וועל איך זי אפילו ניט וואָרענען וועגן דעם. אַזוי וועט פאַר איר זײַן זיכערער. און דאָך פרעג איך בא איר:

— סטעפאַניאַ אַנטאָנאָווּנאַ, וואָס טוט מען?

מײַן פראַגע פאַרכידעשט זי ניט. זי פאַרשטייט זייער גוט, וואָס עס קימערט מיך.

— ענטפערן אײַך איז מיר אי לײַכט, אי שווער. לײַכט, ווײַל אָן אויסוועג איז פאַראַן בלויז איינער. שווער, ווײַל איך קאָן אײַך נאָך ניט זאָגן ניט וויאַזוי. דערווײַל וואָלט איך אײַך געייצעט זײַן זייער פאָרזיכטיק. באַם אַרײַנגאַנג האָט איר פאַרטשעפּעט א מעשענע טאַץ, אין וועלכער איך האָב אַמאָל געפּרעגלט וואַרעניע, האָט איר דאָך געהערט, ווי די פּוסטע קײַלע האָט זיך צעטומלט. בא מיר זײַנען די פענצטער פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען, און דאָך הער איך, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס. אָט איצט, אַשטייגער, קלאַפּט עמעצער אין דער קאַליטקע. דאָס איז מיסטאַם אוועראָוו געקומען נאָך אײַך.

סטעפע האָט אַראָפּגענומען פון דער וואַנט און מיר דערלאַנגט א קרענצל פאַרפּאַליעט־אויסגעטריקנטע צוגעפּלעטשטע שוואָמען. זיי האָבן נאָר פאַרלוירן אין וואָג, נאָר פאַרהיט דעם טאַם. די שוואָמען זײַנען שוין בא מיר אין קעשענע, און איך וואָלט אוודע באַדאַרפט איר שטאַרק אָפּדאַנקען. נאָר עפּשער ווײַל אוועראָוו שטייט דאָ ערגעץ גאָר נאָענט, צי עפּשער צוליב עפּעס אַנדערש, נאָר דאָס, וואָס איך זאָג, איז ניט צום אָרט און קלינגט, ווײַזט אויס, נאַריש.

— בא אײַער זשאַרען, — זאָג איך, — זײַנען נאָך מער זומער־שפּרענקלעך, ווי בא טאָמען, נאָר בא אים זײַנען זיי ליכטיק־געלע, און בא איר טונקל־ברוינע.

איר ענטפער דערגייט צו מיר, ווען איך בין שוין בא די טרעפּ:

— מע זאָגט, אז זומער־שפּרענקלעך זײַנען א סימען פון מאַזל. האַלעווײַ זאָל עס עמעס זײַן.

ביזן פאַרקן באַגלייט מיך טאָמע, און ווײַטער איז שוין אוועראָוו באַלעבאָס איבער מיר. ער וויל וויסן, צי בין איך געווען אָן אָנגעלייגטער גאַסט און ווי לעבט זיך דער מישפּאָכע. איך ענטפער אים מיט די ווערטער, וואָס איך האָב הײַנט געהערט פון סטעפעס מאַמע:

— אַף צאָרעס לעבט מען.

——————————— די פּלאַטע פון „מאַלאָכים"

אין לאַזאַרעט זײַנען ווידער אַלע בעטלעך פאַרנומען. ווער זײַנען עס די קראַנקע? לײַכט־פאַרוווּנדעטע בייס דער אָפּעראַציע קעגן די פאַרטיזאַנער. און אויך אַזעלכע, וואָס לײַדן פון פורונקוליאָז, געלזוכט, קרעץ. צוויי פּלאַטעס זײַנען אויסגעטיילט פאַר מאָגן־קראַנקע און דרײַ פאַר די „מאַלאָכים", וואָס פאַרהאַלטן זיך דאָ ניט לאַנג. דאָ צעשיידן זיי זיך מיט אָן אונטערגעכאַפּטער ווענערישער קרענק, ביז מע וועט זיי א צווייט מאָל ניט באַשענקען מיט דעם גוטס.

אַלע די, וואָס קלאָגן זיך אַף בויך־ווייטאָג, זײַנען אונטער א פאַרדאַכט. מע איז זיי כוישעד, אז זיי סימולירן. מע וואַרט, אז ניט הײַנט־מאָרגן וועט אהער קומען א באַוווּסטער דײַטשישער ספּעציאַליסט, וואָס קאָן גלײַך פון דער שוועל אָנווײַזן מיטן פינגער אַף דעם, וועמען עס טוט אַף אָן עמעס ווי דער בויך. דעמלט מעג מען שוין ניט מקאַנע זײַן יענע, וואָס דרייען אומזיסט א ספּאָדעק. ביז וואָס־ווען באַקומט קיינער ניט קיין מעדיקאַמענטן, כוץ איינעם, סעליוואַנאָוו איז זײַן פאַמיליע, אים איז דערלויבט דערלאַנגען א וואַרעם־פלאַש, מע גיט אים אויך אַמאָל בעלאַדאָנע. איינמאָל האָט מען אים אפילו געגעבן אויסטרינקען פון דער מענזורקע א ביסעלע ספּירט, צעמישט מיט קאַלטער וואַסער.

מיטן גרעסטן קאָוועד פלעגט פּיפין באַגעגענען די ווענעריקער. די האָבן געקענט אהער קומען אין א באַליביקער שאָ. אייניקע האָבן אָבער געמאַכט פון דעם א סאָד. דאַן איז אַרויס־

געגעבן געוואָרן א באַפעל אויסזוכן אַלע ווענעריקער און זיי אָפּפירן צו קראַמעצן. סטעפּאַן שומאָוו האָט זיך באַרימט, אַז ער איינער האָט אַנטדעקט א טוץ „מאַלאַכים“.

וויַאזוי קראַמעץ, דער געוועזענער דאַנטיסט, איז מיטאַמאָל געוואָרן א ספּעציַאַליסט אַף שאַנקער, ווייסן שוין אַלע. בייזע צינגער דערציילן, אַז ער האָט דער ערשטער אײַנגעהאַנדלט די „מעציִע“. אים, קראַמעצן, האָט געהיילט א פּריוואַטער דאָקטער, און בא יענעם, ווײַזט אויס, האָט ער זיך עס אויסגעלערנט די מעלאָכע. אַז פּיפּין הוליעט שוין פון לאַנג, איז שוין אויך קיין סאָד ניט. אַלע שאַבעס נאָך מיטיק פּוצט ער זיך אויס אין עסיק און אין האָניק און גייט ערגעץ אַוועק. אומקערן קערט ער זיך אום ערשט זונטיק פאַרנאַכט. אין זײַן אָפּוועזנהײַט איז דער עלטסטער אין לאַזאַרעט אַווראָוו.

קאָנסטאַנטין מאַלצעוון האָב איך שוין א לענגערע צײַט ניט געזען, נאָר צווישן די מאָגן־קראַנקע געפינט זיך זײַן פרײַנט יורי גאַניטשעוו. פאַר דער צײַט, זינט איך האָב אים צום ערשטן מאָל געזען, האָט ער זיך פאַרלאָזט א געדיכט בערדל, וואָס האָט אַרומגעזוימט זײַן פּאָנעם. די עטלעכע טעג, וואָס ער איז דאָ, וואַרט איך אַלץ, אַז ער זאָל מיך אָנרופן „זעמליאַק“, דאַן וואָלט איך בא אים געפרעגט, אַף וועלכער גאַס ער האָט געוווינט, נאָר דערווײַל דאַרף ער מיך האָבן נאָר פאַר אַן אופּראַמער, און אויב ער רעדט עפּעס מיט מיר, איז אַלץ קידער־ווידער.

אַף גאַניטשעוון בין איך אויך אין קאַס דערפאַר, ווײַל ער לאָזט מיך ניט רוען דורך די נעכט. ווי נאָר איך נעם דרעמלען, אַזוי הייבט ער אָן צו קאַניוטשען: „א וואַרעם־פּלאַש! א וואַ־רעם־פּלאַש!“

א האָן, וואָס זאָל געבן צו וויסן, אַז עס קומט דער פאַרטאָג, איז דאָ נאָענט ניט פאַראַן. נאָר איך ווייס פּינקטלעך, אַז באַלד וועט שאַריִען. אַן אײַנגעקאָרטשעטער פון קעלט ליג איך אַפן דיל אין ווינקל, און עס ווילט זיך מיר אַליין אײַנריידן, אַז יורען וועט דערעסן ווערן דאָס קרעכצן. נאָר דער טײַוול נעמט אים ניט! וואָס ווײַטער, שרײַט ער אַלץ העכער און העכער. ער קאָן נאָך אופוועקן דעם פעלדשער אָדער גאָר קראַמעצן... מוז מען שוין גיין צו אים אין דער שכיינעסדיקער פּאַלאַטע. קיין שײַן צינד איך ניט אָן, און דאָך באַמערק איך, אַז ער שטייט אַף די קני און דעם קאָפּ האָט ער פאַרגראָבן אין דער קישן. איך טו אים א טאָרקע.

— וואָס שרײַסטו? דו ווייסט דאָך, אַז איך קאָן דיר מיט גאָרנישט ניט העלפן. דו וועסט א גאַנצן טאָג כראָפּען, און איך דאַרף וואַשן און ראַמען. כ׳בעט דיך, לאָז מיך נאָך א ביסל א דרעמל טאָן.

— דער בויך ווערט מיר צעריסן, שטעל מיר א קליזמע.

— אָן דער דערלויבעניש פונעם פעלדשער טאָר איך ניט.

— עך, דו, — ענטפערט ער מיר מיט פאַרדראָס, — און נאָך א זעמליאַק.

אָנשטאָט זיך צורוקן נעענטער צו גאַניטשעוון בין איך גאָר אופגעשטאַנען פון זײַן בעטל. ס׳איז בא מיר א גרויסער צווייפל, צי דאַרף איך אָט די נאַטירלעכע און אַזוי צום אָרט געזאָגטע ווערטער אָננעמען פאַר א פּאַראָל. און דאָך פרעג איך:

— פונוואַנען ביסטו?

— וואַרט, זאָל א ביסעלע איבערגיין דער ווייטעק. אוי, אוי, פאַרברענט זאָל עס ווערן! איך האָב דיר שוין, דאַכט זיך, איינמאָל געזאָגט, אַז פון מאָסקווע.

— מאָסקווע איז ניט קיין דאָרף. אַף וועלכער גאַס האָסטו דאָרט געוווינט?

— אַף פּיראָגאָווער. דיר איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זײַן דאָרט?

— אויסגעקומען.

— אָט זעסטו, און דו זשאַלעוועסט מיר א ביסל וואַרעמע וואַסער אַף א קליזמע.

— נו, מיילע, קום מיט מיר אין פּראָצעדור־צימער. נאָר אויב עמעצער פון דײַנע שכיינים וועט מיך פאַרקויפן, קאָן מען מיך דורכטרײַבן צוריק אין לאַגער.

ווי עס פּאָדערט זיך פון א קראַנקן, לייגט ער זיך אַוועק אַף דער קושעטקע, וואָס איז ביז האַלב פאַרדעקט מיט א צעראַטע, און איך נעם זיך אָנוואַרעמען וואַסער. אויב, טראַכט איך, ס׳וועלן זיך דערהערן טריט אין קאָרידאָר, וועל איך אים אַף אַן עמעס מוזן שטעלן א קאַנע. איז אַף וואָס וואַרט ער?

— וואָס שטייסטו? — פרעגט ער בייז. — דו זעסט דאָך, אַז איך קאָן שוין מער ניט איבערטראָגן.

— גאַניטשעוו, — זאָג איך אים, — גענוג זיך נאַריש מאַכן. האָסטו מיר וואָס צו זאָגן, איז רייד צו דער זאַך.

— גוט, איך וועל דיר זאָגן. דו ביסט אַן אייזל, וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזען. גיי פונדאַנען, און איך וועל זיך שוין ווי־ניט־איז באַגיין אָן דײַן הילף.

— פאר מיר איז גענוג, וואָס דו ביסט אזא קלוגער, נאָר ווייס: פון דער ערשטער מינוט, וואָס דו האָסט זיך געיאוועט אהער, האָב איך באמערקט, אז דו סימולירסט.

— באמערקט? זײַ א מענטש און קריג א פּאָר פּראָשקעס בעלאַדאָנע.

— פאר וועמען?

— פאר יעקאַטערינע דער צווייטער. ניט אנדערש, ווי דו האָסט אף דײַן לעבן קיין וויײַטעק ניט געפילט.

עפשער מיינט ער טאַקע, אז איך בין אזוי נאַריש, און דערפאר שפּילט ער זיך מיט מיר, ווי א קאַץ מיט א מויז. זאָל זײַן אזוי, שלאָפן וועל איך שוין אלצײנס ניט, ווײַל דער כווישעך פון דער נאכט ווערט אנטרונען און עס מערקט זיך שוין א סימען אף טאָג. און דעם פּאַר־גענינגן פון א קאַנע קאָן איך אים פארגינען. אָט וועל איך אויסקערן דעם קאָרידאָר און דערנאָך אים אָפּפירן צוריק אין פּאַלאַטע. נאָר איצט, ווען עס איז געוואָרן א ביסל ליכטיקער, קאָן שוין אפילע א בלינדער זען, אז ער איז בלייך ווי די וואַנט.

— אנטשולדיק מיר, יורע, דו ביסט ערנסט קראַנק?

— יאָ, נאָר קיינער טאָר ניט וויסן וועגן דעם.

— פארוואָס?

— דו געדענקסט אלעקסיי זאבאַרען?

— אוואַדע. נאָר היילן דאַרפסטו זיך דאָך?

— מיט וואָס? צי עפשער מיינסטו, אז די פריצן וועלן מיך האלטן אף דיעטע.

— דאָס איז עמעס. זאָג, וואָס פארא מעדיקאַמענטן דאַרפסטו, וועל איך פּרוּוון זיי קריגן.

— אויב מע דאַרף זיי גאַנווענען, לוינט ניט ריזיקירן. זשעניע סעליוואַנאָוו גיט מיר אָפּ אלע זײַנע פּראָשקעס.

— סעליוואַנאָוו? — כידעש איך זיך. — ער אליין איז דאָך א שווער־קראַנקער.

— אָט, אָט. דו ביסט אזא מיוּון, פּונקט ווי קראַמעץ. לויט פּיפינס רעצעפּט גיט מען מיר דרײַ מאָל א טאָג צו א לעפל דיסטילירטע וואַסער, און ער איז זיכער, אז ער נאַרט מיך. עמעס, זײַן פּאַרטרעטער איז, דאַכט זיך, קליגער פון אים. סעליוואַנאָוו ווערט פון הײַנט אָן זיך אָנהייבן פילן בעסער. קום, דו זעסט ניט, אז עס טרעפט בא מיר קיין צאָן אף קיין צאָן ניט?

אלע דרײַ ווארעם־פעלשער, וואָס עס פארמאָגט דער לאַזאַרעט, האָב איך אָנגעגאָסן מיט הייסער וואַסער און זיי אוועקגעלייגט יורען הינטער דער קאָלדרע. ס'וואָלט שוין צײַט געווען זיך נעמען פאר דער ארבעט, און איך קאָן ניט, עס פאלט מיר אלץ פון די הענט. גאָט מײַנער, דאָס לעבן האָט שוין מיט מיר אזויפיל מאָל אײַנגעקנעלט, און פונדעסטוועגן קאָן מען מיך נאָך אלץ פארפירן. אליין מאַלצעוו האָט דאָך מיר דערציילט, ווער גאַניטשעוו איז, און אלצײנס איז ער פאר מיר דערשינען, ווי אן אקטיאָר, וואָס שפּילט א ריזיקאַלע ראָל. אינעם צימער, וועלכן די קראַנקע רופן „קלויזמאַגראַד", האָט ער, ווי ערשט פון דער בינע, אף א רעגע אראָפּגעוואָרפן דעם פּרעמדן אָנצוג, דעם פּאַריק, אָפּגעווישט דעם גרים.

פון זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מעדיצינישער רונדגאַנג, האָב איך קיין אויג ניט אראָפּגעלאָזט פון גאַניטשעוון, נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג זײַנע. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויסגעגלײַכט, באַקומען א בראַוון אויסזען. אפילע א הויכטאַלאַנטירטער ארטיסט וואָלט געמעגט אים מעקאַנע זײַן.

— נו, גאַניטשעוו, ווי פילט איר זיך?

— א דאַנק, דאָקטער, בעסער.

— איז זאָל איך אײַך עפשער אין א פּאָר טעג ארום אויסשרײַבן?

— גוט, דאָקטער, נאָר אָן דער מיקסטור, וואָס איך באַקום דאָ, וועל איך פארפאַלן ווערן.

— איצט זעט איר? — האָט קראַמעץ גאַדלעסדיק א זאָג געטאָן צו אַנאַטאָלי לעאָנידאָ־וויטשן. — בלויז סעליוואַנאָוון העלפן ניט קיין שום רעפוּעס. איר האָט באַמערקט, ווי די נאָז איז בא אים פאַרשפּיצט געוואָרן?

— א טיפּישער יאַזווענִיק.

— דאָקטער, — דערלויבט זיך סעליוואַנאָוו ארײַנוואַרפן א וואָרט, — איך פיל זיך הײַנט אויך בעסער.

קראַמעץ האָט אף א רעגע אופגעהערט צו מאַלעגיירען דעם סיגאַרעט. ער האָט א פּינטל געטאָן מיט די ווײַעס, אויסגעשטאַרטשעט די אויגן און א שטאָלצער א שפּאַן געטאָן איבערן אָנגעוויקסלטן דיל.

— וואָס הער איך? באַווײַזט מיר נאָר אײַער בויך. אָטעמט, שטאַרקער, בייגט אײַן די קני. אָט דאָ טוט ווי, ניין? און דאָ? אויסגעצייכנט! מאָלאָדיעץ! איר זעט, קאָלעגע, ווי גוט

עס טאַפּט זיך באַ אים דורך דער בויך. און מיט אַ וואָך צוריק האָט ער זיך ניט געלאָזט צורירן אַפילע. איך ווייס ניט, ווי אײַך, — רעזומירט קראַמעץ, — נאָר מיר איז אַלץ קלאָר. די מאָגן־קראַנקע דאַרף מען היילן מיט ספּירט. ס׳וואָלט נאָך גוט געווען אונטערשיטן אַ גוטע פאָרציע פעפער. איר, אוועראָוו, וועט הײַנט אָנשרײַבן אַ געניועם ראַפּאָרט. זייער זאַך איז געבן די רעפוע, און איך גאַראַנטיר אויסהיילן אַלע, ביז איינעם. קומט.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט מיר גאַניטשעוו איבערגעגעבן: פון די קאַזאַרמעס, ווו עס געפינען זיך די פאַרעטער, לאָזט מען איצט קיינעם ניט אָפּ אין שטאָט אַרײַן, און מאַלצעוו מוז זיך דאָ מיט עמעצן טרעפן. מע דאַרף אומבאַדינגט אים העלפן זיך לייגן אַף צוויי טעג אין לאַזאַרעט.

וואָס טוט מען? עפשער שאַבעס, נאָך מיטיק, ווען קראַמעץ וועט אַוועק אין שטאָט, זיך ווענדן צו אוועראָוון. מעגלעך, אַז קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש זאָל אַלץ אײַנאָרדענען. נאָר ער וועט געוויס פרעגן, וואָס פאַרא שײַכעס איך האָב צו מאַלצעוון. שלעכט! אַזוי טויג ניט. אַף דעם ריכטיקן געדאַנק בין איך געפאַלן ערשט באַנאַכט, איך בין שוין, דאַכט זיך, געשלאָפן. און ווי האָב איך זיך פריִער ניט דערטראַכט דערצו? סטעפאַן שומאָוו! נאָר איין וואָרט, און ער וועט אַלץ אָפּטאָן אָן קיינעמס אַרײַנמישונג.

ווען סטיאָפּע מיט צוויי סאַניטאַרן זײַנען שאַבעס נאָך האַלב־טאָג אַוועק אין די קאַזאַרמעס באַקומען שפּײַז פאַר די קראַנקע, האָט אים מאַלצעוו אָפּגערופן אין אַ זײַט און אײַנגערוימט אַפן אויער, אַז ער וואָלט זיך געקאָנט ווענדן צו קראַמעצן, נאָר גיכער פאַר אַלץ איז עס אַן אומזיסטער איבערשרעק און ער וויל ניט, אַז נאָך עמעצער זאָל וויסן וועגן זײַן קרענק, איז עפשער וועט ער זײַן אַזוי גוט, סטיאָפּע, אים ברענגען עפּעס אַ מיקסטור.

אַוואַדע איז שומאָוו אַ צופרידענער גלײַך אַוועק צום הויפּט־דאָקטער. ער האָט אָבער ניט אויסגערעכנט, אַז קראַמעץ זאָל אים אונטערשטעלן אַ פיסל — אים אַליין באַפוילן ברענגען מאַלצעוון.

— זאָרג זיך ניט, סטעפאַן, — האָט פּיפּין אים באַרויִקט. — מאַלצעוו האָט אַ קאָפּ אַף די פּלייצעס, ער וועט דיך מיט קיין פינגער ניט אָנרירן.

מאַלצעוון האָט פּיפּין באַגעגנט ווי אַן אַלטן גוטנפרײַנט.

— ביז אַהער, — האָט ער געזאָגט, — בין איך געווען דײַנער אַ באַלכויוו, און איצט וועלן מיר זײַן קוויט. איך כידעש זיך נאָר, וויִאַזוי ביסטו, דאָן־זשואַן איינער, אַזוי שפּעט אַרײַנגעפאַלן צו מיר אין די הענט? אויב דו ווילסט, קאָנסטו זיך דערווײַל אומקערן צו דײַן קאַפּעליִע אין קאַזאַרמע. אויב ניט, גיי אין יענער פּאַלאַטע, ווו דו ביסט דאָס פאָריקע מאָל געלעגן. הײַנט האָב איך פון דאָרט אויסגעשריבן אַלע קראַנקע. אויב ס׳וועט דיר זײַן אומעטיק, איז טו אַ בעט שומאָוון, וועט ער דיר אונטערזוכן אַ שאָכן. אָפּגערעדט?

— יאָ, — האָט מאַלצעוו געשמאַק אַ געגעץ געטאָן. און מיט אַ פײַף אַ שפּײַ געטאָן צווישן די ציין, — אײַער שומאָוו איז פון די, וואָס וואַקסן אָן אַ רעגן. גיכער וועלן שוין טשוועקעס בליִען, איידער איך וועל אים עפּעס בעטן. אָט, זעט איר, די ריפּן וואָלט איך אים, דעם פויקער, מיט פאַרגעניגן איבערגעציילט, נאָר קיינער וועט אים ניט טשעפּען, ווײַל מע ווייסט, אַז קיין זאַק מיט ציבעלעס וועט איר פאַר אים ניט אָפּגעבן. ערגער איז דאָס, וואָס איר גייט אַוועק און באַ קיין אַנדער דאָקטער, אויב עס וועט זיך אויסלאָזן, אַז איך בין טאַקע קראַנק, וועל איך זיך ניט היילן.

— זאָרג זיך ניט. די קרענק בעט קיין עסן ניט. מאָנטיק גאַנצפרי ביסטו מײַן ערשטער פּאַציִענט, און אין עטלעכע טעג אַרום וועסטו ווידער זינגען דײַן טראַ־ליאַ־ליאַ. דערווײַל שפּײַ טאַקע אַף אַלץ און היט דאָס געזונט.

טכילעס אָוונט איז מאַלצעוו נעלעם געוואָרן. אומגעקערט האָט ער זיך שפּעט אין אָוונט. מיר זײַנען לאַנג געזעסן אינדערפינצטער אַף זײַן בעטל און שטילערהייט געשמועסט. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז די דײַטשן האָבן דורכגעריסן דעם פראָנט אַפן דאָן און גרײַפן אָן אַף סטאַלינגראַד. אַז נאָך איין פּרווו אַריבערפּעקלען אַ מענטשן אין וואַלד איז דורכגעפאַלן. וואָס וועט ווײַטער זײַן? מאָרגן דאַרף מאַלצעוו אַליין זיך טרעפן מיט אַ פּאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער. צום אָנבײַסן וועט ער זיך באַמיִען אומקערן, נאָר אויב ער וועט ניט קומען נעכטיק, האָב איך אַף אים מער ניט וואָס צו וואַרטן און עס וועט אַפילע בעסער זײַן, אויב איך וועל וואָס גיכער זיך אַליין דורכשלאָגן אַ וועג.

— קאָנסטאַנטין, — האָב איך זיך דערקונדיקט, — וויִאַזוי דאַרף איך עס פאַרשטיין?

— רוסיש פאַרשטייסטו דאָך? איז פאַרשטיי בוכשטעבלעך, ווי איך האָב דיר נאָרוואָס געזאָגט. דו האָסט דאָך געבעטן, איך זאָל דיר העלפן אַנטלויפן פונדאַנען? איז אויב איך

וועל עפּעס קאָנען אופּטאָן פאַר דיר, וועסטו מאָרגן וועגן דעם וויסן. קוים ניט, ווינטש איך דיר דערפאָלג.

— א דאנק, נאָר עפּעס ביסטו הײַנט צערודערט.

— זאָגן דיר, אז נײן, וועסטו ניט גלייבן. כאָטש איך קאָן דיר גלײַך אויסזינגען מײַן טרא־ליא־ליא.

— קאָסטיע, איך בעט דיך, מע דאַרף ניט.

— וואָסי?

— כ׳ווייס אליין ניט.

— ווייסט ניט, איז רעד בעסער ניט. א שפּאַרבער, זאָג מיר, האָסטו אמאָל געזען? ווייסטו דאָך, אז נאָר א מעווע פליט אזוי שיין, ווי ער. נאָר ווער קאָן עס פאַרגלײַכן אָט די צוויי פייגל? איך האָב אמאָל געמיינט, אז פויגלען אַנטלויפן ניט פון ווינטער, נאָר זיי טראָגן אוועק דעם זומער. איצט ווייס איך, אז פון דעם ווינטער קאָן מען אַנטלויפן, נאָר פאַרכאַפּן מיט זיך דעם זומער — דאָס ניט. נאָר לאָמיר בעסער אופהערן צו כקירען. אין אָט די ווענט האָב איך זיך צוגעוווינט פלאַפּלען נאַרישקײַטן. א גוטע נאכט. ס׳וועט בעסער זײַן, אז מע וועט אונדז ניט טרעפן צוזאַמען.

אַף מאָרגן איז קאָנסטאַנטין מאַלצעוו אוועקגעגאַן פון לאַזאַרעט, און מער האָב איך אים שוין קיינמאָל ניט געזען. ווי א דולער בין איך ארומגעגאַן, ניט געקאָנט אַרבעטן. וואָס האָב איך נאָר ניט איבערגעטראַכט? אויב מאַלצעוו האָט זיך אומגעקערט אין קאַזאַרמע, האָט ער שוין געוויס אויך דאָרט בא עמעצן אין האַרצן אָנגעצונדן א פײַער. נאָר אויב ער איז דורכ־געפאַלן און די מערדער קאַטעווען אים? איך וויל גלייבן, אז אזא, ווי קאָנסטאַנטין, וועט קיינעם ניט אויסגעבן... און עפּשער איז שוין מאַלצעוו אין וואַלד, בא די פּאַרטיזאַנער? דעמאָלט וועט זיך געוויס יאַווען אהער זײַנער א מענטש.

אַנטלאָפֿן

גרויס האָפענונג לייג איך אויך אַף כראַמאָווס נײַער באַקאַנטער. אויב איר גלייבן, ווייסן שוין די פּאַרטיזאַנער וועגן אונדז און אין מעשעך פון דער קאָמענדיקער וואָך וועלן זיי מיטיילן, וויאַזוי און וווהין מיר זאָלן האַלטן דעם וועג. וואַניע האָט זיך שוין איבערגעפּירט צו קראַ־מעצן אין לאַזאַרעט, און די דאָקטוירים זײַנען אַנציקט פון דעם, ווי ער טרענירט דעם קראַנקן פוס. צוויי מאָל א וואָך לאָזט מען אים אָפּ אַף א שפּאַציר אין שטאָט, און דאָס גיט אים א מעגלעכקײַט טרעפן זיך מיט דער פאַרבינדלערן.

הײַנטיקס מאָל האָט ער זיך פאַרזאַמט מער ווי שטענדיק. נאָר אָט האָט ער זיך באַוויזן. כאָטש בא יעדער טראָט שפּאַרט ער זיך אָן אַפן שטעקן מיטן קונציק־אויסגעשניצטן הענטל, באַמערק איך פונדערווײַטנס, אז עס טראָגט אים, ווי עמעצער וואָלט אים אונטערגעטריבן. סאַשע מוראַשאָוו טוט מיך א טאָרקע מיטן עלנבויגן. הײַנט גאַנצפרי האָט ער, צוקוקנדיק, ווי וואַניע גייט, גענומען אים נאָכקרימען און אָפּשפּעטן: „פאַר יעדן טראָט בוקט ער זיך צום קראַנקן פוס, אַנדערש פאָלגט ער ניט“. איצט זאָגט מיר סאַשע, אָנווײַזנדיק אַף כראַמאָוון:

— זע נאָר, ווי ער מעסט עס די טראָטוארן?! דער אַספאַלט אַנטלויפט אַזש פון אונטער זײַנע פיס. אַף דעם קלעקט אים קויעך, און צוגיין פון בעט אין איינעם אָן אָרט פּוילט ער זיך. טראָג אים אונטער די „אוטקע“.

— פלאַפּל ניט קיין נאַרישקײַטן, — זאָג איך מיט האַרץ, — דו ווייסט דאָך, אז איוואַן איז ניט פון יענע.

— איך מעסט זיי אַלעמען אַף איין אַרשין. אויב ער איז ניט פון יענע, איז פאַרוואָס איז ער דאָ?

— דאָס ווייס איך ניט. נאָר אויב אזוי, איז ענטפער מיר בעסער, פאַרוואָס ביסטו נאָך דאָ?

— צוגעגלײַכט! כראַמאָוו איז דאָך געווען אין וואַלד, און צוויי גראַנאַטן מיט אַן אָנגע־לאָדענעם קאַראַבין האָט ער אויך געהאַט מיט זיך, איז טוט מען זיך א דריי צווישן די ביימער און פּיפּטער. איצט וועלן שוין גיכער זײַנע דלאָניעס פאַרוואַקסן ווערן מיט האָר, איידער ער וועט צוריק ווערן א מענטש. וואָס איז שײַעך מיר, איז פון פינף פינגער קאָן מען מער ווי קיין פײַג ניט מאַכן, און דאָך האָב איך פעסט באַשטימט, אז אויב עמעצן וועט זיך עס אײַנגעבן, וועל איך זײַן דער צווייטער. וואָס האָסטו אַף מיר אויסגעשטעלט דײַנע קוקערס? גלייבסט מיר ניט?

— ווען איך זאָל ניט גלייבן, וואָלט איך מיט דיר ניט גערעדט, נאָר איך מיין, אז ווער עס מוז, דער קען. אָבער פון הימל פאַלט גאָרנישט ניט אַראָפּ.

פארן ארײַנגיין אין הויף האָט כראַמאָוו זיך אָפּגעשטעלט איבערכאַפּן דעם אָטעם און געוויס אײַנשלינגען די ווערטער, וואָס ער האָט מיר אין מוראַשאָוס אַנוועזנהײַט ניט געקאָנט זאָגן. ערשט אין אַ שאָ צוויי ארום, ווען אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן פארבלײַבן אליין, האָט ער מיר געזאָגט:

— טאַנץ, ברודערקע, — מיר האָבן אַ בריוו פון וואלד. שאַבעס אפּדערנאַכט וועט אין דאָרף, באַם טײַך, וואַרטן אָף אונדז אַ מענטש.

— דער בריוו איז באַ דיר?

— ניין. איך האָב מוירע געהאַט אים טראָגן מיט זיך. ווערסט לאַכן, נאָר מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָף מײַן פּאָנעם איז אָנגעשריבן, וואָס איך פארמאָג אין קעשענע.

— מאַטער ניט און דערצייל גיכער, וואָס איז דאָרט געשריבן.

— אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, האָט מײַן באַקאַנטע זיי אלץ דערציילט וועגן מיר.

— זעסטו?

— דערווײַל איז עס נאָר אָף פּאַפּיר. בייזער זיך ניט. איך בין ניט פון די, וואָס קאָנען איבערקלערן. פּונקט ווי דיך, שרעקט מיך נאָר איין זאַך — ניט ארײַנפאַלן קיין לעבעדיקער ווידער צו זיי אין די הענט. די פּארטיזאַנער פאָדערן, איך זאָל קומען מיט געווער. איז ווי באַקומט מען ארויס די ביקס? און ווען איך זאָל זי שוין אפילע האָבן, קאָן איך סײַוויסײַ מיט איר ניט דורכגיין די שטאָט.

— באַ אוורעאָון אין צימער ליגן צוויי גראַנאַטעס.

— וואָס זשע שווײַגסטו?! — האָט כראַמאָוו זיך אַזש אופגעזעצט אין בעטל. — אין דער לעצטער שאָ דאַרף מען אומבאַדינגט אלץ ארויסבאַקומען. זעסט, אָט דאָס פלעשעלע סאַמאָהאָן וויל איך שענקען פּיפּינען. נאָר פריִער פון אלץ דאַרף איך זיך גוט באַקאַנען מיט די געסעלעך און הויפן, דורך וועלכע ס׳וועט אונדז אויסקומען דורכגיין, אָבער דאָס וועלן מיר נאָך גוט באַקלערן.

גראָד אין דער לעצטער נאַכט האָט מיר דאָ קיינער ניט געשטערט גוט זיך אויסשלאָפן. צום ערשטן מאָל האָט אַ גוטער כאָלעם פארבלאָנדזשעט אין מײַן אופגערודערטן מויעך, נאָר אופגעשפּרונגען בין איך אַזוי פרי, אַז ביז עס האָט אָנגעהויבן שאַריִען אָף טאָג, האָב איך זיך שיר ניט אויסגעקוקט די אויגן. שאָענלאַנג האָב איך זיך ניט געקאָנט אָפּווענדן פון די טונקעלע שויבן, ביז איך האָב ניט דערזען די אומקלאָרע קאָנטורן פון וואלד.

נאָך איידער די קראַנקע זײַנען אופגעשטאַנען, האָב איך באַוויזן אויסקערן און אויסוואַשן די דילן, ארומווישן דעם שטויב פון די בעטלעך, פון די שאַפקעלעך, און ווײַל קיין מער לענגערער שאַבעס איז נאָך אָף דער וועלט ניט געווען, האָב איך גענומען העלפן מוראַשאָוון אופראַמען זײַנע פּאַלאַטעס. דערנאָך האָב איך זיך פארקליבן אפּן בוידעם, ווידער געשאַרפט דאָס מעסער, נאָר ווײַטער וואָס צו טאָן האָב איך שוין ניט געוווּסט.

אָך, ווי עס ווילט זיך, אַז עס זאָל שוין זײַן מאָרגן! נאָר לויטן שאָטן, וואָס גייט איצט נאָך פּוסטריט שומאָוון, וועלכער שפּאַנט איבערן הויף, ווייס איך, אַז ס׳איז ערשט האַלב־טאָג.

אויב עס וועט אונדז אלץ אָפּגיין גלאַט, וועט מען צום אלעמערשטן דאַרפן העלפן מוראַשאָוון און וועטלוגינען. מעגלעך, אַז קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש און אפילע אַנאַטאָלי לעאָנידאָוויטש זײַנען נאָך ניט אינגאַנצן קיין פארפאַלענע מענטשן. קראַמעצן, אָט דער טעמפּער איבערגעפּרעסענער כײַע, בין איך אַ דאַם־סוינע. אָבער סטיאָפּע שומאָוון, ניט געקוקט אָף זײַן קנעכטישן שמייכל, ניט געקוקט אָף אלץ, וואָלט מען אויך באַדאַרפט אויסשטרעקן אַ האַנט. טפו זאָל עס נעמען! מע דאַרף נאָך דרײַ מאָל אויסשפּײַען איבערן רעכטן אַקסל, אַז אונדזער פּלייטע זאָל זיך אײַנגעבן, און איך טראַכט שוין וועגן שומאָוון, וואָס האָט די ווערט, מע זאָל אים געבן מיט אַ פלאָקן איבערן קאָפּ.

און וואָס זאָל איך זאָגן טאָמען, אויב זי וועט קומען אהער מיט איר ציג? דאָ קאָן איך באַ אַ נויט פּרוּוון אָפּנאַרן וועמען איר ווילט, נאָר ניט קיין קינד. איך וועל בעסער זיך אויסבאַהאַלטן פון איר. אַ שאָד, וואָס באַ סטעפּען איז ניט פארבליבן מײַן היימישער אַדרעס. זי האָט דאָך מיר אַנומלטן אליין געזאָגט, אַז ווען יעדער איינער זאָל דערציילן וועגן זײַנע כאַוויירים, וואָלט ניט געווען קיין „אומבאַוווּסט פארפאַלענע“. אויב מיר וועט הײַנט זיך ניט אײַנגעבן ארויסרײַסן פון קלעם, וועלן מײַנע אייגענע אפילע ניט וויסן, ווו מײַן געביין איז אהינגעקומען.

מײַנע אייגענע... אין דער פעסטונג האָב איך באַגעגנט איינעם אַ געפאַנגענעם, וואָס האָט זיך געפּרוּווט דערקלײַבן פון דאָרעם־אוקראַיִנע קיין מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד. עס האָט אים ווי מיט אַ מאַגנעט געצויגן אהיים, קעדיי אָפּגעבן דאָס לעבן דאָרט, ווו ער איז געבוירן געוואָרן. געכאַפּט האָט מען אים שוין גאָר נאָענט פון זײַן דאָרף. און איך האָב עס באַדאַרפט

אויסהערן, ווי ער האָט דערציילט זײַנעם א שאָכן וועגן די יידישע קאָלאָניעס, ווו מײַנע עלטערן, מײַן שוועסטער מיט איר פאמיליע האָבן געוווינט. א פארוווּנדעטער, האָט ער זיך דאָרט באהאלטן אין סטעפּ און וויסט, אז נאָכן אראָפּנעמען דאָס ברויט און די ווײַנטרויבן האָט מען די פרויען מיט די קינדער צעשאָסן אין די באלקעס, און די מאנצבלען לעבעדי־קערהייט פארגראָבן אין א פארלאָזטער שאכטע.

עמעצער קריכט אפן לייטער. ווען כ׳דערהער א פײַף, ווייס איך שוין — סאשע זוכט מיך. איך באמערק, אז ער איז באשאָטן מיט עפּעס ווײַס, ווי א מילנער. לאָזט זיך אויס, אז אווערּאָוו האָט אים געהייסן צונויפלייגן די פארבליבענע זעק מיט קאלך. שלעפּן די פּאפּי־רענע זעק איבערן דיל קאָן מען ניט, ווײַל דאָס פּאפּיר רײַסט זיך, אופהייבן זיי קלעקט אים ניט קיין קויעך. קאזימיר וולאדימיראָוויטש האָט אים געייצעט נעמען עמעצן צוהילף. דערפאר טאקע זוכט ער מיך.

סאָפּקאָלסאָף האָט געגנומען דעמערן. די קאָרטנשפּילער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צונויפ־קלײַבן צו זייער טיש. איך האָב געגנומען אָן עמער הייסע וואסער, א שמאטע און זיך געלאָזט צו אווערּאָווס צימער.

— קאזימיר וולאדימיראָוויטש, איך וועל בא אײַך אופראמען, — האָב איך געזאָגט, אריבערטרעטנדיק די שוועל פון זײַן צימער.

— זע נאָר, ווען ער האָט זיך עס דערמאָנט וועגן דעם! — און זײַנע געדיכטע ברעמען האָבן זיך א הייב געטאָן.

— גאנצפרי האָב איך אײַך ניט געוואָלט וועקן. באטאָג איז בא אײַך קראמעץ געזעסן. פאר זײַן אוועקגיין פון לאזארעט האָט ער מיך געוואָרנט, אז מאָרגן זאָל ער בא אײַך קיין שטויבעלע ניט געפינען.

איך ווייס שוין, אז הײַנט וועט אווערּאָוו אויסשפּילן, הײַנט וועט אים גיין די קאָרט און ער וועט א כאפּ טאָן א היפּשע פּויטעקע. נאָר ער ווייסט דאָך ניט דערפון. די פּײַכט־גלאנציקע אויגן זײַנען בא אים פארלאָפן מיט קאס. אים ווילט זיך גיכער אָפּטשעפּען פון מיר.

— וועסט מאָרגן אופראמען, און איצט גיי כאפּ א דרעמל.

אים איז לײַכט צו זאָגן „מאָרגן", נאָר איך טאָר פון אים ניט אָפּשטיין. ווי ער זאָל זיך ניט בייזערן, נאָר ער קאָן זיך דאָך עפּעס אָנשטויסן. צײַטנווײַז דאכט זיך מיר, אז איך שטיי פאר אים, ווי פאר א רענטגען־אפּאראט און ער זעט מיך אף דורך־און־דורך.

— איר, קאזימיר וולאדימיראָוויטש, האָט מיסטאמע פארגעסן, אז זונטיק איז ניטאָ קיין הייסע וואסער און בא אײַך אין צימער שמעקט שוין מיט הערינג. דערלויבט, — כאפּ איך בייסמײַסע די נאסע שמאטע און טו זי א פליוך אזוי, אז אפן דיל ווערט א היפּשע קאליו־זשע, — זאָרגט זיך ניט, עס וועט דאָ באלד אלץ שעמערירן. די טיר וועל איך אליין פאר־שליסן און דעם שליסל אײַך אָפּטראָגן.

אז אלץ וועט מיר קומען אנטקעגן, האָב איך זיך ניט געריכט, נאָר איך האָב אויך ניט געקלערט, אז שוין פון סאמע אָנהייב וועט עס מיר אָנקומען אזוי שווער. מיילע, איך בין אים מויכל די דרײַגאָרנדיקע קלאָלע, מיט וועלכער ער האָט מיך באשאָנקען פארן אוועקגיין.

פון אונטערן בעטל שלעפּ איך ארויס א פארשטויבט פאניער־קעסטל, אין וועלכן עס זײַנען אָנגעשטאָפּט קויטיקע וויקלשנורן, א צעריסן וואטאָווע לײַבל — און, דאנק דיר גאָט, די גראנאטעס זײַנען אויך דאָ. ווען עס גליקט מיר נאָך אָפּ און עס טוט א גאָס פון הימל א מאבל. נאָר ניין, עס שמעקט אפילע ניט מיט קיין רעגן. אין עטלעכע שאָ ארום וועט די לעוואנע מיסטאם, ווי אפצולאָכעס, ארויסשטעקן איר נאָז.

די עטלעכע צענדליק שפּאן ביז כראָמאָווס פאלאטע ציִען זיך אומענדלעך לאנג. דאָרט, אין דער פאלאטע, איז קיינער ניטאָ. אין דער פינצטערניש טאפּ איך אָן אונטער זײַן קישן דעם אופגעלאפּענעם פעלד־טאש. צווישן די אינווייניק־סטארטשענדיקע קאָרטאָנדלעך, וועלכע כראָמאָוו האָט אומיסטן ארײַנגעשטופּט, ליגט שוין מײַן מעסער. די גראנאטעס לאָז איך אויך אראָפּ אהין.

ווען אווערּאָוו גייט א שלעכטע קאָרט, איז ער אויסערלעך רויִק. קיין איבעריק וואָרט וועט איר פון אים דעמלט ניט הערן. הײַנט איז ער אזוי פארהאוועט, פארטראָגן, אז מיר קומט אויס א צווייט מאָל איבערכאזערן:

— קאזימיר וולאדימיראָוויטש, אָט איז אײַער שליסל.

צוזאמען מיטן היפּשן פעקל דײַטשישע מארקעס, וואָס ער האָט נאָרוואָס אויסגעשפּילט בא כראָמאָוון, פארוקט ער אין קעשענע דעם שליסל, און ווי נאָר איוואן שפּארט זיך אָן אין זײַן שטעקן און הייבט זיך אוף פון אָרט, אזוי שטייט אויך אוף אווערּאָוו און פרעגט בא אים:

— וווּ זשע איז דער בראנפן, וואָס דו האָסט אונדז הײַנט צוגעזאָגט? דו ווייסט דאָך, אַז מײַנע בעסטע מײַכאָלים זײַנען אַ שטאַרקע גלאָז בראנפן און אַ שטאַרקע גלאָז טיי. אויב דו האָסט קיין געלט ניט, איז שעם זיך ניט, כ׳וועל אויסלייגן.

— זאָרגט אײַך ניט, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, פאַר די זייגערלעך קומט מיר נאָך געניג, נאָר דער קראַנקער פוס האָט זיך פּלוצעם צעפּעסטעט, און גיין דאַרף איך איבער קרומע געסלעך, דאָרט איז פינצטער, כאָטש אַן אויג אַרויסצונעמען. סײַדן „מײַן דענ־שטשיק", — באַווײַזט ער אויף מיר, — זאָל מיך באַגלייטן. איז אָבער די אורלויב־שײַן בלויז פאַר מיר. עפּשער וועט איר עפּעס צושרײַבן אויף מײַן פּאַפּירל?

אַלע קאָרטנשפּילער וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אָוועראָווס ענטפער, נאָר בײַ יענעם איז די צונג ווי צוגעקלעפּט געוואָרן צום גומען. פּלוצעם האָט ער מיט צעהוידעטע טריט אַ מעסט געטאָן דעם אָפּגעוועקסלטן דיל, זיך אַ שויבער געטאָן די ניט צוגעקעמטע האָר און מיט אַ קאָל, וואָס דערלאָזט ניט קיין דערווידערונג, אַ זאָג געטאָן:

— צושרײַבן? דאָס איז אויסגעשלאָסן! נאָר אויב דו זאָגסט צו באַלד זיך אומקערן, קאָן איך אײַך ביידן אַרויספירן פון לאַזאַרעט־הויף און אַפילע אַ ביסל באַגלייטן. געמאַכט?!

— געמאַכט, — ענטפערט כראָמאָוו, און מיר הייסט ער אַרײַנגיין צו אים אין דער פּאַלאַטע און פאַרכאַפּן זײַן פעלד־טאַש, וואָס ליגט בײַ אים אונטערן קישן.

דער אימפּעט טראָגט אונדז טאַקע, נאָר כראָמאָוו, וואָס פאַרמאָגט דאַפקע אַ ביז גאָר שאַרפע ריִע, פאַרגלייבט מער די אויערן, ווי די אויגן. ער האָט זיך שוין ניט איין מאָל איבערצײַגט, אַז ווען עס פאַלט צו די נאַכט, האַלטן זיך די דײַטשן וואָס ווײַטער פון די טויבע פאַרקנס מיט די שמאָלע קאַליטקעס. אַפילע די פּאַטרולן שפּאַנען ניט איבער די טראָ־טואַרן, נאָר אין דער מיט פון גאַס. נאָך יעדע עטלעכע טריט שטעלן מיר זיך אָפּ און הערן זיך אײַן אין דער אָונטיקער שטילקײַט. אינעם געסל שטייען די הילצערנע שטיבער אַזוי געדיכט, אַז עס דאַכט זיך — כאַפּ זיך נאָר אַרויף אויף איינעם פון די דעכער, וועסטו שוין דערנאָך קאָנען אַריבערשפּאַנען פון איין שטוב אויף דער צווייטער און ניט נאָר פון הויז צו הויז, נאָר פון קוואַרטאַל צו קוואַרטאַל.

ניט דערגייענדיק צום ראָג, וווּ עס הייבט זיך אָן דער הויפּט־טראַקט, פאַרטײַע איך זיך צווישן די ביימער, ביז אין דער שטילקײַט דערטראָגט זיך צו מיר ניט כראָמאָווס הוסט. און אָט זײַנען מיר ווידער אין אַ שמאָל פינצטער סיטקעלע. אויב עס צאַנקט ערגעץ אין אַ שטוב אַ לאָמפּ, זײַנען די פענצטער פאַרהאַנגען, די לאָדן פאַרהאַקט. ווען איך זאָל דאָ זײַן איינער אַליין, וואָלט איך מיסטאָם באַדאַרפט טאַפּן מיט די הענט די לופט, נאָר אַלציינס וואָלט איך ניט געטראָפן צום אָרט, וווּ עס דאַרף אויף אונדז וואַרטן דער פּאַרטיזאַנישער שאָליִעך.

איצט גייען מיר גיך. דעם שטעקן האָט כראָמאָוו אַוועקגעוואָרפן. איך הער, ווי ער סאָפּעט שווער. לויט מײַן כעזשבן האָבן מיר שוין צוויי קילאָמעטער דורכגעמאַכט. דאַכט זיך, אַז מיר זײַנען שוין פאַרבײַגעגאַנגען דעם האַלץ־קאָמבינאַט, „דאַכט זיך", ווײַל אַליין בין איך דאָ קיינמאָל ניט געווען און גלײַכער איז דערווײַל זיך אָפּהאַלטן פון רייד. דער קאָמבינאַט שטייט אויף באַם טײַך, נאָר דאָרט, ווייסן מיר, איז אַרויסגעשטעלט אַ באַוואָפנטע וואַך.

מײַן כעזשבן איז אַ ריכטיקער. ווײַל אָט שפּאַנען מיר שוין איבער דער שמאָלער אײַזנבאַן־קאָלייע. אויב אַפילע דאָס איז אונדזער לעצטער וועג, זײַנען מיר שוין אַלציינס אַריבערגעטראָטן פון איין לעבן אין אַ צווייטן. קיין לעבעדיקע וועלן מיר זיך ניט אונטערגעבן. וועט עמעצער פון דער וועלפישער האָרדע פּרווון אונדז אָפּשטעלן, לאָזן מיר גלײַך אין גאַנג אַ גראַנאַטע.

פון ערגעץ דערטראָגן זיך פאַרטויבטע קלאַנגען, דאָס בילן פון הינט. די נאַכט איז קיל, נאָר ניט געניג נעפּלדיק. מיטאַמאָל וועט צעשניטן די כאַשכעס, ווי דער הימל וואָלט זיך געשפּאָלטן. מיר זײַנען שוין אין פוסטן פעלד, און די בלענדיקע שײַן פון די פּראָזשעקטאָרס קאָן זיך פאַרטשעפּען בלויז אין אונדז. מיר פאַלן צו צו דער ערד. אַך, ווען זי וואָלט זיך איצט געשפּאָלטן, די ערד, און אונדז אויסבאַהאַלטן כאָטש אויף עטלעכע מינוט!.. נאָר קיין ניסים געשעען ניט, דאַפקע ווען דו דאַרפסט.

מיטאַמאָל ווערט פינצטער, און באַלד רײַסט זיך ווידער דורך דער שטראַל און פאַר־בלענדט מיר די אויגן. אַזוי כאַזערט זיך איבער צוויי, דרײַ, פיר מאָל... ווי פאַרסאַמטע לאָזן מיר זיך לויפן. וואַניע איז, דאַכט זיך, אַרײַן אין ריוו. לויטן קלאַנג פון זײַן שטילן פײַף פויזע איך צו אים, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ פון דער ערד.

לאַנג זיך פאַרהאַלטן טאָרן מיר ניט. זאָל זײַן אויף אַלע פיר, נאָר וואָס גיכער אַוועק פונדאַנען.

דער מענטש פון וואַלד, וואָס באַגעגנט אונדז אפן אָפגערעדטן אָרט, איז פעטיע — א צוועלפיאָריק ייִנגל, וואָס האַלט א וועסלע אין דער האַנט. אָן איבעריקע רייד פירט ער אונדז איבער א גאָרטן, דערנאָך איבער א פרוכט-סעדל. מיר מאַכן עטלעכע צענדליק טריט באַרג-אַראָפ, און אָט שפאַנען מיר שוין איבערן אײַנגעטאָפּטשעטן זאַמד פון ברעג טײַך, ביז מיר טרעפן אָן אף א שיפל, וואָס ליגט איבערגעקערט מיטן דנאָ אַרויף. אפילע אין אָט דער טויטער שטילקײַט הערט מען קוים, ווי עס פליעסקעט זיך דער שלעפעריקער טײַך.

פאַרזיכטיק-שטיל קערן מיר איבער דאָס שיפל און שטופן עס אָפ אין טײַך אַרײַן. פאַר געציילטע עטלעכע מינוט האָט זיך אין דעם אָנגענומען אַזויפיל וואַסער, אַז כאָטש טשערפע מיט אַן עמער. אף אַזאַ צעטרעסקעטער „מולטער" וועלן מיר אָט דעם ברייטן טײַך געוויס ניט איבערשווימען. דעריבער מוזן מיר פאָלגן אונדזער יונגן פרײַנט און זיך לאָזן צום שכיינעסדיקן דאָרף, וואָס ליגט אויך אפן רעכטן ברעג. דאָרט, זאָגט ער, זײַנען פאַראַן עטלעכע שיפלעך, און כאָטש אַלע זײַנען זיי צוגעקייטלט און פאַרשלאָסן אף שלעסער, וועט ער דאָך זיך טאָן אַן אייצע.

ניט ווײַט פון טײַך ווױנט זײַנער א קאָרעוו, און אין א נויט וועט ער קומען צוהילף.

און אָט שטייען מיר פאַר א דאָרפיש-ברייטער טיר, וואָס וועט, דאַכט זיך, קיינמאָל פאַר אונדז זיך ניט אופעפענען. צוליגגן ווי געהעריק צו איר א פויסט האָבן מיר מוירע, אַז עמעצער זאָל ניט דערהערן, אָבער שטילערהייט שקראַבען אין פענצטער קאָן מען ביז פאַרטאָג. צום גליק אָבער האָב איך דאָס מאָל ניט געטראָפן. דער באַלעבאָס איז, ווײַזט אויס, ניט פון די כאַפנדיקע. צו אונדז דערטראָגן זיך ניט געײַלטע שאַרנדיקע טריט. מיר הערן, ווי דער מענטש פאַרגייט זיך אין א לאַנגן גענעץ, ער פאַרגינט זיך אויך אויסזידלען די ניט געבעטענע געסט. ער קאָן זיך עס פאַרגינען, ווײַל ניט קיין פאָליצײַ און ניט קיין דײַטש וואָלט אַזוי דעליקאַט אים ניט געוועקט.

נאָך שווערער איז עפעס דערשלאָגן זיך באַ דעם מענטשן. אויב איר ווילט, איז ער אפילע גערעכט. די וואַכלײַט אף דער בריק, וואָס איז גאָרניט אַזוי ווײַט פונדאַנען, פאַרמאָגן ניט נאָר ראַקעטניצעס, נאָר אויך א קוילנוואַרפער. איז ווי קאָן ער, א טאַטע פון קינדער, די שוועל אפילע אַריבערטרעטן. מיילע, דאָס שיפל, וואָס איז אים גאָרניט אַזוי גרינג אָנגעקומען, איז ער שוין גרייט צו אָפגעבן, — ברענט עס אָפן פײַער, נאָר נישט דעם שליסל, נישט די וועסלעס וועט ער אונדז ניט געבן. ער קאָן דאָס ניט טאָן, ווײַל, זאָגט ער, אפילע א באָק וועט זיך אָנשטויסן, אַז אַזעלכע זאַכן וואַלגערן זיך ניט אפן ברעג און ס'איז ניט אַזוי לײַכט זיי צוגאַנווענען פון דער שטוב.

לאַנג אַמפערן זיך קאָנען מיר ניט. די צײַט שטייט ניט. און אויך דער באַלעבאָס וויל וואָס גיכער פון אונדז פטור ווערן. וועגן דעם דערמאָנט אים אויך זײַן פרוי. ער קווענקלט זיך נאָך א רעגע און גיט אונדז אַליין א גוטע אייצע:

— דאָס עקסטע רינגעלע פון דער קייט קאָן מען אפילע מיט די הוילע הענט צערוקן, איז נאַט אײַך אַן אָפצווענגע, נאָר אַרויסוואַרפן זאָלט איר זי אין מיט פון טײַך.

קימאַט ביז די קני אין קאַלטער וואַסער, טו איך מיט די לעצטע קויכעס א שטופ דאָס שיפל, און מיט מאַטערניש וואַלגער איך זיך אַרײַן אין דעם.

דער אופגעוועקטער טײַך שווײַגט ניט. אויב מע זאָל זיך גוט אײַנהערן, ווי מיר אַליין טוען עס, קאָן מען מיסטאָם פון העט-ווײַט אופכאַפן דעם געפליעסק פון דער וועסלע און דאָס טויבע כליופען פונעם טונקעלן וואַסער, וואָס איך טרײַב מיט ביידע הענט. ווי באַ א

לעבעדיקער באשעפעניש, בין איך גרייט בעטן בא דעם טײַך בערעזינא: „בייזער זיך ניט און גיב אונדז ניט אויס מיט דײַן טומל"...

— רודערט גיכער! — זאָגט פּעטיע שטיל צו כראַמאָוון.

איך רוק זיך צו נעענטער צו וואַניען און כאַפּ זיך אָן פאַרן גלאַט־פּאָלירטן הענטל פון דער ווײַסלע. ס'איז צו דער צײַט, ווײַל א ריפּטל לעוואָנע מיט די צוויי הערנער אַף אַרופצו קלײַבט זיך שוין אויך אַרײַנפאַלן אין בערעזינע. דערווײַל ראַנגלט זי זיך מיט צוויי שטיקער וואָלקנס, וואָס ווילן זי ניט אַרויסלאָזן אַף דער פרײַ. נאָר דאָס קאָן דאָך זײַן ניט אַף לאַנג, און מיר דאַרפן נאָך אײַנעמען קימאַט א דריטל פונעם טײַך. און מיטאַמאָל — א העלער ליכט־פּאַס פליט אַרוף צום הימל, שטעלט זיך אָפּ אַף א ווײַל און פאַרשווינדט. נאָך דער ערשטער ראַקעטע — א צווייטע, וואָס צעשיט זיך ווי א בעזעמל. מיר ווייסן, אַז לאָזן פײַערווערק קאָנען זיך די היטלעראָווצעס פאַרגינען אויך גלאַט אַזוי. נאָר איך די הענט קומט צו אַזאַ קויעך, אַז די הילצערנע ווײַסלע האַלט ניט אויס און צעברעכט זיך אַפּצווייען.

צום גליק האָבן די פיס אָנגעטאַפּט דעם גרונט. שווימען אינעם אָנטאָן איז אונדז ניט אויסגעקומען, אָבער צום ברעג האָבן מיר זיך דערקלײַבן שוין פּיטש־נאַסע.

ווײַטער האָט אונדז פּעטיע אָן א וועג, אָן א שטעג געבראַכט צו א לאָנקע, וווּ די בלאָטע איז געווען געדיכט, צו אַן אינדזל, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט געדיכטע קוסטעס, און ערשט דערנאָך, ווען מיר זײַנען דורכגעגאַנגען א שטיק פעלד, זײַנען מיר אַרײַן אין אַן עמעסן וואַלד.

כאָטש מיר האָבן נאָך געשפּאַנט געהיט, ווי מע וואָלט אויך דאָ געלאָקערט נאָך אונדז, איז די סטעזשקע, וואָס פּעטיע האָט געזוכט און געפונען, פאַר אונדז געווען טויזנט מאָל טײַערער, ווי מיר וואָלטן אַנטפּלעקט א נײַע פּלאַנעטע אין וועלט־רוים.

וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס האָבן מיר דורכגעמאַכט א וועג פון א גוטע צוואַנציק קילאָמעטער. שוין אַף דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע האָבן מיר פון מידקײַט זיך א וואַלגער געטאָן אַפן גראָז. איך האָב אײַנגעאָטעמט א פולע ברוסט מיט פרישער פּאַרטאַגיקער לופט, און מיר האָט זיך אַזוי פאַרוואָלט א ווילדן געשריי טאָן. א געשריי טאָן מיט סינע, מיט צאָרן... אָדער גאָר א פאַרשטומטער זיך צורירן מיט די ליפּן צו יעדער בוים, צו אָט דעם אַראָפּגע־פאַלענעם געלן בלאַט און שעפּטשענדיק אָנזאָגן: איך בין אַנטלאָפן! איך בין אַנטלאָפן און וועל נעקאָמע נעמען.

דאָס איז געווען אין אָנהייב האַרבסט פון יאָר 1942.

אַרום־און־אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַז מע האָט געקאָנט ניט נאָר זען, נאָר הערן, ווי די נאַכט טרעט אָפּ.

בינیאַמין גוטיאַנסקי

בינیאַמין גוטיאַנסקי געהערט צו דער טאַלאַנטפולער פלעיאַדע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער פון די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן. מיט זײַנע קינדער־לידער, פּאָליטישער ליריק און סאַטירע, מיט זײַנע דראַמאַטישע פּרוּוון און פּעדאַגאָגישע אַרבעטן האָט ער פאַרנומען אַ בעקאָוועדיק אָרט אין אונדזער ליטעראַטור און איז ביז איצט פאַרבליבן אין זיקאָרן פונעם לייענער.

מיר גיבן דאָ אַ ציקל לידער פון מ. גוטיאַנסקיס ליטעראַרישער ירושה.

כ׳גיי איר נאָך

כ׳גיי איר נאָך און שרײַ און טײַנע,
כ׳וויין, איך בעט זי, כ׳רעד איר אײַן:
— באָבע, זאָג ניט „מיר פאַר דײַנע“,
באָבע, זאָג ניט „מיר זאָל זײַן“.
כ׳בין אַ פּיצל, כ׳בין אַ ברעקל?

כ׳גיי שוין גיך אין שול אַרײַן. —
טוט זי מיך אַ קוש אין שטערן:
— וועסט עס מיין פון מיר ניט הערן.
ביסט שוין טאַקע ניט קיין קליינער,
מיר זאָל זײַן פאַר דײַנע ביינער.

בא מײַן באָבע פייגל־העניע

בא מײַן באָבע פייגל־העניע
וואַקסן בייגל אין דער זשמעניע.
— פייגל־העניע, העניע־פייגל,
אין אַ זשמעניע וואַקסן בייגל?

— געבאַקן.

בא מײַן מומע פּערל־וועליע
טאַנצן בערן אַף דער סטעליע.
— פּערל־וועליע, וועליע־פּערל,
אַף אַ סטעליע טאַנצן בערן?

— סע פליגן.

בא מײַן זיידן פײַוול־גאָדל
וואַקסן בײַוול אין דער נאָדל.
— פײַוול־גאָדל, גאָדל־פײַוול,
אין אַ נאָדל וואַקסן בײַוול?

— אַרײַנגעסילעט.

בא מײַן פעטער אַרן־שלוימען
וואַקסן באַרן אַפן קוימען.
— אַרן־שלוימע, שלוימע־אַרן,
אַף אַ קוימען וואַקסן באַרן?

— ס׳אַ ליגן.

מיאו

(אַ רוסיש פאָלקס־לידעלע)

קומט דאָס קעצעלע דאָס ראָבע:
— מיאו!..
— וואָס וויינסטו, מורקע? — פרעגט
די באָבע.
— מיאו!..

איך האָב אַף זשוטשקען אַ פאַרדראָס.
— אַף זשוטשקען, קעצעלע? פאַרוואָס?
— מיאו!..
ער לעקט די סמעטענע אין קיך,
און נאָכדעם זאָגט ער, אַז ס׳איז איך.
מיאו... מיאו!..

איך וויל אײַך עפּעס זאָגן

איך וויל אײַך עפּעס זאָגן, נאָר ס'זאָל זײַן א סאָד...
כ'וועל נעמען אַלע לייטערס פֿון דער גאַנצער שטאָט.
באַנאַכט, ווען אַלע וועלן גוט אַנשלאָפֿן ווערן,
וועל איך אַרויס פֿון שטוב, אַז קיינער זאָל ניט הערן.
און שטיל־שטילערהייט אַרויף אויף דער לעוואָנע,
איך וועל דאָרט אויסמאָלן א פֿריילעך־פֿריילעך פּאָנעם,
מיט לאַכנדיקע ציין, מיט קוטשעראַווע האָר,
און צוקלעפּן איר קורצע אויערלעך א פּאָר.
און וואָנצעס, און א בערדל מיט א שפּיץ,
פֿון אויבן אָנטאָן א פּאַפּירענעם שקאַרמיץ.
דערנאָך וועל איך אַראָפּ, אַרײַן אין בעט אַפּגיך,
און קיינער־קיינער וועט ניט וויסן, אַז ס'איז איך...

אַכציע דער שיסער

„אוי, טאַטע, הערסט, ווען דו זאָלסט וויסן, —
האָט אַכציע אויסגעשריגן מיט א פֿריילעך קאָל, —
ווי גוט איך האָב זיך אויסגעלערנט שיסן!"
„דעהײַנט?" — „כ'האָב הײַנט אויסגעשאָסן צוואַנציק מאָל".
באַם טאַטן איז דאָס מויל געבליבן אָפֿן,
ס'האָט אין זײַן בליק צופֿרידנקײַט געטאָן א שטראַל:
„איז וויפֿל מאָל האָסטו, מײַן זון, געטראָפֿן?"
„געטראָפֿן? ניין. איך האָב אַזוי. ביכלאַל".
„אוי, אַכציע, — זיפֿצט דער טאַטע, — נאַריש ייִנגל,
מיט וואָס באַרימסטו זיך דאָ, גיב מיר צו פֿאַרשטיין?
דו טוסט דאָך מער ניט ווי א צי באַם צינגל,
און ווײַטער טוט די ביקס אַליין.
ס'האָט וועגן דעם געזאָגט א ווייסער א געוויסער,
נעם שוין און פֿאַרנאָטיר דאָס טאַקע דיר אין העפֿט,
אַז שיסן, ברודער־לעבן, הייסט נאָך ניט קיין שיסער:
א שיסער איז מען, אַז מע טרעפֿט".

מיינסט, איך הער ניט?

מיינסט, איך הער ניט, מײַזל־דראַפּעלע,
ווי דו גאַנוועסט זיך צום פּלעצעלע?
שקראַבע, שקראַבע נאָך א קאַפּעלע,
לויף איך באַלד און רוף דאָס קעצעלע!

אַך און ווײ

געווען אַמאָל
שלימאַזלען צוויי —
איינער אַך און איינער ווײ.

איז געקומען ווײ צו אָכן:
— ס'איז מײַן שטיבעלע צעבראָכן.
כ'האָב ניט, נעבעך, ווו צו זײַן,
כ'וויל צו דיר אין שטוב אַרײַן.

רופֿט זיך אָנעט אַך צו ווייען:
— אין מײַן שטיבל ווינטן דרייען,
און ס'איז קאַלט בא מיר און נאַס —
לאָמיר וווינען אויף דער גאַס.

זיצן זיי,
אַך און ווײ,
אין א שטיבעלע פֿון שניי.

נעמעןביידע, ווי מיט אָכן,
אין א טשײַניק טיי צו קאָכן.
האָט דאָס פײַער זיך צעברענט —
רינען ריטשקעס פון די ווענט.
איז א ריטשקעלע געפלאָסן,
האָט דאָס אייוועלע פארגאָסן,
און דאָס פײַער לעשט זיך אָפּ,
און דער טשײַניק פאלט אראָפּ.
זיפצן זיי,
אָך און ווי,
ניט קיין שטיבל, ניט קיין טיי.

א שניי־באָבע

ס'איז א באָבעציע פון שניי,
אויגן שווארצע האָט זי צוויי.
און א מויל
פול מיט קויל,
און א קרומע נאָז א קליינע,
און קיין אויערן קיין איינעם.
איז דער באָבע זייער שלעכט,
און די באָבע איז גערעכט.
טוט זי, נעבעך, טרויערן:
וווּ נעמט מען א פּאָר אויערן?

צוויי ווערטער וועגן דיכטונג

אינוועַרסיע

איר ווייסט ניט, וואָס אינווערסיע באטײַט?
מע שטעלט א וואָרט ניט דאָרטן, ווי בא לײַט.
צי ס'לאָזט זיך יאָ, צי ס'ניט זיך לאָזט, —
סע זייער פּראָסט.

גראַם

אשטייגער, שמאטעס — מאכט מען פון דערפון פּאפּיר.
נו וואטע — האָט א זויבערן קאָליר.
נאָר שמאטע אז מע גראַמט מיט וואטע,
באקומט זיך שמאטעוואטע.

סטראָפע

מיט סטראָפיק ווער ס'איז מער צי ווייניקער באקענט,
ווייסט ווויל, אז דאָ איז פון די שורעס אלץ געווענדט.
נאָר גלייבט ניט, וואָס מע וועט אײַך בלאָפן:
פון שלעכטע שורעס ווערן ניט קיין גוטע סטראָפן.

מאָס

עס איז פאראַן אין לידער מאָסן אלערליי:
פאראַן א מאָס, וואָס רופט זיך יאמב, פאראַן כאָריי,
און ס'זײַנען, כוץ דערוף, אין פערזן גאנץ פארשפּרייט
אנאפּעסט, דאקטיל, אמפיבראכי, נײַנמאָסרייד.

פון דער יידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד



שלוימע וואסערמאַן: „מענטשן אין מײַן לעבן“

דער ניו־יאָרקער „איקוף“־פאַרלאַג האָט אַרויסגעלאָזט אַ נײַעם בוך דערציילונגען פונעם אַמעריקאַנער פּראָגרעסיוון יידישן שרײַבער ש. וואסערמאַן. אָט וואָס עס שרײַבט אין דער פּאַריזשער צײַטונג „נײַע פּרעסע“ י. קאַלמאַן וועגן אָט דעם נײַעם בוך און וועגן זײַן אווטאָר:

„ש. וואסערמאַן איז אויסגעוואַקסן אין שאַפּ. ער גיט אַן אויסגעצייכנט בילד פונעם לעבן פון יידישן אַרבעטער באַם גערויש פון מאַשינען און פון זײַן שטענדיקן געראַנגל זיך ניט צו לאָזן פון זיי צערײַבן. דער אווטאָר באַווײַזט די נאַטירלעכע פרייַלעכקײַט, דעם „געלעכטער מיט יאַשטשערקעס“, מיט וועלכן דער יידישער אַרבעטער זוכט גרינגער מאַכן די לאַסט פון לעבן.

פון זײַן בוך דערגייט צו אונדז אויך אַ ווידערקאָל פון יידישן אומקום אין פּוילן.

דער נײַגעקומענער באַזעצט זיך באַ אַ מאַשין, באַ וועלכער דער פריִערדיקער אַרבעטער איז נאָרוואָס אויסגעגאַנגען. עס צעבושעווען זיך באַם נײַגעקומענעם די קראַנקע נערוון, ער זעט דעם טויטנס הענט זיך באַוועגן, און צוזאַמען מיט זיי באַוועגן און פאַרפלעכטן זיך די הענט פון זײַן יונגער אומגעקומענער פרוי...

מיר לייענען אויך אין אַ דערציילונג באַ שלוימע וואסערמאַנען וועגן דעם פּראָטעסט קעגן דער מערדערישער מילכאָמע אין וויעטנאַם. דאָס איז גלײַכצײַטיק אַ שאַרפע סאַטירע אַף דער אַמעריקאַנער יוסטיץ.

שלוימע וואסערמאַנס דערציילונגען כאַראַקטעריזירן זיך מיט טיפער גוטסקײַט, פּסיכאָלאָגיש געוואַגטער, וואַרעמער פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע כעסרוינעס, וועלכע זײַנען, אַגעוו, אַ פּויעל־יוצע פון שווערע באַדינגונגען“.

מיר דרוקן דאָ איבער פון דער זאַמלונג „מענטשן אין מײַן לעבן“ די דערציילונג „צוליב אַ „שייפּ“.

צוליב אַ „שייפּ“...

ווע מען האָט דען געקאָנט אײַנפאַלן, אַז צוליב אַ פאַסאָן — אָדער ווי מע רופט עס דאָ: „שייפּ“ — פון אַ רעקל, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אין אַ שויפענצטער אַף זיבעטער עוועניו, זאָל מען רוווענען אַוועקפירן אין שפּיטאָל אַרײַן און שימענען — אין פּאָליציי־סטאַנציע.

וואָס זשע האָט פּאַסירט? אַ קלייניקײַט איז געווען די סיבע. ווי פון אַ קליין שטיינדל, וואָס מע וואַרפט אין אַ שטילן טײַך, ווערן רינגען אַרום, וואָס ווײַטער פון צענטער, אַלץ גרעסערע רינגען, און ווען דאָס שטיינדל איז שוין אַפן אָפּגרונט, זעט מען נאָך די קרײַזן אַפן וואַסער, — אַזוי איז געווען מיט די צוויי אַלטע באַקאַנטע: ווען זיי זײַנען אַרײַן אין אַ היציקן קריג, האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרגעסן די סיבע דערפון. און ווען זיי האָבן זיך גענומען בייקערן אינמיטן גאַס, איז דאָס שוין געווען דער רעזולטאַט פון זידלערײַען...

נאָר לאָמיר ניט פאַרלויפן דעם וועג און אָנהייבן דערציילן מיטן נוסעך פון אַ געוויינלעכער מײַסע: „עס איז געשען אין אַ שיינעם פרימאָרגן“, נאָר דער דאָזיקער פרימאָרגן איז בעעמעס געווען פון יענע געבענטשטע סענטיאַבער־פרימאָרגנס, וועלכע שפּרייטן אויס איבער ניו־יאָרק אַ לויטערן בלויען הימל, און די שאָטנס, וועלכע הויערן אַף די גאַסן צווישן די הויכע מויערן, וועלכע קומען מיט דער אופגייענדיקער זון, זעען אויס ווי איידעלע, פאַנטאַסטישע אוזאָרן. די לופט איז אַ טרוקענע, אַ פרישע, מיט עפּעס אַזאַ ליבן רייעך און גוטן טאַם, וואָס פילט אָן דאָס מענטשלעכע געמיט מיט צאַרטקײַט, מיט ליבע צו אַלץ אַרום און צו די מאַסן מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער און קאָלירן, וועלכע שפּאַנען דאָ אין אַ סענטיאַבער־פרימאָרגן, ווי מיט געזאַנג אין זייערע טריט, צו זייער טעגלעכער באַשעפטיקונג. אין אָט אַזאַ פרימאָרגן, ווען עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס ווייעט די לופט מיט שאָלעם און שאַלווע, איז שימען אָנגעקומען אַף זיבעטער עוועניו און געטראָפן זײַן לאַנגיאָריקן באַקאַנטן, רוווענען, באַ אַ שויפענצטער פון מענער־קליידער. זיי האָבן זיך באַגריסט:

— גוט־מאָרגן, רוווען.

— גוט־מאָרגן, שימען.

— וואָס הערט זיך עפּעס?

— וואָס זאָל זיך הערן? און באַ דיר?

— אויך דאָס זעלבע...

— זע נאָר, ווי געפעלט דיר דער נײַער „סטײַל“ (מאָדע)? — האָט רוווען, ווײַזנדיק אַף אַן אָנצוג אין שויפענצטער, געפרעגט שימענען. און ניט וואַרטנדיק אַף אַן ענטפער, האָט ער מיט באַגײַסטערונג אויסגערופן: — ביסט כאָטש אַ מייוון אַף דער מעלאָכע? זע נאָר אַ „שייפּ“! מיט גאָלד צוגלײַך!..

רוווען און שימען האָבן זיך ליב צו קליידן אין די נײַסטע מאָדעס. כאָטש ביידע כאַפּן אַמאָל איבער די מאָס אינעם געשמאַק פון קליידן זיך, וואָס שטימט ניט מיט זייערע יאָרן, נאָר זיי אַליין באַמערקן עס אַפילע ניט... ביידע האַלטן זיך פאַר גוטע פאַכמענער.

ש. וואסערמאן

דערפאר האָט שימען ניט געײַלט זיך מיט זײַן מיינונג, אײדער ער וועט גוט באטראכטן דעם אַנצוג. ער איז צוגעגאנגען נאָענט צום פענצטער, קימאט מיט דער נאָז אָנגערירט דאָס גלאָז, און געבליבן שטיין מיט זײַן געפּאקטן קערפּער, רונדן פּאָנעם און בלאָס־בלויע אויגן אינגאנצן פארטאָן אין דעם געבוי פון אַנצוג... ווי שטענדיק, איז אויך איצט ניט געווען אין זײַנע אויגן קיין סימען פון באגײַסטערונג, צי פארוווּנדערונג אָדער כידעש און אויך ניט קיין פארדראָס. דאָס איז צוליב זײַן אינערלעכן „פּאנצער“, וואָס האָט זיך בא אים אויסגעארבעט פון לאנגע יאָרן דערפארונג אין די שעפער, אז אײנמאָל פאר אַלעמאָל: „נאָ מאָר!“ ניט מער! ער האָט מער ניט קיין קויעך צו ערגערן זיך! ערגערן זאָל זיך עמעץ אנדערש! ער האָט איצט געענטפערט לאנגזאם אף רוּונס באגײַסטערונג:

— דער לינקער „סליוו“ (ארבל) שטייט פאריסן צום פראָנט, דער קאָפּ פון ארבל בלאָזט זיך. דער „שייפּ“, איך מיין די לאַצן מיטן קאָלנער, איז ניט גוט אויסגעארבעט: איין שפּיץ קוקט קיין בויבעריק, דער אנדערער — קיין פּיטשוטש. און ווי נאָר זיי וועלן דערשמעקן א פּײַכטן וועטער, וועלן זיי קריגן קראמפּן און זיך נעמען דרייען אין אַלע זײַטן...

שימענס מעווינעס האָט געטראָפן ווי א שטארקער שנעל אין נאָז ארײַן רוּוענען. ער האָט זיך געהאלטן פאר אן ערשטקלאסיקן באַלמעלאָכע, האָט אויסגעקליבן דעם אַנצוג און באשלאָסן צו קויפן אים אף יאָמטויווים. קומט גאָר ער, שימען, און גיסט אים אָפּ מיט א שעפל קאַלט וואסער... דאָס האָט אים פארדראָסן. רוּוען איז א מענטש, וואָס א ליאַדע־וואָס פארדריסט אים באַלד. ער איז אין די זעלבע יאָרן, וואָס שימען, נאָר עטוואָס העכער און קרעפּטיקער. ער האָט שארפע געזיכט־שטריכן, שווארצע אויגן מיט א שטענדיק באַרויגעזלעכן בליק אין זיי. דער באַרויגעזלעכער בליק האָט זיך בא אים אנטוויקלט צוליב זײַן שנעלקײַט אין דער ארבעט; די שנעלקײַט האָט אים געפירט צו צוזאמענשטויסן מיט אנדערע ארבעטער; די פירערשאפט פון די ארבעטער אין די שעפער האָט אן אַלגעמײנעם כעזשבן פון אײַנטיילן די ארבעט יוישערדיק, נאָר ער האָט אן אײגענעם כעזשבן: „בא יענעם ליגט די ארבעט, איך וואָלט דאָס שוין געהאט פארטיק... אף יענעם ווארט די ארבעט, און איך — ווארט אף דער ארבעט...“

זײַן באַוואָלטער, באַרויגעזלעכער בליק האָט ווי געטײַנעט: „מ׳פארגינט מיר ניט... מע וויל מיר אונטערשטעלן א פיסל“... און איצט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז שימען האָט זיך אָנגעשטויסן, אז ער וויל זיך קויפן דעם אַנצוג אף יאָמטעוו, און ער פארגינט אים ניט. דאָס האָט אים געערגערט: „פארוואָס זאָל ער מיר ניט פארגינען?“ דערפאר האָט ער מיט קוים־אײַנגעהאַלטענעם פארדראָס געענטפערט:

— דער „שייפּ“, זאָגסטו, וועט זיך איבערדרייען? ווי קאָנסטו גאָר זאָגן אזא זאך?! זע נאָר, ווי גוט די לעצלעך זײַנען אויסגעארבעט! ביידע שפּיצן גלײַך, ווי א ווירע, קיין איינס ניט אנדערש פון צווייטן, אפילע ניט אף קיין ה־אַ־ר־ע־ל־ע! אף אזא פײַנער ארבעט דארף מען, פארשטייסטו מיך, אן אויג פון א גוטן שנײַדער...

אָט די באמערקונג האָט א ריר געטאָן פון אָרט שימענס „פּאנצער“ פון „עס ארט מיך ניט“.

„זע נאָר, — האָט ער זיך געטראכט, — ווער עס זאָגט וועמען „מע דארף האָבן אן אויג פון א גוטן שנײַדער“. די ביטערסטע באַלעבאָטים קווענקלען דאָך אָן פון זײַן ארבעט. ער ווייסט די סוידעס פון זײַן פאך, ער קען דאָך די אײגנשאפטן פון יעדן מין סכוירע. אין „יוראָפּ“ האָט ער געפירט אן אייגענע „מאסטערסקאַיע“, געהאט די רײַכסטע קונדן, — איז נא דיר אזא שפּילקע: „מע דארף האָבן אן אויג פון א גוטן שנײַדער“... פאר אזא זאַג איז ער ווערט, מע זאָל אים דערלאנגען א גאָב. נאָר גאָרנישט, זאָל זײַנס איבערגיין... ער וועט שוין געפינען וואָס צו זאָגן, אז עס זאָל ארײַן אין דער זיבעטער ריפּ...“ און ער האָט אָנגעהויבן לאנגזאם:

— זעט אויס, רוּוען, אז איידער ביסט אריבער צו קלאָוקס, האָסטו קיינמאָל ניט געארבעט בא גוטער מענער־שנײַדערײַ, ווי איך...

דאָס האָט גראָד א שניט געטאָן, ווי מיט א מעסער, זײַן פאכמענערישן שטאָלץ, און ער האָט מיט א ביטלדיקן טאָן אָנגעהויבן אָפּצוענטפערן:

— הע, שיינע צײַטן זיך דערלעבט, אז הינער קרייען שוין אויך. איך האָב מײַנע ציין אופגעגעסן בא מענערשע קאָסטיום־שנײַדערײַ! און דו, גרויסער צעלײגער, ביסט דאָך ניט מער ווי קאַלאָמבוסעס א באַלמעלאָכע! דאָ אין אמעריקע האָסטו זיך אויסגעלערנט שטעפּן...

שימענען איז ניט געווען צום הארצן רוּונס הויכער טאָן, וואָס האָט געגרייכט אזש די זײַטיקע מענטשן, וועלכע קומען זיך צוזאמען אין די פרימאָרגנס א ביסל פריִער ווי מע דארף ארופצוגיין צו דער ארבעט, קעדיי א טאפּ טאָן דעם דויפעק פון מארקעט, געוואָר צו ווערן, ווו עס איז פאראן ארבעט און ווו ניט. ווער עס האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער ארבעט, און ווער עס האָט געביטן דעם „דזשאב“. אָט דאָס געזעמל, אז עס האָט דערהערט, ווי צווײ „אָלד טײַמערס“ ווערטלען זיך איבער אזוי „שיין“, האָבן זיי אָנגעגשטעלט די אויערן און איצט שוין צוגעהערט זיך צו שימענס שנײַדערשן ייִכעס־בריוו:

— זע נאָר, ווער עס רעדט! נישטאָ ווער עס זאָל לאכן! איך — קאַלאָמבוסעס א באַלמעלאָכע?! איך האָב דאָך געארבעט אין ווארשע אין די בעסטע ווער־

שטאטן, די מײַסטערס זײַנען די קאַפּאָרע געוואָרן פאַר מיר! נאָר אין װאַרשע? און דאָ? אין די בעסטע קלאָוק־הײַזער געארבעט מיט די גרעסטע „דיזײַנערס" באַ סעמפּלס! איז ווי געפעלט אײַך, איך — א קאָלאָמבוסניק?..

— דו האָסט געארבעט אין װאַרשע? „גײַ, װײַס", — האָט רוּוון געשפּעט פון שימענס פּוילישן דיאַלעקט, — דו רעדסט דאָך ווי א גאַליציאַנער, וואָס קומט פון א שטעטל גרויס, ווי א גענעץ, און לויט דײַן גאַנצן געשטעל דערקענט מען, אַז דו האָסט געפירט קעלבער אף יאַרידן... איז „גײַ, װײַס", אַז ער האָט גאָר געארבעט אין װאַרשע, און נאָך באַ דער בעסטער שנײַדערײַ דערצו!..

די מענטשן־ראָד ארום האָט געלאַכט געשמאַק און הויך. און כאָטש שימען האָט גוט געהערט דאָס געלעכטער, האָט ער פונדעסטוועגן אָנגעהויבן צו ענטפערן מיט זײַן געוויינלעכן נוסעך:

— הע, נישטאָ װער עס זאָל לאַכן; איך — א גאַליציאַנער? און זעט נאָר, װער עס רעדט — א געבראָטענער ליטוואַק, וואָס קאָן קיין קלאָר וואָרט ניט ארויסריידן: מוישע קומט באַ אים ארויס מייסע. שלוימע איז באַ אים סליימע, און פון שאַבעס נאָך שוועס ווערט באַ אים סאַבעס נאָך סוועס... דאָס איז איינמאָל אוועק. צווייטנס, דערקענט מען אין דײַנע גראָבע לאַפּעס, אַז ביסט געוועזן א האָלצהעקער אין דער אַלטער היים. נאָר דאָ אין אַמעריקע שיסט א בעזעם אויך; דאָ רעדסטו פון אַזעלכע אײדעלע זאַכן, ווי גוטע שנײַדערײַ, דערציילסט מײַסעס פון טויזנט און איין נאַכט און ווילסט, מע זאָל דיר גלייבן, אַז א קו איז געפלויגן איבערן דאַך! ע, נישטאָ װער עס זאָל לאַכן!..

רוּוון האָט זיך ארומגעקוקט מיט אַזאַ קאַרגן שמייכל אף זײַן פּאָנעם, וואָס האָט אָבער געלאָזט וויסן: „וואַרט א ווײַל, וועט איר זען, ווי איך וועל דעם צעלייגער געבן א צי אויס, אַז ער וועט ווערן גרין און געל"... און ער האָט אָנגעהויבן דערלאַנגען:

— דו, גרינער, װער איז לענגער אין אַמעריקע? איך צי דו? איך. איז װער ווייסט בעסער? ווען דו זאָלסט געוועזן קומען קיין אַמעריקע אין יענע יאָרן, ווען איך בין געקומען, ווען מע האָט געטאַפּט א וואַנט אין די שעפּער, וואָלט מען דיך געוועזן אָנגענומען באַ דײַנע לאַנגע אייזל־אויערן און ארונטערגעשלײַדערט פון אַלע טרעפּ! דײַן מאַזל, וואָס ביסט געקומען שוין צום גרייטן. ביסט געקומען צו א פאַרטיקער יוניאָן, וואָס איך האָב מיט מײַן בלוט געהאָלפן בויען, קעדיי מע זאָל קאָנען פּראָטעקטן (באַשיצן) אַפילע אַזעלכע וויסטע כאָצי־באַלמעלאָכעס, ווי דו ביסט!..

— היי, מיסטער באַרימער, „האָלד דהי האָרסעס!"— האַלט אײַן דײַנע סוסים! וועסט נאָך אראָפּ פון גלײַכן וועג! — האָט שימען אויסגערופן אף א הויך קאָל, אַז אַלע ארום זאָלן הערן. — קוק מיר נאָר גלײַך אין די אויגן ארײַן; װער ארבעט באַ סעמפּלס, איך צי דו? איאָ, איך? איז וואָס טויג מיר דאָרט, וואָס ביסט לענגער פון מיר אין אַמעריקע? א פערד מעג אויספאָרן די גאַנצע וועלט — בלײַבט דאָס אַלץ א פערד...

רוּוענען האָט אויסגעוויזן, אַז אַלע ארום קוקן אף אים ווי אף א געשלאָגענעם פון יענעמס רייד. דאָס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן. ער וועט אים איצט אַזוי ארײַנזאָגן, אַז עס זאָל אים טרעפן אין דער זיבעטער ריפּ ארײַן:

— אָ, דײַנע סעמפּלס, — האָט ער אויסגערופן, — שטייען מיר פאַר די אויגן! אויך מיר א סעמפּלמאַכער! וויפל מאָל איבערן יאָר הייסט מען דיר גיין ווײַטער? ווי לאַנג האַלטסטו זיך אף א דזשאַב? זאָג דעם עמעס, זאָלן די מענטשן דאָ ארום אויך וויסן!..

מע האָט זיך אַלץ מער באַליידיקט. מע האָט זיך פאַרגעוואָרפן זאַכן, וואָס זײַנען נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, אַבי צו דערנידעריקן איינער דעם אַנדערן. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געהערט פון דער מידע ניט מעוואַיעש זײַן קיין מענטשן. און עפּשער האָבן זיי נאָך ווי־עס־איז יאָ געהאַלטן פון דער מידע, נאָר איצט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער יעיצערהאָרע פון אָפּלאַכן און אָפּכויזעקן איז ארײַן אין זייערע צינגער. און דער אוילעם ארום האָט גראָד שטאַרק האַנאָע געהאַט פון דעם... דאָס איז געווען ווי אַן אַפּלאָז פאַר אַקטיאָרן אף דער בינע. שימען האָט געגעבן א שרײַ אויס:

— זעט נאָר, װער עס האָט זיך געוואָלט אויספּוצן אין דעם „סוט", — ווײַזנדיק מיטן פינגער צו דעם שויפענצטער. — ער וואָלט אויסגעזען אין אים ווי א כאַזער אין א שטרײַמל!

רוּוענען האָט זיך איצט אויסגעוויזן, אַז שימען האָט שטאַרק אויסגענומען באַ די ארומיקע און אַז אַלע זײַנען קעגן אים. דאָס האָט אין אים דערוועקט דאָס געפיל פון דעם שטענדיק באַאוולטן, און א קאַס האָט אין אים אָנגעהויבן שטײַגן. די ליפּן זײַנען אים ווײַס געוואָרן. פון אַלע זידלווערטער, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט באַפאַלן זײַן קעגנער, איז געוואָרן איין קנויל און איז אים געבליבן שטיין אין האַלדז. דאָס האָט שימען אויסגענוצט און זיגעריש א זאָג געטאָן:

— דו ביסט אף גוטער ארבעט אַזאַ מייוון, ווי א קאַץ אף הייוון! — און ער האָט אָנגעהויבן אוועקצוגיין. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט א שטויס פון אַן עלנבויגן. ער האָט זיך אומגעקוקט און זיך דערשראָקן פאַר רוּוונס ווילדן אויסזען. ער האָט זיך גענומען אָפּרוקן. נאָר זעט אויס, אַז זײַן מוירע האָט נאָך מער צעקאָכט דעם צאָרן אין רוּוענען, וואָס האָט איצט אויסגעשיפּעט צווישן די ציין: „וועסט ניט אַנטלויפן פון מײַנע הענט!"

און איידער שימען האָט באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, האָט ער שוין געכאַפּט קלעפּ. עס האָט זיך אים געוואָלט זאָגן: „דו נארישע בעהיימע! ביסט אראָפּ פון זינען, צי וואָס? מע האָט זיך דאָך בלויז געקיבעצט"... נאָר די פּעטש, וואָס ער האָט געכאַפּט, האָבן אים איבערצײַגט, אַז ער דאַרף שלאָגן צוריק און שטאַרק, אַז יענער זאָל אים האָבן צו געדענקען... נאָר „יענער" איז געווען קרעפּטיקער און צאָרנדיקער. און באַלד האָט זיך אים אָנגעהויבן מישן אין קאָפּ, אַז אָט־אָ וועט ער אַוועקפאַלן... עס איז אַוואַדע דער היכער בלוט־דרוק זײַנער... נאָר זאָל זײַן וואָס עס וויל, ער מוז אים אָבער אָנלערנען... ער ווייסט, אַז זײַנע הענט הייבן זיך און לאָזן זיך אראָפּ, נאָר עפּעס קאָנען זיי ניט טרעפן אַהין, וווּ ער וויל... אָט־אָ איצט דערלאַנגט ער אים גלײַך אין נאָז ארײַן! נאָר די פּיס טאַמלען. ערגעץ אין מויעך בליצן אוף פונקען פון זעלבסט־פאַרהיטונג. ער טאָר ניט פאַלן, ניט צו דער וואַנט, ניט אף דעם האַרטן טראָטואַר. עס קאָן זײַן א טויטפאַל...

אזויפיל מענטשן ארום, און קיינער קומט ניט ראטעווען, קיינער שטעלט זיך ניט אײַן פאר אים... ניין, ער וועט ניט אנטלויפן פונדאנען. ניט אָפּטרעטן... אין קעשענע איז פאראן א מעסערל, וואָס העלפט אים אין זײַן שנײַדערײַ, אף צעעפענען א שלעכט־צוגענייטע נאָט... מיט איין האנט פארשטעלט ער זיך דאָס פּאָנעם, די אנדערע ציטערט בא דער קעשענע: ארויסנעמען דאָס, צי ניט? עפּעס א באקאנטע מאכשאָווע... יאָ, אזוי טראכט ער אָפּטמאָל וועגן דעם נײַעם פאָרמאן, וואָס דערגייט אים די יאָרן... וואָס איז אזא גרויסער טומל? ווער שרײַט אזוי: „בלוט!“, „געשטאָכן!?“ וואָס איז אים אזוי פינצטער געוואָרן אין די אויגן?..

שפּעטער, ווען מע האָט רוּווענען געפרעגט אין שפּיטאָל די סיבע פון דעם געשלעג, האָט ער זיך ניט געקאָנט דערמאָנען... ווען די פּאָליציי האָט אויסגעפרעגט שימענען וועגן דער סיבע פון געשלעג, האָט ער נאָך א לאנגן נאָכטראכטן געענטפערט, אז ער געדענקט ניט אקוראט. ער ווייסט נאָר, אז מע האָט זיך געקיבעצט...

אין אָוונט איז שוין רוּוון געווען בא זיך אין דער היים אין ברוקלין, און שימען בא זיך אין דער היים אין די בראָנקס — ביידע ארומגערינגלט פון זייערע פאמיליעס. אלע — מיט ראכמאָנעס־געפילן, וואָס מענטשן אין די יאָרן און מיט אָלסערס אין די מאָגנס, מיט א הויכן בלוט־דרוק, מוזן זיך נעבעך נאָך אלץ שלאָגן... — איז דאָס געווען קעגן סקעבס? צי צוליב א דזשאב? אָדער צוליב פּארנאָסע? — האָבן די מישפּאָכעס געוואָלט וויסן.

— צוליב א — שייפּ... — האָט געענטפערט רוּוון.

— צוליב א — שייפּ... — האָט געענטפערט שימען.

— צוליב א שייפּ?! — האָט זיך געכידעשט רוּוונס מישפּאָכע און פארשעמטע זיך איבערגעקוקט.

— צוליב א וואָס? א שייפּ?! — האָט זיך געוווּנדערט שימענס מישפּאָכע און פארשעמטע אראָפּגעלאָזט די קעפּ...

און אז זייערע שכיינים, באקאנטע, פרײַנט און די מענטשן פון זייער פאך אין מארקעט זײַנען געוואָר געוואָרן די סיבע פון זייער געשלעג, האָבן זיי געהויבן די אקסל און זיך געוווּנדערט: „אן אײַנפאל פון מענטשן! גראָד איצט, ווען דער גורל פון דער גאנצער מענטשהײַט הענגט אף א האָר, ווען די גאנצע וועלט שטייט אין קאָן, שלאָגט מען זיך צוליב א שייפּ“... — און די מענטשן ארום האָבן געשוויגן?

ניין, געלאכט...

בראָניק

צום 250־טן געבורטסטאָג פון וואגיפן

אין אָקטיאבער ווערט 250 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער קלאסיקער פון דער אזערבײַדזשאנער פּאָעזיע וואגיף.

לעצטנס האָט די וויסנשאפט־אקאדעמיע פון דער אזערבײַדזשאנער רעפּובליק דורכגעפירט א ספּעציעלע סעסיע, געווידמעט דער שאפונג פון וואגיפן. עס ווערט געגרייט צום דרוק אן אויסגאבע וועגן לעבן און שאפונג פונעם דיכטער אף דער אזערבײַדזשאנער, טערקישער, ענגלישער און פּערסישער שפּראכן.

די יובילײ־פײַערונגען, וועלכע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אין באקו און אין די הויפּטשטעט פון אנדערע ברידערלעכע רעפּובליקן, וועלן זיך פארענדיקן אין מאָסקווע מיט א פײַערלעכן אָוונט אין קאָלאָנען־זאל פונעם פאריינען־הויז.

פאַרליבטע ערד

...

עפּעס האָט אײַנגאַנצן זיך די וועלט געענדערט
אין דער ווייכער גרינשײַן, אין דעם בלויען בלענד.
און מיך רופן וועגן, שליאַכן אָן אַן ענדע,
אין מײַן האַרץ — דעם אַלטן וווּנדער־קאָנטינענט.

און דאָס ליכט דאָס גרינע עפנט אַלע וועגן,
און די וועגן אַלע גייען באַרג־אַרויף,
טויזנט בלויע פייגל פליִען מיר אַנטקעגן,
טויזנט צאַרטע פידלען קלינגען אין מײַן רוף.

אין הייסע אויגן צינדן אָן זיך שטערן,
און דאָס האַרץ דורך אומענד ווײַטסטע צײַט דערהערט...
פייגל מײַנע בלויע, שווערט, ניט שוואַרץ צו ווערן!
פידלען, זינגט דעם ניגון פון פאַרליבטער ערד!

איבער זילבערנע דעכער

עס האָט נאָך מײַן אויג ניט פאַרנומען די שקיִע —
און ס׳שפּריצט שוין מיט פונקען אויף דעם דער באַגינען,
און כ׳קאָן צווישן זיי ניט די גרענעץ געפינען,
און כ׳קאָן ניט געפינען, ווו אָנהייב, ווו סאָף איז,
און בילד־שײַן, און ווילד־שײַן דער כאָלעם אָן שלאָף איז...

פאַר אַלץ אומגעריכטס בין איך ברייט איצט צעעפנט:
וואָס קאָן דען אין נעכט אין אַזעלכע ניט טרעפן!
אַז ס׳צאַפּלט די וועלט זיך אין עפּעס אַ פיבער
און ס׳זינגט אַ פאַרבענקטע די שטילקײַט די ווײַסע
און וואַרט אַלץ אויף וווּנדער — אַ קינדערשע מײַסע,
וואָס גיסט איבער ראַנד זיך מיט „פּלוצלינגס" אַריבער...

איך זיץ בײַ מײַן אָפענעם פענצטער פאַרוווּנדערט:
מיר דוכט אַלץ, אַז ערגעץ דאָרט ווײַט און נאָך ווײַטער
טאַנצט אויס איצט איר אָנהייב פון ערשטן יאָרהונדערט
די ערד, און זי וויל מיט דער זון זיך ניט שיידן —
און כ׳פיל איר אינדיאַנישן טאַנץ איבער שײַטערס...
און כ׳זע אויך איר שמייכל דעם קלוגן און שטילן:
זי איז אַזוי ערנסט, ווי קינדער, וואָס שפּילן...

און כ׳זע, ווי עס שפּאַנט איבער זילבערנע דעכער
פאַרפּולט אינעם זילבערנעם נעפּל, וואָס שימערט, —

א ברענגער פון בסורעס... אָט שטילער, אָט העכער
ער קלאַפּט שוין אין אָפענער טיר פון מײַן צימער...
כ׳הייב אוף זיך און שמייכל. כ׳בין אלץ נאָך ניט זיכער,
אז ס׳קלאַפּט בלויז מײַן הארץ עטוואָס שטארקער און גיכער...

צו די נעגער־אומרוען אין אמעריקע

העם ההלכים בחשך ראו אור גדול
(ישעיה ט׳)

„דאָס פאָלק, וואָס איז געווען אין כוישעך,
דערזען האָט פלוצעם בלענדיק ליכט...״
...דער גרויסער העלער שאס־האקוישער[1]
ער קומט ניט קיינמאָל אומגעריכט!

און אייביק וואָלט זײַן שווערן וואָגן
דאָס פאָלק געשלעפּט אין שווארצער פּײַן,
ווען ס׳זאָל אין הייסן הארץ ניט טראָגן
די גרויסע בענקעניש נאָך שײַן.

[1] די געהעריקע צײַט.

מאָס און וואָג

ניט מעסט קיין לידער לויטן ווּקס —
ניט אין דער לענג איז זייער גוווּרע:
איין וואָרט א טיפּס און הארציק־קלוגס
לעבט לענגער פון דער לענגסטער שורע,
אויב זי פארמאָגט ניט זון צי שטורעם.
עס וועגט ניט פיל דאָס ליד, אויב שווער
עס כאַפּט עס אוף קוים דײַן געהער,
ווי פון א שטומען מענטש דאָס
שטאַמלען...
איין גראַם טאַלאַנט וועגט פיל מאָל מער
פון טויזנט שווערע גרויע גראַמען.

ווען מענס הארץ...

מײַן הארץ איז אָפט קאַפּריז און מיד
און לעבט מיט מאָדנעם שטייגער:
אָט גייט עס קוים — כ׳הער קוים
די טריט,
אָט לויפט עס שנעל — זיך לייגן...
דאָך טוישן עס, — ניין, כ׳וויל דאָס ניט:
עס איז דאָך מײַנס, מײַן אייגן!
איך וויל בא מיר ניט אונטער העמד
א הארץ, וואָס איז מײַן הארצן פרעמד,
א הארץ, וואָס האָט אין טאָג פון פּײַן
קיינמאָל מיט מיר געוויינט,
און ווען ס׳האָט מיר דאָס גליק געשײַנט,
זיך ניט צעזונגען פריידיק.
ניין, כ׳וויל ניט טראָגן אונטער העמד
א הארץ, וואָס איז מײַן הארצן פרעמד...

אויף די שפורן פון געשעענעם

נאָך איינער פון די לעבן־געבליבענע

*

גאַנץ צופעליק איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה, אַז עס האָט זיך אָפּגעזוכט נאָך איין געוועזענער אַסיר פון פאַשיסטישן טויט־לאַגער „סאָביבאָר“ — נאָכעם פּלאָטניצקי. ער וווינט אין פּינסק, אויף קאָמסאָמאָלסקאַיאַ, הויז 18. איך האָב אים טייקעף אָנגעשריבן אַ בריוו און געבעטן, ער זאָל איינשטעלן מיט מיר אַ פאַרבינדונג. אויפן ענטפער האָב איך לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטן. איך ברענג דאָ דעם פולן טעקסט פון זיין בריוו צו מיר.

12 מאַרט 1968.

כאָשעווער כאַווער פּעטשערסקי!

אייער בריוו האָב איך באַקומען. איך ענטפער אייך אינקורצן. יאָ, איך בין געווען אַן אַסיר אין טויט־לאַגער „סאָביבאָר“. איך האָב דאָרט געאַרבעט אַלס סטאָליער אויף דער בויונג פון די באַראַקן. איינמאָל האָט מען אין לאַגער געבראַכט אַ גרופּע סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע. צווישן זיי איז געווען איינער מיטן נאָמען סאַשע. אונטער זיין אָנפירונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן די פליטע פון די אַסירים. איניקע פון די כאַווירים, מיט וועלכע איך בין געלאָפן צוזאַמען, געדענק איך, — דאָס זיינען סאַשע, אַרקאַדי, סענקע. דער שעף פונעם לאַגער האָט געהייסן פרענצעל. נאָכן אַנטלויפן בין איך אָנגענומען געוואָרן אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אויפן נאָמען פון שטשאָרס. צוזאַמען מיט די טיילן פון דער סאָוועטישער אַרמיי בין איך דערגאַנגען ביז בערלין.

מיט אַכטונג — פּלאָטניצקי“.

איך האָב טייקעף צו וויסן געגעבן וועגן פּלאָטניצקין אַלע געוועזענע סאָביבאָרער אַסירים, וועלכע וווינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. זיי האָבן זיך פאַרינטערעסירט מיטן נייעם כאַווער און געבעטן מיך צופאָרן קיין פּינסק, קעדיי באַגעגענען זיך פּערזענלעך מיט פּלאָטניצקין.

דעם 3 מיי 1968 בין איך שוין געווען אין דער היים בא דעם געוועזענעם סאָביבאָרער אַסיר.

פאַר מיינע אויגן האָבן זיך דאָ ווידער דורכגעטראָגן די שוידערן פון 1943 יאָר, דער טויט־לאַגער. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך זע ווידער די עשעלאָנען מיט הונדערטער און הונדערטער פאַרורטיילטע צום טויט, איך הער ווידער, ווי קינדערלעך שרייען פון די גאַזקאַמערן, אין מיינע אויערן גרילצט ווידער דאָס גאָגאָטשען פון 300 גענדז, וועלכע מע טרייבט איבערן פעלד, קעדיי צו פאַרהילכן די מענטשלעכע געשרייען.

דערפילט מיין צערודערטקייט, האָט נאָכעם פּלאָטניצקי, וועלנדיק מיך צעשטרייען אַ ביסל, אויסגערופן מיט אַ הויכער שטים:

— סאָניע, יאַשע! זעט, ווער עס איז געקומען!

פון צווייטן צימער זיינען אַריין נאָכעמס פרוי סאָניע און זיין זון יאַשע.

מיר זיצן בא אַ געדעקטן טיש. מיר שטעלן איינע די אַנדערע וואָכעדיקע פראַגן, און קיינער פון אונדז דערוועגט זיך ניט אָנהייבן דער ערשטער צו ריידן וועגן דעם טויט־לאַגער „סאָביבאָר“.

— סאָניע, גיב נאָר אַ קוק אויף אים, — זאָגט שטיל נאָכעם. — ווען ניט ער, וואָלטן מיר בא אָט דעם טיש ניט געזעסן...

איך קוק אויף נאָכעמען, און מיר דוכט, אַז איך האָב ערשט נעכטן געזען זיך מיט אים. מיר זיינען דאָך געווען צוזאַמען אין סאָביבאָר אין יענע טעג פון אָקטיאַבער 1943. ער קוקט אויך אויף מיר. אונדזער שמועס הייבט זיך פריִער אָן מיט „געדענקסט, האַ? דערמאָנסט זיך?..“ נאָר ביסלעכווייז הייבט נאָכעם אָן דערציילן וועגן זיין שווערן לעבנס־וועג.

ניט קיין פריילעכע קינדהייט איז געווען בא נאָכעמען. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1913 אין שטעטל וויטשינאַ, לונעצקער ראַיאָן, אין דער אומגעגנט פון בריסק. אין פּוילן האָט דעמלט געוועלטיקט פּילסודסקי. אין שול האָט נאָכעם ניט געלערנט, ווייל עס איז ניט געווען מיט וואָס צו צאָלן סכאַר־לימעד. נאָך אַ קינד, איז ער אָנגעקומען אויף אַרבעט אין דער בוינע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מילכאָמע. דער מיליטערישער טייל, ווו פלאָטניצקי האָט דעמלט געדינט, איז אַרײַנגעפאַלן אין ארומרינגלונג. נאָכעם איז געוואָרן א קריגסגעפאנגענער. מע האָט אים אוועקגעפירט קיין דײַטשלאנד און פארשפארט אין לאגער „נײַ־בראנדענבורג". פונדאנען האָט מען אים, צוזאמען מיט אנדערע געפאנגענע, געשיקט אַף לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטן צו די אָרטיקע באוערן. האלב־הונגעריקע האָבן זיי געמוזט ארבעטן צו 12 — 14 שאָ אין מעסלעס.

אין אָנהייב 1941 האָט מען פלאָטניצקין ארײַבערגעפירט אין דער פוילישער שטאָט בעלאיא־פאָדליאסקא, ווידער אין א לאגער פאר קריגסגעפאנגענע. פון דאָרט איז ער אנטלאָפן. אויסבאהאלטנדיק זיך פון די דײַטשן, איז ער יעדע נאכט געשלאָפן אין אן אנדער אָרט: אמאָל אַף א בוידעם, אמאָל אין א קעלער, אמאָל פארגראָבן זיך אין א קאָפּנע היי.

ווען דאָס פאשיסטישע דײַטשלאנד איז אָנגעפאלן אפן סאָוועטנפארבאנד, האָט מען די יידן אין בעלאיא־פאָדליאסקא, צווישן זיי נאָכעמען, פארשפארט אין געטאָ. מע האָט זיי געשיקט טריקענען די זומפן. אין הארבסט 1943, נאָך דער מאפּאָלע פון די דײַטשן בא סטאלינגראד, האָט מען נאָכעמען, צוזאמען מיט נאָך 800 יידן, געבראכט אינעם טויט־לאגער „סאָביבאָר". פון די 800 האָט מען אָפּגעקליבן 30 סטאָליערס, דערונטער פלאָטניצקין, די איבעריקע 770 מענטשן זײַנען אין צוויי שאָ ארום געלעגן טויט.

אין סאָביבאָר האָט נאָכעם פלאָטניצקי געארבעט אַף דער בויונג פון באראקן אין ערשטן און פערטן סעקטאָר. קלעפּ, הונגער, קרענק, שלאָפלאָזע נעכט — אזא איז געווען דאָ דאָס „לעבן". טויזנטער מענטשן האָבן געווארט אפן טויט אין די גאז־קאמערן.

— נאָר דאָ איז אָנגעקומען אן עשעלאָן פונעם סאָוועטנפארבאנד, — דערציילט נאָכעם, — און די שטימונג איז בא אונדז געוואָרן אן אנדערע. מיר האָבן געשמועסט מיט די רוסישע קריגסגעפאנגענע און ניט באמערקט בא זיי קיין האָפּענונגלאָזיקײַט, קיין ייִעש. זיי האָבן אופמערקזאם צוגעקוקט זיך צום לעבן אין לאגער, צו דער וואך, צום שטעכדראָט; זיי האָבן זיך אינטערעסירט בוכשטעבלעך מיט אלץ, נאָר פּאָרזיכטיק, די עסעסאָווצעס זאָלן עס ניט באמערקן. דעמלט האָט אויך בא אונדז א בליץ געטאָן א שטראל פון האָפענונג, און דער שטראל איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אלץ ליכטיקער. ווי איצט געדענק איך דעם טאָג פון 14 אָקטיאבער — דעם טאָג, ווען מיר זײַנען געלאָפן פון לאגער. צו מיר איז צוגעגאנגען יאקוב (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז ער געווען א מיטגליד פונעם אונטערערדישן קאָמיטעט) און געזאָגט, אז אויב מע וועט אָנפאלן אפן געווער־סקלאד, זאָל איך ניט שטיין אין א זײַט, ווײַל איך האָב דאָך געדינט אין דער ארמיי. מע דארף פארכאפּן וואָס מער געווער און ארײַנטרעטן אין א שלאכט מיט דער לאגער־וואך. נאָר דאָס אלץ, האָט ער געזאָגט, זאָל איך דערווײַל האלטן בעסאָד, קיינעם ניט דערציילן...

ווײַטער דערציילט נאָכעם, אז ער איז דעמלט א גאנצע נאכט געלאָפן מיטן וואלד, ערשט פארטאָג האָט ער זיך פאראייניקט מיט מײַן גרופּע, וואָס איז באשטאנען פון 50 מענטשן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין די קוסטעס לעבן דער אײַזנבאן־ליניע. איך האָב באפוילן אלעמען פארמאסקירן זיך און געוואָרנט, אז אויב עס וועט זיך באווײַזן א דײַטש, זאָל מען ליגן שטיל, אָן דער מינדסטער באוועגונג. א גאנצן טאָג האָט פון אלע זײַטן געהילכט א שיסערײַ. די דײַטשן האָבן „דורכגעקעמט" דעם וואלד. זייערע אעראָפּלאנען זײַנען געפלויגן זייער נידעריק, מאַמעש איבער די קעפּ. דער טאָג איז אָבער פאר אונדז אדורך בעשאָלעם. באנאכט האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג. אָפּגעגאנגען עטלעכע קילאָמעטער, האָבן מיר אונדזער גרויסע גרופּע צעטיילט אַף עטלעכע קליינע גרופּעס און זיך צעגאנגען אין פארשיידענע ריכטונגען.

מיט מיר זײַנען געגאנגען ארקאדי ווײַספּאפּיר, אלעקסיי ווײַצען, באָריס ציבולסקי, אלעקסאנדער שובײַעוו און אנדערע, דער נײַנטער איז געווען נאָכעם פלאָטניצקי.

...זיצן מיר איצט באם טיש און שטעלן אוף אין זיקאָרן אונדזערע איבערלעבונגען נאָכן אנטלויפן פון טויט־לאגער.

אונדזער גרופּע האָט געבלאָנדזשעט אין וואלד פיר טעג און זיך ניט אנטשלאָסן צוקומען צום טײַך בוג. אין אלע כוטאָרן, וווּהין מיר זײַנען ארײַנגעגאנגען, קעדיי קריגן שפּײַז און דערוויסן זיך דעם וועג, האָט מען אונדז געייצעט, מיר זאָלן זיך האלטן ווײַטער פונעם בוג, ווײַל מיט עטלעכע טעג צוריק זײַנען פונעם טויט־לאגער „סאָביבאָר" אנטלאָפן אסירים, און די דײַטשן האָבן פארשטארקט די וואך באם טײַך. מיר זײַנען געגאנגען ווײַטער, אָריענטירנדיק זיך לויט די שטערן, געזוכט א סטעזשקע, מיט וועלכער מע קאָן אומבאמערקט צוקומען צום בוג און אריבערגיין אַף דער סאָוועטישער זײַט.

אפן פינפטן טאָג זײַנען מיר געקומען אין איינעם א כוטאָר, וואָס ניט ווײַט פון אים, סאַכאקל איין קילאָמעטער, רוישן די כוואליעס פונעם ברייטן בוג. איך, שובײַעוו און ציבולסקי זײַנען ארײַן אין א הויז, די איבעריקע האָבן זיך געשטעלט אַף דער וואך.

אין שטוב אפן אויוון ליגט א זקיינע. באם טיש זיצט א זאָקן פון א יאָר זיבעציק, לעבן

אים — א יונגע פרוי, וואָס וויגט מיט א באַר־וועסן פוס א קינד אין וויג. אין צימער גע־פינט זיך אויך א יונגערמאַן, א גוואַר. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער איז דער מאַן פון דער יונגער פרוי.

מיר באַגריסן זיך און בעטן די באַלעבאָסטע, זי זאָל פאַרהענגען דאָס פענצטער. זי פּילט שוויַיגנדיק אויס אונדזער ביטע.

— רוט זיך אָפּ, — זאָגט דער זאַקן.

איך האָב באַשלאָסן צו ריידן אָפן. איך דער־ציי̆ל, אַז מיר זיַינען אַנטלאָפן פון דיַיטשישער געפאַנגענשאַפט, און פרעג, צי איז פאַראַן דאָ ערגעץ אַן אָרט, ווו מע קאָן איבערגיין דעם בוג צופוס.

דער יונגערמאַן ענטפערט, אַז ער וועט אונדז וויַיזן אַזא אָרט, נאָר מיר דאַרפן פריִער צוזאָגן, אַז אויב מיר פאַלן אַריַין צו די דיַיטשן אין די הענט, וועלן מיר אים ניט אויסגעבן. די יונגע פרוי טראָגט אונדז אונטער א לאַבן ברויט אָפן וועג. ווען מיר זיַינען שוין אַרויס פון שטוב, האָט דער זאָקן אונדז דעריאָגט א באַרוועסער און אונדז איבערגעציילעמט:

— זאָל אייַך גאָט העלפן, איר זאָלט זיך ראַ־טעווען, גאָט זאָל איַיך העלפן!

לעבן טיַיך האָט דער יונגערמאַן געוויזן אונדז דעם וועג און איז אַוועק אַהיים. קעדיי ניט ריזיקירן מיט דער גאַנצער גרופּע, האָבן מיר פריִער געשיקט אין אויסשפּיר נאָכעם פלאָט־ניצקין. דעם בוג זיַינען מיר אַריבער און דורכ־געגאַנגען נאָך עטלעכע קילאָמעטער. פאַרטאָג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין א קוסטאַרניק. פונוויַיטן האָט זיך געזען א הויכער ראַדיאָ־מאַסטבוים. דאָס האָט אונדז איבערגעשראָקן, וויַיל דאָרט האָבן געקאָנט זיַין וואַך־הינט. נאָר אַינגיכן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער מאַסט־בוים איז פון א ראַדיאָסטאַנציע, וועלכע אַר־בעט ניט.

אָוונט־צו האָט באַריס ציבולסקין געכאַפּט א פיבער, די טעמפּעראַטור האָט זיך בא אים שטאַרק אופגעהויבן. מיר זיַינען אַוועק וויַיטער, און א גאַנצע נאַכט, לויט דער ריי, געהאָלפן באַריסן גיין. פאַרטאָג זיַינען מיר אָנגעקומען אין א קליין דערפל, וואָס האָט זיך, ווי מע האָט אונדז געזאָגט, געפונען אין דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע. באַריס איז געלעגן א פאַרכאַלעשטער. ער האָט געבעטן, מע זאָל אים דאָ איבערלאָזן. די פרויען פון דאָרף האָבן צוגעזאָגט נאָכקוקן נאָך אים. מיר האָבן צײַטוויַיליק איבערגעלאָזט צי־בולסקין און אַוועק וויַיטער, קעדיי טרעפן זיך מיט די פּאַרטיזאַנער. ווען מיר האָבן געבעטן די איַינוווינער, זיי זאָלן אונדז וויַיזן דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. „מיר ווייסן גאָרנישט“, — האָבן זיי געענטפערט.

עטלעכע קילאָמעטער פון אָט דעם דאָרף האָבן מיר אין איינעם א ייִשעוו אָנגעטראָפן אָף פּאַרטיזאַנער פונעם אָטריאַד אָף וואָראָשילאָוו נאָמען. זיי האָבן אונדז באַפוילן אַריבערטראָגן זייערע פאַרוווּנדעטע איבער דער אײַזנבאַן־ליניע פּינסק — בריסק און ברענגען זיי אָפן פּאַרטי־זאַנישן אַעראָדראָם, וואָס געפינט זיך אין דאָרף סוואַרין, הינטער בריסק.

ווען מיר זיַינען שוין געווען אָף יענער זיַיט איַיזנבאַן־ליניע, האָבן די פּאַרטיזאַנער פאַרלייגט אונטער די רעלסן אופריַיס־שטאָף. אָפּגעגאַנגען אַן ערעך א קילאָמעטער, האָבן מיר דערזען פונוויַיטן א צוג מיט היטלעריסטן. נאָכן אופריַיס זיַינען די לעבנגעבליבענע פאַשיסטן אַרויסגע־שפּרונגען פון די וואַגאָנעס און גענומען שיסן. אונדזער גרופּע האָט ליגנדיק איבערגעוואַרט די שיסעריַי און דערנאָך אַוועק וויַיטער. די פאַר־וווּנדעטע האָבן מיר בעשאָלעם געבראַכט קיין סוואַרין.

די מערהײַט געוועזענע אסירים האָט מען אָנ־גענומען אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אָף פּרונזעס נאָמען, מיך און נאָכעם פלאָטניצקין — אין אָט־ריאַד אָפן נאָמען פון ניקאָלײַ שטשאָרס (פלאָט־ניצקין אין קאָמענדאַנטישן וזוואָד, מיך — אין א דיווערסיע־אָפּטיילונג). אין אָטריאַד פלעג איך מיט פלאָטניצקין זיך ניט טרעפן, וויַיל דער וזוואָד, אין וועלכן איך האָב געדינט, האָט גע־לעבט אין וואַלד, און דער קאָמענדאַנטישער וזוואָד האָט באַוואַכט דעם סוואַרינער אַעראָ־דראָם.

אין אַפּרעל 1944 האָבן די פּאַרטיזאַנישע אָט־ריאַדן פון דער בריסקער פאַריַיניקונג זיך צו־נויפגעגאָסן מיט דער סאָוועטישער אַרמיי.

נאָכעם פלאָטניצקי האָט נאָכדעם געדינט אָפן צווייטן וויַיסרוסישן פראָנט, אין 110־טן גוואַר־דייַישן פּאָלק פון דער 38־טער דיוויזיע. ער האָט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר בריסק, וואַרשע און א ריי אַנדערע שטעט. פאַר פאָרסירן דעם טיַיך אָדער איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען רויטער שטערן. אין האַרבסט 1945 איז ער דעמאָביליזירט געוואָרן און זיך באַזעצט אין פּינסק, ווו ער וווינט ביז איצט. ער האָט דאָ א פרוי, צוויי דערוואַקסענע טעכטער און א זון.

...דעם 14 אָקטיאַבער 1968 וועלן מיר, די געוועזענע אסירים פון געוועזענעם טויט־לאַגער „סאָביבאָר“, אָפּמערקן דעם 25־טן יאָרטאָג פון אונדזער אופשטאַנד. אין אָט דעם טאָג וועלן צו מיר קיין ראָסטאָוו זיך צונויפפאָרן אַלע זעקס לעבנגעבליבענע געוועזענע סאָביבאָרער אסירים, וועלכע וווינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. עס וועט קומען צו מיר און זיך טרעפן אין פריַידן מיט זיַינע כאַווײרים און מיטקעמפער אויך נאָכעם פלאָטניצקי.

אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי

מייער דער קלעזמער, זײַנע אייגענע און נאָענטע *

איך בין א לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ פון זײַן ערשטן נומער אָן. ניט לאַנג צוריק האָב איך אין דעם אָפּטייל „נאָטיצן אפן קאַלענדאר“ געטראָפן דעם נאָמען פון מײַן בעןאיר, דעם אושאָמירער זינגער און זאַמלער פון יידישע פאָלקסלידער מענאכעם קיפּניס. מיט טרערן אין די אויגן האָב איך געקוקט אף דער פאָטאָ פון מײַן פרײַנט, וועלכער איז אין 1942 געשטאָרבן אין ווארשעווער געטאָ. לייענענדיק די נאָטיץ, האָב איך זיך דערמאָנט אין מײַן פאָטער מייער קאהאן. מייער דער קלעזמער פון אושאָמיר — אזוי האָבן אלע גערופן מײַן פאָטער. ער איז געווען א באַרימטער פידלשפּילער, האָט אַנגעפירט מיט דער אושאָמירער קלעזמער־קאַפּעלע און האָט דערצויגן א סאַך טאַלאַנטפולע קלעזמער. איך וואָלט דאָ איבערעכענען זייערע נעמען, נאָר דאָס וועט פארנעמען צופיל אָרט.

מײַן פאָטער האָט אָנגעהויבן זיך לערנען שפּילן פידל צו פינף יאָר, מע זאָגט — אין בערדיטשעוו, באַם באַרימטן פּעדאָצער. מײַן טאַטנס מוזיק האָבן אלע זייער ליב געהאַט. אף כאַסענעס פלעגט מען אים רופן דעם ערשטן. געשפּילט האָט ער מערסטנטייל אָן געצאָלטס. מײַן מאַמע פלעגט וואַרטן, ער זאָל איר געבן אף דער הויצאָע, נאָר ער פלעגט אייביק זײַן אַרײַנגעטאָן אין פידל און אין שרײַבן נאָטן. „וועלט־זאַכן“ זײַנען אים ניט אָנגעגאַנגען.

אין אַמעריקע האָבן א סאַך מענטשן — אימיגראַנטן — געקענט דעם אושאָמירער קלעזמער מייער קאהאן. זיי האָבן אים געבעטן אריבערפאָרן אין די שטאַטן. „קיינער וועט אײַך באַ אונדז ניט שטערן צו זײַן א פרומער ייד, — האָבן זיי אים געשריבן, — איר וועט קאָנען דאַווענען דרײַ מאָל א טאָג אין בעסמעדרעש, ניט שפּילן אפן פידל אום שאַבעס, טראָגן באַם שפּילן א יארמלקע. איר וועט באַ אונדז פאַרדינען אויצרעס מיט געלט און וועט לעבן רײַך מיט אײַער גאַנצער מישפּאָכע“. דער טאַטע פלעגט ענטפערן: „איך האָב ליב מײַן שטעטעלע און קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פונעם פארגעניגן צו פארשאַפן פרייד די מענטשן פון אושאָמיר“.

אונדזער גאַנצע מישפּאָכע איז געווען א קלעזמערישע. אויך איך בין א מוזיקער. מײַן עלטערער ברודער יִצחאָק־ייִדל איז געווען א פידלער. ער האָט אָנגעפירט מיט אַן אָרקעסטער אין ראָוונע. די היטלעריסטן האָבן אים דערהארגעט צוזאַמען מיט זײַן גאַנץ געזינד.

מײַן קלענסטער ברודער, יעכעזקל קאהאן, וואָס איז אוועק אין דער רויטער ארמיי אלס קאָמסאָמאָליעץ און איז מילכאָמע־צײַט געוואָרן א קאָמוניסט, האָט געגלייבט, אז ער וועט מיט זײַן באַריטאָן אופטרעטן אין באַפרײַטן בערלין. לייידער, האָט ער פון דער מילכאָמע זיך ניט אומגעקערט.

איינער פון מײַנע ברידער — שמוליק — איז געווען א באַוווסטער קלאַרנעטיסט. ער איז געקומען פון דער מילכאָמע אַן אינוואַליד.

דער ברודער בערל איז געווען א פלייטיסט, געשפּילט אויך פידל און אף אנדערע אינסטרומענטן, גלײַכצײַטיק איז ער געווען א גלעזער, א קירזשנער, א באַלעגאָלע, א גרוזשטשיק. ער איז געשטאָרבן פון טיפוס אין עלטער פון 19 יאָר.

...אָט וואָס פארא געדאנקען און דערמאָנונגען עס האָט באַ מיר ארויסגערופן די קליינע נאָטיץ אין „סאָוועטיש היימלאַנד“.

מ. קאהאן

ליטעראטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראגן פון קונסט

שלוימע רויטמאן

א געזאנג אין געראנגל מיט סטיכייען

באם אָנפאנג פון זײַן יונג לעבן און שאפן, פינקטלעך צו דער צײַט און צום אָרט, האָט ווערגעליס זיך מיטגענומען אין וועג ארײַן אלס זײַן קאָשערע יערושע א בעעמעס וווּנדערלעכן אין זײַן נאטירלעכקײַט קרוג — ניט פון ליים, וואָס קאָן זיך ברעכן, ניט פון קופּער, וואָס קאָן זשאווערן, און ניט גלאט קיין ליידיקן פורעם, נאָר יענע אייביק פולע קיילע, פונוואנען עס האָט זיך געהערט, ווי פון א פאר־קישעפטן ברונעם ארויס, דאָס בענטשנדיקע קאָל:

געלויבט זאָל זײַן די האנט,
וואָס האָט אינמיטן וואלד
אף צווײַגן איבער קוואל
פון פראָסטער קאָרע מיר געלאָזט א קריגל.

האָט דאָך ווערגעליס באזונדערס שטארק געמוזט דער־פילן, אז אָט דאָס קריגל האָט א געטרײַע מענטשלעכע האנט געלאָזט פאר יעדן דאָרשטיקן גייער אף נאָך ניט באטראָטענע וועגן, וואָרעם אליין

אן אויסשפירער — איך האָב מײַן היים פארלאָזט,
געזוכט אן אָרט, ווּהין באזעצן מענטשן...
און דעם, וואָס האָט זײַן קריגל מיר געלאָזט,
האָב איך באלוינט מיט בענטשונג[1].

און דאָ, אפן ווײַטן מיזרעך, ניט אין א וואלד, נאָר אין דער ברײַשעסדיק־פארוואקסענער, אומענדלעך־פאר־עלנטער טײַגע, האָט ער טאקע דערזען, אז אָט דער קרוג איז ניט גלאט פון יענער קאָרע־הויט, וואָס היט די זאפטן באם בוים, נאָר זי שיצט מאמעש די אָנהייבן פון לעבן, אז יענע גוטע האנט האָט די פאנזע „פאר מיר געלאָזן אָפן", „מיט היי דעם דיל מיר אויסגעבעט און פיש געטריקנטע געלאָזט"... ס'איז דאָך ניט צופעליק, וואָס שוין שפּעטער מיט יאָרן, אין איינער פון זײַנע לעצטע לידער, וועט דער דיכטער אין א געבורטס־הויז ווידער דערזען די ערשט־געבוירענע קינדער, אויך נאָך באהאנ־גענע מיט שטיקלעך „קאָרע אומריין־ריין" — אָט אזא איז זי בא אים, די קיילע, — שוין א גאנצע מענטשלע־כע נײַע וועלט.

ווערגעליס האָט צומאָל ליב ארײַנפלעכטן אין זײַן ליד א ציטאטע. אָבער פאר אים איז זי ניט גלאט קיין צי־טאטע, ניט נאָר קיין ליטעראַרישע רעמיניסצענץ, אפילע ניט נאָר טראדיציע, — ער פלאנצט זי איבער אף זײַן אידייען־באָדן, און זי צעוואקסט זיך, ווי מיר האָבן געזען, גאָר אף א נײַעם אויפן, וואָרעם דער לעבנס־אינהאלט פון זײַן פּאָעזיע איז — קומען ניט אף גרייטן, נאָר אף נײַעם זײַן. האָט ער זיך טאקע געקאָנט פארגי־נען מיט אָט דעם שווארצמאגישן קריגל, ווי מיט זײַן אייגנס, שעפן און פארשעפן פון אייגענעם קוואל. און וואָס עס האָט פאר ווערגעליסן באטײַט צו שעפן פון אייגענעם מאָקער, אף דעם וועט אײַך ענטפערן אליין דאָס „ווילדע וואסערל", דאָס געשײַערטע „פון דער ניט געפוצטער ערד":

ס'האָט די ערד געמאכט מיך פריש און זויבער,
איך זאָל פרישקײַט ברענגען אף דער ערד.

מיר פילן אין וואסערל די זאלצן פון זײַן גרונט, מיר פילן אין זײַן שטראָם נאָך די ערד־זעמדלעך, ווי זוימען, וואָרעם שעפן פון אייגענעם קוואל האָט בא ווערגעליסן געהייסן פריִער פאר אלץ ערשט אים אויסגעפינען, אנט־דעקן, אנטפלעקן, זיך דערגרונטעווען, שײַערן און אויס־קעמפן אים, ווי דאָס נײַ־לעבן; אין אָט דעם קוואלן־רויש האָט זיך געהערט, אז ס'איז געקומען א דיכטער מיט זײַן אקשן־טראָט, מיט ווילן און צילן, מיט שפירן דעם געזעץ פון הײַנטצײַטיקן זײַן, א פּאָעט מיט זײַן אימפּעראטיוו, רוף און אופרוף, בענקשאפט און זוכע־

[1] דאָ און ווײַטער — א. ווערגעליס. באם קוואל, „דער עמעס", מאָסקווע, 1940.

נישׁ, דראנג און ווענדונג, ווילנס־אויסדרוק און סטימולירונג:

> ווילסט טרינקען וואסער — גראָב אליין דעם ברונעם,
> ווילסט עסן ברויט — פארזיי אליין דאָס פעלד!

און ווײַטער — ברייטער און טיפער:

> ווילסט ליכט און ווארעמקײַט — צינד אָן אליין
> א שײַטער,
> דו ווילסט ניט וואנדערן — איז בוי אליין דײַן היים!

אָט איז זי, זײַן פילאָסאָפיע פון לעבן, וואָס איז אזוי קאָנקרעט, ווי ברויט און וואסער, אזא איז זײַן ציל, וואָס איז אזוי אויסגעבענקט, ווי נאָר סע קאָן זײַן אויסגעטרוימט א ליכטיק פענצטער בא אן איינזאמען וואנדערער באנאכט, — א ציל, וואָס איז שטארק און ווארעם, ווי ליכט און היים. מיט איין וואָרט, דער מענטש בא ווערגעליסן קומט אין דער טײַגע שאפן א „נײַעם בריישיס". קומט שוין בעמיילע דער ערשטער שווערער געראנגל צווישן בלינדע, האָריקע, ציינערדיקע, נעגלדיקע קרעפטן פון אורא‏לטן ברײשיס און יונגע, באזיניקטע מענטשלעכע קויכעס פון א נײַעם בריישיס. אָט דער געראנגל מיט ווילדע, ניט געצוימטע צעשטערנדיקע סטיכייען איז אָבער ניט אף טויט, נאָר אף לעבן — סײַ פאר דעם מענטשן, סײַ פאר דער נאטור, און דערפאר זעט דער דיכטער אָט די רויע וועלט מיט א פארכידעשט, אָבער ניט פארשיקערט אויג. דאָס אויג איז וואך, דער בליק שארף, דאָס הארץ פארכלינעט, גרייט צו בענטשן, דער זינען אוף, מאָבילניזירט, גרייט צו באגעגענען אייגנס און פרעמדס. די עקזאָטישע נאטור איז פאר אים ניט קיין פארשלעפערנדיקער עקזאָטישער געטראנק, ניט קיין רוסאָיִסטישער ראטונעק פון ציוויליזאציע, ער איז דאָ ניט קיין טוריסט, ניט פראָסט א נאטור־ליבהאָבער און אויך ניט קיין יעגער, — זײַן אוודע איז אויסקאָרטשעווען, קעדיי זיך אײַנפונדעווען, אויסהאקן, קעדיי פארפלאנצן, אויסוואָרצלען, קעדיי זיך פארוואָרצלען, אויסרײַסן, קעדיי פארזייען. פונדאנען שטאמט בא אים די דראמאטישקײַט, די דינאמישע ענערגיע, דער אָנגרײַפערישער קויעך, די פילבאדײַטיקײַט פון שפירונג, עמפינדונג, פון וואָרט און בילד. פאר דעם דיכטערס בליק שטייען אוף נאָך ניט קיין פעסט־געפורעמטע וועלטן, ווו אלץ מינעט זיך, ווו צײַט רינט איבער אין צײַט, ווו קאָנטורן זײַנען באוועגלעך, ווו צושטאנד גייט איבער אין קעגנזעצלעכן צושטאנד, ווו גרענעצן זײַנען פליסיק:

> טרעפט, אז עס קומט צו גיין דער טאָג,
> ווען ס'איז די נאכט נאָך ניט אוועק.
> דאן ווערט די וועלט צעטיילט אף צוויי:
> איין טייל נאָך שלאָפט, די צווייטע וואכט,
> ס'איז אפן מײַרעוו שטיל און נאכט,
> און, ווי א פאקעל אינעם שניי,
> גייט אוף די זון אף מיזרעך־ראנד...

און אומעטום און איבער אלעס גייט אוף דאָ א יונגער באגינען, און אין זײַן ליכט דערזעט דער דיכטער אייגנס, ליבס און באשטענדיקס טאקע אין גאנג און אופגאנג, אין אָנשטערנגונג און פורעמונג פון יונגן און נײַעם — פון דער מוטער, וואָס זויגט איר ערשטלינג — ביז דעם סויבל, וואָס „שפילט זיך מיט א שטראל". אינטערעסאנט, וואָס בא אים ציִען זיך אפילע די כײַעס צו נאָך ניט אנטפלעקטע וואסערן:

> א ווילדע ציג זוכט אָפּ א קוואל,
> וואָס איז געווען באדעקט מיט שנייען...

ער ווייסט גוט, דער דיכטער, אז די טײַגע איז אי א ראכוועס, אי א דערשטיקעניש, אז דאָ איז אלץ פאראן און גאָרניט — אף גרייטן, אז די טײַגע איז מילד און געפערלעך סײַ פאר זיך, סײַ פאר יענעם, אז זי איז פארטײַעט און גרייט פארווארפן אף דיר דעם שלייף פון אויסוועגלאָזיקײַט, גרייט צו צערײַבן דיך צווישן די ציין פון ווילדע נאטור־סטיכיעס. צווישן וואלד־סרייפע און טײַך־פארפלייצונג שטייט דער מענטש בא ווערגעליסן — „צווישן צוויי סטיכיעס". אזוי הייסט טאקע זײַנע א גרעסערע ליד.

ס'איז ניט צופעליק, וואָס בא אים קומט דער מענטש אף א פראָמעטייִשן אויפן דעראָבערן פאר זיך פײַער און וואסער, היימלעך פײַער און היימלעך וואסער, וואָרעם ער ווייסט, אז פײַער, וואָס פארבלענדט, לעשט אויס דאָס ליכט פון די אויגן, אז וואסער, וואָס פארפלייצט, שטילט ניט קיין דאָרשט, נאָר פארוויסט דאָס לעבן. וואקסט באם דיכטער אָן דער שטרענגער ווילן אלס נויטווענדיקײַט, שטייט אוף פאר אונדז אין זײַן ליד ניט דער פארצווייפלטער מענטש, נאָר די פארצווייפלטע טײַגע, וועלכע דערוועקט מיט איר בייזן ווידערשטאנד דעם מעכטיקן אָנוואקסנדיקן ווידערשטאנד פון דעם מענטשן; אירע סטיכיעס באווײַזן זיך פארן דיכטער אין יענעם כאָאָס, ווו איינס יאָגט אין ווירבל־געדריי צו פארניכטן דאָס צווייטע, די וואלד־סרייפע דערמאָנט אים אינעם פלאם־פויגל מיט „רויטע פליגל", וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פונעם יעגערס הענט; באשטימטע נאטור־פאָרמען הייבן אָן פארלירן זייער אָנבליק, ס'גייט א שיידים־טאנץ פון פלאמען, קוואלן, פעלדזן, הימלען, וועלדער, כײַעס, און ווער סע פארלירט זיך אין אָט דער סטיכיע, דער ווערט אליין א שטיק טויהו־וואָוויהו. פונעם איילנהירש בלײַבט אש, און אש בלײַבט פון דעם מענטשן, וואָס האָט פארלוירן זײַן מוט. אָבער דער לירישער העלד פון „צווישן צוויי סטיכיעס" געפינט „א סטעזשקעלע פון פרייד, א סטעזשקעלע פון מוט, פון סאמעט און פון גראָזן", און ניט נאָר אדאנק זײַן אייגענעם שטארקן ווילן, נאָר דעריקער, ווײַל ניט פארזען ער האָט דאָס שטעגעלע, וואָס פירט צום מענטשלעכן יישעוו. אין אָט דעם יישעוו איז אויך דער אומבאזיגבארער קויעך פון דער אקטיווער פערזענלעכקײַט. דער געראנגל מיט וויסטע נאטור־קויכעס איז געגעבן בא ווערגעליסן מיט פארטיפערטן דראמאטיזם. די טײַגע איז נאָך געפערלעכער מיט איר פארטײַעטקײַט, ווען זי פרווט זיך ארײַנפלאנצן אין דער נעשאָמע מיט איר ווילדעניש, מיט דער מוירע און פאכעד פון איר שטילשווײַגן, מיט איין וואָרט — ווען זי פרווט אינעם מענטשן ארײַן מיט איר כאָאָטישקײַט, קעדיי אים אָפּשוואכן. אָבער דער צעשטערערישער נאטור־סטיכיי שטעלט זיך דאָ אומעטום אנטקעגן דער שעפערישער מענטש, וועמען ס'טוט ווײ, ווען „הייכן זײַנען בלינד". אומעטום הילכט אין ווערגעליסעס לידער דאָס שטאָלצע קאָל: „איך בין געקומען אויסלייזן די ערד", „ס'האָט דיר געפעלט דער מענטש, אצינד בין איך געקומען". און עס ווערט קלאָר, אז „עס לוינט פאר א מענטש זיך אין ווײַט ארײַן טראָגן", וואָרעם די טײַגע „פילט שוין דעם צוריר פון אָנזאָגער־זעגן און הערט שוין א גיבערישן טראָט אף די שטעגן".

בא ווערגעליסן קומט דער מענטש פארמענטשלעכן נאטור, און זייַן זיג הייבט זיך אָן פון קענען ארויסכאפן פון דער סרייפע א קויל, פונעם געוויסער א כוואליע, קעדיי צעלייגן א שייַטער און אופזידן א טשייַניקל טיי, — ביז באזיגן דעם כוישעך אין הימלספערן — און עפשער עפּעס טאקע נאָך גרעסערס פאר דעם, ביז אויסבויען אין דער טייַגע א שטיבל מיט ליכט און ווארעמקייַט פאר א נייַ־געבוירן קינד. לייענסט ווערגעליסעס לידער פון די דרייַסיקער יאָרן און ווארטסט, אז אָט־אָט וועט ער דיר דערציילן א לעגענדע פון א צאָפן־שייוועט, ווי א פויגל האָט אין זייַן האלב־פארברענטן שנאָבל געבראכט א קויל פייַער, — און טאקע, זי קומט, די קאָסמאָגאָנישע מייַסע, באם דיכטער, וואָס מעלדעט: „איך שרעק פאר פלאם זיך ניט, איך זינג א פלאמען־ליד“, און ער לייגט זי אריַין, די שיינע לעגענדע, אינעם מויל פון אלטן מוישע־בער, וועלכער דערציילט, וויאזוי עס איז אנטשטאנען דער מילכוועג, וויאזוי עס „האָבן די שטערן זיך פארבענקט נאָך אזא ליכטיקייַט“, אז „פון דער בענקשאפט איז געבוירן די לעוואָנע“, נאָר זי, פון איר זייַט, האָט גענומען מאָנען — „ווייַזט אָן מיר אין דער פינצטערניש א וועג“, האָבן די שטערן באשטימט „א נייַעם הימל־וועג פאר דער לעוואָנע בויען“ און זיך אליין „אוועקגעלייגט פאר שטיינער“ („דער מילכוועג“). אזוי איז פארשוווּנדן כוישעך, אזוי איז געוואָרן ליכט, אזוי איז כאָאָס אריבער אין קאָסמאָס — און ס׳איז אופגעקומען „א באנייַטע וועלט“. טראָגט ער דאָך, ווערגעליס, אָט דעם שטענדיקן הימל אריבער אף דער ערד, צו וועלכער דער מענטש שטרעקט אויס זייַנע קושנדיקע ליפן, ווארעם אָט דער מילכוועג איז בא אים נאָר א מין אָפּשייַן פון א נייַ־אויסגעבויטער שטוב, גאס, באליכטענער שטאָט, נאָר א מין אָפּבילד פון א נייַ לעבן, א באשאפנס מיט מענטשלעכע הענט; וועט ער אין א צווייט מייַסעלע, אין דער לעגענדע וועגן זשען־שען, אוועקשטעלן פאר אייַך דעם וואָרצל מיטן געשטאלט פון א מענטש אף א באזיגטער רויערד אלס פארמענטשלעכטע נאטור:

> ווען זשען־שענען מ׳האָט פארשאָטן, האָט דאָס
> בלוט זייַנס נאָך געשטייַגט,
> ווו א זייַלעכל א בלוטיקס — דאָרט געוואקסן
> איז א צווייַג
> און מיט כידעש מ׳האָט א וואָרצל
> מענטש־געשטאלטיקן דערזען,
> איז געבליבן, אז דעם וואָרצל וועט מען אָנרופן
> זשען־שען...

עס הערט זיך דאָ א זייער אָריגינעלער איבערוף מיט דער באלאדע פון בערנסן „דזשאָן — דאָס גערשטן־קערנדל“.

דורך דער גאנצער שאפונג וועלן בא ווערגעליסן דורכשטראָמען און דורכליכטן די פּאָעטישע בילדער פון קוואל און שייַטער, און אלעמאָל אנדערע, אלערלייִקע, קעגנזעצלעכע, ווי לעבן און טויט אין איין הויט; ניט גלאט ווי עלעמענטארע נאטור־דערשייַנונגען, נאָר אין דער קאָמפּליצירטער מענטשלעכער באזיניקונג: ווערגעליס וועט זינגען וועגן קוואל, וואָס שלאָגט ארויס אליין, און וועגן ברונעם, וואָס מע דארף ערשט אויסגראָבן, וועגן טייַך, וואָס גיט לעבן א קאנט, און וועגן טייַך־פארפלייצעניש, וועגן פאָנטאן, וואָס באשייַנט און באשיינט, און וועגן דער כוואליע, וואָס איז פארפירעריש, וועגן יאם, וואָס רופט די בענקעניש צו גאָלדענע ברעגן, און וועגן יאם, וואָס פארשלינגט שיפן און האָפענונגען; ער וועט וויסן, אז ס׳איז „אונדזער פעלד מיט שייַטערס קאָלערליי ארומגעשטעלט“, מיט דעם שייַטער אין טייַגע, וואָס טרייַבט דעם עלנט, און מיטן שייַטער אין וואָרקוטא, וואָס רופט דעם עלנט, מיט דער וואלדסרייפע, וואָס פארסארפעט, און מיט דעם שייַטער אף דער אייַז־קריִע פון פּאפּאנינען, וואָס דערווארעמט, מיט פייַערן פון מילכאָמע, וואָס פארקוילן, און מיט שייַטערן „לעם סמאָלני“ פון רעוואָליוציאָנערן זיג און גרויסע האָפענונגען — פייַערן און וואסערן, וואָס קאָנען אי פארניכטן, אי דערקויבערן, אָבער דער הערשער איבער זיי איז דער מענטש מיט זייַן קוואל און מיט זייַן פייַער — א מאָטיוו, וואָס קלינגט באזונדערס בוילעט אין דער ליד „סערגיי לאזאָ“ און באקומט זייַן אנטוויקלונג אין ווערגעליסעס ווייַטערדיקער שאפונג.

דער גערא נגל מיט סטיכייען קומט בא ווערגעליסן צום אויסדרוק ניט נאָר אין אינהאלט, אין לירישן סוזשעט, אין דירעקטע ארויסזאָגונגען, — ער איז פארטיפט אין אונטערגרונט, אין שטראָם פון דער שורע, אין גלי פון דעם וואָרט, אין גאנג פון ריטם, אין גאנצן סטיל. אָפט דערמאָנט ווערגעליסעס ברייט־פליִיצנדיקע שורע מיטן שטורמישן דראנג פון זיבנצייַליקע יאמבן א מין טייַך, וואָס, האָבנדיק אנטקעגן זיך א געוויטער פון אויבן און פעלדזן־שוועלן פון אונטן, באהערשנדיק אזויארום א מין צווייענדיקע מעכיצע, צעשוימט ער זיך, צעברומט זיך, צעווירבלט זיך אין א געדריי, גייט שווער פאראָטעמט, רייַסנדיק זיך דורך צוימען פאָרויס, קעדיי דערנאָך ניצאָכנדיק־פארקלערט, מיט פארהיטן דראנג, געמאָסטן און שפּילנדיק פליסן, אָפּשפּיגלענדיק אין זיך די זון, די ברעגן, די גראָזן. אין ווערגעליסעס ליד הערט זיך א מין גערא נגל צווישן פלאסטישן און זינגעוודיקן. דער זינגענדיקער עלעמענט איז שטארק עקספּרעסיוו, דאָס מאָלערישע וואָרט ווערט אָפט שווער באהאנגען מיט פארב און קלאנג, אָבער די פּלאסטיק איז א דינאמישע, דאָס בילד א באוועגלעכס, ווארעם דער דיכטער איז ניט צושויערִיש, ער שילדערט אקציע. די שווערוואָגיקע באוועגונג פון בילד פרווּוט אָפּהאלטן, האמעווען, באלעסטיקן דאָס זינגעוודיקע, אָבער זייער צוזאמענשטויס ברענגט צום פארקערטן, — דאָס פרייַ־פליסנדיקע געזאנג זידט אוף, שפּילט אוף, קעדיי דערנאָך, פארהיטנדיק די פארביקע בילדערישקייַט, זי טראָגן אף זיך לייַכט, גראציעז, ווי א שיפעלע, פול מיט זון, מענטש און ליד.

דער דיכטער, וואָס ווייַזט און באזינגט, וויאזוי מע באהערשט שווערע מעניִעס אין דער נאטור, געזעלשאפט, מענטשלעכער נעשאָמע, מוז זיך ווענדן צום וואָרט, וואָס איז אי שווער־ערדיש, אי לופטיק־באפליגלט. ווערגעליס איז ניט פּראָסט א זינגער, ער איז איבערהויפּט א באזינגער, דערפאר דאָמינירט אין זייַן ליד די פּאטעטיק.

די פּאטעטיק איז אָבער בא ווערגעליסן זייער אייגנארטיק. אָפט וועט ער אָנהייבן אָדער פארענדיקן זייַן ליד מיט א „געלויבט זאָל זייַן“..., „זאָל גיין אין וועלט פון אים דער שעם“, „ס׳קומען מענטשן, וואָס מירן זיי בענטשן“. פיל פון זייַנע לידער זייַנען טאקע צום זינגען, גאנצע פּאָעמעס קרוינט ער מיטן נאָמען „דאָס געזאנג“. אָבער זייַן פּאטעטיק איז ליריש־בילדעריש, עמאָציאָנעל־זינגעוודיק. דאָס הימנישע, שטראָמענדיק אינעם זינגעוודיק־לירישן, טראָגט מיט זיך די פארא לגעמיינערונג, דאָס פלאסטיש־עפּישע פורעמט אין זיך דאָס אינ־

8*

דיווידועל־עמאָציאָנעלע. אײנס פון צווייטן איז ניט אָפצוטײלן, ווי ס׳איז ניט אָפצוגרענעצן דאָס שעפערישע פונעם דענקערישן אין דעם מענטשן. ווי נאָר די ווילדע סטיכייִשע דערשײַנונגען ווערן באהערשט ניט נאָר רעאל, נאָר דערווײַל אין דער מעגלעכער פערספעקטיוו, דה. אין דער זיכערקײַט און קלאָרקײַט פון געשטעלטע צילן, עפענען זיי זיך שוין אין דער גאנצער שיינקײַט פון זייער נאטירלעכקײַט און גיסן זיך צונויף מיט דעם נאטירלעכן מענטשן, וואָס איז פארן דיכטער דער מענטש דער געזעלשאפטלעכער אין דער פולער גײַסטיק־מאטעריעלער מאָס. און דאן קומט אין זײַן ליד דאָס אויסגעלײַטערטע הארמאָנישע פאָעטישע געזאנג אלס פולהערשנדיקס, ווי, צום בײַשפיל, אין דער פרעכטיקער ליד „איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען?“. טאקע מיט טמימעסדיק־פארכידעשטע קינדישע אויגן זעט דער דיכטער די גאָלדענע קינדהײַט פון א קאנט, וואָס דארף ווערן א היים. אין דער געקאָוועט־טריפנדיקער שורע, אינעם איבערגוס פון פרײַע ריטמען, אין דער שפיל פון קלאנגען, אין דעם מינען זיך פון פארבן שטייט אוף פאר אײַך די לעבעדיקע מאפע פון יונגע מעקוימעס מיט זייערע בלויע אָדערן פון טײַכן, מיט זייערע דורכגעאָדערטע מארמאָרן אין די טיפענישן, מיט גרינהאָריקע וועלדער, מיטן קויעך פון טוועס און מיטן אָטעם פון רויזן; און יעדער טײַך האָט זײַן גאנג, זײַן פאָנעם, זײַן געמיט און איז אף זײַן אָרט, און אלץ איז פארקניפט און לעבעדיק פארבונדן — די בירע „יאָגט אזוי פארטראכטערהייט“, אז „אלע ביימער קוקן פון איר נאסע, אליין דער הימל טוקט זיך אין איר וואסער“, עס ברודערט זיך „שטראל מיט גראָז“. און שוין אין דער דעטאל, ווו „געלע בלעטער ווערן ווידער גרין“, דערשפירט איר, אז אלץ גייט צום לעבן.

מיט א שטארקן היסטאָרישן פאָלקס־כוש האָט ווערגעליס דערפילט, אז אויסקעמפן פאר זיך א היים, אפילע דורכגייענדיק דורך דער גרויזאמסטער ווילדעניש, דארף מען אייביק און שטענדיק, אז אופבויען א היים אלס גערעכטע סאָציאלע וועלט הייסט שוין אויך אויסקעמפן דאָס מענטשלעכע אין מענטשן. און דאָס איז געוואָרן זײַן יענע טיפע לײַדנשאפט, וואָס האָט מיט איר ברען ארומגעכאפט זײַן גאנצע שאפונג אין די דרײַסיקער יאָרן. מיט אָט דעם לײַדנשאפטלעכן און מילדן היים־פײַער אין דער נעשאָמע איז דער 23־יאָריקער דיכטער אוועק אין ריזיקן פײַער פון מילכאָמע. אף לעבן און טויט איז ער מיט זײַן געזאנג ארײַנגעטראָטן אין געראנגל מיט דער קאטאסטראָפע־טראָגנדיקער אנטיהומאניסטישער סטיכיי — מיט דעם פאשיזם. און דאָ וואקסט שוין דער שטרענגער ווילן איבער אין צאָרנדיקן ווילן און אין דער אָנגעווייטעקטער מונטערקײַט פון דעם „מילדן סאָלדאט“, וועלכער, געפינענדיק זיך אין סאמע מיטן פון מילכאָמע־אומגליק, שטייט דאָך „אינמיטן פון מײַן שליכעס צום גליק אף דער ערד“. פארנעמט טאקע ניט אומזיסט די פאָדערפאָזיציע צווישן ווערגעליסעס מילכאָמע־לידער זײַן ליד „דער פאָנטאן“. אָט הייבט ער זיך אוף, דער פאָנטאן, אינמיטן פון פארקוילטן הויז, אין פארברענטן סאָד, צווישן כורבן און בראָך, ווי א לײַכטער — א מין צווייענדיקער סימבאָל, וואָס פארייניקט אין זיך דעם קויעך פון נאטור און מענטש, וואָרעם זײַן מוטער איז די ערד און זײַן פאָטער דעם מײַסטערס הענט, — ער שטייט, ווי די ווידערשפעניקע פאראקשנטע קראפט פון לעבן אליין — ליכט און וואסער — און

ווײַל ניט מיט ערד זיך פארשטאָפן דאָס מויל,
נאָר אייביק דאָ ריזלען און אייביק דאָ שלאָגן[1].

„מיט זײַלן געשליפענע לײַכט ער“ און באהעלט דעם געראנגל פונעם דיכטערס געזאנג אף די גערעכטע וועגן פון דער באפרײַערישער מילכאָמע, און לאָזט אונדז ארײַנקוקן אין דער ניט צעבראָכענער נעשאָמע פון דעם „מילדן סאָלדאט“. און דאָ דערזעען מיר אין דער מילכאָמע־דיכטונג בא ווערגעליסן א פילפאכיקע, פילארטיקע קעמפערישע מילדקײַט, וואָס כאפט ארום שוין זײַנע ערשטע מאָמענטאלע פארצייכענונגען — לידער אין זײַן פעלד־ביכל. איר זעט דעם לירישן העלד ניט אזוי אין דעם באטאלישן, ווי אין דעם שטייגערישן בילד, זײַן צאָרנדיקער ווילן פלעכט זיך איבער מיט א שארפער פרידן־בענקשאפט („ווי צעלייגט מען א פײַער“, „געמיטלעכער שטייגער“, „אין וואלד אף אָפרו“ אא.) אין רעגעס פון רו אף דעם וואלד־ביוואק, „אז ווערן זאָל דאָ היימישער, געמיטלעכער“ —

א צוואָק פארקלאפ איך אין א שטאם
און די שינעל הענג אוף...

„א זייגער אין טראנשיי“, „א גלאָז אף טרינקען טיי“ — דאָס זײַנען אטריבוטן פון אן אויסגעבענקטער וועלט. אין גוטמוטיקן הומאָר און אין טראגישער יאָמטעוודיקײַט פון אויסטרינקען אין ענגן קרײַז פון פראָנטכאווײרים דעם קאָס „שוין פאר הײַנט און פאר מאָרגן, אויב מאָרגן דאָס מויל וועט פארלייגט זײַן מיט אײַז“, אין לאנדשאפט־געמעלן פון „סאָלדאטישן הארבסט“, אין דעם אײַנפאכן סאָלדאטישן שטייגער — אומעטום פילט זיך די אומענדלעכע בענקעניש נאָך פרידן־צײַט, וואָס מיט איר איז ווי טיף עשעלאָנירט ווערגעליסעס פראָנטפאָעזיע.

און אָט איז א צווייטע ליניע אין זײַנע מילכאָמע־לידער — ער פירט שוין דאָ מער ניט קיין קריג מיט דער נאטור, פארקערט, ער איז איר היטער, איר באשיצער. מיט א ברידערלעך־פארליבט אויג זעט ער און קעכלט די דערשיטערטע פון שיסערײַען וועווערקע, וואָס באהאלט זיך אין שוצגראָבן, זי שטייט פאר אים „דאָס שפיציק קעפעלע, די רויטע פיסעלעך אין ברוינעם פעלעכל פארוויקלט“. אין איר אומבאהאָלפנקײַט און דערשרעק —

די ווייסט אויך ניט, אז אין דעם שוצגראָבן,
מיט איר אף איין געלעגער,
עס ליגט און קוקט אף איר פארכידעשט און פארבענקט
א שלאנקער טײַגע־יונג, אן אוסוריִער יעגער —
און ס׳האָט דער יעגער שוין דאָס לעבן איר געשענקט...

דעם דיכטער־סאָלדאט גיט זיך איבער דער ציטער פונעם פויגל אין דער קרוין, און מיט א פארהאלטענעם אָטעם, קעדיי דעם פויגל ניט צו דערשרעקן, בעט ער: „שטילער, שטילער, וואלד און גראָז“... ער שפירט די אייביקײַט און אומבאזיגבארקײַט פונעם דינעם גרעזעלע:

ווי זאפטיק־גרין, ווי גליטשיק ס׳איז און גלאט,
די שלאכט אפילע האָט עס ניט צעטראָטן.

---

[1] דאָ און ווײַטער — א ר ן ו ו ע ר ג ע ל י ס. ביראָבידזשאנער דאָר. „דער עמעס“, מאָסקווע, 1948.

דער דריטער כאַראַקטער־שטריך פון ווערגעליסעס פראָנט־לידער באַשטייט אין דעם, וואָס מיט דעם אָנוווּקס פון די שלאַכטן וואַקסט אָן די פילאָסאָפיש־באַטראַכטערישע ליד. וואָס מער די אָנשטרענגונג אין קריג, אַלץ שטאַרקער איז דער אָנשטרענג פון אינטעלעקט, פון דעם געדאַנק, פון דעם טרוים.

בײַ דער גאַנצער לירישקייט פון שטייגער־בילד, פּייזאַזש, באַטאַלישער צייכענונג ווערט ווערגעליס ניט סענטימענטאַל, נאָר טיילט זיך אויס מיט דער שטאַרק מאָביליזירטער עמאָציע און מאַכשאָווע. סע קומען די באַטראַכטונגען וועגן באַגרײַפן די שלאַכט און וועגן די רעגעס רו נאָך דער שלאַכט, וועגן העלדנמוט און טרויער, וועגן שטרענגקייט און מילדקייט, וועגן ליבע און סינע, וועגן גוירל און ווילן, וועגן יוישער און מענטשלעכקייט. אָט שפּאַנט די פעכאָטע איבער פאַרזייטע פעלדער, אָט שאַנעוועט זי ניט דעם וואַלד, אָט צינדט זי אונטער בײַס אַ געשלעג דעם כאַווערס הויז. פרעגט ער, דער דיכטער — „ווּ איז יוישער? האָסט אַליין פאַרזייט דאָס פעלד דאָך...‟; „ווּ איז יוישער? האָסט אַזוי געליבט די וועלדער‟...; „ווּ איז יוישער? ס׳איז ניט ליב דיר דײַן געצעלט דען?‟ קומט אין זײַן אָנגעווייטיקטער אַנטשיידנקייט דער ענטפער:

— פעלדער, וועלדער, פייגל אין די נעסטן,
זאַנגען אָפּגעשאָטענע, זײַט וויסן:
ווען דער פײַנט וואָלט בײַ מײַן האַרץ געזעסן,
כ׳וואָלט מײַן אייגן האַרץ אונטערגעריסן.

דעם גאַנצן אומזין פון אַגרעסיוון צעשטערערישן קריג, וועלכן ס׳האָט צעבונדן דער פאַשיזם, ווערט קעגנגעשטעלט דער יוישער און דער באַזיניקטער גאַנג פון דער פאָטערלענדישער באַפרײַערישער מילכאָמע. דאָס פּאַטאַלע, דאָס גוירלדיק־בלינדע, די איראַציאָנעלקייט און נויטווענדיקייט פון לייד — דאָס אַלץ ווערט מיט שטאָלצן באַוווּסטזײַן אָפּגעשלײַדערט.

די שלאַכט באַגרײַפן, פרײַנט, איז אומגעהייער שווער,
עס מאָלט זי אָן דער מענטש מיט בלוט אויף קרומער ערד,
אָט קומען זיך צונויף די קויכעס צוויי אין פעלד,
אויף וועלכער ס׳ליגט דער גוירל פון דער גאַנצער וועלט,
זיי שרײַען אויס דעם קאַס, און יענער בלײַבט גערעכט,
ווער שטאַרקער איז פון פײַנט מיט האַרץ,
מיט מוט, מיט שווערד.

אָבער נאָך שווערער איז באַגרײַפן די צײַט פון נאָך דער שלאַכט, ווען

דער באַרג איז ווי אַ טיש פון אויסגעטאָקטע שטיינער,
נאָך טויט־מאָלצײַט פון אים מע וואַרפט אַראָפּ די ביינער,
און כאָטש דער טויט דאָ שוועבט, ער איז, מײַן פרײַנט, פאַרגעסן —
מיט מאָס פון דעם ניצאָכן בלוט און וויי מיר מעסטן.

דאָס מעסטן „בלוט און וויי‟ מיט דער „מאָס פון ניצאָכן‟, די הייסע בענקעניש נאָך פרידן, דער פּאָטערלעכער געפיל פון שירעמען די נאַטור, דער אויפשווּנג פון געדאַנק — אָט דאָס איז ער, דער געמיט פון דעם „מילדן סאָלדאַט‟. אַזוי הייסט טאַקע ווערגעליסעס אַ ליד — „מײַן געמיט‟:

כ׳ווער בלויז טרוקן, שוואַרץ און שטרענג ווי שרויט,
און אין בליק עס לײַכט אַלץ די נעכאָמע —
אויף צעפּיקעניש דעם טויט,
אויף צולאָכעס דער מילכאָמע.

מיט אַזאַ וואַרײַרנדיק־פאָלקסטימלעכן רעפרען איז דורכגעוועבט די גאַנצע ליד. ס׳הערט זיך, אויף צעפּיקעניש די סאָנים, דאָס קאָל פונעם דיכטער: איך לעב, און ליב, און דענק, און קעמף, און זינג!

און אַזוי לעבט אויך דאָס געזאַנג מיט זײַן מאַזשאָרן מאַרש־גאַנג, מיט דעם מאָביליזירטן מאָטאָריזירנדיקן ריטם, מיט דעם אַרומגעפּאַנצערטן און שטײַפן אַפאָריסטישן געדאַנק. די באַטאַליע איז דירעקט ניט געשילדערט, דער קריג לאָזט זיך הערן אין אינעווייניקסטע קאָנטראַסטן, די אָנגעהיצטקייט פון שלאַכט לאָזט זיך פילן אין געצוימטן פּאַטאָס, אין דער אָנגעגליטער מענערישער עמאָציאָנעלקייט. די ליד ווערט איין גוס, איין קייט פון אַפאָריזמען, זי איז שטאַרק מאָביל, דראַנגפול, צונויפגעדריקט ווי אַ פויסט, צילגעווענדט. אָט איז אַ ליד „פאָרגעפיל פון אָנגריף‟:

הינטער דער פלייצע — אַ ברייטע וועלט,
און פאַר די אויגן צוויי מעטער ערד,
שפּרייט זיך די פראָנט־ליניע, ווי אַ שוועל,
וועלכע ס׳איז איבערטרעטן פאַרווערט.
הײַנט וועל איך איבערטרעטן די שוועל,
זײַן זאָל אַזוי, ווי דער מענטש האָט רעכט:
הינטער דער פלייצע — אַ ברייטע ערד
און פאַר די אויגן — אַ פרײַע וועלט.

דאָ הערט זיך דער אינערלעכער באַפעל, דער פרײַער און קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, דער טראָט פון די סאָלדאַטן אין אָנגריף, און ס׳קלינגט דאָס געזאַנג שורע צו שורע — שפּיץ צו שפּיץ. אין דער ערשטער סטראָפע — אַלץ איז פאַרווערט דעם מענטשן, אין דער צווייטער — שוין „אַ פרײַע וועלט‟, אַ ווענדפּונקט אין גוירל פון קריג, אַן אויסגעקעמפטע ערד. און אַזוי אויך אין אַנדערע לידער פון ווערגעליסעס מילכאָמע־בוך:

דריקט ער פעסטער די ביקס אין האַנט,
און דאָס פײַער אין ביקס אים פאָלגט,
הינטער אים — דאָס באַשיצטע לאַנד,
און איבער אים — דאָס פאָלק.

ניט ווי אין אַ מילכאָמע־כראָניק, ניט ווי אין טאָגבוך פון אַ סאָלדאַט, נאָר דאַפקע ווי בײַ אַן עכטן מײַסטער־ליריקער, דערזעען מיר אין ווערגעליסעס ליד דעם אָנוווּקס פון קאַמף:

די מילכאָמע, מאַמע, פּרוּווט אונדז און פאַרהאַרטעוועט,
ס׳לײַב פאַרגרעבטער ווערט — די נעשאָמע צאַרטער ווערט.

און כאָטש די זעלנער שטייען „ווי דעמבן אין שטורעם‟, פילט איר דאָך, אַז אָט דער סאָלדאַט איז דורכגעגאַנגען דורך שווערסטע ניסיוינעס און אומדערטרעגלעכע ווייטעקן, איר זעט, ווי דער קאַוואַלעריסט וויל שטאַרבן,

ניט פֿאַלנדיק פֿון זײַן פֿערד, און איר הערט אויך דעם מאַנצבלשן טרויער פֿונעם זעלנער נאָך דער שלאַכט:

> װען אַפֿן דיל אַ באַרמינען פֿלעג ליגן,
> אין שטוב פֿאַרהאַנגען פֿלעג מען אַלע שפּיגל.
> איצינדער ליגן אויפֿן פֿעלד אַזויפֿיל מײסים,
> דער טאָג — אַ ליכטיקער, אַ זוניקער, אַ הײסער,
> װאָלט כאָטש אַ װאָלקנדל די בלאַנקע זון פֿאַרהאַנגען,
> װאָלט כאָטש אַ װינטעלע אַדורך איבער די זאַנגען...

און דאָך — ניט צעבראָכן, ניט אָרעמער, נאָר רײַכער, צאַרטער און טיפֿער איז געװאָרן דער מענטשלעכער גײַסט. „איצטער זײַנען מיר עלטער און מוטיקער"..., „איצטער זײַנען מיר מילדער און איידעלער"..., „איצטער זײַנען מיר זיכערער, גלייביקער..." אין כאַראַקטער פֿון לירישן העלד דערקענען מיר דעם כאַראַקטער און דעם זיגערישן גאַנג פֿונעם באַפֿרײַענדיקן קריג, מיר דערערן ניט נאָר דאָס קאָל פֿונעם ביראָבידזשאַנער דאָר, נאָר דאָס קאָל פֿון אַ דאָר, װאָס האָט אויף זײַנע יונגע פּלײצעס אויסגעטראָגן דעם גורל פֿון דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. ער, דער לירישער העלד, איז אַלײן די געשיכטע פֿון אָט דער מילכאָמע. האָט שוין בעמײלע דער דאָזיקער לירישער העלד געמוזט דאָ קומען אַלס עפּישער העלד, און ער קומט טאַקע אין װערגעליסעס פּאָעמעס — אין דער דילאָגיע פֿון צװײ געזאַנגען: „דאָס געזאַנג װעגן יויסעף בומאַגין" און „דאָס געזאַנג װעגן קאַלמענס הענט".

זײַנע פּאָעמעס בױט װערגעליס אויף אַ מין רעפֿרען, װאָס איז טאַקע פֿאַרן זשאַנער פֿון אַ פּאָעמע־געזאַנג צוגעפּאַסט. דאָס איז זײער אַן אײגנאַרטיקער רעפֿרען, אַן אידײיִשער מיטלפּונקט, װאָס בילדעט די עמאָציאָנעלע אַטמאָספֿער:

> געקומען איז דער פֿרילינג און פֿאַרנומען
> דאָס שלאַכטפֿעלד, די פּאָזיציע, די טראַנשײ:
> דער באַרג־אַרויף צום ברוסטװער — שױן אין בלומען,
> דער באַרג־אַראָפּ פֿון ברוסטװער — נאָך אין שנײ...

דאָ איז ניט פּראָסט לאָקאַליזירט דאָס אָרט פֿון שלאַכט, עס איז געגעבן דאָס בילד פֿון איבערגאַנגס־צײַט: פֿון װינטער צו פֿרילינג, פֿון מילכאָמע צו פֿרידן. אין אָט דער סימבאָליק פֿילט זיך סײַ די טראַגיק פֿונעם העראָיִשן, סײַ דער זיג פֿון בומאַגינען, װאָס כאַזערט איבער דעם העלדנטאַט פֿון מאַטראָסאָװן; אַרום אָט דעם ברוסטװער קומען זיך צונויף אַלע דורכגעגאַנגענע לעבנסװעגן פֿונעם רעאַלן העלד, דעם אַרבעטער פֿון ביראָבידזשאַנער װעגענער־זאַװאָד יויסעף בומאַגין, און טאַקע דאָ איז דער דראַמאַטישער הויכפּונקט פֿון זײַן װעלט, װוּ ער קומט „פֿאַרדאַמען דעם פֿאַרדאָרבענעם פֿאַרדאַרבער", „פֿאַרהיטן דעם שעם פֿון זײַן דאָר", ניט פֿאַרפֿלעקן דעם רום פֿון זײַנע זײדעס, װײַל „...װי אַ ברודער בין איך ענלעך אויף מאַטראָסאָװן דעם העלד, און װי אַ זון בין איך געראָטן אין באַר־קאָכבען".

בומאַגין איז אין פֿולן זין דער העלד פֿון אונדזער צײַט. קײן שום קידעש־האַשעם, נאָר טיפֿסטע זיכערקײַט אין ניצאָכן — איז זײַן הויפּט־שטריך. עס װאַרפֿט זיך אין די אויגן, אַז די באַטאַלישע טעמע עפֿנט זיך פֿאַר אונדז אויף דורכויס אין בילדער פֿון פֿרידלעכן לעבן — „אַ פֿויגל פֿליט פֿאַרבײַ צו בויען זיך אַ נעסט", „די זעלנער שלאָפֿן, װי פּאַסטעכער באַטאָג אונטער דער זון", בומאַגין דערמאָנט זיך, אַז „דאָרט אין טײַגע איז איצט אַזויפֿיל אַרבעט", און, צולײגנדיק די הענט צום קוילנװאַרפֿער, דערפֿילט ער,

> װי ער װאָלט צוגערירט צו ניט דערבויטע װענט,
> צו פֿעלדער און צו לאָנקעס און צו פּאַסעקעס
> די אָדערדיקע, די מאָזאָליעדיקע הענט.

דער העלד קומט צו מילכאָמע־מי, באַװאַקסן מיט דער דערפֿאַרונג פֿון פֿרידנס־צײַט. ערעװ אַטאַקע שטײט אויף פֿאַר אים דאָס בילד, װי ער האָט אַמאָל מיט אײגענע הענט געלאָשן אַ סרײפֿע אויפֿן זאַװאָד. בומאַגינס גורל איז ניט אין זײַן אומקום, — „ער ליגט באַם טויער פֿון ניצאָכן, די הענט אױעקגעלײגט אויף דעם באַפֿרײַטן װעג".

אָט די פּאָעמע איז אַ קינסטלערישער סינטעז פֿון װערגעליסעס פּראָזע־דיכטונג. זי װערט דערפֿולט מיט דער פּאָעמע „דאָס געזאַנג װעגן קאַלמענס הענט", װאָס פֿירט אונדז שױן אַרײַן אין יענער פֿרידנס־צײַט, װאָס איז אַזוי נעשאָמעדיק געװען אויסגעבענקט. נאָר אויך אין פֿרידן פֿירט אונדז אָט דאָס געזאַנג אַרײַן דראַמאַטיש, װײַל ניט װײניקער העלדישקײַט פֿון מענטשלעכן האַרץ פֿאָדערט דער פֿרידן — קאַלמען קערט זיך אום צום טװוּע־פֿעלד אָן בײדע הענט, אין זײַנע פּוסטע אַרבל בלאָזט, װי זײַן צאַר, דער װינט, װאָס װעט שױן קײנמאָל ניט פֿאַרװײען דעם װײ פֿון אָפּגעהאַקטע גלידער, װײַל ער איז שױן ניט אַזוי דער פּײַן פֿון לײַב, װי פֿון נעשאָמע. די דראַמאַטישע סיטואַציע און איר אידײיִש־פּסיכאָלאָגישע לײזונג װערט געגעבן אין לײטמאָטיװ:

> װען קאַלמען איז אַרײַן אין הויכן קאָרן,
> האָט ער דערהערט באַ סקירדעס אַ געזאַנג:
> אַראָפּלאָזן די האַנט װעסט אויף אַ דאָרן,
> און אויפֿהײבן די האַנט װעסט מיט אַ זאַנג.

דער כאַראַקטער און דער טאַט פֿון װערגעליסעס העלד איז ביז גאָר צײַטמעסיק, זײַן לעבן — דאָס איז אײן צײַט־דערפֿאַרונג, געקײפֿלט אויף דער צװײטער. בומאַגין װעט מעסטן מילכאָמע מיט דער דערפֿאַרונג פֿון פֿרידנס־צײַט, קאַלמען װעט מעסטן דעם פֿרידן מיט דער דערפֿאַרונג פֿון גערעכטן קריג. אין יענער רעגע, װען דער געװעטעניש װעט דראָען אַ פֿאַרפֿלײצונג, װעט קאַלמען זיך דערמאָנען, װיאַזוי אויפֿן פֿראָנט איז זײַן װזװאָד פֿאַרלאָפֿן דעם װעג פֿון אַ געװיסער מיט אַן אַטאַקע קעגן סוינע. און אויף װיפֿל אָט דער העלד טראָגט אין זיך דעם קויעך פֿון קאָלעקטיװער דערפֿאַרונג, װעט ער געפֿינען װידער דעם זין פֿון זײַן לעבן, די הענט זײַנע, אין פֿרײַנטשאַפֿט און ליבע, אין דער מי פֿון טויזנטער מענטשלעכע הענט. מיט דעם װײטעקלעכן זיג איבער זיך װעט ער אַזויאַרום מאָביליזירן אויך דעם װילן פֿון אַנדערע. מערקן זיך שױן בוילעט אָן באַ װערגעליסן אין אָט דער פּאָעמע די װײַטערדיקע געזאַנגען, װעלכע האָבן צו טאָן מיטן שװערסטן געראַנגל פֿאַרן זיג איבער זיך אַלײן — מיט מאָראַלישע פּראָבלעמען, װאָס זײַנען אַלט און יונג, װי די מענטשהײַט אַלײן, און הערן ניט אויף צו רודערן אונדזער געמיט מיט זײער שאַרפֿקײַט, אָנװאַקסנדיק און קלינגענדיק אויף גאָר אַ נײַעם אויפֿן אין אונדזער צײַט. פֿאַר דעם דיכטערס אויג האָט זיך געמאָלט אַ צײַט און אַ װעלט, װעלכע האָבן אים באַװיזן, װי הויך דער מענטש קאָן שטײַגן, װי הויכמוטיק ער קאָן זײַן; דער דיכטער האָט

אָבער אויך געקאָנט זען, ווי נידעריק, נידעריקער פון דער כײַע־ראָע, דער מענטש קאָן פאלן.

אנטוויקלט זיך דערפאר אין זײַן נאָכמילכאָמעדיקער שאפונג, אלס פירנדיקע, די עטיש־הומאניסטישע פּראָבלעם אין איר פילאָסאָפישן, סאָציאלן און פּאָליטישן אספּעקט.

דורך צוויי לידער, ווי דורך צוויי טויערן, — איינער, דוכט, געבויט פון ריינעם זונען־גינען, דער צווייטער — ווי פון שווארצן פארשטיינערטן צאר, — פירט ווערגעליס אונדז אוועק אין דער ווײַט און טיף פון דער מענטשלעכער נעשאָמע־וועלט: דאָס זײַנען די לידער „דער מענטש" און „טרעבלינקער שטיינער".

„דער מענטש" — א ליד, געשריבן אין הויכער קלאסישער טראדיציע, און דאָך אזוי ניט טראדיציאָנעל, אזוי אָרגאניש ארויסגעוואקסן פון דעם אייגענעם דיכטערישן גרונט. לייענסט און ס'דוכט זיך דיר, אז אָט דער מענטש איז שוין די אנטפּלעקונג פון א מין שטראלנדיק־אידעאלער הארמאָניע און שטייט שוין אפן ראנד פון עפּעס אוטאָפּיש־מײַסעדיקס, אף דער הימלדיקער ערד פון אן „ערגעץ־לאנד", אָבער אינדערעמעסן איז עס ניט אזוי, וואָרעם

ער האָט אין זיך אָט יענע מאָס,
וואָס נעמט צוריק די שארפע ציין
און שטעלט ארויס
פאָרויס דאָס אויג,
דעם קלוגן קוק, די האנט, וואָס ווייסט,
ווען זײַן א צוואנג, ווען זײַן א טרייסט!

דאָס איז דער מענטש, וואָס איז דורכגעגאנגען אלס שעפער דורכן געראנגל מיט ווילדע נאטור־סטיכיעס, אלס אויסלייזער פון דער וועלט — דורכן געראנגל מיט דעם בייז פון מענטשנפרעסער, וועלכער האָט גענומען צוריק דאָס אויג און ארויסגעשטעלט פאָרויס די ציין. דאָס איז דער מענטש פון קלוגן טאט, ריינעם געוויסן, הויכן אינטעלעקט. עס קומען אונדז זאָגן, אז „דער מענטש איז שיין", איר ווייסט ווער? —

דער בורונדוק, די בין, די בלום,
די פּאווע, וואָס איז מאָלע־כײן,
דער שטומער מאלעך
און דער שעד,
וואָס רעדט און רעדט און רעדט און רעדט,
דער אָדלער, וועלכער לעבט א סאך,
די פלעדערמויז, וואָס לעבט באנאכט, —
זיי כאפּן אוף זיך פונעם שלאָף
און ווערן שטיל און ווייך, ווי שאָף:
— דער מענטש איז שיין!

דאָס איז ניט קיין טרוקענער קאטאלאָג, נאָר א טיפער כעזשבן פון לעבן — דאָ ליגן די קלוג־געצוימטע נאטור־קויכעס בא די פיס פון זייער גוטן הערשער, דאָ הערן זיך די באצווינגטע און באפרײַטע גײַסטיקע און זיטלעכע קויכעס פון גוטס און שלעכטס, ווי דער שעד, וואָס רעדט און רעדט, נעמט אײַן א ביסל שטומעניש, און ווי דער שטומער מאלעך הייבט אָן באקומען דאָס וואָרט; און אויב איר ווילט, לעבן דאָ אויך אינעם מענטשן די ליכטיק־קאָסמישע קרעפטן — „די טויזנט זונען אין זײַן אויג". אזוי קומט די הארמאָניע פונעם גאנצן לעבן אף דער וועלט, פארקערפּערט אינעם מענטשן־געשטאלט. יאָ, דער מענטש איז שיין און הויך אין זײַן ערדישקײַט — פון שטאָלצן קאָפּ ביז די שטארקע פיס, — שיין אין זײַן אויסגעלײַטערטקײַט. אָבער דאָס איז אויך ווייניק. נאָך שענער און נאָך העכער דארף מען אים זען דאָרט, ווו „ער איז א גוטער באלעבאָס". דער מענטש גיסט זיך ניט פּראָסט צונויף מיט דער נאטור, ניט אין דעם איז די הארמאָניע.

ער שטעלט ארײַן א טאפּליע דאָרט,
ווו די נאטור האָט ניט צעטיילט
פאר ארבעט און פאר רו דאָס אָרט.

ער ווייסט, ווו פלאנצן קווייטן, ווו זייען ברויט, און זײַן גרויסמוט, זײַן געמיט איז אזוי מעכטיק, אז אויך „בעסאלמענס שטעלן קלעקט אים קויעך" — ער איז אין אלץ א באשעפער, א טוער, און — אויב ניט נאָך שענער און נאָך העכער:

זײַן וועג געפערלעך איז און שווער, —
דעם מענטש האָט קיינער ניט געקרוינט,
ס'האָט קיינער ניט באלוינט זײַן טרער
און אויך זײַן שמייכל ניט געשוינט —
און ער — געגאנגען און געווען,
און ער וועט גיין,
און ער וועט זײַן...

דער מענטש איז א קעמפער!

אזא איז זי — די ניט אידילישע, נאָר פולע מיט דראמאטיק סימפאָניע וועגן דעם מענטשלעכן אין מענטשן. אין אָט דער ליד איז שוין דער מענטש אפן העכסטן בארג־שפּיץ פון ליכט. אין דער צווייטער — אין „טרעבלינקער שטיינער" — איז דער מענטש אין טיפסטן אָפּגרונט פון פײַן, וואָרעם דאָ האָבן יענע, וועלכע האָבן זיך גערופן איבערמענטשן, ארויסגעשטעלט אזוי אף פאָרויס זייערע שארפע ציין, אז זיי האָבן אליין אופגעפרעסן זייער מענטשלעכן פארשטאנד; און אָט האָבן זיי אין טרעבלינקע פארפלאנצט א וואלד, וואָס איז אויסער נאטור — אָןביימער און אָן פייגלען, „א וואלד פון שטיינער אף מענטשנס ביינער", „א וואלד פון כײַקעס, א וואלד פון כאנעס", „א וואלד פון כאימס, א וואלד פון איטשעס", פון שטעטלעך און שטעט — אן אומענדלעכע מארטיראָלאָגיע, וואָס שרײַט אין דער אומענדלעכקײַט ארײַן:

וואלד! וואלד! וואלד!
גוואלד! גוואלד! גוואלד!

אָט די צוויי לידער ציִען זיך אויס, ווי צוויי צווײַגן, און ווערן געדיכט באבלעטערט מיט א שלאל נײַע מאָטיוון. ווערגעליסן איז ביכלאל אייגנטימלעך צוויי מאָל, און מער מאָל, זיך אומקערן צו זײַן לידער־טעמאטיק — איין מאָל סינקרעט, דאָס צווייטע מאָל — קאָנקרעט, איין מאָל אומדירעקט, מעטאפאָריש, דאָס צווייטע מאָל — דירעקט, אופגעעפנט, וואָס גיט צו פילזײַטיקײַט, פילפארביקײַט דער אידיי — א מין לירישן רוים פאר עפּישן און דראמאטישן אָטעם.

פון דער ליד „טרעבלינקער שטיינער" האקן זיך ווי אויס די לידער „דערמאָן זיך, מײַן טאטע, אין קריג

[1] דאָ און ביזן סאָף פון ארטיקל ווערן די ציטאטעס געבראכט פון א. ווערגעליסעס לידער און פאָעמעס, פארעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאנד" און אין אנדערע פעריאָדישע אויסגאבעס.

אין דעם וויסטן", „כ׳האָב אויסגעמיטן דעם ליובלינער רעזערוואט", „ערעוו א פאָלקס־ציילונג" אא. אין דער ליד „ערעוו א פאָלקס־ציילונג" טוט דער דיכטער אָן זײַן אייגן לײַב אף די ביינער פון טרעבלינקע, מאכט, עס זאָלן עטעמען די הימל־שרײַענדיקע שטיינער, און זאָגט אָן דער וועלט, אז לעבעדיק־באגראָבענע זײַנען ניט טויט — א כאראקטערפולער פאר אונדזער דיכטונג מאָטיוו, — און דערפאר רעכנט ער צו צו די געטייטע זיך, דעם לעבעדיקן, און זיי, די געטייטע, טיילט ער ניט אָפּ פון זיך, דעם קעמפנדיקן מענטשן:

איך בעט אײַך רעכנען צווישן די לעבעדיקע אויך מײַן מאמען,
איך בעט אײַך רעכנען צווישן די לעבעדיקע אויך מײַן שוועסטער,
איך בעט אײַך רעכנען צווישן די לעבעדיקע אנא פראנק,
און ווײַל איר וועט ניט אויסמעקן אויך מיך — א דאנק!

באזונדערס פרוכטבאר איז די ליד „דער מענטש", זי געבוירט א שעפע געזאנגען. ס׳דארף אָבער געזאָגט ווערן, אז אָט די צוויי פּאָליאראַרטיקע ליניעס גייען ניט פּאראלעל, נאָר קרייצן זיך איבער אין ווערגעליסעס ליריק אין א שטארק טראנספּאָרמירטער, אָט פארבאָרגענער, אָט אָפענער פאָרם, נאָר מיט דעם דאָמינירנדיקן קויעך פון „מענטש"־מאָטיוו. דער דיכטער מעלדעט „א טאָג פון אָפענע הערצער"!

מענטשן! אָן אײַך איז דאָס הארץ מײַנס ליידיק.
מענטשן! כ׳וועל אייביק צו מענטשן שטרעבן.
מענטשן! איך קען אָן מענטשן ניט לעבן!

דער דיכטער איז פול מיט צוטרוי צום הארצן, אָבער זײַן צוטרוי איז ניט בלינד, זײַן הארץ וועט זיך פארמאכן, ניט ארײַנלאָזן אין זיך קיין מענטשן מיט פארדאָרבענע הערצער, ווײַל „דאָס הארץ איז פאר שלעכטס ניט אָפן". קומט דערפאר דער צוטרוי פונעם הארץ אונטער דער באוואָכטער וואך פון דעם זינען. דער דיכטער ווייסט, אז דאָס געפיל קאָן פירן סײַ צום גוטן, סײַ צום בייזן, נאָך מער — אפילע דאָס גוטע הארץ איז שוין גאָר ניט אזוי איינפאך. און ווידער פארבעט אײַך ווערגעליס: „קום ארײַן אין מײַן וועלט" (א נאָמען און א לייטמאָטיוו פון א ליד) —

קום ארײַן אין מײַן וועלט:
„קיל זיך אָפּ אין מײַן היץ, ברי זיך אָפּ בא מײַן קעלט"...
„שיקער ווער פון מײַן ווינט, ניכטער ווער פון מײַן ווײַן"...
„פראנק־און־פרײַ דיר מײַן וואלד, און געדיכט דיר מײַן פעלד"...
„זאָל דיר גרינג זײַן מײַן אָל, שווער מײַן לײַכטזין דיר זײַן"...

א קאָמפּליצירטע וועלט, אן איינהײַט פון קעגנזעצלעכע צושטאנדן — אזא איז דאָס הארץ. אויב אזוי, איז עפשער קאָן מען זיך פולקאָם פארטרויען נאָר דעם פארשטאנד? קאָן דאָך אָבער קומען ניט נאָר די גוטע, נאָר אויך די בייזע מאכשאָווע. ניט אומזיסט בעט דער דיכטער:

הינטעלע, בייז הינטעלע,
בײַס מיר אָפּ דעם שלעכטן געדאנק.

מיט וועלכער זשע מאָס מעסטן די מענטשלעכע נעשאָמע? עפשער איז דאָ גילטיק דער אידעאלער צושטאנד, ווען „ס׳איז קורץ דער מעהאלעך פון וועלן ביז מוזן"? ווײַזט זיך ארויס, אז דער שטרענגער מאָראלישער באפעל איז נאָך ווײַט ניט די מענטשלעכע נאָרמע.

זאָלסטו זײַנע קויכעס, זאָלסטו זײַנע ווינטן אף איין מאָס ניט מעסטן,
זאָלסטו פאר זײַן יונגקײַט, זאָלסטו פאר זײַן שוואכקײַט האָבן אויך א מעסטל...

אזויארום איז אויסמעסטן די מענטשלעכע נעשאָמע ניט פון די גרינגע זאכן. קומען אין ווערגעליסעס ליד פיל דינע ניואנסן, שפּיל פון ליכטיקס און שאָטנדיקס, איבערוף פון מאָטיוון אין זייער רעזאָנאנס, סענטענץ, וואָס אנטהאלט אין זיך קאָנטראסטירונג פון עמאָציע און געדאנק, און איבער אלץ — פון וואָרט־געוועב ביז דער טעמע און אידייִשן פארטראכט — הייבט אָן הערשן דער לירישער פּאראדאָקס: „דער שטיין וויל ויסן, אין וועמען מע ווארפט אים, דער שטיין איז אופגעשטאנען קעגן דער האנט", א וועל, וואָס „פארשווומען — פארבלײַבט", „און אופגעזאָדן מיט דער וואסער האָט די שטילקײַט לאנגזאם", און „איידער וואָרעמען די טיי די נעכטיקע... איז בעסער זיצן אף דער ערד דער שטעכיקער צוגאסט בא גראָזן אף גלעזלטוי", און דאָס פייגעלע, וואָס איז נאס געוואָרן, טרינקענדיק פון א שיסל אין שטוב, „פליט אוועק זיך טריקענען אונטערן רעגן", „פון גרויסן געפיל און פון שווערן געזאנג איז דער זינגער א טויבער" — א שלאל מיט פּאראדאָקסן אין דעם בילד.

ס׳וואָלט געווען א טאָעס צו מיינען, אז אזא מין פּאראדאָקסאלישקײַט איז אן אויסדרוק פון צווייפלעניש פונעם דיכטער פאר דער קאָמפּליצירטקײַט פון דער מענטשלעכער נעשאָמע, אָדער ער רעכנט, אז זי איז א טויהו־וואָוויהודיקע וועלט פון בלינדע טײַוועס, וואָס איז אויסער געזעצמעסיקײַט און גיט זיך ניט אונטער קיין דערקענטעניש. פארקערט:

מײַן הארץ האָט שוין געקלאפּט, ווען כ׳בין נאָך ניט געבוירן,
ווען מיט דער מוטערס לײַב פארקניפּט איך בין געווען.
דאָס קלאפּן פון מײַן הארץ וועט נאָך מײַן טויט — געדויערן
איך ווייס עס אף געוויס, כאָטש כ׳האָב עס ניט געזען.
און פונקט אזוי מײַן גײַסט, און פונקט אזוי מײַן אופּטו.
און אָט אזא איך בין ניט צופעליק. אָ, ניין!

דער מענטש איז ניט קיין צופעליקײַט, ער איז מענטשלעך שוין דאן, ווען ער קומט ערשט אף דער וועלט. אין ווערגעליסעס „געזאנג וועגן קינדערשן געוויין" ליגן די אייפּעלעך אין געבורטס־הויז „נאָך באם סאמע אָנהייב", דער מענטש איז נאָך אויסער זעלבסטבאוווסטזײַן, אויסער פארבינדונגען, און דאָך האָט ער שוין „אויסגעווײנט זײַן וויי" — און דאָך איז ער שוין גאָר ניט אזוי איינפאך, וואָרעם זײַן געוויין איז אויך דאָס וואָ־

רעמע רעגנדל, אונטער וועלכן קינדער וואקסן. ווּ זשע איז וויי און ווּ איז פרייד? —

...וויינען מוז מען דאָך,
נו, וויינט, נו, וויינט — און שפּילן זאָל דאָס בלוט!

איז ווי זשע דאַרף זײַן קאָמפּליצירט די נעשאָמע פון דעם דערוואַקסענעם און באַוואַקסענעם מיט וועלט מענטשן!

אָן שום אידעאַליזאַציע גייט דער דיכטער צו צום מענטשן, ער ווייסט, אַז דער מענטש איז ניט פרײַ פון פינצטערע אינסטינקטן, מוטנע געפילן, פאַרפּירערישע לײַדנשאַפטן, פאַרטונקלטע געדאַנקען. ווען עס קומט דער געראַנגל פאַר דעם אויסגעלײַטערטן מענטשן, שטעלט דער דיכטער די נעשאָמע פאַרן געריכט פון געוויסן, און עס גייט א שווערער וויקוּעך פון קעגנזײַטיקע צדאָדים, פון ווידערשפּרוכן, קעגנזאַצן. דער דיכטער רופט דעם מענטשן צום פּרוּוו, צום עקזאַמען אין זײַן באַציִונג צו נאַטור, מענטש, געזעלשאַפט, ליבע, פרײַנט, צו זיך אליין. פריִער האָט בא ווערגעליסן דער מענטש געקנעלט מיט דער נאַטור, וויִאַזוי זי דאַרף לעבן, ס׳זאָל זײַן רוים ווּ צו אַטעמען פאַר אַלע ביימער; איצט קומט די איבערגעאַנדערשטע נאַטור אַלס לערער צום מענטשן און נעמט אים אָפּן פאַרהער. א גאַנצע ריי לידער זײַנען געבויט בא ווערגעליסן אַף אָט דער פּאַראַדאָקסאַלער סיטואַציע.

אין דער ליד „מעכילע בא דעם פוקס" הערט זיך א מין מײַסעלע וועגן דעם, אַז אין באַשטימטע כאַדאָשים יאַוועט זיך דער פוקס אָפן רוף פונעם מענטשן. ס׳איז, דוכט זיך, א מין אומשולדיקע שפּיל. ווערט אָבער די שפּיל אָן ערנסט. דער פוקס האָט זיך פאַרטרויט, דער מענטש האָט אים אָפּגענאַרט און ברוטאַל דערשאָסן. רעדט דער טויטער פוקס: „אויך דו! אבי איך האָב געמיינט, דו ביסט א יעגער"... ניין, דאָס רעדט שוין דער אויפגעוואַכטער מענטשלעכער געוויסן. דער מענטש ווייסט, אַז די נאַטור וויל וויסן, „צי געקומען בין איך נעמען, צי איך האָב עפּעס געבראַכט", צי דער מענטש איז א שעפער אָדער א רויבער, צי איז ער צומאָל ניט נידעריקער פון דער כײַע. און דער דיכטער ווײַזט עס אונדז אין זײַן „רעדע צו די פּאַריזשער אײַנוווינער וועגן די פּאַריזשער טויבן". אין אָט דער ליד רעדט זיך וועגן דעם, אַז מ׳האָט באַשטימט אָפּרייניקן פּאַריזש פון טויבן, מע גיט זיי ברעקלעך מיט שלאָף־געטראַנק, זיי זאָלן פאַרגעסן אין זייער היים. „וויפל מענטשלעכער קאַס, וויפל פויגלשער וויי"! נאָר זיי, די טויבן, וועלן זיך ווידער אומקערן צו זייער גרויסער ליבער נעסט, וואָס הייסט פּאַריזש. טאָ ווער איז דאָ מער מענטש — די צווייפיסיקע אײַנשלעפער, צי די באַפליגלטע מיט בענקשאַפט צו זייער היים טויבן? די פילאָסאָפיש־לירישע ליד האָט א פּאָליטישן אונטערטעקסט, וואָרעם די עטישע פּראָבלעם, דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז איז בא ווערגעליסן קיינמאָל ניט הערמעטיש־אָפּגעשלאָסן, אבסטראַקט־אָפּגעזונדערט. פאַרקערט, די קאָמפּליצירטקײַט פון נעשאָמע שפּיגלט אָפּ דעם דראַמאַטישן קאָנפליקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. פּולקאָם אַף קאָנטראַסטן איז געבויט „דאָס געזאַנג צו אַמעריקע". סע שטייען פאַר אונדז אויף צוויי קעגנזעצלעכע וועלטן — די סאָציִאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע; צוויי אַמעריקעס — איינע פון די דיופּאָנען און פּאָרדן, די צווייטע — פון די ראָבסאָנס און פּאָסטערס, איינע פון די קאָרפּאָריישנס און גענגסטערס, די צווייטע — פון מיליאָנען ברידער און שוועסטער; און אויך צוויי וועלטן אין איין יִדישער מישפּאָכע — דער פאַרוואָגלטער זיידע אין אַמעריקע און זײַן ווײַב, די באָבע אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער זון בײַס דער פאַטערלענדישער מילכאָמע. דער דיכטער זוכט די גרענעץ צווישן וועלטן, אַף וועלכער עס קאָן זיך שטעלן דער גוטער ווילן פאַר שאָלעם, און געפינט זי אַף דער עלבע, געפינט זי אויך אין דעם גוירל פון מענטשן און מישפּאָכעס. אָבער דאָ איז וויכטיק ניט נאָר וואָס געזאָגט, נאָר וויִאַזוי געזאָגט. דאָס פּאָעטישע געזאַנג ראַנגלט זיך מיט דער שווערער און בלוטיקער פּראָזע פון דער אייגנטימערישער דאָלער־וועלט.

אָט קומט שוער־פאַראָטעמט די ליד דאָרט, ווּ דער דיכטער שפּאַנט אין זײַן דערמאָנונג אָפן אַמאָליקן שלאַכטפעלד, דעם פעלד פון ברידער־קוואָרים, און דאַן ווערט זי באַפאַרבט עלעגיש; אָט גיט די ליד זיך ווויל־יונגעריש א צעשפּיל אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון א האַרמאָשקע אין נוסעך פון דער רוסישער טשאַסטושקע; אָט קומט זי ווי א ציטאַטע פון שאָלעם־אַלייכעמס וויגליד „אין אַמעריקע איז דײַן טאַטע", וועלכע סע זינגט דאָס איינִיקל דעם זיידן, — א מין טראַוועסטיע; אָט קלינגט זי ליריש־גוטמוטיק און ווּ מע דאַרף — איראָניש און אויך סאַרקאַסטיש אינעם מאָטיוו „איך האָב דיך ליב, אַמעריקע, מײַן מאַזלדיקע שכיינע"; און אָט דערהערט זיך בא וואָלינער יִדן אין אַמעריקע די ליד „אין העסקעם מיט באָושאָווערן, עדעלשטאַטן און מאָריס ווינטשעווסקין"...

נאָך דראַמאַטישער און פאַרטיפטער איז דער קאָנטראַסט אין דער פּאָעמע „דער אָנהייב און דער סאָף", ווּ פון איין זײַט שטייט אויף דאָס געשטאַלט פון דעם יונגן דזשוגאַשווילין, וואָס בלאָנדזשעט און פרעגט ניט דעם וועג, נאָר —

אויב דו ווייסט ניט, פרעג,
ווײַל דו קאָנסט אַוועקגיין
אַף א קרומען וועג...

פון דער אַנדערער זײַט, שטראַלט אויף פאַרן דיכטערס בליק דאָס העלע געשטאַלט פון לענינען, ניט אין מאַוזאָליי, נאָר טאַקע אַן אייביק־לעבעדיקער אָפן 20־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אַזוי, סײַ אין סטיל פון ראָמאַנטיש־רעוואָליוציִאָנערער פאָלקס־לעגענדע, סײַ אין דער רעאַליסטישער מאַיאַקאָווסקי־טראַדיציע דערציילט ווערגעליס וועגן לענינען, אַז

דעם אָטעם פון זאָל פאַרשעפּט ער
און האָט, דאַכט זיך, איין פאַרלאַנג:
זיך צוזעצן אַף די טרעפּלעך —
פאַרשרײַבן אָפּגיך א געדאַנק.

ווערגעליס פאַרהיט אין זיך טיף דעם גלויבן אין געשיכטלעך־פּראָגרעסיווע אָנהייבן, אין רעוואָליוציִאָנערער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהײַט, און שטענדיק פאַרבלײַבט ער אין זײַן פּאָעטישן טרוים — אין דער מעסיבע פון „ערדישע מאַכשאָוועס", ווי ער דריקט זיך אויס אין זײַן „קאָסמישער פּאָעמע". ניט אומזיסט זעט דער לירישער העלד פון אָט דער פּאָעמע, קוקנדיק פון דער לעוואָנע אַראָפּ, ווי „די ערד גייט אויף, די ערד גייט אויף". די קאָסמישע כוישעך־רוימען באַלויכט דער פּאָעט מיט מענטשלעכער ליכט, ער גייט נאָך ווײַטער, ער פאַרינטימיזירט דעם קאָסמאָס: זײַן זיידע האָט אַמאָל

געוווסט נאָר איין רייַזע — „פון קריטשעוו און ביז צום קראַך בערדיטשעוו", און ער, דער דיכטער, וועט שוין בעעמעס ברענגען פאַר זייַן טאָכטער דאָס טעלערל פון הימל.

און נאָך איין געראַנגל פירט אויס ווערגעליס אין זייַן דיכטונג — דעם שטרייַט פאַר זייַן ליד אַליין. דאָס איז דער גערעאַנגל מיט יענער ליכטיקער סטיכיי, וואָס איז מעסוגל צו ווערן די האַרמאָניע פון פּאָעזיע און גייַסטרייַך באַקרוינען דעם מענטשן. דער מאָטיוו וועגן דעם אָרט און גוירל פון פּאָעט און פּאָעזיע, אַ פּראָבלעם אָן אומפאַרמייַדלעכע פאַרן שעפער, באַקומט געזעצמעסיק איר באַזונדערע ליזונג בײַ ווערגעליסן. כאַפּט נאָר אַ קוק אויפן פידלער דעם מאַעסטראָ, ווי ער שטייט אָן לאָשן „פאַר דעם שוואַכן גרילס נאַטירלעכן געזאַנג", — און איר וועט באַלד דערשפּירן, אַז בײַ ווערגעליסן ווערט אַף זייַן אויפן מאַטעריאַליסטיש געלייזט די פראַגע וועגן דער באַציִונג צווישן קונסט און ווירקלעכקייַט: דאָס לעבן איז דערהויבן איבער קונסט. מיט דעם, אייגנטלעך, גיט דער דיכטער אָן אַליִע דער פּאָעזיע, ער דערהייבט זי מיט דעם, וואָס ער שטעלט זי אַוועק אַף דער ערד, אין דער מיט פון לעבן.

וועט ער דען אין אַ צווייטער ליד ניט זאָגן, אַז אויך „איין סאָלאָוויי מאַכט זומער", ווייַל פאַר אים איז שוין דער קינסטלער אַ קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייַט. ווערגעליס גייט צו צו אָט דער עסטעטישער פּראָבלעם ניט בלויז פילאָסאָפיש, נאָר אינטים־לייַדנשאַפטלעך, ווענדנדיק זיך צום אייגן־איבערגעלעבטן, צו דער צייַט־טראַגיק. ער וועט אייַך אין אַ ליד מעטאַפאָריש דערציילן, ווי ס'איז אונטערגעגאַנגען אַ שיף, ער וועט דאָ שטעלן יענעם „פאַרוואָס־פאַרוועמען", אין וועלכן מע הערט שוין דעם אומטרייסטנדיקן ענטפער — „ווער ווייסט פאַרוואָס?". נאָר בלייַבן וועט דאָך די נאַטירלעכסטע נויטווענדיקייַט ווידער לעבן און שאַפן! —

מיר ווייסן עס, און דאָך
צעבויטען מיר די טיף.
ס'האָט איינמאָל אַף דעם אָרט
געזונקען שוין אַ שיף...

און אַ צווייט מאָל וועט ווערגעליס אין אַן אַנדער ליד קאָנקרעטיזירן אָט די טעמע דאַפּקע ווידער מיט דער עלעגישער פראַגע „פאַרוואָס ניט ברענגען אויך דעם סאָלאָוויי צו קוורע!". און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל וועט ער אין טאָן פון אָפּטימיסטישער טראַגיק אין „דער עלעגיע פון צוויי־און־פופציקסטן יאָר", וואָס איז געווידמעט דעם אָנדענק פון פּערעץ מאַרקישן, שטעלן אין פינאַל צוויי פראַגעס ווי אופגעעפנטע ווונדן:

פונוואַנען ווייס איך, אַז ער איז שוין טויט?
מע האָט געזאָגט דען, אַז ער איז דערהאַרגעט?

און דאַן וועלן מיר פּונקט ווי ערשט אַפּסנײַ דערהערן דעם אָנהייב פון אָט דער ליד:

ער לעבט, ער לעבט,
איך היט פאַר אים דאָס ברויט...

אָבער אַפילע אָן טראַגישע לעבנס־ניסיוינעס איז דער שעפערישער פּראָצעס אין זייַן עצעם שטאַרק דראַמאַטיש, פּונקט אַזוי, ווי דאָס לעבן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע, וואָרעם צום קלאָרן ציל אין קונסט בלײַבט דאָך אומקלאָר דער וועג. און וואָס עס באַשטייט דער ציל פון קונסט, זאָגט אונדז ווערגעליס אין זייַן ליד וועגן לעוויטאַנען דעם קינסטלער — אַ דינע ליד לויטן פאַרטראַכט, בעקיוון אַ געבויטע אַף ניט־דערזאָגטקייַט.

„וווּ איז דער מענטש בײַ לעוויטאַנען?" דוכט זיך, „ניטאָ קיין מענטש בײַ לעוויטאַנען", נאָר ווער ס'ע קוקט מיט האַרץ אַף קונסט, וועט שוין דערזען איר האַרציקייַט:

איך גיי פאַרטראַכט אין מאָלערס וועלט אַרײַן,
און גלייַך דערפיל איך, אַז די פרייד, די פּייַן,
וואָס אויסגעגאָסן ליגט אַף אָט דעם ראַכוועס,
דער אומעט און דער גלויבן און דער טרוים,
זיי קומען פון דעם מענטש און פון זייַן טאַכלעס,
כאָטש זעען זע איך זיי צעגאָסן בלויז אין רוים...

יאָ, דער מענטש איז דער ציל פון קונסט, זי פאַרמענטשלעכט אַלץ — פון הימל ביז ערד, פון נידער ביז הייך. צו אַזאַ מין אַלץ־אַרומכאַפּנדיקער קונסט ציט זיך דער דיכטער, אַזאַ וויל ער זי באַשאַפן, ווייַל

אויב שפּילן, איז סייַ פידלדיק, סייַ פּויקנדיק,
סייַ האַרפעדיק,
סייַ טרויעריק, סייַ יובלדיק, סייַ ביטער און
סייַ האָניקדיק.

אָבער ווי געזאָגט, איז דער וועג צו שאַפן קונסט שווער־וואָגלדיק; און דאָך איז אין זוכן גופע, אין געפינען אַליין — דער טאָך פונעם קינסטלערס לעבן:

כ'גיב דיר אָפּ אַ גאַנצן הויף מיט ערד צעטראָטענער
פאַר אַ הויפן נאָך ניט אָפּגעזוכטער ערד!

דער אויצער פון פּאָעזיע איז טיף פאַרבאָרגן און אין דער זעלבער צייַט — אומיטלבאַר־אַנטפּלעקט, דאַרף מען אים קענען אַרויסרופן אויך אַזוי אומיטלבאַר, מיטן האַרצן, אימפּולסיוו, עפּשער מיט דעם קישעף פון אַ קינדער־שפּראַך. און טאַקע, ווי מיט אַ שפּילנדיקן שפּרוך רופט דער דיכטער:

אויצער, אויצער, דעק זיך אויף,
דעק זיך אויף און קום אַרויף!

נאָר דאָס אַליין איז ווייניק, מע דאַרף אים אַרויסרופן פון זייַן פאַרבאָרגעניש אויך מיט דעם ליכטיקן זינען, קעדיי ער זאָל, אַן אַנטפּלעקטער, אַרײַן אין דער פאַרבאָרגעניש פון דער פאָלקס־נעשאָמע. און דעמלט וועט זייַן אַזוי, ווי דער דיכטער זאָגט אים:

וועט דיך קיינער ניט פאַרגראָבן,
וועסטו אויך אָן אויצער האָבן.

ווערגעליס האָט ליב דאָס בילד פון באַרג־אַרויף. ניט גרינג איז דעם געזאַנג שטייַגן באַרג־אַרויף אַף ניט אויסגעטראָטענע שטעגן, דורך נאַטור־פאַרווילדעניש, סאָציִאַלע אומרעכטן, פאַרפירערישע טייַוועס. אָבער אָט אַזוי גייט דער מענטש, „וואָס לייַטערט זיך", און מיט אים און אין אים גייט, לייַטערנדיק זיך, דאָס געזאַנג, ביז עס ווערט אַ מין זינגענדיקער שפּיגל, וואָס רופט מיט זייַן קאָל און ווייַזט מיט זייַן ליכט, וויִאַזוי עס דאַרף ערשט זייַן, וויִאַזוי עס דאַרף ערשט ווערן דער מענטשלעכער מענטש. צי איז שוין אין דעם אַליין ניט דער זיג פונעם געזאַנג אין גערעאַנגל מיט סטיכייען?

אָפּקלאַנגען • רעפּליקעס • מיינונגען

מיטן פּאָנעם צו דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור

שמועל גאָרדאָנס אַרטיקל „ווּ איז די קריטיק?“ איז אַקטועל און איז אָנגעשריבן ערנסט. מע זעט באַשײַמפּערלעך, אַז דער אַוטאָר רעדט אַרויס דאָס, וואָס אים איז „אָנגעזאָלעט“ אױפֿן האַרצן. זײַן באַהױפּטונג, אַז די קריטיק אונדזערע רעאַגירט ניט אױף די ווערק וועגן דער הײַנטצײַטיקײַט, איז אין אַלגעמײן אַ ריכטיקע.

ש. גאָרדאָן האָט טײַנעס אױך צו די שרײַבער, וואָס גיבן אָפּ ווייניק אַכט דער הײַנטצײַטיקער טעמע, אָבער אױך אין אָט דעם פּראַט לײגט ער אַרױף אַ גרויסן טייל שולד ווידער טאַקע אױף דער קריטיק, מאָנט בײַ איר, און מיט רעכט, „זי זאָל אױפֿאָדערן די שרײַבער צו דער הײַנטצײַטיקײַט“...

ש. גאָרדאָן רעדט אַרום די פֿראַגע גאַנץ ברייט, דערלויבט זיך אַפילע, ווי מיר ווילן זען, אָפּטע אָפּווײַכונגען פֿון דער גרונט־טעמע, — פֿלאַץ האָט אים די רעדאַקציע געשענקט, קײן אײַנהאַרע, מיט דער ברייטער האַנט.

גאָרדאָנס אַרטיקל לײַדט אָבער פֿון אַ רײ וועזנטלעכע פֿעלערן און בלויזן, וועלכע קאָנען ניט פֿאַרשוויגן ווערן.

ניט ריכטיק איז די באַהױפּטונג, אַז „די פּראָפּאָרץ צווישן דער צאָל שרײַבער און קריטיקער, וואָס האָט געהערשט אין די פֿרײַערדיקע יאָרן, הערשט אין אַ באַשטימטער מאָס אױך איצט“. און די דאָזיקע באַהױפּטונג איז ניט קײן אַגעווודיקע, נאָר אַ גרונטיקע, אַ מין פּאָרהאַנאָכע אױף צו אָפּוואַרפֿן דעם מאָטיוו וועגן מאַנגל אין קריטיקער. ס׳איז דאָך אָבער אַ פֿאַקט, אַז די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט פֿאַרלוירן צוויי דריטל קריטיקער, וואָס מע קאָן ניט זאָגן וועגן דער פֿאַרהעלטענישׁ אין אַנדערע זשאַנרען. זוכנדיק די סיבעס פֿון דער הינטערשטעליקײַט פֿון דער קריטיק, לייקנט, אַזוי־אַרום, ש. גאָרדאָן אײנע פֿון די רעאַלע, וועזנטלעכע סיבעס.

ניט באַגרינדעט איז אױך גאָרדאָנס באַהױפּטונג, אַז קריטישע אַרטיקלען זײַנען געווען געדרוקט אין אונדזער זשורנאַל „מיט אַ צו ברייטער האַנט“. דער רעדאַקציע קומט בעפֿײַרעש אַ דאַנק, וואָס זי מינערט ניט דעם באַטײַט פֿון דער קריטיק און פֿון דער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט און גיט אין יעדן נומער קריטישע אָדער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונגען, — און ווי קאָן זײַן אַנדערש? אָבער „מיט אַ צו ברייטער האַנט“? וועלכע קריטעריען גילטן דעם אַוטאָר פֿאַר אַזאַ באַהױפּטונג?

דער אַוטאָר הייבט אָן זײַן אַרטיקל מיט דער אַלטער טײַנע צו דער „מאָדע מיסצוברויכן מיט לאָמדישע העברעיִזמען“. גאָרדאָן רופֿט עס אָן: „שיטן מיט פּסוקים“, און דערמיט פֿאַרשמעלערט ער דעם פֿאַרנעם פֿון דער דערשײַנונג. אַ „פּאָסעק“ — דאָס איז אַ גאַנצער פֿראַזעאָלאָגישער אױסדרוק מיט אַ פֿאַרענדיקטער פֿאָרמולירונג. אַזעלכעס, אויב עס ווערט גענוצט זעלטענער, איז אַ קלײנע בייז, אױף וויפֿל דאָס באַרײַכערט די אויסדרוק־מיטלען פֿונעם שרײַבער. דאַן מאַכט ניט אויס, וואָס עס ברענגט צו געוויסע טעכנישע שוועריקײַטן (צו איבערזעצונג אױף מאַמעלאָשן, טראַנסקריבירונג אין ייִדישן סאָוועטישן אויסלייג). ווען אָבער דאָס ניצן העברעיִשע פֿראַזעאָלאָגיזמען ווערט פֿאַרוואַנדלט אין „שיטן מיט פּסוקים“, ווערט עס שוין אַן אָנשיקעניש, וואָס באַרעכטיקט גאָרדאָנס אומצופֿרידנקײַט. אָבער מיט אײנע „פּסוקים“ ווערט ניט אויסגעשעפּט דאָס מיסברויכן מיט לאָמדישע, פֿאַר דעם מאַסן־לײענער ניט פֿאַרשטענדלעכע, העברעיִזמען. מיר ניצן אָפּט באַזונדערע, קאָפּשמווינעדיקע העברעיִזמען, וועלכע מע קאָן פֿאַרבײַטן אױף מער פֿאַרשטענדלעכע, צוגענגלעכע ווערטער פֿון אַנדערע לעקסישע קוואַלן.

און מע קאָן דאָ בעשום־אופֿן ניט ריידן וועגן ניצן לאָמדישע העברעיִזמען ביכלאַל. אײן זאַך איז בעלעטריסטיק, אַן אַנדער זאַך — די פּובליציסטישע שפּראַך פֿונעם קריטיקער, וועמען ס׳איז צומאָל שווערער זיך באַגײן אָנעם העברעיִש־שטאַמיקן וואָרט און וואָרטבאַהעפֿט, אַמאָל אַפֿילע אָן אַ גאַנצן פֿראַזעאָלאָגישן אויסדרוק. אין דער קריטיק איז עס אַ קלענערע בייז, וואָרעם לאָמיר זיך ניט נאַרן: דער געבראוויכער פֿון קריטישע אָפּהאַנדלונגען איז דאָך דעריקער דער שרײַבער, דער קולטורטוער אין ברייטערן פֿאַרנעם און דער מער געבילדעטער, אַנטוויקלטער לײענער, וועמען ס׳שרעקט ניט אָפּ אױך אַ העברעיִשער אויסדרוק.

האַלטנדיק, אַז אין אונדזער זשורנאַל ווערט אָפּגעגעבן צופֿיל פּלאַץ דער „ליטעראַטור־פֿאָרשערישקײַט“, ווי ער דריקט זיך אויס, זאָגט שמועל גאָרדאָן מיט ביטל, אַז ווען מע טיילט איר ניט אויס אַזויפֿיל פּלאַץ, וואָלט דער לײענער גאָרנישט ניט אָנגעווירן, „וואָרעם אין טאָך גענומען כאַזערן דאָך איבער די מערהײַט פֿון די אויבן אָנגעוויזענע אַרבעטן דאָס, וואָס עס האָבן נאָך מיט עטלעכע יאָרצענדליק צוריק געזאָגט די גרונטלייגער פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער קריטיק“. צי גיט זיך דער אַוטאָר אָפּ אַ דין־וועכעזשבן, סאַראַ שווערע באַשולדיקונג ער שטעלט אַרויס די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע קריטיקער און ליטעראַטור־פֿאָרשער?!

זוכנדיק שולדיקע אינעם אָפּשטײן פֿון דער קריטיק, פֿרעגט דער אַוטאָר: „עפּשער איז גאָר שולדיק דער זשורנאַל?“ נאָר דאָס איז אַ ריין רעטאָרישע פֿראַגע. ש. גאָרדאָן וואַרפֿט גלײַך אָפּ דעם דאָזיקן „עפּשער“. פֿאַרקערט (און איך בין מיט אים מאַסקים), דער זשורנאַל האָט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען אױף צו פֿאַרשטאַרקן די קריטיק. אָבער הערט נאָר, וואָס פֿאַר אַ „בוילעטע אילוסטראַציע“ ער ברענגט דערצו — „די ביז גאָר אינטערעסאַנטע און באַדײַטנדיקע אַרבעטן אױף דער דאָזיקער טעמע פֿון יאַנקעוו שטערנבערג, אַרן ווערגעליס, הערש רעמעניק“, ווּ עס „ווערן באַהאַנדלט אַזעלכע קאַרדינאַלע פּראָבלעמען און פֿראַגן, ווי די פֿראַגע וועגן ירושע, נאַציאָנאַלע פֿאָרם, סאָציאַליסטישער רעאַליזם, הײַנטצײַטיקײַט“. איך שטעל ניט אונטער אַ

מינדסטן סאָפּעק די הויכע מאדרייגע פון די דאָזיקע אַרבעטן. אָבער שמועל גאָרדאָן הייבט דאָך אָן דעם אבזאץ פון דעם, אז — „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט געמאכט היפּשע אָנשטרענגונגען אַף ענדערן די דיספּראָפּאָרץ, וואָס עס הערשט צווישן דער צאָל פּאַרעפנטלעכטע ליטעראַטור־פּאָרשערישע, ליטעראַטור־געשיכטלעכע ארבעטן און דער אָפּעראַטיווער קריטיק“. אין שײַן פון זײַן הויפּט־אײַנשטעלונג אַף קריטיק פון קאָנקרעטע ווערק וועגן דער הײַנטצײַטיקייט, — צי דען האלט ש. גאָרדאָן, אז די דערמאָנטע ארבעטן מיט זייער טעמאטיק, וואָס ער אליין רעכנט אויס, — איז עס די געגאַרטע אָפּעראַטיווע קריטיק פון הײַנטצײַטיקע קינסטלערישע ווערק?

זוכנדיק אין קריטישן אָפּטייל מאָטיוון, וואָס פארנעמען אומגעזעצלעך דעם פּלאַץ פון קאָנקרעטער קריטיק, האלט דער אווטאָר פאר אומנוצלעך און אבסטראקט די דיסקוסיע וועגן דעם, צי איז קריטיק וויסנשאַפט, צי קונסט.

איר האָט א גרויסן טאָעס, כאָשעווער כאווער ש. גאָרדאָן. דאָס איז גראָד זייער א וויכטיקע און קאָמפּליצירטע פּראַגע, און באהאנדלען זי איז גאַנץ געזעצמעסיק. מיר דוכט, אז זי קאָן ניט געלייזט ווערן „אָדער — אָדער“. איך מיין, אז עכטע קריטיק איז ביידע זאכן — סײַ וויסנשאַפט, סײַ קונסט: וויסנשאפט — אין דעם זינען, וואָס די אויספירן פון דער קריטישער אָפּהאַנדלונג דארפן געמאכט ווערן אַפן סמאך פון אויסגעפאָרשטע מאטעריאַלן, וואָגיקע און גוט דורכגעקאָנטראָלירטע, לאָגישע, אָביעקטיווע, מיט געוויסע ליטעראַרישע אסאָציִאַציעס און רעמיניסצענצן; די באַזע דארף זײַן דער פאקטישער מאַטעריאַל, ניט די אפּריאָרישע, פּאָרויס באַשטימטע האנאָכע מיט אַן אײַנשטעלונג צופּאַסן די פאקטן צום געוווּנטשענעם אויספיר, ווי ס'טרעפט אמאָל; ס'פּאַרשטייט זיך, דער אנאַליז און די אויספירן דארפן זײַן דורכגעדרונגען מיט מארקסיסטיש־לענינישער אידייִשקײַט; קריטיק איז קונסט — אין דעם זינען, וואָס זי דארף אונטערגעטראָגן ווערן דעם לייענער ניט פאַרמויעכט־טרוקן, נאָר אין א שיין געבויטער, עמאָציִאָנעלער און בילדערישער שפּראַך.

נאָר וועגן דעם רייד איך דאָ אגעווי־אורכע, פארבײַגייענדיק — אלס א דערווידערונג ש. גאָרדאָנען, זײַן ניהיליסטישער באַציִונג צו דער פּראָבלעם „וויסנשאפט אָדער קונסט“, — צו דער באהאנדלטער פראגע האָט עס א גאנץ ווײַטע שײַכעס.

קיין שײַכעס צו דער גרונט־טעמע פון ש. גאָרדאָנס ארטיקל האָט אויך ניט דער אבזאץ וועגן דער רובריק „שעפערישע לאַבאָראַטאָריע“. און בעעמעס, וואָס האָט די דאָזיקע רובריק געקאָנט אופטאָן אין פראט פון אָפּשפּיגלען אין דער קריטיק די פראגן פון הײַנטצײַטיקײַט?

ש. גאָרדאָן רירט אָן די פראגע וועגן איינעם א „נאָוואטאָרישן עקספּערימענט“ — דאָס געבן אין ווערק וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט לירישע אָפּווײַכונגען, „בריקלעך“ צו דער הײַנטצײַטיקייט. דער אווטאָר פונעם ארטיקל האלט, אז דער דאָזיקער עקספּערימענט „טראָגט אין זיך א באַשטימטע געפאר — „פאַרהײַנטעוועון“ דעם נעכטן, געבן די געשעעניש אזוי, פּונקט ווי דער העלד וואָלט נאָך נעכטן פּאָרויסגעזען און געוווּסט שיר ניט אלע איינצלהײַטן פונעם הײַנט. פון דעם לײַדן טיילווײַז אייניקע ווערק“. איך, פון מײַן זײַט, קאָן אײדעס זאָגן, אז ווען כ'האָב נאָכגעשפּירט דעם דאָזיקן אײַנפאל אין י. ראַבינס „איך זע דיך, ווילנע“, האָט ער, דער אײַנפאל, געמאכט אַף מיר דעם בעסטן אײַנדרוק. די דאָזיקע קינסטלערישע מאניר — ניט זי „פּאַרהײַנטעוועט“ דעם נעכטן, נאָר ווײַזט אָנשוילעך די רעטראָספּעקציע. דער שרײַבער באקומט א מעגלעכקייט באטראכטן דעם אמאָל, דאָס פאַרגאַנגענע מיט הײַנטיקע אויגן.

איך קאָן בעשום־אויפן ניט מאסקים זײַן מיט ש. גאָרדאָנס אָפּשעצן פון די אזויגערופענע „יובילײ־זמירעס“. ס'איז טשיקאַווע: פון אלע „זמירעס“־ארטיקלען האָט ש. גאָרדאָן געצוימען דאַפקע מײַנס א יובילײ־ארטיקל, האגאם ס'איז געווען פּאַרעפנטלעכט ניט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ און האָט, אזויארום, ניט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אָפּהאַנדלונגען וועגן ווערק מיט הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק.

באשטרײַטן אָפן מײַן באהויפּטונג, אז עליע שעכטמאַן האָט מיט זײַן ראָמאַן „ערעוו“ געשלאָגן רעקאָרד אַפן איציקן עטאַפּ, פּאַסט עפּעס ניט, וואָרעם יעדער ווייסט דאָך, אז דאָס איז אַן עמעס, כאָטש דאָס ווערק איז ניט פרײַ פון פעלערן... וואָס זשע טוט ש. גאָרדאָן? ער טײַטשט אויס מײַן באהויפּטונג אזוי, אז שעכטמאַן האָט קלוימערשט, לויט ווי איך מיין, איבערגעשטיגן בערגעלסאָנען, דעם ניסטער אאַוו. און מיט דער הילף פון דער דאָזיקער פאלשער אויסטײַטשונג פאַרוואַנדלט ער מײַן ארויסזאָגונג אין א יובילײ־קוריאָז.

אינדערעמעסן אָבער דארף יעדן אָביעקטיוון לייענער זײַן קלאָר, אז אין מײַן ארטיקל זײַנען דער פּאַרגלײַך־אָביעקט לאַכלוטן ניט אונדזערע גרויסע אָנהייבער, נאָר שעכטמאַנס מיטצײַטלער איצט. און א רייד גייט בא מיר ניט וועגן שעכטמאַנען ביכלאל, נאָר וועגן זײַן ראָמאַן „ערעוו“. אגעווי, טראָץ דעם ווירקלעכן נאָמען פון מײַן ארטיקל „ראַיוינעס וועגן עלי שעכטמאַנס „ערעוו“, פיגורירט אין גאָרדאָנס פּאָלעמיק „ראַיוינעס וועגן עלי שעכטמאַן“. א כילעק א ביסל!

דערבײַ איגנאָרירט גאָרדאָן אינגאַנצן דעם זינען פון די ווערטער „געשטעלט א רעקאָרד“, — און דאָס האָט דאָך צו זאָגן זייער פּיל: „שטעלן א רעקאָרד“ באַטאָנט, אז הײַנט האָט געשלאָגן רעקאָרד שעכטמאַן מיט זײַנעם א ווערק, מאָרגן קאָן שלאָגן רעקאָרד אַן אנדער פּראָזאיִקער.

ש. גאָרדאָן נעמט זיך אָן די קריוודע פון אונדזערע עלטערע גרויסע פּראָזאיִקער, נאָר לאָזן לאָזט ער אויס, אז זיי „נייטיקן זיך ניט, מע זאָל זיך פאר זיי אָנעמען“. איך מיין אויך אזוי. ביפּראַט נאָך, אז קיינער האָט זיך ניט געקליבן זיי קריוודעווען.

ש. גאָרדאָן לייגט ניט פאָר קיין שום קאָנסטרוקטיווע פּאָרשלאָגן אַף צו ליקווידירן די אָפּגעשטאַנענקײַט פון דער קריטיק אין געביט פון באהאנדלען סיסטעמאטיש די ווערק וועגן דער הײַנטצײַטיקייט. לויט מײַן איבערצײַגונג איז קוידעמקאָל אומבאַדינגט נייטיק, אז די אווטאָרן פון די קריטיקירטע ווערק זאָלן זיך באַציִען צו זיך מער זעלבסטקריטיש, זיך דורכדרינגען מיט טאָלעראַנץ און אכטונג צו דער קריטיק, ווי ס'פּאַסט פאר שרײַבער.

מע דארף זיך ניט פארלאָזן בלויז אַפן קליינינקן הײַפעלע פּראָפעסיִאָנעלע קריטיקער, נאָר צוציִען, סטימולירן אויך בעלעטריסטן, זיי זאָלן זיך אָפּרופן אַף די ווערק פון זייערע קאָלעגן, ווי מיר זעען עס גאנץ אָפט אין דער רוסישער ליטעראַטור.

פאר רעצענזיעס איבער ווערק מיט הײַנטצײַטיקער טע־

מאַטיק דאַרף מען געבן גענוג פּלאַץ, קעדיי ס׳זאָל זײַן מעגלעך צו באַהאַנדלען דאָס ווערק אַלזײַטיק, מיט גענוג „לופט" פאַר אַסאָציִאַציעס, פאַר פאַרבינדן דעם קאָנקרעטן אַנאַליז מיט אַלגעמיין טעאָרעטישע האַנאָכעס.

ס׳פאַרשטייט זיך, איך הייב אָפּילע ניט אָן צו מיינען, אַז דערמיט ווערן אויסגעשעפּט אַלע מאָסמיטלען אַף צו פאַרגרעסערן די צאָל קריטישע אָפּרופן אַף ווערק מיט הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק.

צום שלוס ווילט זיך נאָכאַמאָל באַטאָנען: ש. גאָרדאָנס אַרטיקל איז געקומען צו דער צײַט. און כאָטש עס פאַרמאָגט א סאַך פעלערן און איבעריקײַטן, וואָס ווענדן אָפּ דעם לייענער פון דער גרונט־טעמע, כאָטש עס פאַרמאָגט ניט עפּעס־וואָס קאָנסטרוקטיווס אַף צו ליקווידירן אָדער, לעכאָלהאַפּאָכעס, צו לינדערן דאָס אָפּשטיין פון דער קריטיק לעגאַבע דער הײַנטצײַטיקייט, — איז עס אָבער א סיגנאַל פאַרן קאָלעקטיוון געדאַנק אַף צו זוכן די וועגן צו דער הײַנטצײַטיקייט.

כאַים לויצקער

פראגן פון דער קריטיק

1. וועגן איינעם א ליטעראַרישן דיאַלאָג

דעם נײַעם אָפּטייל „ליטעראַרישע דיאַלאָגן" האָט אונדזער זשורנאַל אָנגעהויבן מיט א דיסקוסיע צווישן צוויי ליטעראַטור־קריטיקער: שלוימע בעלים (וואַרשע) און הערש רעמעניק (מאָסקווע). א דיסקוסיע איז ניט קיין ליבע, און פאַר איר איז ניט גילטיק דאָס ווערטל: „ווו צוויי, איז דער דריטער איבעריק"...

צי איז קריטיק קונסט? צי איז זי — וויסנשאַפט? צי איז זי דאָס און יענץ? — מיט די דאָזיקע פראַגן האָט זיך אָנגעהויבן דער מיינונגס־אויסטויש צווישן אונדזערע צוויי כאַשעווע קריטיקער. רעמעניק האַלט, אַז „קריטיק איז אי קונסט, אי וויסנשאַפט". בעלים האַלט זיך בא אַן אַנדער מיינונג: „ניט קיין קונסט, ניט קיין וויסנשאַפט". ניט דאָס און ניט יענץ! ווער זשע איז דער קריטיקער?

לויט בעליסעס שטאַנדפּונקט, איז דער קריטיקער קוידעמקאָל א קוואַליפיצירטער לייענער. קעגן דעם, פאַרשטייט זיך, קאָן מען ניט דערווידערן. נאָר אויב דער קריטיקער איז א קוואַליפיצירטער לייענער, איז דאָך ניט יעדער גוטער לייענער א קריטיקער. דער קריטיקער איז באַשאָנקען מיט א באַזונדערן עסטעטישן געפיל. בלויז ער קאָן זיך דערקלײַבן צו די טיפע סוידעס פון קינסטלערישן שאַפן. לייענט ער א בוך, וועקט עס אין אים אַליין אוף דעם קינסטלער, און ס׳קומט די קריטיק — די קינסטלערישע רעאַקציע אַפן איבערגעלייענטן, און דער קריטיקער איז דעמלט בעיכוילעס צו זאָגן דעם שרײַבער אַזוינס, וואָס דער שרײַבער האָט עס אַליין עפשער ניט געוווּסט.

נאָר די קריטיק רעדט ניט נאָר צום שרײַבער, זי איז אויך, און עפשער דעריקער, געווענדט צום לייענער. זי ציט אַרײַן דעם לייענער אינעם אַקטיוון פּראָצעס פון באַזיניקן די קינסטלערישע שאַפונג. און וויבאַלד די קריטיק וויל דינען דעם לייענער, דאַרף זי קוידעמקאָל זײַן לייענבאַר, אינטערעסאַנט, זי דאַרף פאַרכאַפּן דעם לייענער מיט איר פאָרם און אינהאַלט.

קורץ, דער קריטיקער דאַרף פאַרמאָגן אַזא טאַלאַנט, וואָס איז אייגנטימלעך סײַ א קינסטלער, סײַ א געלערנטן.

נאָך מיט העכער דרײַסיק יאָר צוריק האָט סאַמויל מאַרשאַק, א שרײַבער מיט אַן אַבסאָלוטן געהער און כוש פאַר אַלע זשאַנרען פון קינסטלערישער שאַפונג, געשריבן: „וואָס איז אַזוינס א קריטיקער לויט אונדזער פאַרשטעלונג? דאָס איז א פילאָסאָף, א פּובליציסט, א ליטעראַטור־קענער. ער דאַרף אין זיך פאַרייניקן פילאָסאָפיש דענקען מיט באַגאַבונג און טעמפּעראַמענט פון א געזעלשאַפטלעכן טוער און קעמפער, ניט ריידנדיק שוין פון גוטן געשמאַק און ערנסטער באַהאַוונטקײַט אין זײַן געביט... קריטיק דאַרף זײַן קונסט, באַוואָפנט מיט וויסנשאַפט".

דער סיכסעך צווישן בעליסן און רעמעניקן וועגן דעם, „ווי יעדערער פון אונדז פאַרשטייט דעם איניען" פון קריטיק, וואָלט געהאַט א זין, ווען ער וואָלט זיך ניט באַנוגנט מיט געבן „געוויסע דעפיניציעס", נאָר ווען ער וואָלט באַריִרט קאָנקרעטע דערשײַנונגען פון אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַרישער קריטיק.

ס׳איז קעדײַ, לעמאַשל, זיך פאַרטראַכטן, פאַרוואָס די אויגערופענע בירגערלעכע ייִדישע קריטיק איז געבליבן הינטערשטעליק לעגאַבע אונדזער סאָוועטישער קריטיק. האָט דען באַלמאַכשאָוועסן אָדער ניגערן אויסגעפעלט טאַלאַנט? זייער מעטאָדאָלאָגישע באַוואָפנטקײַט איז אָבער געווען א שוואַכע.

אונדז דאַרף הײַנט רעגן ניט אַזוי די פראַגע „וואָס איז אַזוינס קריטיק", ווי די פראַגע „וואָס דאַרף זײַן די קריטיק".

איז לאָמיר לאָזן די דעפיניציעס אָן א זײַט און טראַכטן וועגן דעם וויכטיקסטן. מע מוז אָנערקענען, אַז אונדזערע קריטיקער ווענדן זיך אָפּט אָפּ פון זייערע קאָנקרעטע אויפגאַבן. די קריטיק האָט בא אונדז אָנגעהויבן אויסזען צו אידיליש, כעסרוינעס אין די קינסטלערישע ווערק ווערן קימאַט ווי פאַרשוויגן. קימאַט ווי אויסגעלאָשן איז דאָס אמאָליקע פּאָלעמישע פײַער. אונדזער קריטיק שטעלט ווייניק פּראָבלעמען, וועקט ניט קיין לײַדנשאַפטן, אַרײַנטירט שוואַך דעם שרײַבער.

ס׳איז שוין ניט איין מאָל געזאָגט געוואָרן, אַז אָן קריטיק קאָן א ליטעראַטור ניט לעבן. וועגן דעם לעבעדיקן ליטעראַרישן פּראָצעס, וועגן דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור דאַרף די קריטיק ריידן אָפּן, דרייסט, מיט טאַקט און פּרינציפּיעל, און טאַקע אַרויסווײַזן זיך סײַ ווי א קונסט, סײַ ווי א וויסנשאַפט.

2. א פאלשער טעזיס

שלוימע בעליס האלט זיך נאָך בא א שוין לאנג אָפּ־
געפרעגטן טעזיס וועגן דער קלוימערשטער „הערמעטי־
שער אָפּגעשלאָסנקייט“ פון דער יידישער ליטעראטור
ביז דער רעוואָליוציע. „די אָפּגעשלאָסנקייט פון יידישן
לעבן, — זאָגט ער, — האָט ניט געקאָנט ברענגען צו
עפּעס אנדערס, ווי אן אָפּגעשלאָסענע אין די דא־
לעדאמעס יידישע ליטעראטור. ניט־יידישע פּערסאָנאזשן
זײַנען אין דער יידישער ליטעראטור געווען א זעלטנ־
הײַט“.

מענדעלעס טונעיאדעווקע איזווירקלעך געווען, ווי מיט
א פּלויט, אָפּגעגרענעצט פון דער וועלט. נאָר מיר וייסן,
אז גראָד מענדעלעס קלאסיש ווערק וועגן טונעיאדעווקע,
„מאסאָעס בּיניאָמין האשלישי“, האָט מערקווירדיק גע־
בראָכן די נאציאָנאלע גרענעצן. עס איז געוואָרן איינע
פון די געניאלע וואריאציעס פון דער דאָן־קיכאָט־טעמע
אין דער וועלט־ליטעראטור. קלעמענס יונאָשא האָט עס
ניט צופעליק איבערגעזעצט אף פּויליש אונטערן נאָמען
„דער יידישער דאָן קיכאָט“.

מייער ווינער האָט אף א העכסט איבערצײַגעוודיקן
אויפן דערוויזן, אז ניט נאָר דער אינהאלט, אויך די
פאָרם פון מענדעלעס שאפן איז גאָר ניט אזוי ענג־
יידיש, ווי ס׳קאָן זיך אויסדוכטן. מיט העכער דרײַסיק
יאָר צוריק האָט ווינער געשריבן: „מענדעלעס דערציי־
לונגען זײַנען, אויב מע באטראכט זיי אויבערפלעכלעך,
בלויז יידישלעך — און דאָס אלץ. עמעץ קאָן זאָגן, אז
דאָס זײַנען קלוימערשט אלטפרענקישע מײַסעס, פאסיקע
פאר די האסאָגעס פון א היימישלעכער שטעטלדיקער
סוויווע... ווי נאַיִוו איז צו מיינען, אז מענדעלע וואָלט,
ווען דאָס זאָל זײַן עמעס, געווען א גרויסער קינסטלער,
אז ער וואָלט, ווען דאָס זאָל זײַן עמעס, געקאָנט האָבן אזא
גרויסע פאָרשריטלעכע ווירקונג, ווי ער האָט געהאט“...

דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן דער יידישער
ליטעראטור אינגאנצן גענומען. ווי זי זאָל ניט זײַן פאר־
וואָרצלט אינעם נאציאָנאלן באָדן, ווי זי זאָל ניט זײַן
ספּעציפיש־נאציאָנאל, האָט זי זיך דאָך ניט באגרענעצט
מיט די פיר איילן „יידישלעכקײַט“. זי האָט פאר זיך
געזען די הויכע מוסטערן פון דער רוסישער און וועלט־
ליטעראטור און איז געווען פון זיי באײַנפלוסט.

די גרענעצן פון דעם שרײַבערס שאפן און פון א
ליטעראטור אינגאנצן גענומען ווערן ניט באשטימט בלויז
מיטן כאראקטער פונעם פּערסאָנאזש. מע דארף דאָ נע־
מען אין באטראכט דאָס קינסטלערישע און פּאָליטישע
דענקען פונעם שרײַבער, די שײַכעס צו ליטערארישע
טראדיציעס. פון דעם שטאנדפּונקט קאָן מען ניט זאָגן,
אז די יידישע ליטעראטור ביז דער רעוואָליוציע איז
געווען „הערמעטיש אָפּגעשלאָסן“.

געווען אין אונדזער קריטיק שטרײַט־פראגן, הייסע
וויקוכים. אין די שטרײַטן זײַנען געבוירן געוואָרן די
עמעסן וועגן אונדזער ליטעראטור. אָט די עמעסן דארף
מען ניט רעווידירן, ניט פארוואנדלען אין דיסקוסיע־
טעמעס.

אין א דיסקוסיע איז קוידעמקאָל וויכטיק, אז דער זי־
קאָרן זאָל גוט ארבעטן. פירן א דיסקוסיע און זיך מאכן
ניט ווייסנדיק, אז די פראגן זײַנען שוין איינמאָל בא־
האנדלט געוואָרן, הייסט זיך שפּארן אין אן אָפענער טיר.

מוישע נאַטאָוויטש

געדאנקען פון א לייענער

כאָשעווע רעדאקציע!

עס זײַנען פאראן א ריי פּראָבלעמען פון דער סאָוועט־
טישער יידישער ליטעראטור, וואָס פאָדערן אן אופקלע־
רונג, לעמאָשל די פראגע וועגן יערושע און הײַנטצײַטי־
קײַט, וועגן נאציאָנאלער ספּעציפישקײַט פון אונדזער
ליטעראטור, וועגן אלטע און נײַע טראדיציעס, וועגן די
קאָנפליקטן צווישן דעם אלטן און דעם נײַעם, וועגן דעם
טיפּאזש און דעם פּראָצעס פון זײַן באנײַען זיך, וועגן
סטיל און שפּראך, וועגן דעם, וויאזוי מע רעדט הײַנט
אף יידיש...

קומט אײַך א יאשער־קויעך, וואָס איר פּובליקירט
פּאָלעמישע ארטיקלען און דיאלאָגן צווישן שרײַבער וועגן
ליטערארישע פראגן. איך וויל זיך דערלויבן ארויסזאָגן
א מיינונג וועגן איייניקע פון זיי.

די פראגע וועגן דעם, וואָס עס איז אזוינס ליטערא־
טור־קריטיק — קונסט צי וויסנשאפט אָדער ביידע אינײַ־
נעם, איז פון לאנג אָן א שטרײַט־פראגע. אין פארשיידענע
צײַטן, בא ליטעראטור־פאָרשער פון פארשיידענע סאָ־
ציאלע גרופּן, פון פארשיידענע אידעאָלאָגיעס און ליטע־
ראַרישע געשמאקן, איז דער ענטפער פארשיידן.

פארן לייענער איז וויכטיק פארשטיין דאָס ווערק און
האָבן האנאָע פון דעם. און צו דעם דארף אים צוגרייטן
דער קריטיקער. ס׳איז בא אונדז געוואָרן א מינהעג אזא,
אז נאָך דעם, ווי דאָס ווערק ווערט פּובליקירט און דער
לייענער האָט דאָס שוין איבערגעלייענט און זיך שוין
געשאפן א באשטימטע מיינונג, — ערשט אין א צײַט
ארום באווײַזט זיך די אָפּשאצונג פונעם קריטיקער. עפּ־
שער וואָלט געווען קעדײַ, אז גלײַכצײַטיק מיטן דער־
שײַנען פון א גרעסער ווערק אין זשורנאל זאָל געגעבן
ווערן א מין פאָרעדע, אין וועלכער עס זאָל אנאליזירט
ווערן די אידייִשע און קינסטלערישע באדײַטונג פונעם
ווערק, ווי ס׳טוט, אשטייגער, די רוסישע „ראָמאן־צײַ־
טונג“. צי עפּשער האלט איר, אז מע דארף ניט אָנבינדן
דעם לייענער קיין מיינונג? איך מיין, אז דאָס אופקלער־
וואָרט פונעם קריטיקער וועט דעם לייענער ניט שאטן.

איינע פון די גרונט־פּראָבלעמען אין דעם דיאלאָג
צווישן די ליטעראטור־קריטיקער ה. רעמעניק און ש. בע־
ליס אין „סאָוועטיש היימלאנד“ איז די אזויגערופענע
„הערמעטישע איזאָלירטקײַט“ פון דער פאראָקטיאבערי־
שער יידישער ליטעראטור, אלס רעזולטאט פון דער
אָפּגעזונדערטקײַט פונעם יידישן פאָלק, ווי אויך די אָפּ־
וועזנהײַט פון ניט־יידישע פּערסאָנאזשן אין דער דעמל־
טיקער יידישער ליטעראטור.

אפן ערשטן קוק קאָן זיך אויסווײַזן, אז דאָס איז א
ריין אקאדעמישע פראגע, מיט וועלכער ס׳דארפן זיך
פארנעמען נאָר פאָרשער. דאָס איז אָבער ניט אזוי. די
אידעאָלאָגישע שטרײַטן, צו וועלכער צײַט מע זאָל זיי
ניט קאָנען אָפּטראָגן, האָבן שטענדיק אן אקטועלן אָפּ־
קלאנג. מיר דארפן צו דער פראגע וועגן „הערמעטישער
איזאָלירטקײַט“ צוגיין פונעם סאָציאל־עקאָנאָמישן שטאנד־
פּונקט, האָבנדיק אין זינען דאָס פּראקטישע לעבן. ווען
מיר אנאליזירן די געזעלשאפטלעכע פּראָדוציר־באציונגען
צווישן יידן און ניט־יידן אינעם אמאָליקן שטעטל, דער־
וויסן מיר זיך, אז די יידישע און ניט־יידישע באפעל־
קערונג איז געווען אן איינהײַטלעכער (דערגאנצנדיקער

אײנס דאָס אנדערע) עקאָנאָמישער קאָמפּלעקס. די ייִדישע באַלמעלאָכעס האָבן פּראָדוצירט און רעאַליזירט קליידער, שוכווארג, מעבל, שאָרערײַ, מעטאַל־זאכן אא. אמיינסטן פאר דער ניט־ייִדישער באפעלקערונג.

די ייִדן קרעמער האָבן פארקויפט שפּײַז און קאָלערלײַ זאכן פון ערשטן געברויך דער ארומיקער דאָרפישער באפעלקערונג. די סאָכרים האָבן אײַנגעקויפט דאָס רויווארג אין די דערפער בא דער ניט־ייִדישער באפעלקערונג (ווייץ, קארטאָפל, פעל, וואָל, פּי, פּרוכטן אדג.), א טייל איבערגעארבעט און צוריק פארקויפט אין דאָרף אָדער אין די ארומיקע שטעט. אזוי, אז פונעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאנדפּונקט קאָן מען ניט ריידן וועגן „הערמעטישער איזאָלירטקײַט“ פון די ייִדישע מאסן פונעם ניט־ייִדישן ארום.

ווען מיר אנאליזירן די פּסיכיש־שטייגערישע און קולטורעלע באציִונגען צווישן דער ייִדישער און ניט־ייִדישער באפעלקערונג, זעען מיר, אז אויך דאָ קאָן קיין רייד ניט גיין וועגן הערמעטישער איזאָלירטקײַט, אָפּגעזונדערטקײַט, אָפּגעפרעמדטקײַט. די ייִדישע באפעלקערונג האָט גוט באהערשט און ברייט באנוצט די שפּראך פון דער ארומיקער ניט־ייִדישער באפעלקערונג (אוקראַיִניש, פּויליש, ווײַסרוסיש, רוסיש), און אין פיל פאלן האָט אויך די ניט־ייִדישע באפעלקערונג זיך באנוצט מיט דער ייִדישער שפּראך. אף דער קולטורעלער נאָענטקײַט צווישן די שכיינעסדיקע פעלקער ווײַזן אויך אָן די פיל ניט־ייִדישע פאָלקסלידער און ווערטלעך אין אונדזער פאָלקלאָר, ווי אויך די רײַכע סלאווישע לעקסיק, מיט וועלכער ס'האָבן זיך באנוצט די ייִדישע מאסן. פאראן אויך א גרויסע צאָל געמישטע לידער און ווערטלעך „כאָצי גאָיִש, פאָלאָווינע ייִדיש“.

אפילע א ריי רעליגיִעזע ייִדישע פירער, ווי דער בארדיטשעווער ראָוו רעב לייווי־ייִצכאָק און דער שפּאָלער זיידע, האָבן זיך אויסגעטײַנעט מיטן ייִדישן גאָט אף אוקראַיִניש.

ס'איז בעפיירעש גערעכט הערש רעמעניק, ווען ער טרעט ארויס קעגן שלוימע בעליסעס האנאָכע וועגן דער איזאָלירטקײַט פון דעם ייִדישן פאָלק און פון דער ייִדישער קולטור און ליטעראטור.

און וויִאזוי קאָן מען ריידן וועגן איזאָלירטקײַט, אָפּגעפרעמדטקײַט פון דער ייִדישער ליטעראטור, ווען ס'איז פעסטגעשטעלט, אז אונדזערע שרײַבער, באזונדערס די קלאסיקער, זײַנען טאָמיד געווען אונטער דער שטארקער האשפּאָע פון די אידייען פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער, און ניט נאָר רוסישער ליטעראטור. וועגן מענדעלעס „קליאטשע“ וועלן מיר דאָך ניט זאָגן, אז דאָס איז א ספּעציפיש ייִדישע קליינשטעטלדיקע מײַסע, וועלכע באגרענעצט זיך מיט שילדערן בלויז דעם ייִדישן שטייגער. דאָרט ווערן געשטעלט פּראָבלעמען וועגן מילכאָמע און שאָלעם, וועגן אָרעם און רײַך, וועגן עקספּלואטאציע פון פעלקער און מענטשן, און אכוץ דער ייִדישער קליאטשע פיגורירן אין אָט דעם ווערק אויך די שיינע פּריצישע פערד... און „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי“ איז דען ניט אָנגעשריבן אלס א פארייִדישטער „דאָן קיכאָט“?

מיט די פראגן וועגן צווישנבאציִונגען פון דער ייִדישער ליטעראטור און די ניט־ייִדישע ליטעראטורן וואָלט זיך געדארפט ברייטער פארנעמען אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“. גלײַכצײַטיק איז וויכטיק באהאנדלען די אמאָליקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטור־שטייגערישע באציִונגען צווישן דער ייִדישער און ניט־ייִדישער באפעלקערונג. צוליב דעם איז נייטיק צוציִען אוטאָרן — היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן אדג.

אין דעם דיִאלאָג צווישן די צוויי קריטיקער ווערט אונטערגעשטראָכן די באדײַטנדיקע ראָליע פון דער פארָאקטיאבערישער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער דיכטונג. די פאָנענטרעגער פון דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישער פּאָעזיע האָבן קימאט ניט פארמאָגט קיין פאָרגייער אין דער ייִדישער ליטעראטור. וויכטיק איז דאָ פעסטשטעלן די האשפּאָע פון דער ניט־ייִדישער רעוואָליוציאָנערער דיכטונג. דאָס איז אויך א וויכטיקער איניען, מיט וועלכן ס'דארפן זיך פארנעמען אונדזערע ליטעראטור־פאָרשער.

א וויכטיקע ארבעט האָט אָנגעהויבן אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, אָרגאניזירנדיק די דיסקוסיע וועגן ליטעראטור־פּראָבלעמען. ס'איז נייטיק ניט באגרענעצן זיך בלויז מיט אקאדעמישע ליטערארישע פּראָבלעמען. וויכטיק איז ברייט באהאנדלען די פאָרשטייענדיקע אופגאבן פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, אירע פריידן און ליידן, אירע דערגרייכונגען און מעגלעכע דורכפאלן.

עס ווילט זיך, אז די דיסקוסיע זאָל זײַן א הייסע, א קריגערישע. אין איר דארפן נעמען אן אָנטייל ניט נאָר קריטיקער און ליטעראטור־פאָרשער, נאָר אויך היסטאָריקער, עקאָנאָמיסטן, געזעלשאפטלעכע טוער. באזונדערס איז נייטיק צוציִען צו דער דיסקוסיע די לייענער.

אויך איך בין ניט קיין קריטיקער, קיין ליטעראטור־פאָרשער, נאָר א פּאָשעטער לייענער. גאנץ מעגלעך, אז מײַנע מיינונגען זײַנען ניט קיין גערעכטע. די פראגן אָבער, וועלכע מיר באהאנדלען, זײַנען בלוטיק־נייטיקע און דערצו נאָך אומרויִקע, זוכנדיקע, און ניט ארויסזאָגן זיך וועגן זיי קאָן איך ניט.

מיט אכטונג, אײַער לייענער

מ. געדזינסקי. פּיאטיגאָרסק

ווער איז גערעכט?

ווען וועגן איינער און דער זעלבער פראגע ווערן ארויסגעזאָגט פארשיידענע מיינונגען, באגרינדעטע פונעם שטאנדפּונקט פון יעדן אָנטיילנעמער אין דער דיסקוסיע, אנטשטייט, נאטירלעך, די פראגע: ווער איז גערעכט, וועמען דארף מען אָפּגעבן די בכוירע? ווי פּאראדאָקסאל עס זאָל ניט אויסזען אפן ערשטן קוק, מוז מען זאָגן, אז גערעכט אין דער פּאָלעמיק שטערנבערג — שאפּיראָ זײַנען ביידע.

טעאָרעטיש גענומען, איז אומעגלעך האמעווען דעם שרײַבערס שפּראך, אײַנשליסן זי אין באשטימטע גרענעצן. אומעגלעך איז עס ניט נאָר דערפאר, ווײַל יעדער שרײַבער האָט זײַן שפּראך־סטיל, אין וועלכן קיינער האָט קיין רעכט ניט זיך ארײַנמישן, אים דיקטירן, ער זאָל שרײַבן אנדערש, ווי עס פאָדערט זײַן אינטעלעקט

און אינדיווידואליטעט. יעדער שרײַבער נעמט אוף די ווירקלעכקײַט אַף זײַן אייגנארטיקן, בלויז פאר אים פערזענלעך אָנגעמאָסטענעם און פאסיקן אופן. דאָס געזעענע און באאָבאכטעטע ווערט באם יאָכיד אסאָציִירט מיט באשטימטע וואָרט־פאָרמען, מיט פון לאנג אָנגעייגנטע ליטערארישע אויסדרוקן, אָפט געשעפטע פון ארכאִישע קוואלן. פאר אים, פאר דעם געגעבענעם יאָכיד, איז עס ניט סטאם קיין וואָרט אָדער אויסדרוק, נאָר זײַן גײַסטיקער און בילדערישער וועלט־באנעם. אויב איר ענדערט באם שרײַבער די שפּראך־פאָרם, רויבט איר אוועק דעם לעבעדיקן אָטעם פון זײַן דענקען און פילן. עס ווערן דערבײַ אָפגעשוואכט זײַנע אינערלעכע איבערלעבונגען, און וואָס ס׳איז ביז גאָר וויכטיק — ס׳ווערט פארמינערט די אופווירקונגס־קראפט פון זײַן שאפן. שוין אָפגערעדט דערפון, אז דער שרײַבער פארלירט זײַן אייגן קאָל. פון דעם שטאנדפונקט זײַנען די פאָדערונגען צו ניוועלירן די שרײַבער־שפּראך, ארײַנפירן זי אין באשטימטע גרענעצן בעשום־אופן ניט אָנעמבאר און ניט דערלאָזבאר.

קורץ, פונעם טעאָרעטישן קוק־ווינקל איז גערעכט י. שטערנבערג. אויב אָבער צוגיין צו דער פּראָבלעם פונעם פּראקטישן שטאנדפונקט, איז אין מ. שאפּיראָס ארגומענטאציע פאראן א באהויפּטונג, וועלכע מע קאָן מיט דער האנט בעשום־אופן ניט אוועקמאכן: קיין איין שרײַבער שאפט ניט זײַנע ווערק פארן אייגענעם געברויך, ער האָט אין זינען דעם לייענער. זיך ניט רעכענען מיטן לייענער, ניט נעמען אין אכט, וויאַזוי דאָס ווערק ווערט פונעם לייענער פארשטאנען און אופגענומען, קאָן דער שרײַבער ניט. דעריבער דארף די שפּראך זײַן צוטריטלעך, ווי טיף דער אינהאלט פונעם ווערק זאָל ניט זײַן. אזא קלאל איז גילטיק פאר אלע ליטעראטורן, אף וואָס פאר א שפּראך דאָס ווערק זאָל ניט געשריבן ווערן. פאר דער ייִדישער ליטעראטור דארף מען דאָ אין זינען האָבן נאָך צוגאָב־מאָמענטן — אף זיי ווײַזט אָן מ. שאפּיראָ אין זײַן ארויסזאָגונג. דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער לייענער בא אונדז אין לאנד איז דאָך אָפּטמאָל טאקע דער מענטש, וואָס האָט שוין געלערנט ייִדיש אין א סאָוועטישער שול, קיין העברעיִש קען ער ניט. די בילדערישע אסאָציִאציעס פון די ארכאִישע אויסדרוקן — סײַ די העברעיִשע, סײַ די ייִדישע — זײַנען אים פרעמד און אומפארשטענדלעך. גערעכט איז דעריבער מ. שאפּיראָ, ווען ער פאָדערט פארן לייענער א צוטריטלעכע פאר אים שפּראך, ניט קיין באלעסטיקטע מיט פארעלטערטע שפּראך־פאָרמען.

די פּראָבלעם דארף באטראכט ווערן נאָך פון איין אספּעקט. אין קיין שום היסטאָרישן פּעריִאָד איז די שפּראך ניט געווען פארגליווערט. פּונקט ווי א לעבעדיק וועזן, האָט זי זיך שטענדיק אנטוויקלט. אלטע, אָפּגעלעבטע וואָרט־פאָרמען שטארבן אָפּ, זיי ווערן פארביטן מיט נײַ־אופגעקומענע. אין רוסיש, לעמאָשל, איז פּאָלג מיך א גאנג פון לאָמאָנאָסאָוו און ביז פּושקינס שפּראך, פּונקט ווי אין העברעיִש זײַנען גאנץ פארשיידן די שפּראך פון י.־ל. גאָרדאָן און כ.־נ. ביאליק, אָדער אין ייִדיש — פון א.־מ. דיק און שאָלעם־אלייכעם.

באזונדער האסטיק קומט פאָר אָט דער פּראָצעס אין אונדזער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקײַט. די אומגעהייער שנעלע אנטוויקלונג פון דער טעכניק און עקאָנאָמיק און די ענדערונגען אין סאָציִאלן און געזעלשאפטלעכן לעבן באַרײַכערן די שפּראך מיט נײַע באגריפן. צי פירט עס ניט אָביעקטיוו צום אויסלעבן פון ארכאִיזמען אין דער שפּראך? אזא איז די אָביעקטיווע ווירקלעכקײַט, ניט מע קאָן, ניט מע דארף זי אויסמײַדן אָדער זיך אָפּקערן פון איר. אין אָט דער ווירקלעכקײַט ווערן געשאפן קול־טורעלע ווערטן אין אלע שפּראכן, דערונטער אויך אין ייִדיש. ווען עס קומען פאָר ענדערונגען אין אנדערע שפּראכן, קאָן עס ניט אויסמײַדן אויך די ייִדישע שפּראך.

די אונטערשטע שורע: יאנקעוו שטערנבערג איז גערעכט, ווען ער דערווידערט קעגן א שפּראך־רעגלאמענטאציע, וועלכע שטעלט אײַן קלאָלים — וואָס מע טאָר און וואָס מע טאָר ניט אין געביט פון אײַנהיטן אָדער ניט אײַנהיטן העברעיִזמען און ארכאִיזמען אין דער שפּראך פון ליטערארישע ווערק. קיין קאטעגאָרישן און אויסשעפּנדיקן פאָרשלאָג, וואָס יאָ און וואָס ניין, קאָן קיינער ניט ארײַנטראָגן. מוישע שאפּיראָ לייגט, אייגנטלעך, ניט פאָר אזא רעגלאמענטאציע, ער האלט, אז ס׳איז נאָך דאָ פון וואָס צו טראכטן...

זייער גוט, וואָס די פראגע ווערט אין „סאָוועטיש היימלאנד" ווענטילירט.

יא. פּליד. אָדעס

שפּראך, סטיל, אסאָציִאציעס...

אויב אפילע זיך אָפּהאלטן פון שטיצן דירעקט איינעם פון די צוויי שטאנדפּונקטן אין דעם ליטערארישן דיִאלאָג שטערנבערג — שאפּיראָ, מוז מען אָן שום סאָפעק אנערקענען, אז מוישע שאפּיראָ איז אין דער פּאָלעמיק רויִקער, און דערפון דרינגען ארויס, ווי איך האלט, די פּרוכטבארע אויספירן זײַנע. יאנקעוו שטערנבערג קנעלט מיט זײַן אָפּאָנענט איוורע וועגן שפּראך און סטיל, וועגן סטיליסטישע באדערפענישן פון א שרײַבער. איך בין ניט זיכער, צי דער לינגוויסט איז צוליב דעם געקומען זיך דורכריידן מיטן שריפטשטעלער...

דער הויפּט־טעזיס שטערנבערגס איז, מע זאָל ניט אויספליקן באם שרײַבער די „פּאווע־פּעדערן" זײַנע, ניט צווינגען אים זיך ארָאפּלאָזן צום „אמהאָרעץ", — זאָל יענער מויכל זײַן און אויסלערנען די ארכאִיק, מיט וועלכער עס קאָן אים פארשיטן דער אָדער יענער ערודירטער וואָרט־קינסטלער.

מיר ווילן ניט אופהערן צו האלטן, אז שאפן ליטעראטור דארף מען צוזאמען מיטן פּאָלק, צוליב דעם פּאָלק, און ניט צוליב דעם, אז דער שריפטשטעלער זאָל זיך קוויקן אליין (צי מיט אן ענגן קרײַז שעצער)

מיט בלויז אים באקאנטע און ליבע קלאנגען, באפליגלטע אויסדרוקן און אסאָציִאַציעס.

אויב צוליב דעם פאָלק האָבן די דעמאָקראַטישע ייִדישע שרײַבער — אָנגעהויבן פון די ערשטע מאסקילים און ביז די קלאסיקער — פארלאָזט העברעיִש (א גאנץ ראפינירטע ליטעראטור־שפראך, אָבער צו יענער צײַט א פארגעסענע, פיל הונדערטער יאָרן ניט קיין באנוצטע אין געוויינלעכן שטייגער־אויסקומעניש) און האָבן געשאפן א ליטעראטור אין ייִדיש, אין וועלכער מיר זײַנען הײַנט אײַנגעליבט (ווען זי איז פּראָגרעסיוו, פארשטייט זיך), — פארוואָס זשע דארף מען צווינגען דעם הײַנטיקן לייענער, ער זאָל זײַן גײַסטיקע שפּײַז באקומען אפן יעסאָד פון ארכאַיִשע עלעמענטן אין דער שפּראך, פון „קעמוי מאָדערנע" שפּראך־פלאסטן, וועלכע שטאמען פונעם מײַסע־בוך און טײַטשכומעש?

יאנקעוו שטערנבערג האָפט, אז די „בעסטע לייענער" און אויך די ייִנגערע ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן ווייניק לאָמדישן באגאזש, וועלן ענערגיש זיך נעמען דעם דאָזיקן בלויז צו פארפילן, — און דאָס איז דאָן, ווען די צאָל פּאָשעט ייִדיש־ריידנדיקע, ייִדיש־פארשטייענדיקע מענטשן ווערט ביכלאל פון יאָר צו יאָר אלץ ווייניקער...

סטיל איז געבונדן מיט לעבנס־מאטעריאל, מיט טיפּאזש און שטייגער. אין ראטנפארבאנד איז, באָרעכהאָשעם, שוין לאנג ניטאָ קיין טכינע־ און דראָשע־שטייגער, עס זײַנען פארשוווּנדן די רעליגיִעזע ריטואלן, און צוליב די זעלטענע „מאָהיקאנער", וואָס וויקן נאָך דערין אָדער זײַנען דערוף דערצויגן, קאָנען מיר ניט בויען די איצטיקע און קינפטיקע ליטעראטור. איך בין זיכער, אז די פּראָבלעם פון אונדזער ליטעראַרישן העמ־שעך איז אזא: אָדער די ייִדישע ליטעראטור וועט דינען דעם הײַנטיקן פּראָדוקטיוון דאָר בויער פון א נײַ לעבן, אָדער זי איז אן אנאכראָניזם.

מע קאָן ניט בויען קיין קולטור בלויז מיט איבערדערציילן די פארגאנגענהײַט. מע דארף פאנאנדעראַרבעטן דעריקער הײַנטצײַטיקע פּראָבלעמאטיק, אָפּשפּיגלענדיק די ליידן, פריידן, אידייען, טרוימען, דערפאָלגן, דורכפאלן פון דער הײַנטיקער צײַט און בעמיילע נוצנדיק די הײַנטיקע שפּראך. די שפּראך קאָן מען העלפן לײַטערן; מע קאָן און מע דארף, לעמאָשל, דערמאָנען, אז ס'איז ברוטאל צו זאָגן „מײַן קאָמנאטע", „די סאָסיעדקע", ווען ס'זײַנען פאראן פאר אָט די באגריפן פארשטענדלעכע ייִדישע אדעקוואטן. אָבער מע טאָר ניט אָנלאָדן די ייִדישע שפּראך מיט צופיל העברעיִשע און אנדערע ארכאַיִזמען אזוי, אז דער לייענער זאָל מוזן, אן אָפּהענטיקער, אוועקלייגן דאָס ייִדישע ווערק אין א זײַט...

אויב אונדזער ליטעראטור זאָל זיך אָריִענטירן, ווי עס האלט ריכטיק, דער כ' שאפּיראָ, אף דעם לייענער־מאסיוו פון ייִדישע ארבעטער, קאָלווירטניקעס, פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן געלערנט אין דער סאָוועטישער ייִדישער שול, וועלן מיר פונעם קאָנטאקט מיט אזא לייענער נאָך קאָנען שעפּן סײַ אקטועלע טעמאטיק און פּערסאָנאזשן, סײַ אויך נײַע קאדרען שרײַבער. איך „פארבראקיר ניט" קיין פּענסיִאָנערן, נאָר זיי גופע זײַנען פארינטערעסירט צו זײַן אין קאָמפּאניע מיט די ייִנגערע קויכעס.

אי. שטולמאַן. קיִעוו

הערש רעמעניק

שעפערישע פּראָבלעמען פון דער פּראָזע

3. געשטאַלטן

פאַר יויסעף ראַבינען איז פריִער געווען כאַראַקטעריסטיש דאָס גלײַכמעסיקע פאַנאַנדערוויקלען דעם סוזשעטישן מאַטעריאַל אַרום אַלע פאַרשוינען. אין טאָך האָט ראַבין אין זײַנע ראָמאַנען ביז דער מילכאָמע געמאָלט ניט קיין אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטן, נאָר מענטשלעכע קאָלעקטיוון. אין די לעצטע ראָמאַנען „באַם ניעמאַן", „כאַוועלע געפּען" און באַזונדערס אין „איך זע דיך, ווילנע..." קאָנצענטרירט שוין דער שרײַבער זײַן אויפמערקזאַמקײַט דעריקער אויפן גורל פונעם הויפּטהעלד.

אין „איך זע דיך, ווילנע..." האָט ראַבין געשטעלט אין צענטער ניט קיין אויסגעטראַכטן העלד, נאָר א היסטאָרישע פיגור, א רעוואָליוציאָנערן קעמפער קעגן פאַשיזם, איציק וויטענבערגן. מאָלן היסטאָרישע העלדן איז א סאַך קאָמפּליצירטער, איידער מאָלן אויסגעדיכטעטע פּערסאָנאַזשן. דער היסטאָרישער העלד איז דאָך שוין אין טאָך א פּאַרטיקער טיפּ. אויב עס האַנדלט זיך וועגן אן אָנגעזעענעם פּאָזיטיוון היסטאָרישן טוער, איז דער שרײַבער לעגאַבע אים קימאַט אומבאַהאָלפן, ווײַל די היסטאָרישע פּערזענלעכקײַט דריקט אויפן אַוטאָר מיט דער גאַנצער קראַפט פון איר גרויסקײַט, מיט דעם פילצאָליקן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל.

אין אונדזער ליטעראַטור איז דאָס צו זען אין נאַטאַן זאַבאַרעס ראָמאַן „א פּאָשעטע מאַמע". דער באַגאַבטער זאַבאַרע, וועלכער איז באַוווּסט מיט זײַן שטרעבונג צו זוכן און געפינען נײַע שעפערישע וועגן, האָט דאָ, אין אָט דעם ווערק, ניט דערגרייכט דעם ציל. דאָס געשטאַלט פונעם רעוואָליוציאָנער טשודנאָווסקי איז ווײַט ניט פולבלוטיק. טשודנאָווסקי גייט אדורך אינעם ווערק בלויז ווי א סילועט. עמעס, דער ראָמאַן האָט אַנדערע מײַלעס. עס איז פאַראַן דאָס געשטאַלט פון דער „פּאָשעטער מאַמע". אָבער אין דעם פאַל אינטערעסירט אונדז טשודנאָווסקי.

דערפאַר רופט אַרויס א געפיל פון באַפרידיקונג ראַבינס דערפאָלג, און אין דער ערשטער ריי טאַקע די געלונגענע פאַרקערפּערונג פון איציק וויטענבערגס געשטאַלט. אין ראַבינס ראָמאַן איז דאָס געשטאַלט פון איציק וויטענבערגן געגעבן אין אַנטוויקלונג, אין דער פאַרבינדונג מיט מענטשן, מיט געשעענישן, מיט דער שטייגערישער און סאָציאַלער סוויווע. מע זעט קלאָר און בוילעט, ווי עס בילדעט זיך אויס וויטענבערגס כאַראַקטער, זײַן פּסיכאָלאָגיע, ווי ער הייבט זיך אויף ווי אן אָנפירער, ווי א העלדישע פיגור.

און ווײַל דאָס הויפּט־געשטאַלט האָט זיך ראַבינען אײַנגעגעבן, האָט דער ראָמאַן באַקומען א פעסט־צעמענטירטע סטרוקטור, וואָס איז אין אַלע אירע באַשטאַנדטיילן אָרגאַניש, קינסטלעריש אַרגומענטירט און באַגרינדעט. די בילדער, די באַשרײַבונגען זײַנען לעבעדיק, פאַרגאַנצט און פאַרענדיקט. דער שרײַבער איז פולשטענדיק דער באַלעבאָס איבערן מאַטעריאַל, וועלכער איז אים גוט באַקאַנט. ריידנדיק וועגן ווילנע, וועגן אירע מענטשן, וועגן אירע גאַסן און ליקן, וועגן איר אַמאָל און הײַנט, אַנטפּלעקט דער שרײַבער זײַן אייגן לעבן, זײַן האַרץ און זײַן גײַסט. עס פילט זיך אין דער גאַנצער שילדערונג אַזא שטאַרקער לירישער שטראָם, אַזא אינטימקײַט, אַז עס דאַכט זיך, מיר האָבן צו טאָן מער מיט דיכטערישער אימפּרעסיע, ווי מיט פּראָזאַישער שילדערונג.

ווי ווײַט דער דערפאָלג פונעם פּראָזע־ווערק איז אָפּהענגיק פון דעם, ווי עס איז געשילדערט דער צענטראַלער העלד, איז צו זען אויך פון איציק קיפּניסעס „אונטערוועגנס".

„אונטערוועגנס" איז לויטן אינהאַלט און לויט דער פּראָבלעמאַטיק א פאָרזעצונג פון „כאַדאָשים און טעג", מיט וועלכן עס איז פאַרבונדן קיפּניסעס ראַשיק אָנקומען אין דער ליטעראַטור. פונעם קינסטלערישן שטאַנדפּונקט האָט „אונטערוועגנס" די אַלע כיינען און רייצן, וואָס „כאַדאָשים און טעג". מיר טרעפן זיך דאָ ווידער מיט דעם אייגנאַרטיקן אויפן פון דערציילן אומיטלבאַר און פאָלקסטימלעך וועגן גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, מיט דעם ליבן שמייכל פונעם פאָלקס־מענטש, מיט דער שיינער ייִדישער שפּראַך און באַזונדערס — מיט דעם פון פריִער באַקאַנטן העלד, אַף וועלכן עס האַלט זיך דאָס ווערק, מיטן געשטאַלט פונעם דערציילער.

דאָס צענטראַלע געשטאַלט, וואָס קיפּניס שאַפט אין זײַנע בעסערע ווערק, — דאָס איז אן אַרבעטס־מענטש, א האָרעפּאַשניק, וועמעס באַוווּסטזײַן עס האַלט אין איין אַנטוויקלען זיך. אין געשטאַלט פונעם דערציילער אַנטפּלעקט זיך ניט בלויז די פּסיכאָלאָגיע פונעם העלד, נאָר די אידייִשע פּאָזיציע פונעם שרײַבער. דער דערציילער פון „אונטערוועגנס" האָט אין פאַרגלײַך מיטן דערציילער פון „כאַדאָשים און טעג" דורכגעמאַכט א באַדײַטנדיקע אידייִשע עוואָליוציע. די זעלבע געשעענישן פון בירגערקריג און פּאָגראָמען ווערן איצט קינסטלעריש פאַרקערפּערט אַף א נײַעם אויפן. און עס דאַכט זיך, אַז עס קומט פאָר אפילע א מין פּאָלעמיק פונעם העלד מיט זיך אַליין, דאָס הייסט מיטן פריִערדיקן העלד פון „כאַדאָשים און טעג". דאָרטן איז דער העלד דער זעלבער אַרבעטס־מענטש, אָבער אַף א נידעריקער שטופע פון אידייִשן און פּסיכאָלאָגישן באַוווּסטזײַן; ער נעמט

סאָף. אָנהייב — „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 9.

אויף די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן פון א באַלעבאָס־דיק־באַגרענעצטן שטאַנדפּונקט. אין „אונטערוועגנס״ פילט זיך שוין די טענדענץ צו באַפרייַען זיך פון אָט דער באַגרענעצטקייַט. דער ארבעטס־מענטש הייבט איצט אָן פילן זייַן אייגענעם איך, זייַן מענטשלעכע ווירדע, וואָס קומט צו אים צוזאַמען מיט דער רעוואָליוציע.

עמעס, אויך אין „אונטערוועגנס״ זייַנען פאַראַן „רודי־מענטן״ פון קליינשטעטלדיקער נאַיִווקייַט און פּרימיטיוו־קייַט. זיי זייַנען אָבער אָרגאַניש פאַרן טיפּ, וואָס ווערט געשילדערט. עס וואָלט געווען אוודאי אומנאַטירלעך, ווען דער סלאָוועשנער אייַזיק ווערט מיטאַמאָל א דענ־קענדיקער „אינטעלעקטואַל״.

אָט די פּרימיטיווקייַט פון באַוווסטזייַן לאָזט זיך פילן אפילו דאָרט, ווו עס ווערט דערציילט וועגן דעם אָנהייב פון אייַזיקס שפּעטערישן וועג. האגאם דאָ וואָלט שוין דער העלד געמעגט אופהייבן זיך א ביסל העכער פון דעם שמאָלן סלאָוועשנער אידיישן און פּסיכאָלאָגישן קרייַז; סאָפּקאָלסאָף איז ער דאָך שוין אין קיִעוו, וואָס איז דעמאָלט געווען א וויכטיקסטער צענטער פון יידישער סאָ־וועטישער קולטור־שאַפונג.

דער טאַמעוואַטער אייַזיק וויל אָבער ניט אראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער פון סלאָוועשנע, ער פילט זיך גוט אין אָט די בגאָדים. דאָס דאַרף מיסטאַם דינען ווי א מין פאַנצער, וואָס זאָל אייַנהיטן גראָד אָט די סלאָוועשנער „ניט גערירטקייַט״, וועלכע איז טייַער דעם העלד און איז אין זייַנע אויגן עפּשער אפילו העכער פון דער פאַרדאָרבענער שטאָטישער ציוויליזאַציע.

וויכטיק איז, וואָס אין קיפּניסעס ווערק בילדעט זיך אויס א געשטאַלט, וואָס האָט פּאָרגייער אין דער יידי־שער ליטעראַטור, דעריקער בא שאָלעם־אַליייכעמען. דאָס דאָזיקע געשטאַלט איז אָבער אריַינגעטראָטן אין א נייַער צייַט, אין דער צייַט פון רעוואָליוציע; און דערמיט, קאָן זייַן, איז קיפּניס דער עמעסער פאָרזעצער פון דער שאָ־לעם־אַליייכעם־טראַדיציע.

קיפּניסעס „אונטערוועגנס״ באַווייַזט, אז אין דער סטרוקטור פון א פּראָזע־ווערק איז גאָר וויכטיק די קאָנצענטראַציע פונעם מאַלערישן מאַטעריאַל אַף צו באַ־ווייַזן דעם כאַראַקטער און דאָס לעבן פונעם מענטשן און דורך דעם אויך דאָס לעבן און דעם שטייגער פון דער עפּאָכע.

אַנדערש איז די לאַגע אין כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן „יונגע יאָרן״. מעלאַמוד האָט געגעבן אַן אווטאָביאָגראַ־פישן ראָמאַן, וועלכער האָט צוגעצויגן די אופמערקזאַמ־קייַט מיט זייַן לירישער וואַרעמקייַט. ווען א מענטש דערציילט וועגן זיך אַליין, איז ער געניייגט צו ליריזם, מעג ער אפילו דערציילן וועגן טרויעריקע געשעענישן. אין די „יונגע יאָרן״ ווערט דערציילט וועגן די יוגנט־יאָרן פונעם שרייַבער כאַיִם מעלאַמוד. נאַטירלעך, קאָן מען דאָ געפינען שטריכן, וועלכע זייַנען כאַראַקטעריס־טיש אויך פאַר די מיטצייַטלער פונעם אווטאָר. עס איז דאָ פאַראַן שטייגער־מאַטעריאַל. און אין דעם באַשטייט די ווערט פונעם בוך, וועלכער איז אָנגעשריבן מיט א גוטער שפּראַך און גיט איבער די שטימונג פון א מענטשן, וואָס מאַכט א כעזשבן־האַנעפעש, פירט אונטער א מין סאַכאַקל. אמאָל, אין די בעסערע זייַטלעך, הערט זיך עמעסער פּאַטאָס פון דערמאָנונג. דאָס איז, וואָלט איך געזאָגט, „א מענטשלעכער דאָקומענט״.

אָבער קיין טיפּן און געשטאַלטן זייַנען אין ראָמאַן ניט געשאַפן געוואָרן, אפילו דער דערציילער האָט ניט קיין אינדיווידועלן גורל. אין ראָמאַן ווערט געזאָגט, אז עס ברעכן זיך און פאַלן אַלטע וועלטן און עס ווערן געשאַפן נייַע. עס ווערט אָבער ניט געוויזן די אינערלעכע וועלט פונעם דערציילער. דאָס ווערק האָט ניט קיין שטייַפע קאָמפּאָזיציע, עס באַשטייט פון צעדריבלטע עפּי־זאָדן. אין טאָך האָבן מיר פאַר זיך א ווערק פון מע־מואַרן־זשאַנער, וואָס וועט ווערן אַן עמעסער ראָמאַן, אויב דער אווטאָר וועט ווייַזן אינדיווידועלע לייַדנשאַפט, אינדיווידועלע דראַמאַטישע, טראַגישע אָדער קאָמישע, געשעענישן און איבערלעבונגען פונעם הויפּט־העלד און פון די פאַרשוינען, וועלכע זייַנען אָרגאַניש מיט אים פאַרבונדן.

4. נאָוועלע און נאָוועליסטן

דער ראָמאַן און די דערציילונג פאַרנעמען אין „סאָ־וועטיש היימלאַנד״ א גרעסער אָרט, איידער די נאָוועלע, האגאם אין זשורנאַל זייַנען אָפּגעדרוקט ניט ווייניק נאָוועלן. עס איז שוין גערעדט און געשריבן געוואָרן, אז די הייַנטצייַטיקע יידישע סאָוועטישע נאָוועלע האָט נאָך ביז איצט ניט פאַרנומען קיין אָנגעזעען אָרט אין דער פּראָזע, ניט געקוקט אַף דער רייַכער טראַדיציע פון דעם דאָזיקן זשאַנער אין דער יידישער ליטעראַטור ביז דער רעוואָליוציע.

די נאָוועלע איז א קאָמפּליצירטער פּראָזע־זשאַנער. די גאַנצע קינסטלערישע ענערגיע פונעם שרייַבער ווערט דאָ אויסגעלאָדן מיטאַמאָל, שטורעמדיק, ווי אַן אופרייַס. אין ראָמאַן אָדער אין דער דערציילונג[1] האָט דער אווטאָר די מעגלעכקייַט פירן די שילדערונג בעהאַדראָגעדיק, באַדאַכט, נאָכפאָלגנדיק די געשיכטע פונעם העלד אין פאַרלויף פון א לענגערן פּעריאָד.

די נאָוועלע גיט נאָר עפּיזאָדן, מאָמענטן פונעם לעבן, וועלכע אַנטפּלעקן אָבער מיט דער גאַנצער טיפקייַט, מיט דער פולער פאַראַלגעמיינערונג דאָס טיפּישע, דאָס סינטעטישע ניט מיט ווייניקער עמאָציאָנעלער קראַפט, איידער דער ראָמאַן און די דערציילונג. אין פּערעצעס קורצער נאָוועלע „א קאַס פון א יידענע״ איז מיט קאָלאָסאַלער פּסיכאָלאָגישער שפּאַנונג אופגעדעקט ניט בלויז די אינערלעכע וועלט פון דער פרוי, נאָר דער גאַנצער גורל אירער און נאָך מער — דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין יענער צייַט. אין שאָלעם־אַלייכעמס „פינף און זיבעציק טויזנט״ איז די פּראָבלעם פונעם „לופטמענטש״ און פון דער באָדנלאָזיקייַט פון דער יידישער באַפעלקערונג ביז דער רעוואָליוציע גע־וויזן ניט מיט קיין קלענערער קינסטלערישער קראַפט און פאַראַלגעמיינערונג, איידער אין דעם ראָמאַן „מע־נאַכעם־מענדל״. בא דעם זעלבן שאָלעם־אַלייכעמען איז אין די נאָוועלן „גימנאַזיע״ און „פונעם פּריזיוו״ געשיל־דערט די רעכטלאָזיקייַט פון די יידן און דער אנטיסע־מיטיזם אין צאַרישן רוסלאַנד איבערצייַגנדיקער, איידער אין ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס״.

די הייַנטצייַטיקע יידישע נאָוועליסטיק האָט אירע באַגאַבטע שעפער — שירע גאָרשמאַן, מייער יעלין, יעכיעל שרייַבמאַן און אנד. וועלכע האָבן שוין באַריי־

[1] מיט דעם טערמין „דערציילונג״ האָב איך אין זינען דעם זשאַנער, וואָס אין רוסיש ווערט ער אָנגערופן „פּאָוועסט״.

כערט די ליטעראַטור מיט ווערטפולע ווערק, דעריקער וועגן דעם גורל פון די ייִדן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע און אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן.

מיר פאַרגעסן ניט, נאַטירלעך, אַז קימאַט אַלע ייִדישע הײַנטצײַטיקע ראָמאַניסטן האָבן געשריבן און שרײַבן אויך נאָוועלן. אָבער מיר האָבן דאָ אין זינען יענע פּראָזאיִקער, בא וועלכע דער נאָוועלע־זשאַנער איז אָדער דער איינציקער אָדער דער וויכטיקסטער.

שירע גאָרשמאַנס ביכער „דער קויעך פון לעבן" און „33 נאָוועלן" זײַנען באַדײַטנדיקע דערשײַנונגען פון דער הײַנטיקער פּראָזע. פריִער פאַר אַלץ ליגט די קראַפט פון גאָרשמאַנס נאָוועלן אין דעם עמעס פונעם לעבנס־מאַטעריאַל, וואָס ווערט אין זיי אַנטפּלעקט. דער עמעס פון גאָרשמאַנס נאָוועלן איז ניט קיין לײַכטוואָגיקער, ניט יענער עמעס, וואָס ליגט אויבנויף, נאָר דער אויסגעקרענקטער, אויסגעהאָרעוועטער עמעס, צו וועלכן דער מענטש שטרעבט, דערנעענטערט זיך, קאָן אים דערגרייכן און דערגרייכט אים. נעמט אפילע די נאָוועלע „געפונען און פאַרלאָרן", וואָס איז ניט פון אירע שטאַרקערע שאַפונגען, און איך רוף זי אָן בלויז דערפאַר, וואָס זי איז געדרוקט האיאָר. וויפל ווייטעק און לײַדנשאַפטלעכער דראַמאַטיזם איז קאָנצענטרירט אין די קאַרגע עטלעכע זײַטלעך פון אָט דעם פּראָזע־ווערק — ווייטעק ניט פון איין מענטשן, נאָר פונעם גאַנצן פאָלק, נאַציִאָנאַלער ווייטעק; און ווי טיף איז, אין דער זעלבער צײַט, די נאָוועלע דורכגעדרונגען מיט דער אידיי פון פעלקער־פרײַנטשאַפט. מיר האָבן דאָ אי מענטשלעכע געשטאַלטן, אי פּסיכאָלאָגיש אַרגומענטירטע האַנדלונג. וויפל האָט די ווערט בלויז דאָס איינע בילד פון דעם, ווי וואַריע, וואָס ווערט געטריבן מיט אירע ייִדישע קינדער צום טויט, דערקלערט שטאָלץ דעם דײַטש, וועלכער וויל זי, אַלס אוקראַיִנערן, אָפּלאָזן, אַז זי איז אַ ייִדישע און וועט אומקומען צוזאַמען מיט אירע ייִדישע קינדער!

שירע גאָרשמאַן יאָגט זיך ניט נאָך קיין באַזונדער דראַמאַטישע טעמעס, זי קאָן זיך באַגיין מיט געוויינלעכע דערשײַנונגען פונעם אַלטעגלעכן לעבן און אויך דאָ זען און אויפדעקן דאָס מענטשלעכע און דראַמאַטישע. אַשטייגער, אין דער נאָוועלע „די גערטנערן", און אפילע אין אַזאַ, דאַכט זיך, שיר ניט „מישפּאָכע־נאָוועלע", ווי „יעדעס מאָל — ווי צום ערשטן מאָל", איז פאַראַן אַ שלאַל מיט שעפערישער לײַדנשאַפט און טיפע פּסיכאָלאָגישע שילדערונג.

די נאָוועלע איז לויט איר סטיל צוריקגעהאַלטן, קורץ, לאַקאָניש. דאָס איז באַזונדערס צו זען אין גאָרשמאַנס נאָוועלן. פאַר איר מײַסטערשאַפט און פאַר איר טאַלאַנט איז מער כאַראַקטעריסטיש דאָס ניט דערזאָגטע, ווי דאָס איבעריק געזאָגטע. דערפאַר איז איר וואָרט, איר לאָשן וואָגיק, ניט הויל און פּוסט, נאָר, ווי מע זאָגט, מאָלעוועגאָדעש, פּילדײַטיק, פּילזײַטיק, ווי עס מוז זײַן דאָס קינסטלערישע פּראָזע־וואָרט ביכלאַל און דאָס קינסטלערישע וואָרט אין דער נאָוועלע ביפּראַט.

עס קאָן זיך דאַכטן, אַז דאָס, וואָס איז געזאָגט וועגן גאָרשמאַנס נאָוועלע, איז אויך גילטיק אין באַצוג צו יעלינס און שרײַבמאַנס ווערק. דאָס אַלגעמיינע, דאָס טעאָרעטישע — יאָ. אָבער אויסער די אַלגעמיינע אייגנשאַפטן פונעם זשאַנער האָט די נאָוועליסטיק פון אָט די שרײַבער אירע אינדיווידועלע אייגנאַרטיקע שטריכן.

מייער יעלינס נאָוועלע איז טעמאַטיש מער באַשטענדיק, ווי גאָרשמאַנס. איך האָב אין זינען, נאַטירלעך, זײַנע נאָוועלן, וועלכע זײַנען געדרוקט אין זשורנאַל אין משך פון די לעצטע אָנדערהאַלבן יאָר: „פרידריך ניצשעס קאָרבן", „דער באַנדאַזש אונטער די קני", „בלוט און וואָפן", „דעם זיידנס שטעקן", „דער געאָפּאָליטיקער, רעגינאַ און איר מוטער".

מייער יעלין האָט זײַן טעמע — די צווייטע וועלט־מילכאָמע, דער נאַציזם, דער ווידערשטאַנד קעגן די פאַשיסטישע קאַניבאַלן, דער טראַגישער גורל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. אין מייער יעלינס נאָוועלן הערט זיך אַ פאַרשאַרפטער פּאָליטישער אַקצענט, עס פילט זיך אין זיי געזעלשאַפטלעכע טעמפּעראַטור און, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, טראַגיזם. די טראַגישע אַטמאָספער אין יעלינס נאָוועלן איז פאַרורזאַכט און באַדינגט פונעם מאַטעריאַל גופע, פון די געשעענישן, וועלכע ווערן געשילדערט.

און ווײַל דאָס טראַגישע אין יעלינס נאָוועלן שפּאַרט אַרויס פון אַלע ווינקלען, סטאַרעט זיך דער אַוטאָר אויסמײַדן יעדער מין סענטימענטאַלקײַט, יעדער מין טענדענציִעזקײַט. אויסערלעך און פאָרמעל נעמט אָף זיך דער אַוטאָר די ראָליע בלויז פון אַן אָביעקטיוון פאָרשער, פון אַ היסטאָריקער, וואָס זײַן אויפגאַבע באַשטייט ניט אין דעם, ער זאָל וויינען און קלאָגן אָדער אויסגיסן דעם צאָרן, נאָר בלויז עמעסדיק דערציילן, ריכטיק מאָלן, קימאַט ווי אַ זײַטיקער באַאָבאַכטער, וואָס איז אָבער פאַרינטערעסירט, אַז גאָרניט פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען מיט די פעלקער און באַזונדערס מיט זײַן פאָלק אין אָט דער טראַגישער עפּאָכע, זאָל ניט פאַרגעסן ווערן.

און פונדאַנען קומט מייער יעלינס שפּראַך־סטיל, דער אינטעלעקטואַליסטישער סטיל פון אַ פאָרשער, פון אַ סויפער דיוורייי האיאָמים, וועלכער פאַרשרײַבט גענוי און פּינקטלעך די געשעענישן; עס בלײַבט איבער דאָס טיפזיניקע וואָרט, דאָס ראַפינירטע בילד און די טיפע אידיי פון אַ דענקער, וואָס באַזיניקט פילאָסאָפיש דאָס געשילדערטע און אַנטפּלעקט פאַרן מענטשן דעם זין פונעם טראַגישן.

אָבער די אָביעקטיווקײַט פונעם דערציילער איז אַ געדאַכטע. די שטרענגע וויסנשאַפטלעכע אויסערלעכקײַט און די קלוימערשטע זײַטיקע באַאָבאַכטערישקײַט קאָנען ניט פאַרבאָרגן פאַרן לייענער דעם ווייטעק און דעם טרויער פונעם דערציילער. אין זײַן שטרענגן בליק דערזעט מען אַ טרער, וועלכע ווערט גיך אָפּגעווישט. אינעם אינטעלעקטואַליסטישן וואָרט, אינעם וויסנשאַפטלעכן באַגריף איז אויסגעדריקט הייסע עמאָציִאָנעלע אויפרעגונג פון ליבע און נאָך מער — פון האַס און צאָרן. אין דעם באַשטייט טאַקע מייער יעלינס מײַסטערשאַפט.

דער טראַגישער און היסטאָריש־וויכטיקער אינהאַלט פון מייער יעלינס פּראָזע צווינגט אַמאָל דעם שרײַבער ברעכן די קלאָלים פון זשאַנער און אַריבערגיין צו דעם זשאַנער פון דער דערציילונג אָדער צו דער פאָרם פון אַ ציקל נאָוועלן, ווי מיר זעען דאָס, לעמאָשל, אין „בלוט און וואָפן". עס איז דעריבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיר וועלן נאָך לייענען אויך אַ ראָמאַן פון אָט דעם מײַסטער פון דער נאָוועלע.

פון שירע גאָרשמאַן און מייער יעלין טיילט זיך אויס יעכיִעל שרײַבמאַן מיט זײַנע אידייִשע מאָטיוון, וועלכע טראָגן אַן אַנדער טאָנאַלקײַט. פאַר שרײַבמאַנס נאָוועלן

איז כאַראַקטעריסטיש ניט דאָס טראַגישע, אַפילו ניט דאָס דראַמאַטישע, נאָר דאָס אָפּטימיסטישע. עפּשער זעט ער דאָס טראַגישע ניט ווייניקער, ווי אַנדערע שרײַבער. ער לעבט עס, קאָנטיק, איבער אין זיך. עס איז פֿאַראַן אַ סמאַך אַזוי צו מיינען. עס איז אָבער קיין פֿולע ניט אייביק צו טרויערן. דאָס לעבן איז גוט — זאָגט אונדז שרײַבמאַן אין זײַנע נאָוועלן. און ער ווײַזט אונדז דאָס נײַע, דאָס לעבעדיקע.

נאָרוואָס זײַנען אומגעקומען מיליאָנען מענטשן? עס זײַנען ניט לאַנג צוריק פֿאַרניכטעט געוואָרן מיליאָנען ייִדן? — יאָ, מיר געדענקען דאָס, — ענטפֿערט דערויף שרײַבמאַנס לירישער נאָוועליסטישער העלד. עס וואַקסט אָבער און בליט אַ נײַער יונגער דאָר, וואָס איז קלוג און וויל לעבן. צו וואָס פֿאַרשטערן אָט דאָס יונגע לעבן מיט טרויער און טרערן, מיט פֿאַרגאַנגענע ליידן („שיינע, פּירעקעכדיקע קנעפּ“)? אויף די כורוועס זײַנען אויפֿגעשטעלט געוואָרן נײַ־בויונגען, אַ נײַע הויט באַדעקט די אַלטע וווּנדן, אָנשטאָט מילכאָמע, פֿאַרניכטונג און טויט קומט פֿרייד פֿון מי און שאַפֿונג פֿאַר די, וועלכע זײַנען געבליבן לעבן, און פֿאַר דער וואַקסנדיקער יוגנט („צוויי כאַסענעס“).

יעכיִעל שרײַבמאַן וויל מיט זײַנע נאָוועלן ראָמאַנטיש דערהייבן דאָס לעבן און דעם מענטשן. און ער זוכט דאָס שיינע וואָרט, די העלע פֿאַרב, דעם ליכטיקן שטראַל. ער וויל זען אויפֿן פּאָנעם פֿונעם מענטשן ניט קיין טרער, נאָר אַ שמייכל; ער וויל הערן ניט קיין זיפֿץ, נאָר אַ פֿריידיק געזאַנג, און דאָס גיט זיך אים אײַן. דאָס איז שרײַבמאַנס בײַטראָג אין דער הײַנטצײַטיקער נאָוועליסטישער פּראָזע.

5. דאָס וואָרט אין דער פּראָזע

די אַנטוויקלונג פֿון דער ליטעראַטור שטעלט אַ ריי שפּראַך־פּראָבלעמען. ווען זיי איז גערעדט געוואָרן אויף דער שפּראַך־באַראַטונג אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. די מאַטעריאַלן פֿון דער באַראַטונג זײַנען אין זייער גרעסטן טייל פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין זשורנאַל.

איך וויל אָבער ריידן ניט וועגן לינגוויסטישע פּראָבלעמען. די לינגוויסטיק האָט צו טאָן, אַזוי צו זאָגן, מיטן וואָרט אַלס אַזעלכן, זי דערלערנט דאָס וואָרט מער אָדער ווייניקער אַבסטראַהירט פֿון באַשטימטע זײַטן אין לעבן. פֿאַר דער ליטעראַטור איז מער אינטערעסאַנט די מעטאַלינגוויסטיק, וועלכע דערלערנט ניט דאָס וואָרט בכלל, נאָר די פֿונקציע פֿונעם וואָרט אין דער קינסטלערישער שאַפֿונג, אין אַ באַשטימטער קאָנקרעטער קינסטלערישער ספֿערע.

דאָס וואָרט איז דער הויפּט־מאַטעריאַל פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור, פּונקט ווי פֿאַרב איז דער הויפּט־מאַטעריאַל פֿון דער מאָלערײַ, פּונקט ווי שטיין, גיפּס, מאַרמאָר, האָלץ אָדער מעטאַל איז דער מאַטעריאַל פֿון דער סקולפּטור. אויב די פֿאַרב איז פֿון אַ נידעריקער קוואַליטעט, וועט דאָס מאָלערישע ווערק זיך ניט באַקומען ווי מע דאַרף. אָבער דער כימישער באַשטאַנד פֿון דער פֿאַרב ווערט געגעבן דעם קינסטלער גרייטערהייט, דערמיט פֿאַרנעמט זיך דער כימיקער, פּונקט ווי די גראַמאַטיק, דער סינטאַקסיס, די עטימאָלאָגיע, די פֿאָנעטיק ווערן געגעבן דעם שרײַבער גרייטערהייט.

דאָס קינסטלערישע וואָרט איז אונטערגעוואָרפֿן די געזעצמעסיקײַטן פֿון דער לינגוויסטיק. אָבער דער שרײַבער נעמט די דאָזיקע געזעצמעסיקײַטן גרייטערהייט און גייט ווײַטער אין אַן אַנדער קרײַז פֿון געזעצמעסיקײַטן, וועלכע זײַנען שוין פֿאַרבונדן מיט קינסטלערישער שאַפֿונג, דאָס הייסט מיט שפּיל, וואָס אָן דעם איז ניטאָ קיין קונסט, מיט געשטאַלטלעכער פֿאַרקערפּערונג פֿון אידייע, מיט בילדערישער עמאָציאָנעלקײַט.

פּושקין האָט געשריבן:

Как уст румяных без улыбки,
Без грамматической ошибки
Я русской речи не люблю.

צי דאַרף מען דאָס פֿאַרשטיין, אַז פּושקין האָט גערופֿן מאַכן גראַמאַטישע פֿעלערן? פֿאַרשטייט זיך, אַז ניין. דאָ האָט דער דיכטער אין זינען דעם קינסטלערישן געבוי פֿונעם לאָשן, וועלכער גייט צו אַן אַנדער פֿונקציע און אַן אַנדער לאָגיק דעם וואָרט אין דער קינסטלערישער שפּראַך.

דאָס וואָרט פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור, וואָס ווײַטער זי איז אַוועק אין איר אַנטוויקלונג, שיידט זיך אַלץ מער אונטער פֿון דער גערעדטער שפּראַך. אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט־ליטעראַטור איז באַוווּסט, אַז אַפֿילו טויטע שפּראַכן זײַנען געווען אַ גאַנץ פּאַסיקער „גרונט־מאַטעריאַל“ פֿאַר דער קינסטלערישער ליטעראַטור. קימאַט אַלע אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן זײַנען אין משך פֿון אַ דויערנדיקן פּעריאָד געשאַפֿן געוואָרן אויף לאַטײַן, וועלכע איז שוין ניט געווען קיין גערעדטע שפּראַך. העברעיִש איז טויזנטער יאָרן ניט געווען קיין גערעדטע שפּראַך. עס האָט אָבער עקזיסטירט אַ גענוג רײַכע און גענוג אַנטוויקלטע העברעיִשע ליטעראַטור.

די גערעדטע שפּראַך פֿון די פֿאָלקסמאַסן האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פֿאַר דער קינסטלערישער ליטעראַטור, ווײַל גראָד דורך דער שפּראַך קומט אַמבולעטסטן צום אויסדרוק דער געדאַנק פֿונעם פֿאָלק, זײַן טרוים, זײַן שטרעבונג צו אַ בעסער לעבן, זײַן האַנדלונג און זײַן שאַפֿונג. באַזונדערס וויכטיק איז די גערעדטע פֿאָלקס־שפּראַך פֿאַר אַ ליטעראַטור, וואָס הייבט ערשט אָן איר אַנטוויקלונג. אַזאַ ליטעראַטור איז נאָך ניט אָפּגעריסן פֿון די רויע שפּראַך־פּלאַסטן, פֿון די רייד־סטיכייעס, וועלכע זײַנען נאָך ניט געצוימט און ניט דיסציפּלינירט ניט פֿון דער קונסט און ניט פֿון דער וויסנשאַפֿט.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טאָעס צו מיינען, אַז דאָס קינסטלערישע וואָרט מוז שטענדיק זײַן אָפּהענגיק פֿון דער גערעדטער שפּראַך, האָגאַם זי איז טאַקע דער אורשפּרינגלעכער אָפּשטאַם פֿונעם קינסטלערישן וואָרט. די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דער גערעדטער שפּראַך איז שפּראַך־נאַטוראַליזם און איז אַ סימען פֿון אַ נידעריקן צושטאַנד פֿון דער ליטעראַטור אָדער פֿון דעם שרײַבער.

אַז די שפּראַך פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור איז גאָר אַנדערשדיק, ווי די גערעדטע שפּראַך, קאָן מען זען באַזונדערס בולעט אין דער דיכטונג. דאָס דיכטערישע, מוזיקאַליש געמאָסטענע און ריטמיזירטע וואָרט, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט עמאָציאָנעלקײַט, בילדערישקײַט, קאָן זיך ניט באַגרענעצן מיט דער גערעדטער שפּראַך. וואָס קאָנען, אַשטייגער, באַטײַטן אַזעלכע ווערטער:

קינסטלער מייער אַקסעלראָד

פּאָרטרעט פון דער שרײַבערן
יעלענא רזשעװסקאַיא (טעמפּערא, 1963)

עסקיז פון דער דעקאָראַציע צום
ספּעקטאַקל „דער פאַרקישעפטער
שנײַדער“ אין קיִעװער גאָסעט (1944)



פאָרטרעט פון א פרוי (טעמפערא, 1968)

מישע (טעמפּערא, 1962)

א קרימער פּייזאַזש (גואַש, 1947)

פון דער סעריע „געטאָ“ (טעמפּערא, 1964)

פון דעם גאַסיקן געשריי
קום מיט מיר אין קיינעמס לאנד,
ווײַט פאר איינעם, נאָענט פאר צוויי
איז דער וועג צו קיינעמס לאנד.
(לייוויק).

פונעם לינגוויסטישן שטאנדפונקט איז דאָ אַלץ אין אָרדענונג. קיין איין גראמאטישער און סינטאקסישער קלאַל איז ניט צעשטערט און ניט אָנגערירט געוואָרן. פרוּווט אָבער איבערזעצן אָט די לינגוויסטיש ריכטיק געבויטע שורעס אף דער גערעדטער שפּראַך, וועט זיך באקומען אומזיניקע, אומפארשטענדלעכע ווערטער. ווײַל אין אָט די שורעס הערשט שוין אן אנדער לאָגיק און אנדערע געזעצמעסיקײַטן פון דעם קינסטלערישן וואָרט.

אָפּט רעדט מען בא אונדז גאנץ ערנסט וועגן דעם, אז דער פּראָזע־שרײַבער מוז פילן גרויסע שוועריקײַטן דערפון, וואָס דער יידישער לייענער, וועלכער רעדט אף יידיש, ווערט אַלץ קלענער אין צאָל. און אויב דער לייענער רעדט ניט אף יידיש, איז וויאזוי קאָן מען איבערגעבן דיאַלאָג, מאָנאָלאָג, רעפּליקעס, ביכלאַל רייד פון די פּערסאָנאזשן?

אזעלכע טײַנעס קאָן מען דערקלערן בלויז דערמיט, וואָס עס ווערט צונויפגעמישט דער לינגוויסטישער מיט דעם אויסערלינגוויסטישן (מעטאלינגוויסטישן) צוגאנג צום קינסטלערישן וואָרט. די קינסטלערישע שפּראַך פון דער פּראָזע איז פּונקט אזוי אונטערגעוואָרפן דער שעפערישער געזעצמעסיקײַט, דער שפּיל, ווי די שפּראַך פון דער דיכטונג. ניט בלויז דאָס וואָרט פונעם דערציילער, פונעם אווטאָר, נאָר אויך דער דיאַלאָג, מאָנאָלאָג און די רעפּליק איז דורכגעלאָזט דורך דער שעפערישער פּריזמע פונעם קינסטלער, דורך דעם פאָקוס פון זײַן קינסטלערישער שפּראַך און ניט דורך דער רייד־שפּראַך. די מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן, פּאָליאָגן זײַנען ניט די רייד פון די פּארשוינען, נאָר די קינסטלערישע שפּראַך־פּאַרקערפּערונג פונעם וואָרט פון די פּארשוינען, דאָס הייסט דאָס וואָרט פונעם קינסטלער, פּונקט ווי דער כאראקטער, דאָס געשטאלט, איז אויך די קינסטלערישע פּארקערפּערונג פונעם קינסטלערס פּערזענלעכקײַט, פון זײַן אינדיווידואליטעט. די שפּראַך, דאָס וואָרט, די רייד פון די פּערסאָנאזשן איז א סטיליזאציע, אָדער א פּאראָדיע, דאָס הייסט — אויך א סטיליזאציע, און איז פולשטענדיק באדינגלעך, ווי עס איז באדינגלעך דער פּערסאָנאזש און די גאנצע וועלט, וואָס ווערט געשאפן אין א קינסטלעריש ווערק. אין יעדער קינסטלעריש ווערק, אויב עס איז ווירקלעך קינסטלעריש, איז אָפּגעשפּיגלט די רעאלע וועלט; זי איז אָבער דורכגעלאָזט דורך דעם קינסטלערישן „אפּאראט" פונעם שעפער, וועלכער שאפט זײַן וועלט, דאָס הייסט — אויך זײַן שפּראַך. דער קינסטלער נעמט די שפּראַך פונעם פאָלק גרייטערהייט און שאפט א נײַע, א קינסטלערישע שפּראַך, פּונקט ווי ער נעמט גרייטע מענטשן און שאפט קינסטלערישע געשטאלטן.

שאָלעם־אליכעם האָט באוויזן מאמעש ווונדער, ווען ער האָט גענומען די רייד־סטיכיי, דעם אומאָרגאניזירטן שפּראַך־שטראָם פון די פאָלקסמאסן, און אים דערהויבן צו העכסטער קונסט; ער האָט אײַנגעהיט דערבײַ די אייגנשאפטן פון דער פאָלקס־שפּראַך, איר כאָכמע, איר כיין. פּערעץ האָט אויך געשאפן א נײַעם שפּראַך־סטיל; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער דיאַלאָגישער פאָרם און אָנשטאָט איר געשאפן אן אינערלעכן מאָנאָלאָג, וואָס איז געבויט ניט אף ריידן, נאָר אף טראכטן.

נאָך שאָלעם־אליכעמען און פּערעצן האָבן בערגעלסאָן און דער ניסטער, יעדערער אף זײַן אויפן, פּרוכטבאר פאָרגעזעצט די אנטוויקלונג פון דער קינסטלערישער פּראָזע־שפּראַך. דורך זייער שפּראַך־סטיל גייט די ווירקונג פון די קלאסיקער אף אונדזער הײַנטצײַטיקער פּראָזע.

אין פערטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" איז אָפּגעדרוקט דער דיאַלאָג פון יאנקעוו שטערנבערגן מיט מוישע שאַפּיראָן. און דאָ אנטפּלעקט זיך, אז צווישן די צוויי פּאָלעמיסטן איז ניטאָ קיין געמיינזאמע באריר־פּונקטן. איינער רעדט ווי א שרײַבער, דער צווייטער — ווי א לינגוויסט. אומזיסט האָט שטערנבערג מוירע פאר דער דיקטאטור פון דער לינגוויסטיק. קיינער קאָן דעם קינסטלער ניט דיקטירן, וואָס פאר א שפּראַך ער זאָל ניצן. דאָס וואָרט פונעם קינסטלער איז שטענדיק פרײַ און איז אונטערגעוואָרפן בלויז זײַנע שעפערישע אויפגאבן.

עס זײַנען אָבער אין אָט דער דיסקוסיע פאראן אייניקע שפּראַך־פראגן, וועלכע האָבן א שײַכעס באזונדערס צו דער פּראָזע. די פראגע איז ניט אין דעם, צי דארף מען מער העברעיִזמען אָדער ווייניקער, מער סלאוויזמען אָדער ווייניקער. א שפּראַך, וועלכע אנטוויקלט זיך, האָט קיין מוירע ניט פאר אַרײַנדרינגען פון פרעמדע עלעמענטן אין דער לעקסיק צי אפילע אין סינטאקסיס. דער קעגנזײַטיקער וואָרט־ און שפּראַך־אויסטויש איז אן אוניווערסאלער אנטוויקלונגס־געזעץ פון אלע שפּראַכן. ס'איז ניט פאראן אין דער וועלט קיין מער־ווייניקער אנטוויקלטע נאציאָנאלע שפּראַך, וועלכע זאָל זײַן פרײַ פון שפּראַך־באווירקונג. און דאָס איז ניט קיין סימען פון שוואכקײַט, נאָר פון שטארקײַט פון דער באווירקטער שפּראַך; אזא שפּראַך, וואָס איז פייִק אַרײַנצונעמען אין זיך עלעמענטן פון אנדערע שפּראַכן, ווערט אַלץ מער באַרײַכערט און אנטוויקלט זיך מיט גיכערע טעמפּן.

און דאָך — איבער די היסטאָרישע אומשטענדן פון צעשפּרייטקײַט פון דער יידישער באפעלקערונג אין פארשיידענע לענדער — דראָעט דער יידישער שפּראַך א צו גרויסע ווירקונג מיצאד דער אָרטיקער שפּראַך, באזונדערס דאָרט, ווו די אָרטיקע שפּראַך איז שטארקער פון דער יידישער, לעמאָשל אין ראטנפארבאנד, אין אמעריקע אָדער אין פראנקרײַך. זעלבסטפארשטענדלעך, די ווירקונג פון אָט די שפּראַכן, באזונדערס פון דער רוסישער שפּראַך אין ראטנפארבאנד, איז ביז גאָר פּאָזיטיוו און באַרײַכערט שטארק די יידישע שפּראַך. אָבער איינצײַטיק דערמיט, אויב עס זאָל דערלאָזט ווערן אונטער וואָסער עס זאָל ניט זײַן אויסרייד אן איבערפלייצונג, קאָן זיך שאפן א געפאר פון אומקערן זיך צום אלטן „זשארגאָן", קעגן וועלכן אונדזערע קלאסיקער האָבן געקעמפט מיט דער גרעסטער לײַדנשאפט.

איך האָב שוין גערעדט וועגן איציק קיפּניסעס „אונטערוועגנס", וואָס די רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד" האָט איבערגעדרוקט און האָט דערמיט דערלאנגט דעם לייענער דאָס גלענצנדיקע ווערק פונעם אָנגעזעענעם קינסטלער. אין אָט דעם בוך איז אָבער פאראן א שטראָם אוקראַיִניזמען, וואָס קלינגט, דאכט מיר, אומנאטירלעך און צעשטערט ערטערווײַז דעם קינסטלעריש־שפּראַכלעכן אראָמאט פונעם ווערק. אזוי, לעמאָשל, כאַזערט איבער דער דערציילער דרײַ מאָל נאָכאנאנד דאָס אוקראַיִנישע וואָרט „פּידרוטשניקעס" אָנשטאָט לערנבי־

כער. מיר טרעפן אין דעם זעלבן ווערק אָט וועלכע ווערטער און אויסדרוקן: גייען מיר אזעלכע „באָסאָנאָזשקעס" מיט הילצערנע פאָדעשוועס אף לעדערנע זאָוויסקעס, דאָס גייען רויטארמייער אלע טאָג אף אָרטשעניע, מונדיראָוואניע, אָבראזן, א מלאָש, סקוטשנע, געסטרויעט דאָס צוימל, דיד דא באבע, נא סיר אי נא מאסלאָ, פלאָשטשאדקע, זשוטקע, ארויסרוסטשען, סטאָריזשנע, אָפמוטשען, ראזוועדקע, אָבאפאָלאָק, זוכלינקעס, ספאָקאָינע, גנוי, כרופקע, האווירן, סטראשנע, דרוזשנע, דאָלינע, וויסק, מאָלאָדצעס, פאָדווינע פענצטער, סטרפעס, אנדאָראָק, סטאָמפ, האָספאָדארס, פראָסטי האָספאָדי, ראשטשאָמעט, שטשעטינע.

נאטירלעך, יעדערער פארשטייט, אז אָט דער וואָרטשטראָם איז ארײַנגעפירט ניט מאכמעס שפראך־אָרעמקײַט בא קיפניסן, ניט דערפאר וואָס דער שרײַבער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין אנטשפרעכיקע ייִדישע ווערטער און אויסדרוקן. ווײַזט אויס, אז קיפניס האָט דערמיט געהאט א באוווּסטזיניקן קינסטלערישן מיין. ס׳איז אָבער א סאָפעק, צי האָט זיך אים אײַנגעגעבן אָט דער מיין. און ס׳קאָן אפילע זײַן, אז אויב בא קיפניסן קאָן מען דאָס אזוי אָדער אנדערש דערקלערן, וועט דאָס בא א ווייניק דערפארענעם שרײַבער ברענגען צו שפראך־נאטוראליזם און צו פאָשעטער שפראך־פארמיסטיקונג.

מיר פארשטייען אויך, אז דאָס איז ניט די לעקסיק פונעם קינסטלער קיפניס, נאָר פונעם דערציילער אײַזיק, פון א געוויינלעכן סלאָוועשנער ייִדן, און זיכער האָט מען אין סלאָוועשנע אזוי גערעדט. צי דארף אָבער אזא שפראך־מײַסטער, ווי איציק קיפניס, פאָטאָגראפירן סלאָוועשנער לאָשן און אומבאדינגט עס ארײַנפירן אין דער קינסטלערישער ליטעראטור?

אן אנדער בײַשפיל. שמועל גאָרדאָן טרעט ארויס אין „סאָוועטיש היימלאנד" (אין זײַן ארטיקל „ווו איז די קריטיק?") קעגן מיסברויכן מיט פסוקים און ביכלאל מיט העברעיִזמען. ווי איז אָבער דער דין, אז אליין דער כאָשעווער אווטאָר מיסברויכט, און טאקע מיט העברעיִזמען, און דאפקע דאָרטן, ווו זיי זײַנען ווייניקסטן צום אָרט? אָט זײַנען אייניקע ווערטער און אויסדרוקן פון שמועל גאָרדאָנס אינטערעסאנטער פארצייכענונג „שטעטלעך": צוירערים, ייִמאך שמאָם וועזיכראָם, שעאָר־יעראָקעס, דער ראיאָן איז אוילע־רעגל קיין לעטיטשעוו, נאכלע, ראָצכים, פיירעש, בען־איר, אויג־מעלעך־האבאָשן, יאנקעוו־אָווינו, פון בערײשיס ביז דוואָרים, פידיען, איין קעמעך — איין טוירע, באלאכסאניע, בימהיירא־בעיאָמיינו, אכיינו, מא־שמייכעם, א מאטמען מיט געלט, טישעבאָוועדיק, אקאָרע און נאָך און נאָך.

אזא לעקסיק האָט דער שרײַבער געפונען בא די שטעטלדיקע מענער און פרויען אין אונדזערע טעג! ווער וועט גלייבן אין אזעלכע וווּנדער? דאָס איז אוואדע ניט די לעקסיק פון די הײַנטצײַטיקע שטעטלדיקע ייִדן, אויך ניט די קינסטלערישע סטיליזאציע פון זייער רייד־מאניר, נאָר די קינסטלעך געשאפענע פאר זיי שפראך.

אונטערן אויסרייד פון רעפראָדוצירן רייד פון די פערסאָנאזשן באנוצט מען אלערליי לאָקאלע ווערטער און אויסדרוקן, פאָשעטע בארבאריזמען און זשארגאָניזמען, קעגן וועלכע די קלאסיקער האָבן געקעמפט נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק. קעדיי ניט ריידן אין דער וועלט ארײַן, וועל איך דאָ ברענגען א בײַשפיל, וויִאזוי שאָלעם־אלייכעם האָט שארף אויסגעלאכט דאָס מיסברויכן מיט דײַטשמעריזמען, העברעיִזמען און סלאוויזמען נאָך אין 1892 יאָר. אין „קול מבשר צו דער יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט ער מיסטיפיצירט א קאָרעספאָנדענץ, וואָס האָט א שײַכעס צו שפראך און צו דער פראגע, וואָס אינטערעסירט אונדז דאָ:

„סטרישטש

בא אונדז האָט זיך פארלאָפן א זאמעטשאטלנער סלוטשײַ. נאפרימער א יונג מיידל פון א יאָר 18 האָט זיך גערעשעט אף א סאמאָ־אוביִיסטוואָ איבער ליובאָוו צו אײַער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק". זי איז געווען א וואזשנע ליוביטעלניצע פון אײַער איזדאניע; זי האָט געמיינט, אז איר וועט שוין מער ניט פראָדאָלזשײַען, האָט זי זיך שטארק פארבענקט און אײַנגענומען יאד. איר לעבן איז אין גרויס אָפאסנאָסט!.. ה׳ רעדאקטאָר! איך בעט נאפעטשאטעווען מײַן קאָרעספאָנדענציע און אז זי וועט ארויס בלאהאָפאָלוטשנע, וועל איך אײַך אוגאָשטשײַען מיט מײַנע ראסקאזן, סטיכאָטוואָרעניעס און טאק דאלייע...

גאווריִעל מאטווייעוויטש.

נאָכאמאָל סטרישטש

דאָס, וואָס ג־ל מ־טש איהנען געשריעבען האט, איזט ניכט זאָ ריכטיק. דאס מעדכען וואר קיין מעדכען פון 18 יאהרע, זאָנדערען איין קנאבע פון 7 יאהרע, אונד געשטאָרבען איזט ער ניכט אויס ליעבע, זאָנדערען אויס ווינטפאָקקען. אלזאָ, מעלדען זי דאס אין איהרען ווערטעסטען בוך, דאמיט די ווארהייט שטאטפינדען זאָלל.

לייבצי דײַטש

ווידעראמאָל סטרישטש

לא דבים ולא יער! ס׳איז שקר וכזב! עס האָט דאָ קיינער נישט שבק חיים לכל חי געוועןן. אלע זײַנען ברוך השם בקו הבריא. עס איז כדאי מכחיש צו זיין די פאלשע ידיעה, ביכדי מפרסם את החנפים צו זײַן. אזא חוצפא באווײַזט נאָר אף ביאת גואל צדק במהרה בימיינו. אָמן.

איש אמת"[1]

אזוי האָט שאָלעם־אלייכעם אויסגעלאכט די פארמיסטיקונג פון דער ייִדישער שפראך מיט 76 יאָר צוריק. און געווען איז דער קאמף געווענדט קעגן דעם הויפט־רעדאקטאָר פון „יודישעס פאָלקסבלאט" לעווי, וועלכער האָט געהאלטן, אז ייִדיש איז זשארגאָן און מע קאָן שרײַבן, ווי עס גלוסט זיך. און איצט קומען בעקאָוועדיקע שרײַבער און ווילן אונדז אײַנשמועסן, אז בעכיין, ווײַל מע מוז דאָך לאָזן ריידן דעם פערסאָנאזש אף זײַן לאָשן, קאָן מען, הייסט עס, שרײַבן, וואָס מע וויל. שוין זשע וועלן מיר זיך אומקערן פון אונדזער רײַכער ייִדישער ליטערארישער שפראך צו דעם זשארגאָן פון סטרישטש אָדער סלאָוועשנע?

אין א קינסטלעריש ווערק איז פאראן בלויז די שפראך פונעם שרײַבער. דער אווטאָר איז פולשטענדיק

---

[1] „קול מבשר צו דער יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק". ארויסגעגעבן פון שאָלעם־אלייכעמען. אָדעס, תרנ"ב (1892).

פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע רייד פון די פּערסאָנאַזשן, אַפילע אין אַ דראַמע. די רוסישע קלאַסיקער האָבן וועגן דעם געשריבן ניט איין מאָל. זיי האָבן געוואָרנט קעגן פאַרמיסטיקונג פון דער שפּראַך טאַקע דורך די רייד פון די פאַרשוינען. טשעכאָוו האָט געשריבן: „די שפּראַך דאַרף זײַן פּראָסט און שיין. לאַקייען דאַרפן ריידן פּאָשעט, אָן פּושטשײַ און אָן טאַפּעריטשאַ"[1].

און אָט וואָס ס'האָט געשריבן מאַקסים גאָרקי: „פון אַ קינסטלעריש ווערק, וואָס שטעלט פאַר זיך אַ ציל צו שילדערן דעם פאַרבאָרגענעם טאָך פון די פאַקטן פונעם סאָציאַלן לעבן אין זייער גאַנצן באַטײַט, אין זייער פולקײַט און קלאָרקײַט, פּאָדערט זיך אַ קאָנקרעטע, פּינקטלעכע שפּראַך, זאָרגזאַם אָפּגעקליבענע ווערטער. מיט אַזאַ שפּראַך האָבן געשריבן די „קלאַסיקער", שאַפנדיק זי בעהאדראָגעדיק, אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער. דאָס איז אָן עמעס ליטעראַרישע שפּראַך, און האַגאַם מע האָט זי געשעפּט פון דער גערעדטער שפּראַך פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, שיידט זי זיך שאַרף אונטער פונעם אורקוואַל, ווײַל מאָלנדיק באַשרײַבעריש, וואַרפט זי אָפּ פון דער רייד־סטיכיי אַלדאָס צופעליקע, צײַטווײַליקע און ניט שטאַנדהאַפטיקע, קאַפּריזע, פאָנעטיש פאַרקריפּלטע, וואָס פאַלט ניט צונויף איבער פאַרשיידענע סיבעס מיטן גרונט־גײַסט, דאָס הייסט מיטן סיידער פון דער אַלפאָלקישער שפּראַך. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די רייד־שפּראַך בלײַבט אין די רייד פון די מענטשן, וועלכע דער שרײַבער מאָלט, אָבער זי בלײַבט אין אַן אומבאַדײַטנדיקער צאָל, וואָס איז נייטיק בלויז צוליב פּלאַסטישער בוילעטער כאַראַקטעריסטיק פון דעם געמאָלטן פאַרשוין, צוליב מאַכן אים וואָס מער לעבעדיק"[1] (מײַן קורסיוו. — ה. ר.).

* * *

אין די דאָזיקע באַמערקונגען וועגן דער פּראָזע האָב איך זיך ניט געשטעלט קיין ציל צו געבן אַ גענויע אויספאָרשונג פון די דערשײַנונגען, וועלכע זײַנען דאָ באַטראַכט געוואָרן. עס איז בלויז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו שטעלן געוויסע פראַגן פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור.

דער שווערפּונקט פון דעם אַרטיקל איז ניט אין רעקאָמענדאַציעס, נאָר אין דער באַטראַכטונג, ניט אין געבן אײַצעס און אוואדע ניט אין אַרויסטראָגן אורטיילן, נאָר אין זוכן וועגן. און אויב עס זײַנען דאָ פאַראַן שטרײַטבאַרע אָדער אַפילע ניט געלונגענע האַנאָכעס, וועט די ליטעראַטור, די שרײַבער און לייענער, מיט דער צײַט זיי אויסגלײַכן און פאַריכטן.

---

[1] אַ. פּ. טשעכאָוו — אַ בריוו צו אַלעקסאַנדער טשעכאָוון דעם 8 מײַ 1889.

[1] מ. גאָרקי — געזאַמלטע ווערק אין 30 בענדער. גאָסליטיזדאַט, מאָסקווע, ב. 27, זז. 212—213.

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

מענדעלע מויכער־ספאָרים אין שפּאַניש

די ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטעווידעאָ (אורוגווײַ) האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אין שפּאַניש וועגן מענדעלע מויכער־ספאָרים. דער אווטאָר פון דער בראָשור איז דער באַקאַנטער שפּאַנישער שרײַבער און איבערזעצער פון ייִדישער ליטעראַטור לויִס קאַרדינער.

דעם אָנדענק פון אַ געלערנטן

אין עלטער פון 82 יאָר איז אין טורין (איטאַליע) געשטאָרבן דער באַוווּסטער לינגוויסט אַראָן בענווענוטאָ טעראַטשיני. אין פאַרשיידענע יאָרן איז אַ. טעראַטשיני געווען פּראָפעסאָר אין קאַליאַריער, פּאַדוער, מילאַנער אוניווערסיטעטן. נאָכן אײַנפירן אין איטאַליע ראַסן־געזעצן האָט ער עמיגרירט קיין אַרגענטינע, פונוואַנען ער האָט נאָך דער מילכאָמע זיך ווידער צוריקגעקערט קיין איטאַליע.

אויף אַ. טעראַטשיניס נאָמען איז איצט אָנגערופן דער ייִדישער היסטאָרישער אַרכיוו פון טורין, וועלכער איז באַוווּסט מיט זײַנע רײַכע זאַמלונגען צו דער געשיכטע פון די ייִדן אין פּיעמאָנט.

די פּאָעזיע פון ליניע און פאַרב

(וועגן דער אויסשטעלונג פונעם קינסטלער מייער אקסעלראָד אין ראָסטאָוו־דאָן)

הינטער דער גרענעץ פונעם אָנשוילעכן — הינטער דער פארביקייט פונעם בליענדיקן טאמאריסק, אינעם פערלדיקן שלייער פון רעגן, אין דער געלקייט פון די הארבסטיקע פעלדער, אינעם אויסערלעך געצוימטן, רויִקן אָנבליק פונעם קינסטלערס מיטצייטלער אף זיינע פּאָרטרעטן — פילן מיר, ווי עס שלאָגט דער דויפעק פון דער צייט. מיר ווערן געפאנגען פון אקסעלראָדס פּאָעטישן שאפן. אין יעסאָד פון דער מאָלעריי ליגט דאָ דאָס מאָלערישע דענקען. אלס קלאל אנטפלעקט זיך מייער אקסעלראָדס קונסט פארן צושויער ניט באלד. צו זיינע בילדער דארף מען זיך לאנג צוקוקן, האגאם די פאָרם זייערע זעט אויס אפן ערשטן בליק פּאָשעט. לאקאָניש, קימאט אָן שטייגער־דעטאלן זיינען די פּאָרטרעטן; ניט געקינצלט, אומיטלבאר — די פייזאזשן.

ס'איז אָבער דאָ אין אקסעלראָדס ווערק גאָר א באזונדערע צוציִונגס־קראפט. די אינערלעכע אָנגעזעטיקטקייט פון די פארבן, זייער לעבעדיקער גייסט ציט אייך בעהאדראָגעדיק אריין אין דער עמאָציִאָנעלער אטמאָספער פונעם בילד, אין זיין שטימונג. די קאָלירן־שפּיל, דאָ א וואונדערלעך־דינע, דאָ א קאָנטראסטארטיק־אָנגעשטרענגטע, אנטפלעקט פאר אייך דעם אינערלעכן זין פונעם געשילדערטן, מאכט פארשטענדלעך און נאָענט דעם קינסטלערס לעבנס־אופאסונג.

אף דער אויסשטעלונג אין ראָסטאָוו זיינען געווען עקספּאָנירט קאָרעוו דריי הונדערט ארבעטן אקסעלראָדס. האגאם די אויסשטעלונג האָט ניט אָפּגעשפּיגלט אף אן אויסשעפנדיקן אויפן אקסעלראָדס וועג אין דער מאָלערישער קונסט, האָט זי וועגן די גרונט־עטאפּן פון זיין שאפן דאָך געגעבן א קלאָרע פאָרשטעלונג.

מייער אקסעלראָד איז געבאָרן געוואָרן אין 1902 אין מאָלאָדעטשנע (ווייסרוסלאנד). זיינע קינדהייט־ און יוגנט־איינדרוקן האָט דער קינסטלער פארקערפּערט אין די ארבעטן פון דער צווייטער העלפט פון די צוואנציקער יאָרן. אף דער אויסשטעלונג זיינען זיי צונויפגעזאמלט אין א באזונדערן זאל (די סעריע „אין אלטן מינסק“).

אקסעלראָד האָט זיך געלערנט אין מאָסקווע. זיין לערער אין וכוטעמאס איז געווען וולאדימיר אנדרייעוויטש פאוואָרסקי, דער גרונטלייגער פון אן אייגנארטיקער שול פון גראפישער קונסט. ווי יעדער עכטער גרויסער קינסטלער, האָט פאוואָרסקי ניט אָנגעבונדן די שילער זיין אייגענעם סטיל. פון זיין שול זיינען ארויסגעקומען ניט ווייניק קינסטלער, וועלכע האָבן אף זייער אינדיווידועלן אויפן דורכגעלייגט נייע וועגן אין דער קונסט. אויסצומיידן אָבער די ווירקונג פונעם לערער, איינעם פון די גרעסטע מייסטערס פון זיין צייט, איז געווען אומעגלעך. דעריבער זיינען אקסעלראָדס פריִע ארבעטן, דעריקער די צייכענונגען פון די צוואנציקער יאָרן, נאָטירלעך, נאָענט צו פאוואָרסקיס שעפערישער מאניר. דאָס האָט ניט געשטערט אקסעלראָדן פון סאמע אָנהייב גיין מיט זיין אייגענעם וועג.

די סעריע „אין אלטן מינסק“ באשטייט פון שטייגער־ און פייזאזש־צייכענונגען. אין פארב זיינען זיי שטארק איינגעהאלטן, קימאט מאָנאָכראָמיש („אן אלטע פרוי אין ווייסן“, „א פּאָרטרעט פון א מיידעלע“, „א ייִנגל“). אף א גרויען פאָן, אין וועלכן עס ווערן אריינגעפירט נאָענטע צווישן זיך טענער — זילבערדיק־גרויע, ברוינע, ווייסע פון פארשיידענע שאטירונגען, וואקסן אויס די געשטאלטן פון אלטן מינסק: פארזאָרגטע ווייבער, באלעגאָלעס, קינדער. דעם קינסטלערס לאקאָנישע, אָפּט עסקיזארטיקע מאניר גיט צו זיינע פערסאָנאזשן לעבעדיקייט.

אקסעלראָדן איז פרעמד שטייגער־מאָלעריי אינעם אייגנטלעכן זין פון וואָרט. ער איז ראָמאנטיש פון זיינע סאמע ערשטע טריט אין דער קונסט. ער האָט פון שטענדיק אָן אויסגעמיטן ניט וועזנטלעכע דעטאלן. אקסעלראָדס ראָמאנטיזם וואָרצלט זיך אין א קאָנקרעטער רעאלער סוויווע. די וועלט פון דער ייִדישער אָרעמשאפט — די גרויע שטעטלדיקע שטיבער, ייִדן אין היטלען אף די קעפּ און אין לאנגע קאפּאָטעס, דער פּוסטער מארק, וווּ עס ריידן זיך דורך בא זייערע טאטשקעס בערדיקע טעלעזשניקעס אין פארטעכער, — די דאָזיקע וועלט איז ניט נאָר גוט באקאנט דעם קינסטלער, זי איז אים בלוטיק אייגן, גרענעצלאָז נאָענט. אקסעלראָדס מינסקער ארבעטן זיינען באהויכט מיט הארציקער ווארעמקייט.

אינעם שימער פון בלוילעך־גרויע פארבן טרעט ארויס דער איידעלער פּראָפיל פון א פארטרוימטן מיידעלע מיט געדיכטע שווארצע ברעמען. מיט לייכטע דינאמישע שטריכן פורעמט אויס דער קינסטלער דאָס געשטאלט פונעם יונגן בעקער, וואָס איז פונקט ווי באשאָטן מיט מעל. א קליין בלאס מיידעלע מיט דינינקע הענטלעך, אן אָנגעטאָנענע אין שמאטעס, אנטשטייט פאר אונדז אלס שטאָלצע פרינצעסן פון א מייסעלע.

אין די שמאָלע געסלעך פונעם אלטן מינסק האָבן געלעבט דעם קינסטלערס בניי־איר, פארטרוימטע און דאָך מיט א וויץ אף די ליפּן, עכטע שאָלעם־אליכעם־פּערסאָנאזשן, וועלכע אקסעלראָד האָט שפּעטער אף א נייעם אויפן אופגעלעבט אין זיינע איליוסטראציעס.

צווישן די ארבעטן פונעם מינסקער פּעריִאָד ווילט זיך אויסטיילן די „טעלעזשניקעס“ און צוויי פייזאזשן: „די שלאָס־גאס“ און „די גרויע הייזער“. דער מאָלער פארהיט אויך דאָ די זעלבע לאקאָנישקייט, ווי אין דער גאנצער סעריע. דאָך דערלויבט ער זיך אָפּטרעטן פון דער שטרענגער גאמע נאָענטע צווישן זיך טענער. אין די ארבעטן

לאָזט זיך שוין פאָרויסזען דער איצטיקער אקסעלראָד — דער קאָלאָריסט, בא וועלכן דער יעסאָד פון דער געשטאלטלעכער סטרוקטור איז די פארביקע הילכיקייט פון דער פאליטרע.

א באדייטנדיק אָרט אין אקסעלראָדס פריִען שאפן פארנעמען די צייכענונגען (די גרעסטע צאָל זייערע אף דער אויסשטעלונג אין ראָסטאָוו געהערט אויך צו די צוואנציקער — דרייסיקער יאָרן). די שטרענגע קאָנסטרוקציע פון די פיגורן ווערט אין זיי דערגרייכט מיט דער הילף פון דורכזיכטיקע, לייכטע ליניעס. די אקוואַרעל־פארב, וועלכע עס באנוצט טיילמאָל דער קינסטלער, שאפט א ווייכע און איינהייטלעכע פאקטור פון דער צייכענונג („דער אלטער מיטן שטעקן“, 1928, און דער פאָרטרעט פון א. גוסיאטינסקי, 1929). אין זיינע פאָרמזוכענישן איז דער קינסטלער ביז גאָר קאָנסעקווענט: די שארפקייט פון סילועט אין די נאקעטע מאָדעלן איז פארבונדן מיט א באשטימטער קינסטלערישער לאָגיק. אקסעלראָדן אינטערעסירט דאָ דער אומבייט פון פארשיידענע פלאכן און מאסע.

די פאָרשטעלונג וועגן אקסעלראָדס גראפיק וואָלט געווען ניט פול, ווען מיר זאָלן זיך ניט אָפּשטעלן, זאָל זיין פארבייגייענדיק, אף זיינע איליוסטראציעס צו די ווערק פון די קלאסיקער פון דער יידישער ליטעראטור. אין די איליוסטראציעס צו שאָלעם־אליכעמס און פערעצעס דערציילונגען וואכן אוף די הארציק־ליבע פארן קינסטלער איינדרוקן פון דער קינדהייט, מיט וועלכע מיר האָבן זיך שוין באגעגנט אין זיין מאָלעריי. אין די פערסאָנאזשן פונעם „פארקישעפטן שניידער“, פון „פינף און זיבעציק טויזנט“ איז דער זעלבער צונויפגוס פון הומאָר און טרויער, פון וועלכן ס׳ווערט צונויפגעדריקט דאָס הארץ, די זעלבע טיפע קענטעניש פונעם פאָלקסלעבן. די לעצטע אייגנשאפט איז באזונדערס בוילעט אויסגעדריקט אין די דערווייל נאָך ניט פארעפנטלעכטע, זייער פלאסטישע, שווארץ־ווייסע שמוצטיטולן צו ש. האלקינס לידער.

אין די טעאטראלע ארבעטן איז אקסעלראָד פונקט אזוי אָרגאניש, ווי אין די איליוסטראציעס. די עסקיזן צו די פיעסן פון שאָלעם־אליכעם, דאָוויד בערגעלסאָן, זיסקינד לעוו, דאניִעל מייעראָוויטש זיינען ניט בלויז א נאטירלעכע פאָרזעצונג פון דער ליניע, וואָס האָט זיך געלאָזט מערקן אין די פריִע ארבעטן און אין דער ביכער־גראפיק. דאָס איז פריִער פון אלץ גאָר א באזונדערע וועלט, א וועלט פון א קימאט מייסעדיקער טעאטראלישקייט. לויט זייער אינטאָנאציע זיינען די עסקיזן פאנטאסטיש. הומאָר און טרויער באהעפטן זיך אין זיי אָרגאניש. די פארביקע רייכקייט פונעם פאָרהאנג מיט דער ציג („דער פארקישעפטער שניידער“) לאָזט אייך לאנג ניט אָפּ פון זיך. דער פאָרהאנג איז עכט דעקאָראטיוו, אָן א סימען פון סטיליזאציע. די עסקיזן צייכענען זיך אויס מיט עמאָציִאָנעלער טרעפלעכקייט. אין איינקלאנג מיט די גראָטעסקארטיק־פארשארפטע פערסאָנאזשן („בויטרע — גאזלען“, „דער שטרייק פון די שניטער“) זיינען די קאָסטיומען, וועלכע דער קינסטלער פירט אָרגאניש ארייַן אין מאָלערישן געוועב פונעם עסקיז.

אקסעלראָדס טעאטראלע ארבעטן געהערן צו די דרייסיקער — פערציקער יאָרן. די ספעקטאקלען, וועלכע ער האָט אויסגעפורעמט, זיינען געשפילט געוואָרן אין מאָסקווע, מינסק, קיִעוו (איניקע פון זיי אין דער עוואקואציע — אין די שטעט דזשאמבול, קאָקאנד). די ראָליע פון דעם קינסטלער אין די דאָזיקע ספעקטאקלען איז, ווי מע זעט פון די עסקיזן, זייער אַן אקטיווע. אקסעלראָד אקאָמפאנירט ניט דעם רעזשיסער. ער שאפט די געשטאלט־ און פארבן־אטמאָספער פונעם ספעקטאקל.

א באזונדער זייטל אין אקסעלראָדס שאפן שטעלט מיט זיך פאָר די סעריע פייזאזשן פון קאזאכסטאן און אוזבעקיסטאן (אקווארעל, גואש, 1943—1944). די גראפישקייט פונעם קינסטלערס פריִע געמעלן טרעט אָפּ איר אָרט דער ראפינירטער מאָלעריי. אין ווייכע ווארעמע טענער זיינען געמאָלט די אָנגעגליטע פון דער זון קאָקאנדער גאסן. אין א זוניקן נעפל ציט זיך אין דער הייך דער שפיץ פון מעדרעסע. אומרויִק פלאקערט דאָס רויטע קלייד פונעם אוזבעקישן מיידל. קוים־קוים זעט זיך אָן די ווייסקייט פון די ווענט פון נידעריקע הייזער.

דאָס קאזאכישע דאָרף איז אין אקסעלראָדס בילדער א קיניגרייך פון ליימענע ווענט. א ליימיקע איז אויך די ערד. און דער הימל איבער דעם אלעמען איז רייך מיט דינע, קוים אופצוכאפן מיטן אויג, פארב־ניואנסן. ניט עקזאָטיק פאנגט דעם קינסטלער אין די קאזאכישע אאולן און מיטל־אזיִאטישע שטעט. דער קאָמפאָזיציִאָנעלער מאָטיוו פון יעדן בויגן איז אויסערלעך רויִק, ליריש. דורך דער דורכזיכטיקייט פון דער פארב שלאָגט זיך אָבער דורך די שטימונג פון דער צייט, יענע ביטערע געפילן, וואָס האָבן באהערשט יעדערן פון אונדז אין די שווערע פארן פאָטערלאנד טעג.

איינצייטיק מיט די צארטע פייזאזש־בויגנס שאפט דער קינסטלער א ריי ווערק, טעמאטיש דירעקט פארבונדענע מיט דער מילכאָמע: די סעריע „אין א מיליטערישן שפיטאָל“, די פרויען־פאָרטרעטן, וועלכע מע וואָלט געקאָנט באדינגלעך פארייניקן אונטער איין קעפל „אלמאָנעס“.

עלעגיש איז דאָס געשטאלט פון א פרוי, געצייכנט אף גרוי פאפיר. די גרויע פארב בילדעט א נאטירלעכע סוויווע פאר דעם געשטאלט. אינעם אשיקן טאָן זעט אויס באזונדערס אויסדריקלעך די איינגעשלאָסענע אין זיך, העלהאָריקע יונגע פרוי מיטן נידעריק אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איר אינערלעכער צושטאנד איז איבערגעגעבן מיט א וווּנדערלעכער איידלקייט.

א בוילעטן כויסעם פון דער צייט פון פארלוסטן טראָגט אף זיך אן אנדער, נאָך מער גייסטרייך פרויען־געשטאלט, דאָס געשטאלט פון פ. זעווינא, דער פרוי פונעם באוווּסטן קינסטלער ל. זעווין, וועלכער איז אומגעקומען אפן פראָנט אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. דער פאָרטרעט פון אָט דער פרוי איז געמאָלט אין 1948, נאָר לויט זיין טראגישן אינהאלט איז ער ענג פארבונדן מיט אקסעלראָדס שאפן פון די מילכאָמע־יאָרן. דאָס איז א פאָרטרעט — א רעקוויִעם. די בלויִלעך־גרויע און שווארצע טענער, דער סילועט פון דער פרויען־פיגור מיט זיינע פליסנדיקע ווייסע פאָרמען, די מאסע לאנגע שווארצע האָר, צעוואָרפענע איבער די אקסלען, דער געטאָקטער האלדז און דאָס עטוואָס לענגלעכע פאָנעם פון דער פרוי — אלץ דינט אף צו שאפן די טראגישע שטימונג.

זעווינא קוקט אין א זייט, האגאם געמאָלט איז זי אנפאס און איר פיגור איז פארקאָמפאָנירט אין צענטער פונעם בילד. אינעם דאָזיקן צעשטרייטן בליק, אין דער אומרויִקער ליניע פון די ברעמען, אין די פעסט צונויפגעדריקטע ליפן פילט זיך א טיפער פארבאָרגענער ווייטעק און א גרויסע איידלקייט פון געפילן.

פון פ. זעווינעס פאָרטרעט לאָזט זיך ציִען א ליניע

צו אקסעלראָדס שפּעטערדיקער באַוווּסטער סעריע „געטאָ“, האָגאַם אין איר פאַרגאַנצטער פאָרם, ווי זי איז באַוויזן געוואָרן אף דער אויסשטעלונג אין ראָסטאָוו, איז די דאָזיקע סעריע אפן ערשטן קוק געלייזט גאָר אף אן אנדער אויפן.

פאר דער געטאָ־סעריע איז כאראקטעריסטיש די שארפקײַט פון קאלטע פארבן, נערוועז־אָנגעשטרענגטע, גרינלעך־בלויע טענער. אין דער דאָזיקער סעריע, געמאָלט מיט טעמפּערא (דעם מאָלערס באליבטער מאטעריאל זינט דעם אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן), איז פארקערפּערט דער פּאטאָס פון באשולדיקונג, דער לײַדנשאפטלעכער פּראָטעסט. אין פּ. זעווינס פּאָרטרעט איז די מילכאָמע־טעמע אויסגעדריקט דורך דעם אינערלעכן לעבן פונעם פרויען־געשטאלט, וואָס האָט אײַנגעזאפּט אין זיך די גאנצע טיפקײַט פונעם פארלוסט.

אין דער זעלבער צײַט אָבער איז די געטאָ־סעריע א געזעצמעסיקע פאָרזעצונג סײַ פון זעווינס פּאָרטרעט, סײַ פון די מילכאָמע־אקווארעלן, ווי אויך פון די פריִע מינסקער ארבעטן. אקסעלראָדס טיפע מענטשלעכקײַט האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער אײַנגעהאלטענער גאמע, אין וועלכער ער האָט געשילדערט פאָלקס־טיפּן און סצענעס פונעם פאָלקס־לעבן אין די צוואנציקער — דרײַסיקער יאָרן. אקטיווער און פארביקער האָט זי דורכגעקלונגען אין די איליוסטראציעס און טעאטראלע עסקיזן. און ענדלעך האָט דעם קינסטלערס הייס הארץ אָפּגערופן זיך אפן גרויסן פאָלקס־אומגליק אין די יאָרן פון מילכאָמע.

די מענטשן פון געטאָ זײַנען אין אקסעלראָדס בילדער פול מיט זעלבסטווירדע. זייערע געשטאלטן זײַנען גײַסטרײַך. זייערע ליידן האָבן זיי פארברידערט. איבער זייערע אויסגעדארטע איידעלע פּנעמער טראָגן זיך אָפּשײַנען פון א פארבאָרגענעם פלאם — דעם פלאם פון צאפּלדיקן לעבן.

דעם קינסטלערס שפּראך באקומט דאָ א מאָנומענטאלן כאראקטער: גרויסע פיגורן, שטארק פאראלגעמיינערטע פאָרמען, א באזונדערס דערהויבענע דעקאָראטיווע הילכיקײַט פונעם קאָלאָריט. מיט די אלע מיטלען פּראָטעסטירט דער קינסטלער קעגן דער פארניכטונג פון מענטשן, קעגן דער פארניכטונג פון שיינקײַט, ווײַל ווי דאָס זאָל ניט קלינגען פּאראדאָקסאל, שטעלט מיט זיך פאָר די געטאָ־סעריע אויך א געזאנג וועגן דער שיינקײַט פון מענטש.

איבער דער טעמע פון געטאָ האָט אקסעלראָד געארבעט העכער צוואנציק יאָר. די ערשטע עסקיזן געהערן נאָך צו דער מילכאָמע־צײַט. די בילדער, וועגן וועלכע עס גייט דאָ א רייד, זײַנען געמאָלט אין די יאָרן 1964 — 1965. אף דער אויסשטעלונג אין ראָסטאָוו האָט די געטאָ־סעריע געהאט א באזונדערן דערפאָלג. די צושויער האָט צוגעצויגן די געזעלשאפטלעכע פּאָזיציע פונעם קינסטלער, זײַן הומאניסטישער פּאטאָס.

פאר אקסעלראָדס ארבעטן פונעם איצטיקן פּעריאָד איז כאראקטעריסטיש די זייער אקטיווע אופפאסונג פונעם לעבן, די אומדערמידלעכקײַט אין שעפערישע זוכענישן, דער גרויסער מאָלערישער טעמפּעראמענט. פילארטיק זײַנען דעם מאָלערס קינסטלערישע מיטלען. אין די פּייזאזשן און פּאָרטרעטן פון די פופציקער, און דעריקער פון די זעכציקער יאָרן ווערט די דעקאָראטיווע זאפטיקײַט פון קאָליר באגלייט מיט א רײַכער טאָנאלער ניואנסירונג.

דער נײַער עטאפּ אין אקסעלראָדס שאפן אנטפּלעקט פאר אונדז אויך א נײַע קוואליטעט פון זײַן באגאבונג. אין די פריִע ארבעטן האָבן מיר זיך ניט געטראָפן מיט אזא אינטענסיווקײַט פון קאָליר, ווי, לעמאָשל, אינעם פּאָרטרעט פון וו. פּאָטאפּאָווא, און אויך ניט מיט אזא ראפינירטקײַט פון קאָלאָריט, ווי אינעם פּאָרטרעט פון דער טאָכטער (1963) און אינעם פּאָרטרעט פון ר. רובין (1966).

אקסעלראָד פאָרט א סאך ארום איבערן לאנד. אין זײַנע פּייזאזשן זײַנען פארקערפּערט א דאָרף הינטער מאָסקווע און דער אזאָווער יאם, די באלטיק און די קארפּאטן, פישפאנג־קאָלווירטן און שטעט אפן ברעג פונעם שווארצן יאם.

ניט קיין אימפּרעסיאָניסטיש אופגעפאסטע, פארבײַשוועבנדיקע אײַנדרוקן רעגן דעם קינסטלער. פארקערט, אין זײַנע ארבעטן שטרעבט ער צו דער פילאָסאָפישער באזיניקונג פונעם שטאנדהאפטיקן, פונעם דויערהאפטיקן אין דער נאטור־וועלט. די לירישע אינטאָנאציע שטרײַכט בא אים אונטער די באגײַסטערונג פאר דער נאטור. די ליכט־ און לופט־אטמאָספער שטעלט מיט זיך פאָר א וויכטיקן קאָמפּאָנענט פונעם פּייזאזש. דער רוים איז דאָ אָבער קיינמאָל ניט קיין איליוזאָרישער. די מאָלערישע פלאך ווערט דאָסראָוו אָרגאניזירט אף א דעקאָראטיוון אויפן.

דער קינסטלער דרינגט ארײַן טיף אינעם כאראקטער פונעם נאטור־מאָטיוו. ער געפינט פאר אים דעם פּאסיקן עמאָציאָנעלן שליסל. פאר אקסעלראָדן איז כאראקטעריסטיש די פּאָעטישע באציִונג צו דער נאטור, די פארליבטקײַט אין לעבן, אין אירע פאָרמען און קאָלירן. ס׳איז גענוג צו פארגלײַכן דעם זילבערדיקן שלייער פונעם רעגן („א רעגן אף דער אָזערע סעניעזש“) און די פארבן פונעם „אָפּגעבליטן טאמאריסק“, דעם זוניקן בערדיאנסק און די טאלינער „רויטע דעכער“, קעדיי אין דעם זיך צו איבערצײַגן. די לעבנסלוסטיקײַט איז פאר אקסעלראָדן אלס קינסטלער ניט ווייניקער כאראקטעריסטיש, ווי דער טראגיזם, וועגן וועלכן מיר האָבן פריִער גערעדט. גאָר געוויינלעכע קעגנשטאנדן — עטלעכע כפייצים פון פלאסטמאסע, א וועק־זייגער, א לאָמפּ אף א העלן טישטעך ווערן אין דעם מאָלערס א נאטיורמאָרט פון 1962 דערהויבן צו א יאָמטעוו פון לעבן.

דער אייגנארטיקער בוי פון אקסעלראָדס פּאָרטרעטן פאָדערט א פארטיפטע פאָרשונג. די אינהאלטלעכע אויסדריקלעכקײַט, דעם אונטערטעקסט פונעם פּאָרטרעט גיט דער קינסטלער איבער מיט פארב. דער קאָלאָריט איז דאָ אן אינטענסיווער און א פארשיידנארטיקער. אקסעלראָד מײַדט אויס די זשאנערדיקײַט, מיט וועלכער אייניקע קינסטלער דערגאנצן אָפטמאָל דאָס געשילדערטע געשטאלט. ס׳איז אים פרעמד אויך די פארפלאכטע מאָנומענטאלישקײַט, די געמאכטע גרויסקײַט, וועלכע דערפירט אָפּט צו א סכעמע. די געשטאלטן פון זײַנע מיטצײַטלער זײַנען בא אים פריִער פון אלץ אינטעלעקטועל. דאָס רײַכע אינערלעכע לעבן, די קאָמפּליצירטקײַט פון דער גײַסטיקער וועלט, וועלכע דער צושויער דערפילט הינטער דעם קאָמפּאָזיציאָנעלן גלײַכגעוויכט, הינטער דער פּאשטעס פונעם אויסערלעכן אָנבליק, זײַנען אין איינקלאנג מיט די גאָר ערנסטע שטרעבונגען אין דער קונסט פון אונדזער צײַט.

אין די פּאָרטרעטן דריקט אויס דער קינסטלער זײַן פאָרשטעלונג וועגן מענטשן, א פאָרשטעלונג, וועלכע

איז אויפגעהויבן איבער דער טאָגטעגלעכקייט, האגאם אין איר וואָרצלט זי זיך. פארגעדענקען מיר די געשטאלטן פון דעם טרוימענדיקן לעוו אָזעראָוו, פון דער איינגעהאלטן־קאלטער ווערא סמירנאָווא, פון דעם דערהויבענעם יוזאָווסקין. אָט די פּאָרטרעטן פון רוסישע שרייבער טיילן זיך אויס מיט זייער אויסערלעכער רויִקייט, זיי זיינען אָבער ווייט ניט סטאטיש. די אָפענע קלאָרקייט אינעם פּאָרטרעט פון ס. נאריניאני, די קרעפטיקייט פון ב. סלוצקי, די מוטיקייט אין יע. רזשעווסקעס געשטאלט, דער לעבעדיקער פרויען־צאפּל אין זשיוואָוועס אָנבליק — דאָס זיינען אלץ ביישפּילן פון דער כאראקטער־דינאמיק בא אקסעלראָדן.

דער הינטערגרונט אין אקסעלראַדס פּאָרטרעטן איז שטענדיק אן אקטיווער, האגאם זעלטן ווען אנטהאלט ער קאָנקרעטע דעטאלן. דער הינטערגרונט שאפט די באדינגלעכע אטמאָספער, אין וועלכער עס טרעט אמבוילעטסטן ארויס דער סימבאָלישער באדייט פון דער פארב אין דער אויספורעמונג פון דעם געשטאלט — דער בלויער טאָן אינעם בילד „דער אלטער פון יאשרניי“, דער גרינלעכער קאָליר אינעם פּאָרטרעט פונעם אלטן פישער.

...מיט מייער אקסעלראָדס שאפן האָב איך זיך באקאנט פארהעלטניסמעסיק ניט לאנג. אף איינער פון די גרויסע אויסשטעלונגען אין מאָסקווער מאניעזש האָט מיך צוגעצויגן מיט זיין אייגנארטיקייט אקסעלראָדס פּאָרטרעט פונעם שרייבער ר. פריימאַן. דערנעבן זיינען געהאנגען זיינע פּאָרטרעטן פון לעוו אָזעראָוו, אלעקסאנדרע ברושטיין און אייניקע פייזאזשן. און מיטאמאָל איז אויפגעקומען א געדאנק: ווי אָפט און ניט בארעכטיקט ווערט אין אונדזער צייט מאָלעריי פארביטן מיט פארגרעסערטער לויט איר פארנעם גראפיק, מיט דער אימיטאציע פון א קינאָ־קאדער אָדער גאָר מיט א דעקאָראטיוון פאנאָ.

אין מייער אקסעלראָדס ארבעטן האָב איך דערזען מאמעש מאָלעריי, אין וועלכער יעדער פּיר מיטן פּענדזל איז פונעם קינסטלער טיף באזיניקט. א מאָלעריי א הייִנטצייטיקע, א ליכטיקע, א לעבנסלוסטיקע.

י. רודניצקאיא

דירעקטאָר פון מוזיי פון בילדערישער קונסט אין ראָסטאָן־דאָן.

די יידישע פרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

„דער אמת“

„שימשן־האגיבער“

אין נומער פארן 2 אָקטיאבער איז אָפּגעדרוקט אן ארטיקל פון וו. מ. וועגן דעם סקולפּטאָר י. איטקינד, וואָס איז הייִנט אלט 92 יאָר. אין ארטיקל ווערט געזאָגט:

„איך האָט ווען־עס־איז געלייענט עליזע אָזשעשקעס דערציילונג „שימשן־האגיבער“? אויב איר ווילט זיך באקאנען מיט אָט דעם געשטאלט, וואָס איז באשאפן געוואָרן, קאָן מען זאָגן, דורך דער פאנטאזיע פון א קינסטלערן, — באזוכט דעם סקולפּטאָר איטקינד און באקאנט זיך מיט אים“.

ווייטער דערציילט דער אווטאָר פונעם ארטיקל, אז דער בארימטער פאריזשער קונסט־קריטיקער עוועגארד האָט, זייענדיק צוגאסט בא אונדז אין לאנד, באזוכט די אויסשטעלונג פונעם מאָסקווער קרייז פון יידישע ליטעראטן און קינסטלער. דאָרט האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן די ארבעט פונעם סקולפּטאָר איטקינד. „דאָס איז א וווּנדערבארער טאלאנט, — האָט געזאָגט עווענארד, — איך קאָן איטקינדן ניט צורעכענען צו די אָנהענגער פון אוועלכער־ניט־איז שול, ער האָט זיין אייגענעם זשאנער... זיין האָלץ־ארבעט „אף קידעש־האשעם“ וועט האָבן א היסטאָרישע באדייטונג... דער ביוסט „דער מעקובל“ זעט אויס ווי א מיסטיש ווערק פון ערגעץ אן אנדער וועלט“.

„דער וועקער“

מוישע קולבאק וועגן יידיש

אין די נומערן פארן 9 און 10 אָקטיאבער איז פארעפנטלעכט אן אינטערעסאנטע סקיצע פון מוישע קולבאק „דאָס יידישע וואָרט“.

מיר ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון אָט דער סקיצע.

„מענדעלע האָט געמוזט איבערבויען זי (די יידישע שפראך. — רעד.) אפדאָסניי. ווי א מייוון באטראכט א גוט שטיקל סכוירע, אזוי האָט מענדעלע באטראכט די שפּראך: „פּאָמאָניצעס טראָגן, וואסער אָנטראָגן, מיט דער באלעבאָסטעס קינדערלעך זיך ארומטראָגן, דער באלעבאָסטע באם אָנקויפן אלצדינג צוטראָגן, שטיקלעך ארבעט אהין־אהער אָפּטראָגן, מיט באלעבאטישקייט שטענדיק זיין פארטראָגן און איטלעכנס קאפּריז, קלעפּ און באליידיקונג אריבערצוטראָגן“. מענדעלע איז, אפּאָנעם, געבליבן צופרידן פון דער בייגעוודיקייט פון דער שפּראך“...

„פּערעצעס שפּראך איז א מין פייערווערק, וואָס צעשיט זיך פונקענווייז, שעמערירנדיק און בליצנדיק. פּערעץ אליין האָט זיך ניט גערעכט, אז דאָס אָרעמע יידיש זאָל קאָנען געיאָגט ווערן אין אזא אומגעדולדיקן ריטם“...

„יידיש איז אויסגעפּרוּווט געוואָרן דורך אלערליי גרעסערע און קלענערע גייסטער. די פייִנסטע געפילן און די טיפסטע געדאנקען האָבן געקאָנט ארויסגעזאָגט ווערן אף מאמעלאָשן. אָבער דאָך האָט מען געמוזט איבעראשט ווערן, ווען אין יידיש האָט זיך באוויזן דער ערשטער אריסטאָקראטישער (אין אלעגאָרישן זין, וואָס דריקט אויס שיינקייט, ניט אין סאָציִאלן זין) סטיל.

דעם דאָזיקן סטיל אין דער יידישער ליטעראטור האָט ארייַנגעפירט דאָוויד בערגעלסאָן. די קאלטלעכע, ווייכע, עפּיש־פארכאָלעמטע שפּראך פון „נאָך אלעמען“ איז דאָס נייַע געשטאלט, אין וועלכן יידיש האָט זיך באוויזן און האָט באלויכטן די יידישע שפּראך מיט אן אייגנארטיקער שייַן“...

א·ו·נ·ד·ז·ע·ר·ע איבערזיכטן

1. דאָס גאָרקי־יאָר

אין ליטעראַרישן לעבן פון אונדזער לאַנד איז דאָס יאָר 1968 פאַרעכנט אַלס גאָרקי־יאָר. די פייערונג פונעם שרײַבערס הונדערטסטן געבורטסטאָג האָט זיך ניט פאַרענדיקט מיטן גרויסן יובילײ־אָוונט אין צוזאַמענפאָרן־פּאַלאַץ פון מאָסקווער קרעמל (וועגן אָט דעם אָוונט האָבן מיר געשריבן אין פאָריקן איבערזיכט, זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 6). ביז איצט ווערן סיסטעמאַטיש געלײענט פאַר פאָלגעפאַקטע אאודיטאָריעס לעקציעס וועגן גאָרקין, די פּרעסע הערט ניט אויף צו פּובליקירן נײַע מאַטעריאַלן, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און דערינערונגען אַף דער גאָרקי־טעמע. אין די הויכשולן קומען פאָר וויסנשאַפטלעכע סעסיעס, געווידמעט דעם גרונטלייגער פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, א באַזונדער אָרט אין די יובילײ־פייערונגען האָט פאַרנומען דער פאַרייניקטער פּלענום פון די שרײַבער־פאַרבאַנדן פון פססר און רספסר אין גאָרקי.

אין א ריי צײַטונגען („פּראַוודאַ“, „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“) זײַנען פאַרעפנטלעכט אַרויסטרעטונגען און אינטערוויוען פון אויסלענדישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן אָנטײלגענומען אין די גאָרקי־פייערונגען. דער שרײַבער מאַרטין לאַרי (פינלאַנד) האָט אָפּגעמערקט די וועלט־באַדײַטונג פון גאָרקיס שאַפן. לויט די מאַטעריאַלן פון יונעסקאָ פאַרנעמען גאָרקיס ווערק דאָס ערשטע אָרט צווישן די שאַפונגען פון די שרײַבער, וועלכע ווערן איבערגעזעצט אַף פאַרשיידענע שפּראַכן פון דער וועלט. מולק ראַדזש (אינדיע) באַהויפּט, אַז נאָך באַלזאַקן און טאָלסטאָיען האָט קיינער אין דער וועלט־ליטעראַטור ניט אָפּגעגעבן זיך מיט אַזא ברענענדיקער לײַדנשאַפט דעם קאַמף פאַרן מענטשן, ווי דאָס האָט געטאָן גאָרקי. דער ענגלישער שרײַבער אַלאַן סיליטאָו זעט אײַן די סיבע פון דער אויפווירקונגס־קראַפט פון גאָרקיס ווערק אַף לייענער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין דעם, וואָס די העלדן פון אָט די ווערק זײַנען טרעגער פון סאַמע טיפן הומאַניזם.

גאָרקיס הונדערטסטער געבורטסטאָג איז אָפּגעמערקט געוואָרן אין גאָר דער וועלט. מע קאָן זאָגן, אַז עס איז קימאַט ניט פאַראַן קיין איין לאַנד, ווו די פּרעסע זאָל האַיאָר ניט דרוקן פּילצאָליקע אַרטיקלען וועגן גאָרקין, ווו צום יובילײ זאָלן ניט דערשײַנען קיין נײַע אויסגאַבעס פון גאָרקיס ווערק. ניטאָ אָבער, ווי באַוווּסט, קיין קלאַל אָן אַן אויסנאַם. און אין דעם פאַל איז דער אויסנאַם... די הײַנטיקע כינע. ניט דערוועגנדיק זיך אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן גאָרקין, האָט פּעקין באַשלאָסן אינגאַנצן צו פאַרשווײַגן דעם יובילײ.

וועגן דער באַציִונג צו גאָרקין אין די אָפיציעלע קרײַזן פון כינע דערציילט אין זײַן אַרטיקל אין „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ (נומ. 25) מ. שניידער. דער פאַקט פון פאַרשווײַגן אין כינע גאָרקין, ווײַזט אָן דער אַווטאָר, איז פאַרבונדן מיט דער צעיושעטער קאַמפּאַניע פון דער מאַאָ־פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור. עס איז אָבער גוט באַוווּסט, אַז קימאַט אַלע ווערק גאָרקיס זײַנען איבערזעצט אין כינעזיש, אַז גאָרקי איז אין כינע שטענדיק געווען איינער פון די סאַמע באַליבטע שרײַבער. ער האָט געהאַט אַן אויסשליסלעך רעוואָליוציאָניזירנדיקן אײַנפלוס אַף דער אַנטוויקלונג פון דער כינעזישער ליטעראַטור. „מיר האַלטן גאָרקין אַלס אונדזער לערער“, — האָט געזאָגט דער גרויסער לו סין.

און אָט לייענען מיר איצט אין א פלוגבלעטל (דאַצזיבאַאָ) פון די כונווייבינער פון כאַרבינער בויונגאינסטיטוט אַן אויסצוג פון מאַאָ צזע־דונס אַן אינטערוויו אין פעוורואַל 1964. „גאָרקי האָט זיך געלערנט וויסנשאַפט סאַכאַקל צוויי יאָר, — זאָגט מאַאָ. — אַלע זײַנע קענטענישן האָט ער דעראָבערט דורך זעלבסטבילדונג“. דעם „גרויסן שיפּסקאַפּיטאַן“ זײַנען אָט די ווערטער נייטיק געווען, קעדיי באַגרינדן די נײַע בילדונגס־פּראָגראַם אין כינע, לויט וועלכער דער בילדונגס־קורס ווערט פאַרקירצט אַקוראַט אַף א העלפט. מאַאָ צזע־דון האָט זיך ניט געשעמט אויסצונוצן דעם נאָמען פון א מענטשן, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע שפּיצן פון דער קולטור, אַף צו באַרעכטיקן... קולטורלאָזיקײַט.

לויט דער אײַנשטעלונג פון מאַאָן האָט מען געעפנט א פײַער קעגן איינעם פון גאָרקיס ווערק, וואָס איז באַזונדערס באַליבט בא די כינעזישע לייענער, — קעגן דעם ראָמאַן „די מוטער“. אין אָט דעם ראָמאַן האָבן די מאַאָ־לײַט געפונען „רעליגיִעזן פאַנאַטיזם“, „בורזשואַז־הומאַניסטישע אָנשויונגען“. מע האָט ניט פאַרפעלט צו מאַכן טיל־טעל אויך פון דער דערציילונג „די זקיינע איזערגיל“. דאַנקאָן האָבן די מאַאָיִסטן פּראָקלאַמירט אַלס „אינדיווידואַליסט און נאַציאָנאַליסט“. אין איינער א דאַצזיבאַאָ פון די כונווייבינער פון פּעקינער אוניווערסיטעט אין 1966 איז אָנגעוויזן, אַז „די זקיינע איזערגיל“ ווידערשפּרעכט מאַאָ צזע־דונס טעזיס וועגן דער „נייטיקײַט צו שטיצן זיך אַף די מאַסן, לערנען זיך בא די מאַסן“.

לאָמיר צוגעבן, אַז מיט מאַאָ צזע־דונס בראָכע זײַנען גאָרקיס ווערק אין כינע ניט נאָר געוואָרן טרייף־פּאָסל. עס איז געשען עפּעס ערגערס. אין „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ נומ. 29 דערציילט דער כינעזישער קאָמוניסט צזין טשזשי (אויס מוירע פאַר רעפּרעסיעס איז ער אַנטלאָפן פון זײַן היימלאַנד), ווי די כונווייבינער האָבן אַף די פּלעצער און גאַסן פון פּעקין אָנגעצונדן ביכער־שײַטערס, אַף וועלכע עס האָבן געפלאַקערט, צוזאַמען מיט די ווערק פון שעקספּיר און ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, סערוואַנטעס און געטע, שילער און פּושקין, אויך די שאַפונגען פון אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקי.

2. קריטישער רעאַליזם און סאָציאַליסטישער רעאַליזם

אין זשורנאל „וואָפּראָסי ליטעראטורי" (נומ. 1 פון 1968) איז אָפּגעדרוקט אן אינטערעסאנט ארטיקל פונעם מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר ל. טימאָפייעוו — „א לעבעדיקער, זיך באוועגנדיקער מעטאָד". דאָס ארטיקל פירט אונטער א סאכאקל פון אייניקע דיסקוסיעס וועגן די פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן רעאליזם. דער אווטאָר שטעלט די פראגע וועגן די פילארטיקע אנטוויקלונגסוועגן, וועלכע דער מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאליזם מאכט דורך אין די פארשיידענע ליטעראטורן פון דער וועלט, וועגן דער קעגנזײַטיקער פארהעלטעניש צווישן אָט דעם מעטאָד און די טראדיציעס פונעם קריטישן רעאליזם, וועגן דער נייטיקײַט צו באטראכטן דעם סאָציאַליסטישן רעאליזם ניט בלויז אלס אלגעמיינעם מעטאָד, וואָס פירט די סאָוועטישע שרײַבער אין אן איינהײַטלעכער שעפערישער ריכטונג, נאָר אין דער זעלבער צײַט אויך אלס א נאציאָנאל־היסטאָרישע דערשײַנונג, וועלכע געפינט אן אינדיווידועלן אויסדרוק אין דער אנטוויקלונג פון יעדער איינער פון די סאָוועטישע ליטעראטורן.

ווען לענין האָט אין 1905 פאָרויסגעזאָגט דעם אָנקום פון א נײַער, פרײַער ליטעראטור (פון דער ליטעראטור פון סאָציאַליסטישן רעאליזם, ווי מיר זאָגן איצט), האָט ער אָנגעוויזן, אז קומען וועט זי אין רעזולטאט פונעם נײַעם היסטאָרישן אינהאלט פון דער עפּאָכע.

אויב אין סאָוועטנפארבאנד און אין די סאָציאַליסטישע לענדער האָט די געענדערטע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג ארויסגערופן דעם פּראָצעס פון דער אויספאָרמירונג און אנטוויקלונג פונעם נײַעם מעטאָד, האָט אין די ניט־סאָציאַליסטישע לענדער דער נײַער מעטאָד געמוזט באקומען אין פיל הינזיכטן אן אנדער כאראקטער. דער רעאליזם אלס קאָנקרעטער קינסטלערישער מעטאָד קומט אויף אין פּעריאָד, ווען דאָס געזעלשאפטלעכע באוווסטזײַן איז רײַף אף צו פארשטיין דיווירקלעכקײַט אין קאַטעגאָריעס פון סאָציאַלער פארווּרזאכטקײַט; דער סאָציאַליסטישער רעאליזם קומט אויף אין פּעריאָד, ווען דאָס געזעלשאפטלעכע באוווסטזײַן איז רײַף אָדער ווערט רײַף אף צו באגרײַפן די סאָציאַליסטישע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן. אָט דערפאר געפינט זיך בא אונדז דער באגריף סאָציאַליסטישער רעאליזם אין א צושטאנד פון קעסיידערדיקער פארברייטערונג.

די קריטישע שילדערונג פון די אָדער אנדערע זײַטן פונעם לעבן איז אן און פאר זיך אייגנטימלעך דער קונסט אינגאנצן גענומען, אין פארשיידענע פאָרמען אירע. וואָס מער עס אנטוויקלט זיך אין דער קונסט דער באגריף וועגן געזעלשאפטלעכן אידעאל, אלץ מער באקומט א רעאלן קינסטלערישן זין די קריטישע אופאסונג פון דער ווירקלעכקײַט.

„אזוי איז די ווירקלעכקײַט, נאָר אזוי דארף ניט זײַן" — אף אזא אויפן האָט, אין טאָך גענומען, דער קינסטלער — דער קריטישער רעאליסט אופגעפאסט דאָס לעבן אין דער פאָרסאָציאַליסטישער געזעלשאפט.

אינעם סאָציאַליסטישן רעאליזם אָבער רעדט זיך וועגן דעם, אז „אזוי איז געווען, נאָר אזוי וועט שוין ניט זײַן", „אזוי איז די ווירקלעכקײַט איצט, און אזוי דארף זי זײַן", „אזוי איז ניט געווען, נאָר אזוי וועט זײַן". זײַענדיק ענלעך מיטן קריטישן רעאליזם באם אויסוויילן דעם געשילדערטן מאטעריאל, שטעלט דער סאָציאַליסטישער רעאליזם אנדערע אקצענטן, ער רעדט מיט אן אנדער אינטאָנאציע, קוקט פון אן אנדער שטאנדפּונקט.

דער קריטיציזם בענעגייע דער פארגאנגענהײַט און בענעגייע נעגאטיווע דערשײַנונגען איז ארײַן איז דער שאפונג פון די סאָוועטישע שרײַבער פון אלע נאציאָנאליטעטן. אײַנגעשלאָסן אָבער אין א נײַער עסטעטישער סיסטעם, קאָן ער שוין ניט אופגענומען ווערן אלס קריטישער רעאליזם, ווײַל אָט דער מעטאָד האָט אין געגעבענעם פאל אריבערגעשפּאנט זײַנע היסטאָרישע גרענעצן.

ל. טימאָפייעוו קומט צום אויספיר, אז מע טאָר ניט פארײַנפאכן די אופאסונג פון דער קריטישער זײַט פונעם סאָציאַליסטישן רעאליזם אין די פארשיידענע סטאדיעס פון זײַן אנטוויקלונג.

י. ווײַנבערג

פאַשטידס

א מאָדע אַף וווּנדערקינדער

אין אמעריקע איז ווידעראמאָל געוואָרן א מאָדע אַף וווּנדערקינדער. ווי עס טיילט מיט די ענגלישע צייַטונג „דיילי מיראָר“, האָט די אָרדנטלעכע „סענסאציע“ אין ניו־יאָרק געמאכט די קינאָ־לענטע „מייַן פילם“, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק באַוויזן געוואָרן. דער רעזשיסער פון דעם פילם איז אַלט דרייַ יאָר. אין דער טעלעוויזיע איז ארויסגעטראָטן א קריטיקער, וואָס איז דער שעפער פון 24 פילמען, און האָט זייער געלויבט דעם אויבנדערמאָנטן פילם. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז די בעסטע ארבעט, וואָס ער האָט געזען פאר דער לעצטער צייַט אין קינאָ. דער קריטיקער איז אַלט צוועלף יאָר.

אויסגעפילט

דאָס איז געשען אין 1915, בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. דייַטשישע מיליטער־טיילן האָבן ארומגערינגלט אַן ענגלישע פעסטונג אין סינייַער מידבער. באַ די ענגלענדער איז אויסגעגאנגען דאָס וואסער. אין סאמע קריטישן מאַמענט האָט א פאטרול ארייַנגעפירט צום גאר־ניזאָן־נאטשאלניק קאפיטאן קייזל אַן אלטן שייך.

— איך האָב א בריוו דעם קאפיטאן קייזל, — האָט געזאָגט דער שייך.

דער בריוו איז געווען מאָדנע צונויפגעלייגט, און דאָס פאפיר האָט זיך פון אַלטקייַט געריסן אונטער די הענט.

— איך האָב אים באקומען פון נאפּאָלעאָנס הענט, — האָט דערקלערט דער זאָקן. — ער האָט געזאָגט, אַז איך זאָל אים איבערגעבן בלויז דעם קאפיטאן קייזל, און מער קיינעם ניט. איך האָב געווארט אַף אייַך לאַנגע יאָרן.

„מייַן טייַערער קייזל, — איז געזאָגט געוואָרן אין דעם בריוו, — ווי נאָר איר וועט באקומען דעם באפעל, וואָס איך שיק מיט אַן עגיפּטישן יונגערמאַן, זאָלט איר טייַקעף אויסגראָבן די רעזערוון שפייַז און שלאַכט־מיטלען, וואָס זייַנען באהאַלטן אונטער דער פעסטונג. נעמט אַלץ,

דער שעפער פון „אָדיסייע“ — א פרוי

וועגן „איליאַדע“ און „אָדיסייע“ זייַנען אָנגעשריבן אַזויפיל אויספאָרשונגען, אַז זיי וואָלטן געקאָנט בילדן א גאַנצע ביבליאָטעק. צווישן אָט די ביכער זייַנען ניט ווייניק געווידמעט דער אַזויגערופענער „האָמערישער פראגע“. ווער איז אַזוינס האָמער? צי איז ווירקלעך געווען אַזאַ מענטש? און אויב יאָ, איז ווען און ווו איז ער געבוירן געוואָרן? און דער איקער — צי איז ער דער אווטאָר פון די ביידע געניאַלע פּאָעמעס, אָדער ער האָט בלויז פארגאנצט די פאָלקס־שאַפונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט שוין לאַנג ביז אים?

צווישן די פיל היפּאָטעזעס טיילט זיך באַזונדערס אויס איינע. אירע אָנהענגער דערווייַזן, אַז די שעפער פון „איליאַדע“ און „אָדיסייע“ זייַנען געווען צוויי פארשיידענע מענטשן. איינער פון זיי — דער אווטאָר פון „איליאַדע“ — איז דער אַנאַטאָליער גריך האָמער. מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז א צונאָמען, זייַן עמעסער נאָמען איז געווען מעלעסיגען, און געלעבט האָט ער אין VIII יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע. וואָס איז שייַעך דעם אווטאָר פון „אָדיסייע“, איז נאָך אין פאָריקן יאָרהונדערט ארויסגערוקט געוואָרן א היפּאָטעזע וועגן דעם, אַז דער שעפער פון אָט דער עפּישער פּאָעמע איז געווען א פרוי. דער בוך פונעם האָמער־פאָר־שער, דעם ענגלענדער בוטלער, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין 1897, האָט טאקע אַזוי געהייסן „א פרוי — דער אווטאָר פון „אָדיסייע“. לויט אָט דער היפּאָטעזע, האָט „אָדיסייע“ געשאפן א פּאָעטעסע פונעם אינדזל סיציליע. וועגן דעם סיצילישן אָפּשטאַם פונעם אווטאָר פון „אָדיסייע“ האָט נאָך געשריבן ביז בוטלערן דער נייַ־זעלאַנדישער געלערנטער פּאַקאַק. ער האָט אפילע געפונען א נאָמען פארן אומבאַוווּסטן פּאָעט — דרעפּאַנאָדאָר. מיט דער צייַט איז אָט די היפּאָטעזע פארגעסן געוואָרן, און איצט ווערט זי צוריק אופגעשטעלט.

אין איטאַליע איז נאָרוואָס ארויסגעלאָזט געוואָרן א סענסאַציאָנעלער בוך „אַנטדעקט די „אָדיסייע“. דער אווטאָר פונעם בוך, א געלערנטער פון טראַפּאַני, וויטאָריאָ באַראַביני באַהויפּט, אַז „אָדיסייע“ האָט געשאַפן אין הונדערט יאָר נאָך „איליאַדע“ א סיצילישער פּאָעט. דערבייַ האַלט באַראַביני, ווי בוטלער, אַז דער אווטאָר איז געווען א פּאָעטעסע. אַף וואָס באַזירט זיך אַזאַ אומגעריכטער אויספיר? פריִער פון אַלץ אַף דעם, וואָס לייענענדיק „אָדיסייע“, איבערצייַגט מען זיך אין דער ריין פרויִישער באַהאַוונטקייַט, מיט וועלכער עס זייַנען באַשריבן די שטוב־כּפּייצים און דאָס פאַמיליען־לעבן. „פאַר מיר איז אַבסאָליוט קלאָר, — זאָגט באַראַביני, — אַז בכלל איז די גאַנצע פּאָעמע אָנגעשריבן, אַזוי צו זאָגן, פונעם שטאַנדפּונקט פון א פרוי. אַלס איבעריקן באַווייַז דערצו קאָנען דינען די ליבע־סצענעס, וועלכע זייַנען באַשריבן אַזוי, אַז אפילע זייער שפּראַך זאָגט איידעס וועגן דער פרויִישער צניִעסדיקייַט פונעם אווטאָר“.

(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“)

נאַפּאָלעאָנס אופטראַג

אין וואָס איר נייטיקט זיך, און פארניכטעט די איבעריקע רעזערוון און טרעט אָפּ צו דער עגיפּטישער גרענעץ. היט איַין די בייַגעלייגטע מאפּע: אַף איר זיַינען אָפּגע־מערקט די פּונקטן, ווו ס'איז פאראן וואסער. נאפּאָלעאָן".

— אויב אזוי, — האָט געזאָגט דער קאפּיטאַן, — וועלן מיר זיך ארויסרייַסן פון דער פעסטונג. מייַן על־טערזיידע, וואָס האָט געדינט אין באָנאפּארטס ארמיי, איז דערהארגעט געוואָרן אין אָט די ערטער. מעגלעך, אז דער בריוו איז געווען אים אדרעסירט...

די פּראָדוקטן, שלאכט־מיטלען און דאָס וואסער זייַנען ווירקלעך געפונען געוואָרן. דער דערמוטיקטער קאפּיטאַן האָט געפאָלגט דער אייצע, וואָס איז געגעבן געוואָרן אינעם בריוו, און האָט אוועקגעפירט זיַינע סאָלדאטן מיטן וועג, וואָס איז אָנגעוויזן געווען אין דער אלטער מאפּע.

ווען דער שייך האָט באקומען פון נאפּאָלעאָנען דעם באפעל אָפּטראָגן דעם בריוו צום קאפּיטאַן קייזל, איז ער אלט געווען 25 יאָר. דער יונגער עגיפּטער איז געקו־מען אין דער פעסטונג, ווען זי איז שוין געווען פּוסט. אין העכער הונדערט יאָר ארום האָט דער נאָמען פון אן אנדער קאפּיטאַן קייזל דערוועקט אין אים ניט קלאָרע דערינערונגען, און דער 140־יאָריקער שייך האָט אויסגע־פילט נאפּאָלעאָנס אופטראָג.

(זשורנאל „היסטאָראמא")

א טעמפּל... אונטער א טעמפּל

אפן אינדזל סארדיניע, ניט וויַיט פון פלומיני־מאדזשאָרע, שטייען די כורוועס פון אן אלט־רוימישן טעמפּל. זיי זייַנען אויסגעגראָבן גע־וואָרן אין 1838. אין הונדערט דרייַסיק יאָר ארום, אין רעזולטאט פון נייַע ארכעאָלאָגישע אויסגראָ־בונגען, איז אונטער דער רוימישער געבייַדע אנטדעקט געוואָרן אן אנדער טעמפּל, וואָס געהערט צום IV—V יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע.

דאָס סאמע ווערטפולע צווישן די נייַע געפינסן איז א קליין געמעל אף בראָנזע. דאָס געמעל שטעלט מיט זיך פאָר דאָס ערשטע געפונענע אין סארדיניע בילד פונעם יאם־רייַזנ־דער סארדוס, וואָס זאָל האָבן, לויט דער מעסוירע, געבראכט אהער די פיניקייער און האָט געגעבן דעם אינדזל דעם נאָמען, וועלכער האָט זיך איַינגעהיט ביז הייַנט־צו־טאָג.

(„פראוודא")

שטארקער פון פייַער

דער פּריִאָריטעט אין פארברענען ביכער געהערט די פאנאטיקער פון אוראלטן גריכנלאנד, וועלכע האָבן אין 411 יאָר ביז אונדזער ערע פארברענט אף א פּלאַץ אין אטען די ביבליִאָטעק פונעם פילאָסאָף פּראָטאגאָר. א נאָכפאָלגער זייערער איז געווען דער כינעזישער אימפּעראטאָר ציִן שי־כואן. אין II יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע האָט ער באפוילן פארברענען אלע קאָנפוציִאנישע ביכער, און פארייניוועגס אויך א סאך קאָנ־פוציִס אָנהענגער.

און אָט זייַנען איַיניקע פאקטן פון דעם מין שוין פון אונדזער ערע.

XII יאָרהונדערט. דער קארדינאל כימענעס גיט אָפּ א באפעל, מע זאָל פארברענען די בארימטע קאָר־דאָווער ביבליִאָטעק. עס גייען אוועק מיטן פייַער 280 טויזנט ביכער, געשריבענע פון דער האנט. אין פיל יאָרן ארום האָט וויקטאָר הוגאָ געזאָגט: „דער בוך וועט הארגענען די קירך". דערווייַל אָבער פּרוווט די קירך הארגענען דעם בוך. XVI יאָרהונדערט. דער פּאריזשער פּארלאמענט פארורטיילט צום פארברענען „גארגאנטיוא און פּאנטאגריועל", פראנסוא ראבלעס אומשטערבלעך ווערק. XVIII יאָרהונדערט. אין מאָסקווע, לויט יעקאטערינע II באפעל, פארברענט מען 20 טויזנט „זייער עקלדיקע ביכער" פון נאָוויקאָווס טיפּאָגראפיע. דער רוסישער אויפקלערער, פארלעגער און פּובליציסט נ. אי. נאָוויקאָוו האָט ארויסגעגעבן ביכער פארן פאָלק.

דעם 10 מייַ 1933, אין בערלין, האָבן די פאשיסטן אריַינגעוואָרפן אין שייַטער צוואנציק טויזנט ביכער פאר איין נאכט! דאָס זייַנען געווען די ווערק פון מארקסן, ענגעלסן, לענינען, ליבקנעכטן, באבעלן, היינען און אנדערע דענקער, שרייַבער, געלערנטע.

אָט וואָס עס האָט געשריבן דער דייַטשישער שרייַבער סטעפאן היים: „דער דאָזיקער טאָג איז א לעבעדי־קער דענקמאָל דעם קויעך פון מענטשלעכן גייַסט. מארקס, וועמען מע האָט פארברענט, באזיגט דעם אונטער־צינדער היטלער. לאָמיר אָפּהיטן דעם בוך: פאר דער צייַט, וואָס איז אריבער פון יענעם טאָג, איז דאָך קלאָר געוואָרן, וואָס פאר אן ענגע פארבינדונג עס עקזיסטירט צווישן לעבן פון אונדזערע ביכער און דעם לעבן פון אונדזערע קינדער".

ניט לאנג צוריק, אין יאנוואר 1968, האָט אין די מייַרעוו־דייַטשישע צייַטונגען זיך באוויזן אזא מיטיילונג: „אין קומענדיקן מיטוואָך וועט די באהייצונג־סיסטעם פונעם צענטראלן אוניווערמאג אין דער שטאָט בייַרויז ארבעטן אף קאָמוניסטישער ליטעראטור". פון שפּאניע איז געקומען א ידיעה, אז דער גענעראל פראנקאָ האָט באפוילן פארברענען דידראָס ראָמאן „די מאָנאשקע"...

די ביכער אָבער זייַנען שטארקער פונעם פייַער, ווי דער מענטשלעכער גייַסט איז שטארקער פונעם אומזין.

(ביולעטען „ראדיִאָ און טעלעוויזיע")

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

א פּאָר ווערטער צו דער פאַרשפּרייטונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אין אויסלאַנד

„סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט לייענער אין 30 לענדער פון דער וועלט. אכוץ דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַרשטייט זיך. דער ניו־יאָרקער בירגערלעכער זשורנאַליסט א. גאָלאָמב האָט אנומלטן, ריידנדיק אין זײַנעם אן אַרטיקל וועגן דעם, אז אין אמעריקע לייענט מען ווייניק יִידישע ליטעראַטור, פאַרענדיקט מיט אזא מע־לאָדראַמאַטישן אויסרוף: „עס איז מיר א כאָרפּע פאַר דעם אנדערן לאַנד (פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד. — רעד.), וואָס גיט יאָ ארויס א גרויסן יִידישן זשורנאַל („סאָוועטיש היימלאַנד“. — רעד.)... איך שעם זיך גאָר צו שרײַבן וועגן דעם“.

פאַרוואָס? אָט, לעמאָשל, שעמען מ י ר זיך ניט איבער־צוכאַזערן די דאָזיקע ווערטער א. גאָלאָמבס...

די פּראָגרעסיווע „מאָרגן־פרײַהײַט“ האָט פאַרפינקט־לעכט דעם איניען אָף אזא אופן: „א. גאָלאָמב וואָלט געוואָלט, אז די יִידישע עפנטלעכקײַט דאָ אין לאַנד (אין פּשא. — רעד.) זאָל סובסידירן א גרויסן יִידישן זשורנאַל אפן שטייגער, אפּאָנעם, ווי „סאָוועטיש היימ־לאַנד“. אדעראַבעו!“

און מיר כאַזערן איבער אויך ד י ד אָ ז י ק ע ווערטער. אדעראַבעו! מיר ווינטשן פון פולן האַרצן דעם זעקסמיליאָניקן יִידישן יישעוו אין די פאַריייניקטע שטאַטן פון אמעריקע, אז ער זאָל וואָס גיכער האָבן בא זיך אזא זשורנאַל, ווי „סאָוועטיש היימלאַנד“. דאָס זעלבע ווינטשן מיר די יִידישע לייענער פון אַרגענ־טינע, פראַנקרײַך, אווסטראַליע, בראַזיליע, קאַנאַדע...

אגעוו, אין איינעם פון די לעצטע נומערן פון דער קאַנאַדער „וואָכנבלאַט“ דערציילט א י ש י ק ע, דער אווטאָר פונעם קאָלום „פון דאָ און דאָרט“, א געשיכטע, וויִאזוי ער האָט זיך געווענדט צו די באַלעבאַטים פון יִידישע „בוק־סטאָרס“ (בוך־געשעפטן), זיי זאָלן פאַר־קויפן „סאָוועטיש היימלאַנד“, און וואָס די קאַנאַדער יִידישע ביזנעס־לײַט האָבן געענטפערט. „דאָס איז ניט קיין קאָשערע סכוירע“, — האָט ארויסגעשטאַמלט איינער; א צווייטער האָט זיך געדרייט אפן קאָרעק: „איניקע מײַנע שטענדיקע קוינים וועט עס ניט געפעלן... איר ווייסט דאָך... פּאַרנאָסע“...

א י ש י ק ע שטעלט ריכטיק דעם דיִאַגנאָז: געוויסע קרײַזן „ווילן זייער שטאַרק ניט, אז יִידן אין אויסלאַנד זאָלן וויסן, ...אז אין מאָסקווע דערשײַנט דער סאַמע בעסטער יִידישער זשורנאַל אין דער וועלט. און אויב געוויסע יִידן ווייסן יאָ וועגן דעם, זאָלן זיי דעם זשורנאַל און די יִידישע ביכער פון סאָוועטנפאַרבאַנד ניט קאָנען קריגן אין די בוך־געשעפטן“...

צום גליק, באַגייען זיך די ליבהאָבער פון יִידישער ליטעראַטור און קולטור אין קאַנאַדע אָן די באַלעבאַ־טים פון די „בוק־סטאָרס“. די עטלעכע הונדערט ליי־ענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אין טאָראָנטאָ, מאָנט־רעאַל, וויניפּעג מאַכן ניט קיין סאָד פון דעם, וואָס יעדן כוידעש, צוועלף מאָל אין יאָר, באַקומען זיי רעגולער פון מאָסקווע א פריש בענדל נײַע ליטעראַ־רישע ווערק פון א גרויסער צאָל פּראָזע־שרײַבער, ליטעראַטור־פאָרשער, פּאָעטן, קונסט־קענער, קאָמפּאָזי־טאָרן, מאָלער.

דאָס האָט, נאַטירלעך, א שײַכעס ניט נאָר צו קאַ־נאַדע. אָט איז א בריוו, וואָס די רעדאַקציע האָט אָקאָרשט באַקומען:

דאָנערשטיק, 8 אווגוסט 1968. פאַריייניקטע שטאַטן. ניו־יאָרק, ניו־דזשערסי.

כאָשעווער רעדאַקטאָר!

לייענענדיק א פּאָר מאָל די רעצענזיעס פון דעם ליטעראַטור־קריטיקער אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“ אין פאַרבינדונג מיט „סאָוועטיש היימלאַנד“, האָב איך זיך באַמיט צו קריגן דעם זשורנאַל אײַערן בא מײַנעם א באַקאַנטן, פאַרשטייט זיך א לינקן, ווי מיר דאָ אין אמעריקע רופן זיי (איך בין א פּויאַליי־ציִען). פאַר־שטייט זיך, אז איך האָב א נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“ געקראָגן און האָב אים איבערגעלייענט פון אַלעף ביז טאָף. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון אים. יעדער אווטאָר, סײַ אפן פּראָזע־געביט, סײַ אין פּאָעזיע, איז אן עכטער קינסטלער. דאָס איז מײַן אָפּשאַצונג פון די שרײַבער און דיכטער לויט איין נומער פונעם זשור־נאַל. איך וויל זיך אָבער ניט באַפרידיקן בלויז מיט דעם איינציקן נומער. דעריבער בעט איך אײַך, כאָ־שעווער רעדאַקטאָר, מיך אָנעמען פאַר אן אַבאָנענט, און שיקט מיר רעגולמעסיק דעם זשורנאַל. שרײַבט מיר, וויפל איך דאַרף באַצאָלן פאַר א יאָר און וווּהין דאַרף איך שיקן א באַצאָלטן טשעק — דאָ הייסט אזא טשעק מ אָ נ י אָ ר ד ע ר. צי עפּשער האָט איר דאָ, אין ניו־יאָרק, א פאָרשטייער, וואָס איך קאָן אים צו־שיקן דעם טשעק. אַלנפאַלס, שרײַבט מיר, זײַט אזוי גוט, און שיקט מיר ארויס דעם זשורנאַל. גלייבט מיר, אז איך בין א באָטועך, מע מעג מיר געטרויען. זײַט מיר געזונט און שטאַרק.

מוישע פּאָליאַקאָוו
Mr. M. Polakoff
378 Wainwright st.
Newark N. I. 07112 U.S.A.

ענטפערנדיק אײַך, כאָשעווער מוישע פּאָליאַקאָוו, ע פ נ ט ל ע ך אָף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, ווילן מיר, אז וועגן דעם זאָלן וויסן אַלע ליבהאָבער פונעם יִידישן קינסטלערישן וואָרט אין אויסלאַנד:

אַבאָנירן זיך אָף „סאָוועטיש היימלאַנד“ קאָן מען אין די אָרטיקע פירמעס, וועלכע פאַרקויפן פּעריִאָדישע אויסגאַבעס פון ראַטנפאַרבאַנד. דעם אַדרעס פון אָט די פירמעס קאָן מען זיך דערוויסן סײַ בא דער סאָוועטישער האַנדלס־פאָרשטייערשאַפט, סײַ, גלייבן מיר, אין די רעדאַקציעס פון די פּראָגרעסיווע יִידישע אויס־גאַבעס און אין די פּראָגרעסיווע יִידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס (לעמאָשל, אין „איקוף“).

מיר שיקן אײַך ארויס די לעצטע נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד“, פאַר וועלכע איר דאַרפט ניט צאָלן מיט קיין „מאָני אָרדער“.

פרײַנטלעכע שאַרזשן פון יוסעף אײַגן

אף מאָטל גרוביאַנען

איך בין א טאבורעטקע,
איך בין א פענצטער,
איך בין א וואָקזאל,
איך בין א טאָפּאָרישטשע,
און די לעוואָנע
ווארפט זיך
פון בריק אין וואסער ארײַן
און ווייסט ניט
ווו־אויס און ווו־אײַן.

אווראָם־כאַים



אף שמועל גאָרדאָנען

ש. גאָרדאָן לייגט אויס זײַן ייִכעס:
כ׳האָב פונעם באלשעמטאָוו
סמיכעס —
העך אף פּראָזע, העך אף דראמע,
אף טשיקאווע מײַסעס סאמע.
כ׳בין א קריטיקער א וואזשנע,
ניט געווען אזא אין דראזשנע,
כ׳בין א יאזדעניק א געניטער,
פון דעם שטעטעלע דער היטער.

יאנקל יאקיר

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

דעם 13 אָקטיאָבער ווערט 110 יאָר, זינט אין שטעטל זופּראַן (הינטער ווילנע) איז געבוירן געוואָרן איינער פון די גרינדער פון דער יידישער פּרעסע אין אמעריקע, דער שרײַבער יאַנקעוו ראַמבראָ (ליטעראַרישער פּסעוודאָנים פיליפּ קראַנץ).

נאָך אַלס שילער פון דער רעאַל־שול איז י. ראַמבראָ ארעסטירט געוואָרן אין כאַרקאָוו פאַר רעוואָליר־ציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. זײַענדיק פאַרבונדן מיט זשעליאַבאָוון, סאָפיא פּעראָווסקאַיא און אנדערע אָנטייל־נעמער אינעם אַטענטאַט אַף אַלעקסאַנדער II, איז ער נאָך דעם דאָזיקן אַטענטאַט אַנטלאָפן קיין פּאַריזש. שטודירנדיק אין דער סאָרבאָנע, האָט ראַמבראָ צוזאַמען מיט צעטקינען (דעם מאַן פון קלאַרא צעטקין) געגרינדעט א יידישן אַרבעטער־פאַריין, וואָס האָט געפירט א סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און איז גלײַכצײַטיק געוואָרן א היים פאַר פּאָליטישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד.

אין 1888 איז י. ראַמבראָ געקומען קיין לאָנדאָן, ווו ער האָט לעבאַט־כּילע עפּיזאָדיש מיטגעאַרבעט אין מאָריס ווינטשעווסקיס „דאָס פּוילישע יידל". אין 1885, ווען עס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען די יידישע סאָציאַליסטישע צײַטונג „ארבעטער־פרײַנט", איז ראַמבראָ געוואָרן איר רעדאַקטאָר. אין פיר יאָר ארום איז ער אריבערגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, ווו ער האָט רעדאַגירט די „אַרבעטער־צײַטונג". אין 1893 איז י. ראַמבראָ געווען רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „צוקונפט".

אין א בוך־פאָרם זײַנען דערשינען י. ראַמבראָס ווערק „די קולטור־געשיכטע", „אמעריקע פאַר קאָלומבוסן", „די געשיכטע פונעם סאָציאַליזם". נאָך דער אָקטיאָבער־רעוואָליוציע איז אין מאָסקווע דערשינען זײַן בוך „די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָליוציע" (דרײַ טיילן).

י. ראַמבראָ איז געשטאָרבן דעם 27 נאָיאַבער 1922 אין ניו־יאָרק.

אין 1888, דעם 10 אָקטיאָבער, איז אין שטעטל קוידענאָוו (ווײַסרוסלאַנד) געבוירן געוואָרן דער ליטעראַטור־ און שפּראַך־פאָרשער, איינער פון די גרונטלייגער פון דער יידישער לעקסיקאָגראַפיע זאַלמען רייזען.

ברייט באַוווּסט איז בא די לייענער ז. רייזענס פירבענדיק ווערק „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע". דער דאָזיקער לעקסיקאָן דינט ביז הײַנט אַלס האַנטבוך פאַר יעדן פאָרשער פון דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

זאַלמען רייזען איז אויך דער אָווטאָר פונעם בוך „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע", וואָס שילדערט א היפּשן פּעריאָד פון דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אויך ארויסגעגעבן א „גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך". וועגן אָט דעם בוך האָט זײַן ברודער אַווראָם רייזען געשריבן („עפּיזאָדן פון מײַן לעבן"): ...דאָס איז „געווען א דאַטע אין דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט און שפּראַך־פאָרשונג. קיינער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז אַן אַרבעט פון א צוואַנציקיאָריקן באָכער פון ערגעץ אין מינסק, וואָס דורך זײַן ליבע... ריין אינטויטיוו, איז ער געקומען צום געדאַנק, אַז יידיש איז א שפּראַך פונעם באַנײַטן יידישן פאָלק, און די אַלע באַליידיקונגען, וואָס יידיש האָט געהאַט אויסצושטיין, אַז עס

איז א זשאַרגאָן, אָן א גראַמאַטיק, זײַנען ניט ריכטיק..."

זינט 1919 האָט ז. רייזען געוווינט אין ווילנע. ער איז געווען רעדאַקטאָר פון דער דעמאָקראַטישער צײַטונג „ווילנער טאָג" און איינער פון די מיטגרינדער און אָנפירער פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט („ייוואָ").

זאַלמען רייזען איז טראַגיש אומגעקומען אין ווילנע זומער 1941.

דעם 13 אָקטיאָבער ווערט 70 יאָר, זינט אין שטעטל וואָלפּע, גראָדנער גובערניע, איז געבוירן געוואָרן דער יידישער סאָוועטישער דיכטער מאָניע שאַפּיראָ.

מ. שאַפּיראָ איז לויטן פאַך געווען א לערער. לידער האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן גאָר פרי. זײַן ערשטע ליד איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מאָסקווער „דער אמת" אין 1918. נאָך דעם האָבן שאַפּיראָס ווערק — לידער און פּאָעמעס — זיך אָפט געדרוקט אין די צײַטונגען „שטערן", „קאַמפּאַן", „וועקער", אין די זשורנאַלן „שטראַם", „רויטע וועלט", „שטערן", „יונגוואַלד", „פּרייד" און אנד.

אין א בוך־פאָרם איז דערשינען מ. שאַפּיראָס לידער־זאַמלונג „פאַרטאָג" (קיִעוו, פאַרלאַג „ווידערוווּקס") און זײַן דערציילונג „אין ערשטן

יוגנט־הויז" (מאָסקווע, צענטרפארלאג), אין וועלכער ער באשרײַבט דאָס לעבן פון פארוואָרלאָזטע קינדער אין די יאָרן פונעם בירגערקריג.

מ. שאפּיראָ האָט איבערגעזעצט פון אוקראַיִניש אייניקע דערציילונגען און לערנביכער.

געשטאָרבן איז מאָניע שאפּיראָ דעם 21 מײַ 1931.

מיט 70 יאָר צוריק איז אין שטעטל סאָבאטשאָוו (הינטער ווארשע) געבוירן געוואָרן דער יִדישער שרײַבער אויזער ווארשאווסקי.

דער נאָמען אויזער ווארשאווסקי האָט זיך באוויזן אין דער יִדישער ליטעראטור אין 1920, ווען י.־מ. ווײַסענבערג האָט ארויסגעגעבן ווארשאווסקיס ראָמאן „שמוגלארס". אָט דאָס היפּשע ווערק, וואָס גיט א וואָרהאפטיקע שילדערונג פונעם לעבן פון די יִדן אין פּוילן אונטער דער דײַטשישער אָקופּאציע בייס דער

ערשטער וועלט־מילכאָמע, איז גיך פּאָפּולער געוואָרן באם יִדישן לייענער. עס איז אויך איבערגעזעצט אין העברעיִש און רוסיש.

אין 1926 האָט דער קלעצקין־פארלאג ארויסגעגעבן א. ווארשאווסקיס צווייטן ראָמאן — „שניט־צײַט". דאָס נײַע ווערק האָט ניט בארעכטיקט די האָפענונגען, וועלכע די לייענער און די קריטיק האָבן געלייגט אפן אווטאָר פון „שמוגלארס". „שניט־צײַט" האָט באקומען א קאלטן אופנעם. א. ווארשאווסקי האָט זיך גענומען צו א נײַעם זשאנער — צו עסייען וועגן קונסט און קינסטלער. זײַן מאָנאָגראפיע „אווראָם מאָנעוויטש און זײַנע מאָלערישע ווערק ביז הײַנט" איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1930 מיט א פאָרוואָרט פון א. לונאטשארסקי.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מילכאָמע, האָט א. ווארשאווסקי, וווינענדיק אין פראנקרײַך, גענומען גרייטן מאטעריאל פאר א גרויס ווערק „יִדן אין דער מילכאָמע". די היטלעריסטן האָבן זיך דערנעענטערט צו פּאריזש, און ווארשאווסקי, וואָס האָט זיך דעמלט געפונען אין מארסעל, איז מעגולגל געוואָרן קיין רוים. דאָרט איז ער ארײַנגעפאלן אין די הענט פון געסטאפּאָ־לײַט, וועלכע האָבן אים דעפּאָרטירט קיין אָשווענטשים און אומגעבראכט אין גאז־קאמער.

אין אָקטיאבער ווערט 75 יאָר, זינט עס איז אין ווארשע געבוירן געוואָרן דער יִדישער שרײַבער עפראַיִם קאגאנאָווסקי.

ע. קאגאנאָווסקי איז ארײַן אין דער יִדישער ליטעראטור מיט דער הילף פון י.־ל. פּערעץ, וואָס האָט אין זאמלבוך „יודיש" פארעפנטלעכט צוויי זײַנע דערציילונגען — „מירל" און „אף דער אלטער מיל".

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און פונעם בירגערקריג האָט קאגאנאָווסקי געוווינט אין אָדעס. אין אָנהייב 1921 האָט ער זיך אומגעקערט קיין ווארשע. אין זעלבן יאָר איז דאָרט דערשינען דער ערשטער באנד פון זײַנע דערציילונגען — „טירן און פענצטער". אין אָט דעם בוך פארנעמען דאָס הויפּט־אָרט די טיפּן פון ווארשעווער „סטאווסקי־געסל" און אָדעסער „מאָלדאוואנקע". קאגאנאָווסקי, קאָן מען זאָגן, איז געווען דער ערשטער שרײַבער, וואָס האָט ארײַנגעפירט אין דער יִדישער ליטעראטור געשטאלטן פון דער אונטערוועלט. אין 1928 איז אין ווילנער קלעצקין־פארלאג ארויס פון דרוק דער צווייטער באנד פון קאגאנאָווסקיס נאָוועלן — „לײַב און לעבן".

אין 1941 האָט דער מעלוכע־פארלאג פון ווײַסרוסלאנד (מינסק) ארויסגעגעבן עפראַיִם קאגאנאָווסקיס זאמלונג דערציילונגען „אלט לעבן", וווּ ער שילדערט די עקלהאפטע זײַטן פון די קליינבירגער („גרינע שמייכלען", „פארגרעבטע ליבע־באגערן" און אנד.).

בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט קאגאנאָווסקי, אלס א פּאָליט פון פּוילן, געלעבט אין סאָוועטנפארבאנד. דאָ האָט ער אָנגעשריבן זײַן בוך „א שטאָט אף דער וואָלגע" (וועגן סטאלינגראד), וואָס איז אין 1961 ארויס אין פארלאג „יִדיש בוך" צוזאמען מיטן ראָמאן „אָלגא". נאָך דער מילכאָמע איז דערשינען קאגאנאָווסקיס „יִדישע שרײַבער בא זיך אין דער היים" — אן אייגנארטיקער בוך ליטעראטור־מעמוארן.

עפראַיִם קאגאנאָווסקי איז געשטאָרבן דעם 17 אָקטיאבער 1958 אין פּאריזש.

כראָניק

א מוזיקאַלישע דערציילונג וועגן דער ייִדישער זינגליד

אין די שטעט און שטעטלעך פון האָמלער געגנט (ווײַסרוסלאַנד) טרעט איצט ארויס סאמויִל ריווקין מיט אן אייגנארטיקער קאָנצערט־פּראָגראם פון ייִדי־שע פאָלקסלידער און סאָוועטישע לידער. דער זינ־גער פירט אויס זײַן פּראָגראם אין דער פאָרם פון א מוזיקאַלישער דערציילונג — אן איבערזיכט פון דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער זינגליד.

אין אווגוסט און סענטיאבער זײַנען די קאָנצערטן מיט דערפאָלג דורכגעגאן אין מאָזיר, קאַלינקאָוויטש, נאראָווליע, יעלסק און אנדערע שטעט.

אין האָמעל האָט די געגנטלעכע פילהארמאָניע אײַנגעאָרדנט ריווקינס דרײַ קאָנצערטן אין דעם גרעסטן זאל פון שטאָט — אין קולטור־פּאלאץ אפן נאָמען פון וו. אי. לענין.

עקראניזאציע פון שיקע דריזס מײַסעלעך

„ניט אין קאפּעליוש איז דאָס גליק" — לויט דעם מײַסעלע פון ש. דריז האָט די מאָסקווער קינאָ־סטודיע פון מולטיפּליקאציע־פילמען ארויסגע־לאָזט א קליינמעטראזשיקן פילם (רעזשי — ניקאָלײַ סערעבריאקאָוו), וועלכער ווערט איצט דעמאָנסטרירט אין די קינאָ־זאלן פון לאַנד.

די זעלבע סטודיע איז צוגעטראָטן פילמירן נאָך איינס פון ש. דריזס מײַסעלעך — „דאָס קנײַלעכל וואָל".

א גאסט פון ארגענטינע

די רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ניט לאַנג צוריק באזוכט א גאסט פון ארגענטינע ברונאָ בלוטרײַך — איינער פון די אָנפירער פון דער פּערעץ־שול אין בוענאָס־אײַרעס. איידער ער איז געקומען קיין מאָסקווע, האָט ברונאָ בלוטרײַך זיך באטייליקט אין סאָפיע אינעם צווישנפעלקערלעכן יוגנט־פעסטיוואַל.

ב. בלוטרײַך האָט געשענקט דער רעדאקציע פעסטיוואַל־סוווענירן און וויםפּעלן פון דער פּערעץ־שול.

א רײַזע קיין פראנקרײַך

לויט דער אײַנלאַדונג פון דער ייִדישער פּראָג־רעסיווער אָרגאניזאציע „אוניאָן" האָט אין דער צוויי־טער העלפט סענטיאבער געווײַלט אין פּאריזש דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ארן ווערגעליס.

בייס זײַן באזוך האָט א. ווערגעליס געהאט בא־געגענישן מיט א ברייטן קרײַז שרײַבער, זשורנא־ליסטן און קולטור־טוער.

●

אכטונג!

גייענדיק אנטקעגן דעם פארלאנג פון די לייענער, פירט די רעדאקציע אײַן, אָנהייבנ־דיק פונעם יאנוואר־נומער פארן 1969, אן אָפּטייל, אין וועלכן ס'וועלן פון נומער צו נומער געדרוקט ווערן פּאָפּולערע הילפס־מאטעריאלן צום דערלערנען די ייִדישע שפּראַך.

דעם אָפּטייל וועט פירן דער שפּראַך־קענער, קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנ־שאפטן מוישע שאפּיראָ.

■

אין קומענדיקן יאָר, צום 110־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אליכעמען, וועט אין „סאָוועטיש היימ־לאַנד" פּובליקירט ווערן די לעצטע סעריע מענא־כעם־מענדלס און שיינע־שיינדלס בריוו, וועלכע זײַנען ניט דערשינען אין קיין בוך־פאָרם.

■

אבאָנירן זיך אף אונדזער זשורנאל אפן 1969 יאָר קאָן מען אין אלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאַט", אין די פּאָטשט־אָפּטיילונגען און בא די געזעלשאפטלעכע פּרעסע־פאר־שפּרייטער אף די אונטערנעמונגען און אין די אנשטאלטן.

„סאָוועטיש היימלאַנד"

דערשײַנט

12 נומערן א יאָר.

אבאָנעמענט־פּרײַז:

אף א יאָר — 6 רובל.

אף 6 כאדאָשים — 3 רובל.

לייענט און פארשפּרייט

„סאָוועטיש היימלאַנד"!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания восьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. Вергелис.

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 17/IX 1968 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10(14,35). Бум. л. 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 626.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 10

1 9 6 8

В НОМЕРЕ:

50 лет ленинскому комсомолу (на встрече в редакции «Советиш геймланд»).

Е. Фаликман. Черный ветер (роман. Окончание).

Л. Подрядчик. О литературном наследстве М. Винера.

М. Винер. Лос худиос (рассказ).

М. Лев. Если бы не друзья мои... (повесть. Окончание).

Стихи А. Гонтаря, Д. Хайкиной, Э. Ройтмана, Б. Гутянского, Г. Блоштейна.

По следам событий. Очерки А. Печерского, М. Кагана.

ЛИТЕРАТУРНАЯ КРИТИКА. БИБЛИОГРАФИЯ. ВОПРОСЫ ИСКУССТВА

Ш. Ройтман. О творчестве поэта А. Вергелиса.

Отклики. Реплики. Мнения.

Г. Ременик. Творческие проблемы советской еврейской прозы (окончание).

Ю. Рудницкая. Поэзия линий и красок.

И. Вайнберг. По страницам русской литературной печати.

Комментарии редакции. О чем писала еврейская пресса 50 лет назад. Разное. Дружеские шаржи. Хроника. Заметки на календаре.